STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04434

UNZER VORT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. יעפרויקין ח. בעז (בעזפראָזוואַני)

אונזער וואָרט

ליטעראַריש-געזעלשאַפטלאַכע כרעסטאָמאַטיע

צווייטע אויסגעבעסערטע און
פאַרגרעסערטע אויפלאַגע

הויפּט־פאַרקויף:
מאַקס נ. מייזעל פאַרלאַג
424 גרענד סט., ניו־יאָרק, נ. י.

1935

Copyright by
S. YEFROIKIN and
H. BASS
New York, N. Y., 1935

490

געדרוקט אין דער אַסטאָריאַ פּרעס
61 איסט 4טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.

Printed in U. S. A.

אינהאַלט

I׳ אַרבעטער־קינדער

1. די גויט — מאַני לייב — — 1
2. אין ערגעץ־לאַנד — י. ל. פּרץ 4
3. אַ אינגל — מאַני לייב — — 11
4. באָדי — ש. סיימאָן — — — 11
5. ניט פּראָמאָוטעד—ב. באָטוויניק 19
6. אַ אידיש אינגעלע—מ. גאָרקי 23
7. קוואַס — שלום־עליכם — — 28
8. פאַרלאָרן דעם באַלעבאָס — — ז. ליבין — 36
9. אַ מיידעלע ביים קאַמין — — מאַני לייב — 40
10. שאַין, אָ שאַין — — אפרים אויערבאַך — 41
11. ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט — — ז. ליבין — 43
12. ליד פון שוואַרצן שיך־פוצער — — משה שיפרים — 46
13. אין רעגן און אין קעלט — — מאַרים ווינטשעווסקי — 48
14. אַן אומזיסטער חשד — — ל. קאַברין — 50
15. שוואַרץ און ווייס — — יעקב קרעפּליאַק — 55
16. אַ ניו־יאָרקער בילד — — אברהם רייזען — 74
17. די מעשה פונם נעגערל און שלעגערל — ז. ווינפּער — 75
18. דזשין גייט אַרבעטן (פון יודזשין וויקטאָר דעבס יוגנט־יאָרן)—נפתלי גראָס — 76
19. אַ מאַרש פון אַרבעטער־קינדער — מוטער דזשאָנס (אידיש: פ. געליבטער) — — — — 80
20. אַ מעשה וועגן זיך—מאַני לייב 88
21. די יוגנט פון אַ רעוואָלוציאָנער (פון פערדינאַנד לאַסאַל יוגנט־יאָרן) — י. ב. ביילין — — 94
22. אינגלוויז — ה. לייוויק — 101

II. נויט און קאַמף

1. מיין אינגעלע—מ. ראָזענפעלד 102
2. מענדלס חלום — ז. ליבין — 104
3. פון אַלע טעג—ר. אייזלאַנד — 112
4. אין שאָפּ — שלום-עליכם — 115
5. מיר סטרייקן—שלום-עליכם—118
6. ווייסע הענט — א. ראַבאַי — 120
7. צוויי ברידער — י. ל. פּרץ — 125
8. געלעכערטע הויזן — — י. אָפּאַטאָשו — 129
9. אין גאָלדענעם לאַנד — — משה לייב האַלפּערן — 133
10. דער בלייכער אַפּריטער — מאָרים ראָזענפעלד — 134
11. וועמען פון זיי — ז. ליבין — 135
12. דער אַלטער שניידער — — מאָרים ראָזענפעלד — 137
13. די מאַשין — י. אָפּאַטאָשו — 140
14. אַרבעט זוכן — ה. לייוויק — 145
15. שניי-קערער — ז. וויינפּער — 146
16. איטאַליענער—נפתלי גראָס — 147
17. ניט זיכער מיטן לעבן (בילדער פון דער סאָוט) — ירחמיאל לאַזאַרסאָן — — — — — 148
18. אין ברעד-לאַין—י. אַדלער — 153
19. אַ דעמאָנסטראַציע — — י. אָפּאַטאָשו — 156
20. דעבס פירט די באַן-אַרבעטער אין סטרייק — נפתלי גראָס — — 161
21. אַ פּשוט'ע מעשה—א. לעיעלעס 165
22. מיין קינדהייט (געשריבן ספּעציעל פאַר „אונזער וואָרט") — ז. ליבין — 167
23. דער אַרבעטער-רינג — — ל. פאַגעלמאַן — 170
24. אין דעם לאַגער פון די אָרימע ב. ביאַלאָסטאָצקי — 176
25. צום ערשטן מאַי (קאַרטון)— י. פּאַשקאָ — — — 178
26. אַרבעטער ברידער—י. סלאָנים 179
27. דער ערשטער מאַי (פריי נאָך יאַן קאַרטשאַק) — — — — — 180
28. דער ערשטער מאַי — — ז. סעגאַלאָוויטש — 182
29. די שיקאַגער מאַרטירער — — ב. וויינשטיין — 182
30. דער ערשטער מאַי אַמאָל — ש. לעווין — 185
31. די שבועה (הימן) — — — — 190
32. געבראַכט די פאָן—יעקב פּאַט 191
33. מאַירקע פון „קליינעם בונד" — דוד קאַסעל — 196
34. גאַווראָש — וויקטאָר הוגאָ — 205
35. איבערנאַכט גרוי געוואָרן — — יעקב פּאַט — 217
36. דער ערשטער מאַי פּאַראַד אין יאָר 1886 (ערינערונגען) — — ב. וויינשטיין — 220
37. וואַכט אויף—ד. עדלשטאַט — 221
38. הירש לעקערט — א. ליעסין 222
39. אין קאַמף — ד. עדלשטאַט — 225
40. דער אינטערנאַציאָנאַל (הימן) 225
41. די קאַסע און דער סערפּ — — ז. וויינפּער — 226
42. ניו-יאָרק — א. לעיעלעס — 228
43. דאָס ליד פון אַרבעט—ש. פרוג 228
44. קאַרל מאַרקס (פון דער „קליינער פאָלקס-צייטונג") — 229
45. די וואַנט — א. רייזען — — — 235

46. דאָס ליד פון סאַקאָ און וואַנזעטי — נפתלי גראָס — 236

47. סאַקאָ און וואַנזעטי — ב. ראָבערטס — 237

III. מלחמה

1. מיר וועלן קיין קאָרן... — יעקב אַדלער — 241
2. איך געזעגן זיך מיט דער מאַמען (זכרונות פון אַ אידישן סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי)— י. פרידמאַן — 241
3. מע טרייבט — ש. ראַסין — 246
4. ביינאַכט — י. פרידמאַן — — 247
5. דריי סאָלדאַטן — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 254
6. אַ ציג מעקעט — י. פרידמאַן 255
7. מלחמה — א. רייזען — — 259
8. אויפן שלאַכטפעלד—וו. גאַרשין 260
9. דעם ברודערס קוילן — אברהם רייזען — 266
10. דעבס און די וועלט־מלחמה— נפתלי גראָס — 272
11. אַן אויסלענדער איז ביליק — י. פרידמאַן — 277
12. נאָכווייען פון דער מלחמה — י. פרידמאַן — 280
13. דאָס נייע ליד — א. רייזען — 286

IV. דאָס אידישע קינד אין דער אַלטער היים

1. מיין רבי און זיין באַהעלפער— י. קאַפעלאָוו — 287
2. הערשעלע — מענדעלע מוכר־ספרים — 290
3. קינדער־יאָרן — י. ל. פרץ — 294
4. ווען עסט די מאַמע—א. רייזען 298
5. מיינע ערשטע האָנאָראַרן — אברהם רייזען — 304
6. קאַשטאַן — י. קרעפּליאַק — 308
7. די נייע לאַטע — א. רייזען — 318
8. ישיבה־יאָרן — א. קאַצאָוויטש 322
9. רייזעלע — א. רייזען — — 325
10. דער גנב — י. ראָזענפעלד — 330
11. אין דער לערע—שלום אַש — 338
12. די פאָן — שלום־עליכם — — 348
13. חנוכה־געלט— שלום־עליכם — 354
14. פורים צו דער סעודה — שלום־עליכם — 361
15. אליהו־הנביא—שלום־עליכם — 366
16. דאָס וועלדל — מ. ספעקטאָר — 369

V. מעשיות און לעגענדעס

1. דער צויבערמאַן — יהואש — 375
2. אַ מאַמעס טרערן—ד. איינהאָרן 376
3. יאָסל קלעזמער ראַטעוועט מיט זיין שפילן דעם אַרענדאַר — — נפתלי גראָס — 384
4. זיבן גוטע יאָר — י. ל. פּרץ 386
5. דער פרעמדער — מאַני לייב — 390
6. דער געפאַנגענער רבּ פון ראָטענבורג—שלום אַש — — 395
7. דער שטריק־דרייער (פאָלק־מעשה) — י. ל. כהן — — 399
8. אַ מעשה׳לע מיט הערשעלע אָסטראָפּאָלער (געשריבן ספּעציעל פאַר „אונזער וואָרט") — בערל באַם — — 403
9. ווי אַזוי כעלם איז געבליבן אָן בעטגעוואַנט — מ. קיפּנים 407
10. ניין כעלמער האָבן זיך געבאָדן — — — — — — 410
11. דריי מעשה׳לאַך וועגן מאָטקע כאַבאַד (געשריבן ספּעציעל פאַר „אונזער וואָרט")—בערל באַם 411

VI. צו די לערער — — — — — — — — — — — — — — 416

קונסט־בילדער און אילוסטראַציעס

1. אַ מיידעלע מיט אַן עפּל — גרויזע — — — — — — — — — — 4
2. מיין הונט — לענדאָר — — — — — — — — — — — — 16
3. אַן אַלטער זייגער — מאַרק שאַגאַל — — — — — — — — — — 54
4. אַ פאַבריק — י. ליכטנשטיין — — — — — — — — — — — 114
5. די אַרבעט ברענט — ע. אַרמין — — — — — — — — — — — 117
6. אַ קאַרשן מיידעלע — — — — — — — — — — — — — — 137
7. אַן אָרים איינגל — מורילאָ — — — — — — — — — — — — 151
8. די שטאָט־טאַטעס „העלפן" די אַרבעטלאָזע — זיי שיקן זיי פאַרקויפן עפּל — — — — — — — — — — — 155
9. אויפן סקווער — — — — — — — — — — — — — — — 158
10. ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע — מינקאָווסקי — — — — — — — 187
11. אין געפענגעניש — מינקאָווסקי — — — — — — — — — — 215
12. קאָסען היי — דופּרע — — — — — — — — — — — — 226
13. קאָנסטרוקציע — י. ליכטנשטיין — — — — — — — — — — 227
14. אין רוי נאָך ברויט (מלחמה־בילד) — מינקאָווסקי — — — — — — 259

15. אויף וויסטע וועגן — מינקאָווסקי — 270
16. פאַרטריבענע פון זייערע היימען — מינקאָווסקי — 271
17. געיאָגטע — מינקאָווסקי — 271
18. אין חדר — 271
19. אין הויף פון אַ קליין שטעטל — מאַרק שאַגאַל — 307
20. אַ פאַרבלאָנדזשעטע שעפעלע — ע. אַרמין — 337
21. אַ סדר — ע. אַרמין — 365
22. צוריק פון וואַלד — ע. אַרמין — 374
23. אַ ווינטער־נאַכט — מאַרק שאַגאַל — 394
24. אַרבעטסלאָזע נעכטיקן אויפן גאַס איינגעדעקט אין צייטונגען — פאָטאָגראַפיע אַרויסגענומען פון „אַנעמפלאָיד", ניו־יאָרק 1932 — 145

קאַרטונס

1. אַז ס'גייט ניט, גייט אַלץ קאַפּויער — י. פּאָשקאָ — 49
2. דער מענטש און די מאַשין — ברעסלער — 139
3. אין צייט פון קריזיס — י. פּאָשקאָ — 144
4. דער קריזיס — י. פּאָשקאָ — 152
5. אַ פאַרקערטע וועלט — י. פּאָשקאָ — 175
6. צום ערשטן מאַי — י. פּאָשקאָ — 178
7. אַ מלחמה־מעשה (אַרויסגענומען פון „דיסאַרם", ניו־יאָרק 1932) — 279
8. וואָס די וועלט־מלחמה האָט אָפּגעקאָסט — 284
9. באַוואָפנונג — די לאַסט פון דער וועלט — דאָפּי (פון דער „באַלטימאָר סאַן") — 285

אַרבעטער־קינדער

מאני לייב

די נויט

אין ברוקלין אין אַ שטיבל,
אַן וועגט און אַן אַ דאַך,
האָט זיך געוואוינט אַן אָרימאַן
מיט קינדערלאַך אַ סך.

און דאָרט ביי זיי אין שטיבל
איז ניט געווען קיין ברויט,
ווייל דאָרט, אין שטיבל, האָט מיט זיי
געוואוינט די בייזע, גרויע נויט.

דער אָרימאַן פלעגט אויפשטיין
אַז שלאָפן פלעגט די וועלט,
און גיין צופוס ביז אין ניו־יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.
און אַז די זון פלעגט אויפגיין
און ביז די זון פאַרגייט —
די קינדער פלעגן וויינען שטאַרק:
— אוי, מאַמע, מאַמע, ברויט!

די מאַמע פלעגט דאָס זען
און וויינען שטילערהייט
און טרייסטן אירע קינדערלאַך:
— וואָס דאַרפט איר, קינדער, ברויט?

איר ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע
איז אין ניו־יאָרק אַוועק.
ער וועט אייך ברענגען פון ניו־יאָרק
צוויי גרויסע, פולע זעק, —

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט, ווי האָניק זיס.

די קינדער פלעגן הערן,
זיי האָבן זיך געפרייט,
און פלעגן שוין דעם גאַנצן טאָג
ניט בעטן מער קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע,
געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט
און זען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיים געבראַכט!

דער אָרימאַן פלעגט קומען
ביינאַכט, פאַרזאָרגט און מיד,
און זאָגן צו די קינדערלאַך:
— היינט האָב איך גאָרנישט ניט.

די קינדער נעמען וויינען:
— אוי, ברויט, אַ שטיקל ברויט!
דער טאַטע שווייגט, די מאַמע זיפצט
און ווינטשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט ביים אויוון —
זי זיצט זיך אויף איר שטיין,
און זעט אַלץ, און פרייט זיך אַלץ,
און שאַרפט זיך אַלץ די ציין.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן,
געשלאָפן איז די וועלט;
דער אָרימאַן גייט אין ניו־יאָרק
פאַרידנען עפּעס געלט.

אַט ערשט איז ער פון שטיבל
צופוס אַזוי אַוועק, —
און פּלוצלונג קומט ער באַלד צוריק
און טראָגט צוויי פולע זעק.

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק זיס.

און נעמט די קינדער וועקן, —
ער וועקט זיי און ער לאַכט:
— שטייט אויף, איר ליבע קינדערלאַך,
זעט וואָס איך האָב געבראַכט!

נו, האָט מען דאָס אין שטיבל
אַביסל זיך געפרייט! —
נאָר ניט געפרייט האָט זיך מיט זיי
די בייזע, גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרן
אַ קליינע, קליינע גריל,
און איז פאַרקראָכן אונטער דיל
און האָט צעוויינט זיך שטיל.

אַ מוידעלע מיט אַן עפּל

י. ל. פּרץ

אין ערגעץ-לאַנד

אונטער דער שטאָט, אויף אַ בערגל אַ ליימיק, שטייען גלייך ווי צונויפגעוואַקסענע צוויי קליינע הייזלאַך. אויף הינערשע פיסלאַך שטייען זיי, די הייזלאַך, און עס קאָן זייער זיין, אַז ווען נישט דאָס, וואָס זיי זיינען אַזוי צוזאַמענגערוקט און שפּאַרן אונטער איינס דאָס צווייטע, וואָלטן זיי שוין לאַנג אויף די הינערשע פיסלאַך נישט געשטאַנען; דער ערשטער בעסטער ווינט וואָלט זיי פון בערגל אַראָפּגעטראָגן. — אין איין הייזל האָט געוואוינט אַ האָלצהעקער, וואָס פלעגט אַ גאַנצן זומער-טאָג — און די מעשה (מייסע) איז געווען זומער — שפּאַלטן האָלץ אין די הויפן, — מיט אַ ווייב אַ לעקאַכבעקערן, וואָס פלעגט אַרומגיין אין די רייכע הייזער און באַקן לעקאַך. נישט קיין גרויסע שטאָט געווען, אָבער אַ גענוג רייכע, דאָס

הייסט — געווען אַרימעלייט און פיל, אָבער רייכע אויך, און די רייכע לייט האָבן ליב לעקאַך צו עסן, אָבער נישט לעקאַך צו באַקן... זיי ווילן זיך נישט אָפּברענען דאָס פּנים (פּאָנים) ביים פייער פון אויוון און אַריינשטעקן די הענט אין מעל און טייג, — זיי צערטלען די הענט און האַלטן זיי שטענדיק אין די הענטשיקעס...

דאָס צווייטע פּאָרפאָלק איז אויך געווען פּאַרנומען אין שטאָט: ער איז געווען אַ טרעגער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין מאַרק, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און די פּאָלעס אונטערן שטריק פאַרשאַרצט, און אָפּגעוואַרט, מען זאָל אים צורופן פון אַ געוועלב און הייסן ערגעץ אָפּטראָגן סחורה (סכוירע), און זי — זי איז נישט פאַר אייך, קינדערלאַך, געדאַכט, אַ קראַנקע געווען און דערמאָלט געלעגן אין שפּיטאָל...

אָבער דאָס דערצייל איך אייך נאָר פאַרבייגייענדיק. דער עיקר (איקער) אין דעם מעשה׳לע, וואָס איך וויל אייך דערציילן, זיינען די צוויי קינדער, וואָס בלייבן גאַנצע טעג אַליין אין די הייזלאַך, און אַ דריטע פּערזאָן, וואָס וועט צוקומען אויף אַ ווײַלע, מער נישט.

און די צוויי קינדער זיינען געווען: דעם האָלצהעקערס אַ אינגל פון אַ יאָר זיבן-אַכט און דעם טרעגערס אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס-זיבן; ווי איר זעט, כמעט (קימאַט) אין איין עלטער.

יאָ, געהייסן האָבן זיי: ער — איציקל, זי — שיינדעלע.

איינמאָל אינדערפרי, אַ שיינער זומער-טאָג געווען, די עלטערע פון די הייזלאַך זיינען שוין לאַנג אין שטאָט, קומט אַרויס פון איין הייזל איציקל, קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, צי איז שוין שיינדעלע נישט אַרויסגעקומען, און זעענדיק, אַז נישט, גייט ער צו איר פענצטערל צו און קוקט אַריין; זעט ער, אַז שיינדעלע, נאָך נישט אינגאַנצן אָנגעטאָן, שטייט ביים שיסל וואַסער, זי דאַרף זיך וואַשן, האָט שוין איינגעבויגן דאָס קעפּל און האַלט זיך אָפּ, מן-הסתם (מינאַסטאָם) קיל וואַסער געווען. —

פּויקט ער, איציקל, אין שייבל פון פענצטערל אַריין:

— שיינדעלע!

— וואָס, איציקל?...

— וואַש זיך אָפּ געשווינט, טו זיך אָן און קום אַרויס, מיר וועלן עפּעס טאָן...

— וואָס?

— וועסט שוין זען. עס איז מיר עפּעס אײַנגעפֿאַלן... נאָר גע־שווינט, שיינדעלע...

— ווי דו הייסט. — ענטפֿערט שיינדעלע און הייבט זיך אָן פּליעסקען אין וואַסער.

אַז שיינדעלע איז אַרויסגעקומען פֿאַר דער טיר, איז שוין אַ גרויסע זון געווען. פֿאַרלייגט זי דאָס פֿלאַכע הענטל איבער די אויגן און הייבט דאָס קעפּל אויף און דערזעט: איציקל איז אויפֿן שפּיץ פֿון ליימיקן בערגל. פֿייל פֿון בויגן איז זי צו אים צוגעלאָפֿן:

— אוי, איציקל, זאָלסט זען, ווי דײַנע שוואַרצע האָר שעמערירן אויף דער זון, גלאַנצן שלאָגן פֿון זיי!

הייבט צו איר איציקל, וואָס איז אויפֿן ליים געלעגן, די אויגן אויף:

— און פֿון דײַנע — זאָגט ער — פֿליען פֿונקען...

— ווײַל מײַנע — זאָגט שיינדעלע — זײַנען רויט...

— פֿלאַמענדיקע...

— אָבער וואָס טוסטו, איציקל?

זי באַמערקט ערשט, אַז איציקל גראָבט אינם ליים.

— דאָס — ענטפֿערט איציקל, דאָס גראָבן נישט איבעררייסנדיק — איז דאָך די אַרבעט, פֿון וועלכער איך האָב דיר געזאָגט...

— וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס איז דיר אײַנגעפֿאַלן?

— יאָ, שיינדעלע, פֿאַר ליים צאָלט מען אין שטאָט געלט; פֿאַר אַ מולטערל ליים גיט מען אַ צווייער, אַ דרײַער. איז מיר אײַנגעפֿאַלן, אַז מיר זאָלן גראָבן ליים —

— איך אויך?

— דו אויך, שיינדעלע!... דאָס ליים וועלן מיר פֿאַרקויפֿן אין שטאָט, און פֿאַרן געלט עפּעס קויפֿן פֿאַר דײַן מאַמעס וועגן, אין שפּיטאָל אַרײַן.

— אוי, אַ גוטער דו ביסט, איציקל! — שרײַט אויס שיינדעלע און וואַרפֿט זיך צו איציקלען קושן. — אוי ווי ליב האָב איך דיך!

— שפּעטער, שפּעטער, — וועדט זיך איציקל, — פֿריער אַר־בעטן, געלט פֿאַרדינען, עפּעס קויפֿן, דער מאַמען דײַנער אַרײַנטראָגן און פֿריער זי קושן...

— אמת (עמעס), אמת! — איז מודה (מוידע) שיינדעלע און לאָזט די פֿינגערלאַך אין ליים אַרײַן...

צעלאכט זיך איציקל:

— עי, שיינדעלע, נישט פאר דיינע פינגערלאך. דראפעסט מיט די נעגעלאך ווי א קעצל... לאז געמאך!

— ניין, ניין... אז דו ארבעטסט, וויל איך אויך...

— כ׳מיין נישט, — זאגט איציקל, — זאלסט לידיק גיין, גאט באהיט! נאר ווייסטו וואס — דו ברענג ארויס א מולטערל; איך וועל גראבן און דו וועסט צוזאמענעמען און שיטן אין מולטערל אריין... דערנאך וועל איך אוועקטראגן אין שטאט אריין...

— ניין, איציקל, איך וועל אויך טראגן, איך וויל...

— וועסט מיר העלפן, שיינדעלע...

— גוט! — לאכט שיינדעלע און ברענגט ארויס א מולטערל.

איציקל, קיין בייז אויג, גראבט ווי א דערוואקסענער. שיינדעלע קוועלט פון זיין שטארקייט און זאמלט דאס ליים... קוקט אויף איציקלס הענט און זאמלט און שרייט נאך א צייט אוים;

— איציקל, פול!...

כאפט איציקל דאס מולטערל אויף די אקסל.

— האלט אונטער, שיינדעלע!

שיינדעלע האלט אונטער, און זיי לאזן זיך ביידע פון ליימיקן בערגל אראפ. באלד אונטערן בערגל, זעען זיי, זיצט עמיץ, שטעלן זיי זיך אפ, באטראכטן. עפעס א יונגער מענטש אין א פעלערינע, אין א גרויסן קאפעליש מיט ברייטע, ברייטע ראנדן, וואס פארשטעלן אים דאס פנים. די קינדער זעען דא אזא פיגור צום ערשטן מאל.

— כ׳האב מורא (מוירע)! שטעלט זיך שיינדעלע אפ.

— ע, וואס איז דא מורא צו האבן? איך וועל צו אים צוגיין.

— אז דו וועסט צוגיין, גיי איך אויך... כ׳וועל דיך אליין נישט לאזן...

לייגט איציקל אפ די לאסט פון די אקסל און גייט צום יונגנמאן און דערלאנגט אים א ברייטן: „שלום-עליכם" (שאלעם-אלייכעם)!

דער יונגערמאן וועקט זיך ווי פון א דרימל...

— א, שלום-עליכם!... אי — צוויי קינדערלאך...

— זייט מוחל (מויכל), כ׳האב אייך געוועקט?

— עט! אביסל געדרימלט, מיד פון וועג...

— פון ווייט? — פרעגט איציקל.

ווערט שוין שיינדעלע האפערדיק:

— איר דארפט אין שטאט אדיין, וועלן מיר אייך ווייזן...

— מיר טראָגן — זאָגט איציקל שטאָלץ — לײם אין שטאָט אַרײַן.
— נאָך װאָס?
— געלט פאַרדינען. — זאָגט איציקל.
— פאַר מײַן מאַמען אין שפּיטאָל אַרײַן עפּעס צו קױפן... — פּירט אױס שײנדעלע און גיט צו, אַרױפלײגנדיק אַ האַנט אױף אי־ציקלס אַקסל:
— ער איז אַ שטאַרקער!... גראָבט מיט די הענט לײם! און באַלד װעט איר זען, װי ער גיט אַ הײב אױף די מולטער און טראָגט דאָס לײם...
זאָגט דער פרעמדער: נאַרישקײטן!
— איך גײ — זאָגט ער — דעריבער נישט אין אײער שטאָט אַרײַן, װײַל מען אַרבעט דאָרט...
איציקל מאַכט אַ נישט־גלױביקע גרימאַסע; שײנדעלעס אײגע־לאַך אָבער פלאַמען נײַגעריק אױף:
— װאוהין דען? װאו מען אַרבעט נישט? אפילו עלטערע? װאו קײנער אַרבעט נישט?
— קײנער! — שנײדט אָפּ דער פרעמדער.
איציקל שמײכלט נישט־גלױביק.
— איר װילט זען קומט מיט מיר. — זאָגט דער פרעמדער.
— װאוהין?
— קײן „ערגעץ“...
— אַזאַ שטאָט?
— אַזאַ לאַנד —
— װי הײסט?
— דאָס גאַנצע לאַנד, — פאַרצײלט דער פרעמדער, — דאָס גאַנצע לאַנד, װאוהין איך גײ און קען אײך מיטנעמען, איז אײן גאָרטן. אַ גאָרטן אָן אַ גרענעץ, אָן אַ ברעג... און דאָרטן װאַקסן גרײט אַלערלײ פרוכטן...
— רײסט מען?
— נײן... רײסן איז אױך אָן אַרבעט. מען גײט נאָר צו: „בױם, בױם, גיב אַ פרוכט!“ — בײגט דער בױם צו אַ צװײַג צום מױל, מיט אָן עפּל, מיט אַ באַרנע, מיט אַן אַפּעלסין, מיט װאָס איר װילט...
— בײסט מען אָפּ?

— ניין... בייסן איז אויך אַן אַרבעט. מען גיט אַ שלונג, און די פּרוכטן זיינען דאָרט אַזוינע, אַז זיי צעגייען זיך אַליין אין מויל...

— נאָר פּרוכטן? — פרעגט איציקל, אין דער זאַך שוין אַביסל אַריינגעצויגן.

— ברויט אויך, זעמל אויך; אויף נידעריקע ביימלאַך וואַקסן זיי, שוין געבאַקענע און זיסע, סאַמע קומיש־ברויט... און בלומען אויך...

— שטענדיק, — פרעגט שיינדעלע, — סיי זומער, סיי ווינטער?

דער פרעמדער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— סיידן אין ספּעקטן? — מיינט איציקל.

— ניין! — זאָגט דער פרעמדער. — דאָרט איז קיין ווינטער גאָר נישט פאַראַן... קיין שניי און קיין רעגן נישט. שטענדיק אַ לויטערער הימל איבערן קאָפּ און שטענדיק פרישע בלומען... און ס'איז ביי זיי קיין גערטענער נישטאָ, מען דאַרף זיי נישט באַגיסן, מען דאַרף זיי נישט האָדעווען; זיי וואַקסן אויף און צעגיסן זייער ריח איבערן גאַנצן לאַנד...

— און מענטשן וואָס טוען? — פרעגט איציקל.

— גאָרנישט. ליגן אין שאָטן פון ביימער, פון כל'ערליי ביימער, אויף געלעגערס פון אַלערליי פאַרביקע און שמעקנדיקע בלומען, און האָבן תענוג (טיינעג). און ווערט מען הונגעריק, זאָגט מען: בוים, בוים... ווי איך האָב אייך דערציילט...

איציקל פאַרטראַכט זיך עפּעס; מען זעט אַן דעם שטערן, אַז דאָס מוח'ל (מויאַכל) אינעווייניק אַרבעט, און שיינדעלע פרעגט:

— און דאָרשטיק, אַז מען איז?

— אין גאָרטן פליען אַרום, קאָלערן זיך וואַסער־קוואַלן; מען גיט אַ רוף, קומט צו אַ קוואַל מיט פרישׁ קריסטאַלן וואַסער... נעמט מען אַ בעכער פון אַ בלום, מען שעפּט אָן און מען טרינקט... וויל מען, גיט מען אַ זאָג: „ליליען־בעכער“ אָדער „רויזן־בעכער“, — וואָס נעענטער איז, — „זיי מוחל און ברענג אַ טרונק!“ שפּרינגט דער בעכער פון דער בלום אַראָפּ, שעפּט אָן; עפנט מען די ליפּן, גיסט ער אין מויל אַריין...

— עפּעס אַ כישוף (קישעף). — מאַכט שיינדעלע. — אַ צויבער־לאַנד...

— ערגעץ־לאַנד. — זאָגט דער פרעמדער. — קומט, קינדערלאַך,

אין ערגעץ־לאַנד...

און ער הייבט זיך אויף צו גיין.

— ס׳איז ווייט? — פרעגט שיינדעלע.

— איך גיי נישט! — שרייט פּלוצלונג אויס איציקל, און מורא האָבנדיק, טאָמער טראָגן אים די פיס אַליין אַוועק, גיט ער זיך האַסטיק אַ זעץ אַנידער און כאַפּט אָן מיט אַ האַנט אַ צווייג פון פאַרטריקנטןביימל, אונטער וועלכן דער פרעמדער איז געזעסן...

— פאַרוואָס? — פרעגט דער פרעמדער.

— וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? — פרעגט איציקל צוריק.

— פאַרגעניגן האָבן! — זאָגט דער פרעמדער. — ליגן זיך אויף בלומען... עסן... טרינקען...

— און שפּעטער?

— ווייטער ליגן...

— נאַריש!

— אָבער נישט אַרבעטן...

— ניין! — ענטפערט פעסט איציקל. — איך וואָלט משוגע געוואָרן פונם לײדיק גיין... ווי קאָן מען עס ליגן?...

— גייט מען שפּאַצירן...

— אויך מיר אַ גאַנג... ניין! — און דעם קליינעם איציקלס שטים ווערט עפּעס ווי אַ שטאָלענע שטאַרק. — איך גיי נישט!

און די שטים ברעכט זיך באַלד איבער און ווערט אומרואיק־ציטערדיק:

— און דו, שיינדעלע?

שיינדעלע טראַכט נישט לאַנג, זעצט זיך צו צו איציקלען, ציט זיך אויס און לייגט איר גאָלדן קעפּל אויף זיינע קניען און קוקט אים מיט אירע געטרייע אייגעלאַך אין פּנים אַריין:

— אַז דו — נישט, איך — אויך נישט...

דער פרעמדער ציט מיט די אַקסל און גייט זיין וועג. לאַנג־לאַנג האָט אים איציקל נאָכגעקוקט, ביז יענער איז פאַרשוואונדן געוואָרן. און דעמאָלט האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער שיינדעלען:

— ווייסטו, שיינדעלע, — פרעגט ער, — ווער דאָס איז געווען?

און ענטפערט אַליין:

— דער יצר־הרע (יעצער־האָרע) פון ליידיק גיין...

שיינדעלע, וואָס האָט שוין געהאַט געדרימלט, האָט דערהערט

און די אויגן געעפנט:

— אמת! און מיך, איציקל, אַן דיר וואָלט ער פֿאַרפירט, און איך דאַנק דיר דערפֿאַר...

—און קום, — שפרינגט זי אויף, — לאָמיר גיין מיטן מולטערל ליים...

און זיי האָבן אזוי געטאָן...

ווי מיינט איר, קינדערלאַך, זיי האָבן גלייך געטאָן?

מ אַ נ י ל י י ב

אַ א י נ ג ל

אינדרויסן שנייט, דער טאָג פאַרגייט,
דאָס אינגל קומט אין הויז אַריין
פאַרשנייט, די בעקלאַך נאַס און רויט,
די אייגלאַך פול מיט נאַכט און שיין.

דער טיש — מיט טיי איז צוגעגרייט.
און ביי דער טיי ווי רויטער וויין,
און פון דער גוטער מאַמעס רייד,
ביים טיש — אַ מידער, שלאָפט ער איין.

ש. ס י י מ אָ ן

ב אָ ד י

אַ שניי איז געפֿאַלן. אַ שאַרפער ווינט האָט געבלאָזן. מענטשן זיינען ניט געגאַנגען נאָר געלאָפן. אוירווינג ליווי איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. דעם קאָפ אַריינגערוקט אין קאָלנער פון זיין מאַנטל, די הענט טיף אין די קעשענעס. ער איז געווען מיד, הונגעריק, און האָט זיך געאיילט אַהיים. אַ פּאָר גאַסן פאַר זיין הויז, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגעזאָגט אייבין אַ נייעם שרייב-געצייג אין אַ בלויער שאַכטל. סעמי האָט געבעטן אַ פּאָליציי-פייפל, און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין הויז ניט פייפן. און פון עטלס

וועגן האָט זיין פרוי אים אָנגעזאָגט צו ברענגען אַ נעגער־ליאַלקע.

ס'איז מר. ליוויין געווען קאַלט. ער איז געווען הונגעריק און מיד. זיינע שפּיצפינגער זיינען געווען ווי אייז, און ער האָט זיך געפילט אַרויסצונעמען די הענט פון די קעשענעס. אָבער צוגעזאָגט, איז פאַרפאַלן. — ער איז אַריין אין אַ שפּילצייג־קראָם און האָט איינגעקויפט די אַלע צוגעזאָגטע זאַכן.

צוגעקומען צו זיין הויז, האָט ער אין קאָרידאָר אַ דריק געטאָן דריי מאָל דאָס גלעקל, אַ סיגנאַל צו די קינדער, אַז ער איז דאָ. ער איז אַרויפגעלאָפן די טרעפּ, אויפגעעפנט די טיר, און האָט דערוואַרט, אַז חברה וועלן ווי אַלעמאָל זיך אַ שפּאַר טאָן: „העלאָ, פּאַ! געבראַכט?"

קיינער איז אָבער ניט צוגעלאָפן צו דער טיר.

— וואו זיינען די קינדער? — האָט ליוויי דערשראָקן געפרעגט זיין פרוי.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעטרייסלט? זיי זיינען אין עס־צימער, — האָט זיין פרוי בייז געענטפערט.

ער גייט אַריין אין עס־צימער, ערשט חברה זיצן אויפן דיל אין אַ רעדל, און אינמיטן ליגט ווי אַ פּריץ אַ קליין שמוציק הינטל, אינגאַנצן שוואַרץ ווי קויל, נאָר די שפּיץ־מאָרדע ווייס ווי קרייד.

— העי, חברה, וואָס איז דאָס? — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— מיר געפונען אַ הינטל אין גאַס, — ענטפערט אייבי געלאַסן.

— מיר אים אַ נאָמען געגעבן „באָדי", — האָט סעמי פריילאַך אונטערגעכאַפּט.

— איך אים געגעבן מילך... מאַמע שרייט... הינטל לעקט אינגאַנצן אויס מיט אַ רויט צינגל, — האָט גערעדט די קליינע עטעלע אויף איר קינדיש לשון.

— אַ גדולה אויף אייך מיט אייער טאַטן, — רופט זיך אָן די מוטער, — נאַ דיר גאָר אַ הינטל! וואו וועלן מיר אים אַהינטאָן?

גיט מר. ליוויי אַ וואונק צו זיין פרוי, — מירן שוין זען.

— ניט אַרויסוואַרפן הינטל, — בורטשעט אייבי.

אַרויסוואַרפן? — זינגט אויס סעמי. — אַרויסוואַרפן, איך ניט עסן.

— און איך וועל וויינען, — שטעלט שוין עטעלע פּיסקעס.

— נו, חברה, מע וואַרפט נאָך ניט דערוויייל, — באַרואיקט דער

פּאַטער די קינדער. — שטילער, איצט עסן. אָבער וואָס איז די שמחה אויף אייך, אַז איר האָט אַזש פאַרגעסן וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט צו ברענגען?

— „ווי דאַנט קער", אונז אַרט ניט, — רעדט סעמי פאַר אַלעמען.

דער פּאַטער האָט אַרויסגענומען די מתנות, כדי צו רייצן זיך מיט די קינדער, אָבער עס האָט דער חברה ניט גענומען, זיי זיינען געוועזן פאַרטאָן אין הינטל.

נאָכן עסן האָט מר. ליוויי זיך אַריינגעזעצט אין זיין ווייכן שטול, אויסגעצויגן זיינע פיס, וואָס זיינען געווען מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט, געלייענט זיין צייטונג און געראויכערט. די קינדער האָבן זיך געשפּילט אויפן דיל.

דער זייגער אָבער רוקט זיך, שוין צייט די קינדער זאָלן גיין שלאָפן.

— נו, חברה, שלאָפן, — טוט דער פּאַטער אַ קאָמאַנדעווע.

געוויינטלאַך טוען די קינדער זיך אַ הייב, סעמי פאָרויס, נאָך אים אייבי, צולעצט עטעלע, און זיי הייבן אָן מאַרשירן:

איינס צוויי, איינס צוויי,
ס'איז שוין שפּעט.
איינס צוויי, איינס צוויי,
מאַרשירן מיר צום בעט.
איינס צוויי, איינס צוויי,
דער זייגער שלאָגט אַכט.
איינס צוויי, איינס צוויי,
פּאַפּאַ, מאַמאַ, אַ גוטע נאַכט.

דאָס איז אַ לידל, וואָס דער פּאַטער האָט זיי אויסגעלערנט, און זיי זינגען עס אַלע נאַכט. היינטיקס מאָל זיינען אָבער חברה געבליבן זיצן שטיל. האָט דער פּאַטער אַ זאָג געטאָן: „נו, באַנדיטן, הייבט אָן:

איינס צוויי, איינס צוויי,
ס'איז שוין שפּעט...

אָבער חברה רירן זיך ניט פון אָרט. פאַרשטייט שוין דער פּאַטער: געוויס אַ סטרייק!

— נו? — פרעגט ער שמייכלענדיק.

— אַרויס מיט דיבורים, קליינוואַרג, וואָס ווילט איר?

— מירן ניט גיין שלאָפֿן, — ענטפֿערן אַלע מיטאַמאָל אָנגעבלאָזן.
— וואָס הייסט? — בייזערט זיך כלומרשט דער פֿאָטער. — פֿאַרוואָס?

חברה זיינען אָנגעברוגז׳ט און שווייגן. עטלעכע אייגעלאַך זיינען רויט און קלעפּיק. סעמי און אייבי קוקן אויך ניט אויס זייער וואַכעדיק, אָבער די „סטרייקער" רירן זיך ניט פֿון אָרט.

— אייבי, — רופֿט זיך אָן דער פֿאָטער, — דו ביסט דער עלטערער, טאָ רעד. אין אַ סטרייק שטעלט מען אַרויס פֿאָדערונגען.

אייבי רעדט אונטער דער נאָז און סעמי העלפֿט אים אונטער:

— מירן ניט גיין שלאָפֿן, ביז דו וועסט ניט צוזאָגן ניט אַרויס־צוואַרפֿן „באָדין".

— אַזוי גאָר, — מאַכט דער פֿאָטער, — און וואו וועלן מיר אים האַלטן אין אונזערע דריי צימערן?

—„איך קער ניט". מיר ניט גיין שלאָפֿן, — ענטפֿערן אַלע מיטאַמאָל.

— אַ רחמנות, — צעוויינט זיך די פֿינף־יעריקע עטעלע, — קאַלט אין דרויסן.

זעט שוין דער פֿאָטער, אַז ער האַלט שמאָל. טאַקע, אין גאַס איז אַ זאַווערוכע, ווי לאָזט מען אַרויס אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש אין אַזאַ קעלט? — האָט ער צוגעזאָגט.

אויף חברה האָט זיך אָנגעטאָן אַ נייע הויט. מען איז אויפֿ־געשטאַנען, סעמי האָט אַ פֿייף געטאָן מיט זיין פּייפּל, און מען האָט אָנגעהויבן מאַרשירן צום שלאָף־צימער.

מען האָט זיך אויסגעטאָן, אַריינגעטאַנצט אין די בעטן, אַז די ספּרוזשינעס האָבן געציטערט. זיך צוגעדעקט, און צולעצט אָנ־געזאָגט: „געדענק, פּאַ, האַלט וואָרט!"

ס׳איז שטיל, גוט, וואַרעם און ליכטיק אין הויז. אינדרויסן פּייפֿט דער ווינט און דרייט די זאַווערוכע. פֿון קינדער־צימער הערט זיך דאָס ריטמישע אָטעמען פֿון די קינדער. דאָס הינטל ליגט אויס־געצויגן מיט דער ווייסער שפּיץ־מאָרדע אויף די לאַפּעס. ס׳איז שוין שפּעטלאַך. או... — געניצט מר. ליווי געשמאַק... — זיך פֿאַר־לייענט, צייט שלאָפֿן.

געזאָגט און געטאָן.

מיד איז ער געווען, איז ער באַלד איינגעשלאָפֿן. לאַנג איז ער

אָבער ניט געשלאָפן. דאָס הינטל האָט אָנגעהויבן ברומען, פּאַמעלאַך, אָבער אָן אויפהער, און האָט ניט געלאָזט שלאָפן. מר. ליוויי האָט אָפּגעוואַרט אַביסל. דאָס הינטל וועט מיד ווערן, האָט ער גע־טראַכט. אָבער דאָס בילן און ברומען איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ העכער און העכער.

ס׳איז קיין תכלית ניט, קלערט מר. ליוויי. אונטערן קאָלדרע איז טאַקע וואַרעם, אָבער מען מוז דאָך שלאָפן. דערצו קאָן נאָך באַדי אויפוועקן די קינדער און די שכנים.

איז ער אַראָפּ פון בעט. בררר... עס ווערט קאַלט אין הויז. דער הויז־אויפפּאַסער האָט אַפנים שוין פאַרשאָטן די קוילן אויף איבער דער נאַכט.

מר. ליוויי האָט אָנגעצונדן די עלעקטריק. דאָס הינטל ליגט אַלץ אין דערזעלבער פּאָזע און בורטשעט. „מסתמא איז עס הונ־געריק", טראַכט ליוויי, „די קינדער האָבן, ווייזט אויס, פאַרגעסן אים אָנצוקאָרמענען". איז ער אַריין אין קיך, אויפגעעפנט דעם אייז־קאַסטן, אויפגעזוכט אַ שטיקל פלייש, אַ פּיסל פון אַ הון, אַ לעבערל, צעלייגט אויף אַ טעלער, און נאַ, עס!

באַדי האָט זיך גאַנץ געשמאַק גענומען צו דער אכילה, אוים־געלעקט דעם טעלער. „אפשר איז ער נאָך אָבער פאַרט הונגעריק", טראַכט מר. ליוויי, ער וועט אים שוין אָנקאָרמענען, אַז ער זאָל ניט בורטשען. און ער האָט אים געבראַכט אַ שאָל מילך. אָבער דאָס הינטל האָט זיך ניט צוגערירט — געהאַט גענוג.

נו, אַן עק, באַרואיקט.

לעשט מר. ליוויי אויס די עלעקטריק, וואַרפט זיך אַריין אין בעט, דעקט זיך איין מיט דער קאָלדרע, אַ מחיה, ווייך און וואַרעם, איז ער איינגעשלאָפן.

ער שלאָפט ניט אָפּ קיין פופצן מינוט, אַהאַ, דאָס הינטל איז ווידער דאָ. בילט טאַקע שטיל, אָבער מיט אַזאַ שאַרפן בריל, אַז עס נעמט דורך אַלע אברים. וואַרט מר. ליוויי אַביסל, אפשר וועט עס אויפהערן. ווערט באַדי אַנשווינגן אויף אַ ווײַלע, און ווידער דאָס זעלביקע. זעט שוין ליוויי אַז עס האַלט שמאָל, גייט ער ווידער אַראָפּ פון בעט, צינדט אָן די עלעקטריק און טראַכט: וואָס פעלט דעם הינטל איצט?...

אַהאַ, געפונען. דעם הינטל איז קאַלט. נעמט ער און זוכט אויף

עטעלעם קאַלדרע, בעט אוים לעבן ראַדיאַטאָר, און לייגט אַוועק אויף דעם דאָס הינטל. באַדי ציט זיך אוים פון פאַרגעניגן און ווערט שטיל. ער איז צופרידן, הייסט עס — איז ליוויי אויך צופרידן. ער טוט אַ קוק אויפן זייגער, ס'איז שוין איינס. מילא, פאַרפאַלן, אַבי שטיל.

עס גייט ניט אַריבער קיין האַלבע שעה, דאָס הינטל צעהאַוועט זיך אויף די העכסטע טענער. ליוויי כאַפּט זיך אַראָפּ פון בעט ניט טויט ניט לעבעדיק, צינדט אָן די עלעקטריק, טוט אַ קוק: דאָס הינטל זיצט אויף די הינטערשטע לאַפּעס און בילט ווי איינער וואָלט אים געשמיסן מיט אָנגעגליטע אייזערנע ריטער.

— גוואַלט! — זאָגט שוין ענדלאַך ליוויים פרוי, — וואַרף אַרוים דעם כלב!
— איך האָב צוגעזאָגט, — ענטפערט ליוויי.
— צוגעזאָגט, שמוגעזאָגט! אַ מענטש זאָל אַזוי צעלאָזן קינדער!

מען וועט זיך דאָך באַלד צוזאַמענלויפן אויף דיין בייז וואונדער.

ליוויי גיט זיך אָבער ניט אונטער. ער נעמט דאָס הינטל און פאַרשפּאַרט עס אין באָד־צימער.

שאַ, שטיל געוואָרן.

די ליוויים זיינען נאָר איינגעשלאָפן, האָט דאָס הינטל גענומען גראַבלען מיט די לאַפּעס איבער דער טיר און האָט אונטערגעבראָמט. ליוויי האָט זיך געמאַכט ניט־הערנדיק: באַדי וועט מיד ווערן. דאָס הינטל האָט זיך אָבער ניט געלאָזן נאַרן און האָט זיך צעלאָזן אין אַ בילן, וואָס האָט געריסן די אויערן.

האָט שוין מר. ליוויי פאַרלוירן זיין געדולד. „דאָס איז שוין אַביסל צו פיל", — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. — „איך בין אַ שווער־אַרבעטנדיקער מענטש, מוז איך האָבן מיין רו, און דאָ איז דער זייגער שוין נאָך צוויי. צו אַלע זיבן טייוואָלים, יאָ צוגעזאָגט, ניט צוגעזאָגט, איך וועל דאָס הינטל אַרויסוואַרפן."

ער איז האַסטיק אַראָפּ פון בעט, אַריינגעפאַלן אין די שטעקשיך, אַרויפגעכאַפּט דעם שלאָפראָק, אָנגעטאָן עפּעס אַ היטל, — דוכט זיך אייבים — אַ כאַפּ געטאָן דאָס הינטל, און איז אַרויס אין קאָרידאָר.

אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, טראַכט ער, לאָזן דאָס הינטל דאָ טויג ניט. עס וועט זיך ווידער צעבילן. מען מוז עס אַרויסוואַרפן אינדרויסן. אַ רחמנות טאַקע, אָבער אויף מיר איז אַ גרעסערער רחמנות, טראַכט ער. ער איז אַראָפּגעלאָפן מיט איין אָטעם די טרעפּ, אויפגעעפנט די טיר, און האָט אַרויסגעוואָרפן דאָס הינטל אויפן שניי. דאָס האַרץ האָט אים אָבער פאַרקוועטשט פון רחמנות. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואַרט זען וואָס דאָס הינטל וועט טאָן.

באַדי האָט זיך צוגעכאַפּט צום שניי און גענומען שלינגען, ווי אַ הונגעריקער שלינגט קאַרטאָפל. ליוויי האָט זיך פאַרשעמט: אַ שטומע חיה נעבאַך, געווען דורשטיק, און ניט געקאָנט זאָגן. האָט ליוויי צוריקגעעפנט די טיר, דאָס הינטל איז אַריין מיט אַ שפּרונג, געדרייט מיטן עק פון שמחה.

איז ליוויי צוריק אַרויפגעלאָפן די טרעפּ, צוגעקומען צו דער טיר, ער גיט אַ קוק — די טיר איז פאַרמאַכט. כאַפּט ער זיך צו דער קעשענע, ניטאָ די שליסל: פאַרגעסן זיי מיטצונעמען. דאָס גלעקל וועט ער קלינגען, — די קינדער וועלן זיך אויפכאַפּן, ס'וועט

ווערן אַ טומל. קלאַפּט ער פּאַמעלאַך אָן אין דער טיר.

קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּ, — ניטאָ קיין ענטפער. דאָס שלאָפצימער איז ווייט פון דער טיר.

זעט ער שוין, אַז קלאַפּן וועט ניט העלפן, האָט ער אַ קוועטש געטאָן דאָס גלעקל. עס הערט זיך ניט קיין קלונג. וויזט אויס, די באַטעריע איז קאַליע געוואָרן.

— שלעכט. ס׳איז קאַלט, עס קלאַפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן.

קלערט ער, מילא, חכמות אין אַ זייט, ער קאָן זיך נאָך צוקילן, קריגן ניומאָניע, ער וועט בעסער נעמען קלאַפּן, מען זאָל דערהערן. אָבער, אַ נעכטיקער טאָג! מען הערט ניט קיין שאָרך פון זייגע צימערן. האָט ער אָנגעהויבן באַראַבאַנעווען, אַז די ווענט האָבן געציטערט. שכנים האָבן דערהערט, אַ קאָפּ האָט זיך אַרויסגערוקט פון לינקס:

— וואָס איז דאָס, מיסטער, אינמיטן דער נאַכט אין האָל?

— איך בין אַ ווײַלע אַרויס אינדרויסן, — האָט ליוווי געשטאַמלט.

— אינדרויסן אין אַזאַ נאַכט? — האָט דער שכן זיך געוואונדערט.

— ער איז דאָך אַ נאַקעטער, — האָט באַמערקט אַ צווייטער.

— אָן איינפּאַל, אינמיטן נאַכט שטיין אין שטעקשיך און באַראַבאַנעווען אין די טירן! וואָס, מען האָט אייך פון הויז אַרויסגעוואָרפן? — האָט אַ דריטער אונטערגעכאַפּט.

ליוווי האָט געפילט, ווי די אויערן האָבן בײַ אים אָנגעהויבן ברענען: „איך ווייס, אַ הינטל... צוגעזאָגט די קינדער... אַ מענטש דאַרף האַלטן וואָרט...“ — האָט ער געשטאַמלט.

— אָן איינפּאַל פון אַ מענטשן, — האָט באַמערקט אַ שכנה, — גיין אַרומזוכן הינט אינמיטן דער נאַכט. אוי, געוואַלט, קוקט אים נאָר אָן, אָט שטייט דאָך טאַקע אַ הינטל לעבן אים!

ליוווי האָט שוין גאָר אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן אָן באָדין. ער האָט זיך אָנגעבויגן אַ קוק טאָן, האָט אים געגלעט און גערעדט מיט אַ רחמנות־קול:

— גוטע מענטשן, איר זעט, אַזאַ זיס הינטל, נעבאָך אַ גאַנצע נאַכט אינדרויסן, האָט געבילט און געהאַווקעט, אַז עס איז פאַרגאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ. ווי קאָן מען לאָזן גאָטס באַשעפעניש

אין אַזאַ וועטער? בין איך אים גענאַנגען אַריינגעמען, האָב איך פאַרגעסן די שליסל.

באַדי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און האָט זיך צוגעטוליעט מיטן קאָפּ צו ליוויים שלאָפראָק. די שליסל האָבן אַ קלונג געטאָן. זיי זיינען געלעגן אין דעם אונטערשלאַג פון אַ צעריסענער קעשענע.

ליוויי האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן די שליסל, אויפגעעפנט די טיר, און איז אַריינגעלאָפן, ווי עמיצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט מיט ביימשן.

באַדי איז אַריין נאָך אים.

ליוויי האָט געקוקט אויפן הינטל און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל האָט ער זיך צעלאַכט. אַ כאַפּ געטאָן דאָס שוואַרצע טייוועלע, און עס אַריינגעוואָרפן צו זיך אין בעט אַריין.

ליוויי האָט זיך דאַן איינגענורעט אין קישן, און איז איינגעשלאָפן ווי אַ דער׳הרג׳עטער.

עס האָבן אים אויפגעוועקט קינדערשע שטימען:

— הוראַ!

— זע, באַדי שלאָפט אין טאַטנס בעט!

— זע!

דער זייגער איז געווען זיבן. צייט געווען אויפצושטיין צו דער אַרבעט.

ב. באַטווינ יק

ניט פראַמאָוטעד

די זעקס־יאָריקע רחל׳ע האָט זיך באַגעגנט מיט דעם ערשטן צער אין איר לעבן — אַ צער, וואָס האָט אַרומגענומען איר צאַרטע נשמה׳לע. איר הערצעלע איז פאַרקלעמט; עס דריקט זי אַזאַ אומעט, אַזאַ פאַרדרוס, און זי קען עס קיינעם ניט אַרויסגעבן; זי קען אפילו קיינעם ניט באַשולדיקן.

רחל׳ע איז ס׳ערשטע יאָר אין סקול. עס איז געקומען „פראַמאָושען"־צייט. זי האָט דערהערט אין סקול צווישן אירע חבר׳טעס די שרעקלאַכע צוויי ווערטער „לעפט בעק", און דאָס האָט איר הערצעלע פאַרקלעמט.

טאַטע־מאַמע און באַקאַנטע טרייסטן זי, אַז זי וועט גאָר אינגיכן אויך

ווערן „פּראָמאָוטעד”. אָבער די טרייסט־ווערטער רירן נאָך שטאַרקער אָן די טיפע וואונדן פון איר פאַרצווייפלט הערצעלע.

אייגנטלאַך האָט שוין רחלע געהאַט אין איר לעבן אַ סך פאַרדרוסן, אַ סך אַנטוישונגען און האַרצווייטיקן, אָבער יענע אַלע האַרצווייטיקן זיינען געווען פּשוט קינדעריש, אָדער אַזעלכע אין וועלכע עס זיינען געווען שול־דיקע. האָט רחל׳ע צו די שולדיקע געהאַט אַ טענה. זי האָט געוויינט, גע־וואָרפן זיך, ביז זי איז געהאָלפן געוואָרן.

דעם גרעסטן האַרצווייטיק, געדענקט רחל׳ע, ווען די גרויסע ליאַלקע אירע האָט זיך צעבראָכן. די ליאַלקע איז געווען אַ שיינהייט: בלאָנדע האָר, ראָז־מאַטעווע באַקן, שיינע שאַרפע ברעמען און אייגעלאַך ווי קאַרשעלאַך. די אייגעלאַך האָבן זיך צוגעמאַכט ווען מ׳פלעגט די ליאַלקע אַוועקלייגן; די אייגעלאַך האָבן זיך געעפנט מיט אַ ליכטיקן בליק, ווען מ׳האָט די ליאַלקע אַנידערגעזעצט, און שיינע קליידעלאַך האָט די ליאַלקע געטראָגן.

די קליינע עשעלע, איר שוועסטערל, האָט אויך געוואָלט צוהאַלטן אַביסל די ליאַלקע. רחל׳ע האָט ניט געוואָלט געבן די ליאַלקע, ווייל דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז קיין גוטס וועט ניט אַרויסקומען. און אַזוי איז טאַקע געווען; עשעלע האָט גענומען די ליאַלקע; עס האָט זיך דערהערט אַ בריאַזג, און פון דער ערד האָט מען שוין די שיינהייט אויפגעהויבן מיט אַ צעשפּאָלטן נעזל, אַרויסגעפאַלענע אויגן און אָן ציינדלאַך. אַ שיינהייט איז אַרונטערגעפאַלן און אַ פּאַרזעניש, אַ צע־בראָכן פּאַרזעניש, האָט מען אויפגעהויבן פון דער ערד.

רחל׳ע האָט אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלאַך געוויין, ווי אַ מאַמע, ביי וועמען אַ טייער קינד איז ערשט געשטאָרבן. פאַר איר איז געשטאַנען דאָס געשטאַלט פון דער שיינער בלאָנדער ליאַלקע מיט איר ליכטיק פּנים׳ל; זי האָט זיך דערמאָנט די שוועריקייט, מיט וועלכער עס איז איר אָנגעקומען אויסצעוויינען אַזאַ ליאַלקע. און איצט, אַזוי פּלוצלונג, אויס ליאַלקע — געשטאָרבן, צעבראָכן!

רחל׳ע האָט ביטער געוויינט, גע׳טענה׳ט און זיך גע׳כעס׳ט. זי האָט אָבער געהאַט אויף וועמען אַרויפצוואַרפן די שולד. זי האָט געוואוסט, אַז טרערן וועלן העלפן אין דעם גרויסן אומגליק — מ׳וועט קויפן אַן אַנדער ליאַלקע. רחל׳עס טרערן זיינען אָנגענומען געוואָרן. אַ טאָג שפּעטער האָט מען איר געקויפט אַן אַנדער ליאַלקע, וועלכע האָט אינגאַנצן פאַר־היילט די וואונדן פון רחל׳עס מוטערלאַך האַרץ...

רחל׳ס איצטיקער הארצוויטיק איז אָבער אַ טיפערער, וואָס קען ניט באַלד געלינדערט ווערן. רחל׳ע איז ניט איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ העכערן קלאַס און דערפאַר איז איר וויטיק אַזוי גרויס, אַזוי יאָמערלאַך. זי פילט, אַז זי האָט געהאַט אַ שרעקלאַכע נידערלאַגע אין איר לעבן און זי האָט ניט קיין ווערטער צו דערקלערן עס פאַר דער וועלט. זי ווייסט ניט ווער עס איז שולדיק אין דעם; זי ווייסט נאָר, אַז עס איז איר ניט גוט; די ווערטער: „לעפט בעק" דריקן זי ווי אַ שווערע משא.

געקומען איז דער אומגליק נאָך אַ שיינעם פרימאָרגן. טאַטע־מאַמע האָבן צום ערשטן מאָל דערזען זייער קינד פאַרהילט אין אַן ערנסטן אומעט, ווי אַן עלטערער מענטש, וועלכער האָט פאַרשפּילט זיין גליק און זיין גאַנץ לעבן.

אינדערפרי איז רחל׳ע אַוועק אין סקול אין אַ ניי קליידעלע מיט אַ ניי ווייס שלייפל אין קעפּעלע. זי איז אַוועק מיט דער האָפענונג, אַז היינט ווערט זי אַ גרויסע. זי ווערט פּטור פון דעם קינדערשן קלאַס „וואָן איי". איר הערצל האָט געקלאַפּט מיט פרייד, ווייל זי ווייסט, אַז דאָס שלעכטע „לעפט בעק" וועט מיט איר ניט פּאַסירן. אינדערהיים, ביי טאַטע־מאַמע, איז זי אַלעמאָל די זיגערן און אַזוי, האָט זי געגלויבט, וועט זיין אין סקול.

צו מיטאָג האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם געעפנט די טיר און ווי אַ שאָטן האָט זיך רחל׳ע אַריינגערוקט אין הויז.

— וואָס איז מיט דיר, רחל׳ע ?

רחל׳ע ענטפערט ניט; אירע הענטלאַך טרייסלען זיך, דאָס פּנים׳על בלאַס, די ליפּעלאַך בלוי און פאַרטריקנט און די קלאָרע אייגעלאַך זיינען אויסגעלאָשן.

— רחל׳ע, קום אַהער, וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט ?

רחל׳ע גייט לאַנגזאַם מיט אַן אַרונטערגעבויגן קעפּעלע. זי טרעט צו אַ בלאַסע, אַ נערוועזע צו דער מאַמען און קלעמט אַרויס:

— „לעפט בעק".

רחל׳עס אויסזען האָט דערציילט פון גרויסע יסורים אין די טיפענישן פון איר קינדערשער נשמה.

דאָס קינד האָט ניט געוויינט; טרערן זיינען געפאַלן פון אירע אייגע־לאַך ניט געוויינטערהייט.

רחל׳ע איז אָפּגעשטאַנען דעם גאַנצן טאָג אין אַ ווינקעלע אַ נידער־געשלאָגענע מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. מיט אַ פאַרוואונדעט הערצל האָט זי געטראַכט פון אירע חבר׳טעס, וועלכע זיינען אומגעלאָפן מיט שיינענדיקע

פנימלאך און האָבן מיט זייער פריילאַכקייט געבריט די וואונדן פון רחל'עס הארץ.

די קליינע עשעלע האָט אפילו אויך דערפילט איר עלטערער שוועס־טערקעס צער און זי האָט געזאָגט:

— אז איך וועל זיין א גרויס מיידל, וועל איך ניט „קערן", אז איך וועל בלייבן „לעפט בעק".

רחל'ען האָט עס אָבער ניט געטרייסט. פאַרקערט, דערהערנדיק דאָס וואָרט „לעפט בעק", האָט זי דערפילט, ווי א שטיק זאַלץ וואָלט ארויפגע־פאַלן אויף איר פרישער וואונד.

פאַרנאַכט, ווען דער פאפא איז געקומען אהיים, האָט ער דערהערט וועגן רחל'עס יסורים און ער האָט מיט עפּעס געוואָלט העלפן דעם זעקס־יאָריקן מענטשעלע אין זיין ערשטן צער...

דער פאפא האָט רחל'ען דערציילט, אז אמאָל, אמאָל, איז געווען א קלוג אינגעלע. האָט מען דאָס אינגעלע גערופן ראָבערט פולטאָן. אָט דער ראָבערט פולטאָן איז אַלעמאָל געבליבן „לעפט בעק", און דאָך איז ער געוואָרן דער גרעסטער מענטש, „לאיק דזשאָרדזש וואשינגטאָן".

רחל'ע האָט גאָרניט געענטפערט. זי האָט איינגענורעט איר פנים'על אין דעם פאפאס שויס און פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט א טיפער זיפץ.

ווען דער פאפא האָט ווידער גענומען דערציילן פון דעם קלוגן אינגעלע פולטאָן, ווי ער איז געבליבן „לעפט בעק", האָט רחל'ע פארצווייפלט ארויסגעקרעכצט:

— דערצייל ניט מער!...

אויף מאָרגן איז רחל'ע געקומען פון סקול מיט א פאפירל אויף וועלכן עס זיינען געווען אָנגעשריבן צוויי גרויסע ציפער, וואָס האָבן געלאָזט וויסן די עלטערן, אז זייער קינד בלייבט אין זעלבן קלאַס. די זעלבע ציפער זיינען געווען ביי רחל'ען א נייעס און א פרייד ביים אריינגיין צום ערשטן מאָל אין סקול. איצט האָבן זיי טרויעריק ארויסגעקוקט פונם געלן פאפיר און האָבן דערציילט פון דעם ערשטן גרויסן צער, אָן וועלכן א קינדערשע נשמה האָט זיך אָנגעשטויסן.

מאַקסים גאָרקי

אַ אידישׁ אינגעלע

1

ווען איך בין נאָך געווען אַ בחור, פלעג איך יעדן זונטיק — פרילינג און זומער־צייט — צוזאַמענקלייבן די קינדער פון אונזער גאַס און נאָך אינדערפרי זיי אַוועקפירן אין פעלד, אין וואַלד.

איך האָב געשטרעבט צו לעבן אין חבר'שאַפט מיט די קליינע מענטשעלאַך, מיט די פריילאַכע, ווי די פייגעלאַך.

די קינדער זיינען געווען צופרידן צו פאַרלאָזן די שטויביקע און ענגע גאַסן פון שטאָט; זייערע מוטערס האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט שטיקלאַך ברויט, איך האָב געקויפט אַ געשמאַקן מאכל, גענומען אַ גרויסע פלאַש מיט קוואַס און בין ווי אַ פאַסטוך געגאַנגען נאָך די יונגע זאָרגלאָזע שעפסעלאַך דורכן שטאָט, איבער די פעלדער ביז צום גרינעם וואַלד, וועלכער איז געווען אַזוי שיין און צוציענדיק אין זיין פרילינגס־קלייד.

מיר פלעגן כמעט שטענדיק אַרויס פון שטאָט אין פרימאָרגן, ווען די גלעקער אין די קלויסטערס האָבן גערופן די באַפעלקערונג צו גאָטס־דינסט, און מיר זיינען באַגלייט געוואָרן פון די גלאָקן־קלאַנגען און די וואָלקנס פון שטויב, וואָס די קינדער האָבן אָנגעמאַכט מיט זייערע שנעלע פיסעלאַך.

אין דעם הייסן מיטאָג, ווען זיי זיינען מיד געוואָרן פון שפּילן זיך, האָבן מיינע יונגע און קליינע חברים זיך פאַרזאַמלט אויף אַ גרינעם בערגל אין מיטן וואַלד, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן איבער־געכאַפּט, זיינען די קלענערע איינגעשלאָפן אויף דעם גראָז, אונטער דעם שאָטן פון ביים און קאַלינע־ביימלאַך און די 10־יאָריקע חברה־לייט האָבן זיך ענג אַרומגעזעצט אַרום מיר און האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי עפּעס דערציילן, און איך האָב זיי עפּעס דערציילט, פּלאַפּלענדיק מיט זיי פּונקט אַזוי גערן, ווי זיי האָבן געפּלאַפּלט מיט מיר.

און זייער אָפט, טראָץ מיין יוגנטלאַכן גלויבן אין זיך און דעם לעכערלאַכן שטאָלץ פון דער נישטיקער באַקאַנטשאַפט מיט דעם

לעבן, ווי דאָס איז די טבע פון יעדן יונגנמאַן, — טראַץ דעם אַלעמען, האָב איך אָפּטמאָל זיך געפילט ווי אַ 20-יאָריק קינד צווישן אַלטע און דערפאַרענע חכמים.

איבער אונז אַ בלאָער דעק פון אַ ריינעם און פרישן הימל, פאַר אונז — די פאַרשידענע ביימער, וועלכע שווייגן, ווי קלוגע, און לויפט ווען דורך אַ ווינט, אַזוי הערט זיך אַ שטיל שעפּטשען, עס וואַקלען זיך די שמעקעדיקע שאָטנס פון דעם גרינעם וואַלד און ער לאַשטשעט ווידער די נשמה מיט אַ מוטערלאַכער צערטלאַכקייט אין דער געבענטשטער שטילקייט.

ווייסע וואָלקנס שוועבן לאַנגזאַם אונטער די בלאָע הימלען; פון דער ערד, וועלכע איז אָנגעוואַרעמט פון דער זון, דאַכט זיך, אַז די הימלען זיינען קאַלטע און עס ווערט אומפאַרשטענדלאַך, פאַרוואָס די וואָלקנס צעשמעלצן זיך דאָרט.

און אַרום מיר — קליינע מענטשעלאַך, גוטע מענטשעלאַך, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן אויף דער וועלט, צו געניסן פון אַלע ליידן און פריידן פון לעבן.

יענע זיינען געווען מיינע גוטע טעג, אמת׳ע יום-טובים, און מיין נשמה, וועלכע איז שוין געווען גענוג פאַרשטויבט מיט דעם וויסן פון די שלעכטע זייטן פון דערווירקלאַכקייט, האָט זיך דעמאָלט געטונקט, אָפּגעוואַשן און אָפּגעפרישט אין דער העלער קלוגשאַפט פון די קינדערשע געדאַנקען און געפילן.

איינמאָל, ווען איך בין פון שטאָט אַרוים אין פעלד אַריין מיט אַ גאַנצער מחנה קינדער, — איז אונז אַקעגן ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן אַן אומבאַקאַנט אידיש אינגעלע, אַ באָרוועסער מיט אַ צעריסן העמדל, אַ שוואַרץ-ברעמיקער, מאָגערער און מיט אַזעלכע געקרייזלטע האָר, ווי אַ יונג שעפעלע.

געווען איז דאָס אינגעלע עפּעס אויפגערעגט און עס איז געווען צו מערקן, אַז ער האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געוויינט; די ברעמען פון זיינע מאַט-שוואַרצע אויגן זיינען געווען געשוואָלן און רויט, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך זייער שאַרף אַרויסגעוויזן אויף זיין הונגעריקן געזיכט, וואָס איז געווען אַזוי בלאַס, אַזש גרינלאַך.

אָנשטויסנדיק זיך אויף אַ גאַנצער מחנה קינדער, האָט ער זיך שטאַרק אָנגעשפּאַרט מיט זיינע פיסלאַך אין דעם שטויב, וואָס איז נאָך געווען קאַלט פון דעם פרימאָרגן, די פינצטערע ליפּן פון זיין

רויטן מויל זיינען אין שרעק געבליבן האַלב אָפן און אין איין רגע איז ער מיט אַ לייכטן שפּרונג געווען אויפן טראָטואַר.

— האַלט אים, — האָבן די קינדער אין איין כאָר אויסגעשריען,

— זשידיאָנאָק! האַלט דעם זשידיאָנאָק!

איך האָב דערוואַרט, אַז ער וועט אַנטלויפן, — זיין מאָגער און אויסגעצערט גרויסאויגיק געזיכט האָט אויסגעזען, ווי אין גרויס שרעק, זיינע ליפּן האָבן געציטערט. ער איז געשטאַנען אין דעם רעש פון שפּאָט און געלעכטער און האָט זיך משונה אויסגעצויגן, גלייך ווי ער וואָלט פּלוצלונג אויסגעוואַקסן; דערביי האָט ער זיך צוגערוקט און אָנגעשפּאַרט מיט זיינע פּלייצעס אין אַ פּאַרקאַן און האָט זיינע הענט פאַרלייגט הינטער זיך.

פּלוצים האָט ער גאַנץ רואיק, דייטלאַך און ריכטיק אַרויס-געזאָגט אין רוסיש:

— איר ווילט? וועל איך אייך ווייזן קונצן!

איך האָב דעם פאָרשלאַג זיינעם פאַרשטאַנען אַלס אַ מיטל פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, און די קינדער האָט דער פאָרשלאַג באַלד אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז זיי האָבן זיך מיט איינמאָל אָפּגערוקט פון אים; בלויז די עלטערע און פּרעכערע האָבן געקוקט אויף דעם אידישן קינד מיט חשד:

אונזער גאַס איז שטענדיק געווען אומפריינטלאַך צו די קינדער פון די איבעריקע גאַסן, אונזערע קינדער זיינען געווען פעסט איבער-צייגט אין זייערע פּריווילעגיעס איבער די קינדער פון די אַנדערע גאַסן, און זיי האָבן דעריבער נישט געגליבט און נישט געקענט מעקן די באַזונדערע רעכט פון אַלע אַנדערע קינדער.

די גאָר קליינע קינדער אָבער האָבן זיך גאָר אַנדערש פאַרהאַלטן צו דעם פאָרשלאַג:

— ווייז דיינע קונצן! — האָבן זיי אין אַ כאָר געשריען.

2

דאָס שיינע, מאָגערע אידישע קינד איז אָפּגעטראָטן פון דעם פּאַרקאַן, האָט צוריק פאַרבויגן זיין מאָגערן קערפּער, האָט מיט זיינע הענט הינטער זיך דערלאַנגט די ערד, און פאַררייסנדיק די פיסלאַך אַרויף איז ער אין איין מאָמענט געבליבן שטיין אויף זיינע הענט,

די פּיס אַרויף, און ער האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען אַזוי שנעל און לייכט אויף זיינע הענט.

דורך די לעכער פון זיין העמדעלע און הייזעלעך האָט אַרויס־געקוקט די בלויע הויט פון זיין מאָגערן און אויסגעצערטן קערפּער און עס האָבן אַרויסגעשטאַרצט די מאָגערע ביינער פון זיינע פּיס און הענט.

ער האָט זיך אַזוי שנעל און שטאַרק געבויגן אין פאַרשידענע ריכטונגען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אָט־אָט און זיינע ביינער וועלן זיך אַרויסשיטן פון דער דינער און מאָגערער הויט, אין וועלכער זיי זיינען איינגעהילט און וועלכע שטעלן צוזאַמען דאָס קליינע אידישע נפשל.

ער האָט זיינע אַקראָבאַטישע קונצן געוויזן אַזוי לאַנג, ביז ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס, זיין העמדל איז אויף זיין פּלייצע נאַס געוואָרן, און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער געקוקט אין די אויגן פון די קינדער מיט אַ טויטן שמייכל און עס איז געווען אומאַנגענעם צו זען זיינע מאַטע אויגן, וועלכע האָבן זיך ברייט אויפ־געעפנט, גלייך ווי פון אַ שווערן ווייטיק; זיי האָבן משונה גע־פינטלט און עס איז אין זייער בליק געווען אַ זייער נישט־קינדישע אָנשטערנגונג.

די קינדער האָבן אים צוגעגעבן מוט מיט זייערע ראַשיקע אויס־געשרייען. אייניקע האָבן שוין אויפן פלאַץ געזוכט אים צו נאָכ־מאַכן די קונצן, זיי האָבן זיך געקאָלערט, געפאַלן און זיך געקייקלט אין זאַמד, אויסשרייענדיק פון די ווייטיקן, וואָס זיי האָבן געליטן צוליב זייערע אומגעלונגענע באַוועגונגען, אָדער צוליב קנאה צום אידישן קינד.

אָט די פריילאַכע מינוטן זיינען אָבער מיט איין מאָל פאַר־שוואונדן, ווען דאָס אידישע קינד האָט נאָך זיינע קונצן אַ בליק געטאָן אויף די קינדער מיט דעם ווירדיקן בליק פון אַן אמתן און דערפאַרענעם אַרטיסט, און אויסשטרעקנדיק זיין מאָגער דין הענטעלע האָט ער זיך געווענדט צו זיי מיט די ווערטער:

— איצט — גיט מיר עפּעס!

אַלע זיינען שטיל געבליבן, ממש ווי שטומע, און בלויז איינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס געבן? געלט?!

— יאָ, — האָט דאָס קינד געענטפערט.

— וואָס זאָגסטו צו אים? — האָט איינער אויסגעשריען.

— פאַר געלט וואָלטן מיר אַליין געמאַכט אַזעלכע קונצן — האָט אַן אַנדערער צוגעלייגט.

אָט די בקשה האָט אין דעם קליינעם פּובליקום אַרויסגערופן פיינטשאַפט און פאַראַכטונג צו דעם קליינעם אידישן אַרטיסט, — די קינדער זיינען אַוועק אין פעלד אַריין, לאַכנדיק, שפּעטנדיק און זידלענדיק דעם אידן.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז קיין געלט האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט, און מיין גאַנץ פאַרמעגן האָט אָנגעטראָפן זיבן קאָפּיקעס.

איך האָב אַוועקגעלייגט צוויי פון מיינע זיבן קאָפּיקעס אויף דעם פאַרשטויבטן הענטל פון אידישן קינד, ער האָט זיי גענומען און מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין אָרים, מאָגער און בלאַס געזיכט, האָט ער מיר געדאַנקט און זיך געלאָזט גיין.

איך האָב דעמאָלט דערזען, אַז דאָס העמדל אויף זיין פּלייצע איז אים צוגעקלעפּט צום לייב און איז פול מיט טונקעלע פלעקן.

— וואַרט! — האָב איך אים נאָכגעשריען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך אומגעדרייט צו מיר מיט זיין געזיכט און ווען איך האָב אים געפרעגט אויף די פלעקן, וואָס אויף זיין העמדל, האָט ער מיט אַ ליבן שמייכל מיר געענטפערט:

— דאָס זיינען מיר אַרונטערגעפאַלן פון אַ באַלקאָן לעבן אַ באַלאַגאַן, אויף וועלכן איך און מיין פאָטער האָבן פּסח-צייט געוויזן קונצן פאַר אַ פּובליקום. מיין פאָטער ליגט נאָך איצט קראַנק, און איך בין שוין געזונט...

איך האָב אויפגעהויבן דאָס העמדל און — שוידערלאַך! אויף זיין פּלייצע אין איר גאַנצער לענג איז געווען אַ גרויסע און ברייטע וואונד, וועלכע איז שוין געווען פאַרטריקנט, אָבער בעת ער האָט זיינע אַקראָבאַטישע קונצן געוויזן, האָט די וואונד געפּלאַצט אין היפּשע עטלאַכע ערטער, און איצט האָט זיך פון די שפּאַלטן פון דער וואונד געגאָסן העל־רויטע בלוט.

— איצט לייד איך שוין נישט קיין וויי־טיק, — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק, — עס טוט שוין נישט וויי, נאָר עס בייסט...

און מוטיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ העלד, האָט ער מיר געקוקט

אין די אויגן און מיט אַ טאָן פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן, האָט ער ווייטער גערעדט:

— איר מיינט, אַז דאָס האָב איך געאַרבעט פאַר זיך? ערן־וואָרט, אַז ניין! מיין פאָטער... מיר זיצן אָן אַ שטיקל ברויט! און מיין פאָטער איז אַזוי פאַרוואונדעט... איר פאַרשטייט? מען דאַרף אַרבעטן. און צו די אַלע צרות זיינען מיר נאָך אידן, און אַלע שפּעטן פון אונז... צום ווידערזען!

ער האָט גערעדט מיט אַ שמייכל, פריילאַך און מוטיק.

ער האָט צו מיר אַ שאָקל געטאָן מיט זיין געקרייזלטן קאָפּ און איז שנעל אַוועק.

אָט די געשיכטע איז אַזוי אומבאַדייטנדיק און איינפאַך — אפשר ניט אַזוי?

אָבער נישט איינמאָל אין מיין לעבן דערמאָן איך זיך אין דעם מוט פון דעם אָרימן אידישן קינד.

דאָס קינד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם מוט פון אַ מאַן, און פאַר קיין פאַל נישט די ווייכע געדולד פון אַ שקלאַף, וועלכער לעבט מיט אומדייטלאַכע האָפנונגען.

דאָס אידישע אָרימע און אויסגעצערטע קינד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם מוט פון אַ שטאַרקן און מעכטיקן מאַן, וועלכער איז זיכער, אַז ער וועט זיגן.

שלום־עליכם

קוואַס

א

פאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקאָנען

מיטן אינהאַלט פון אונזער בוך, וואָס קאָסט סך־הכל (סאַכאַקל) 1 רובל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! סטאַפּט, כאַפּט — איר וועט פאַר־שפּעטיקן!

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אויף די בלעטער מיין ברודער אליהו, באַלד ווי ער איז אַראָפּ פון קעסט. ווי ער איז אַראָפּ פון קעסט, וועל איך אייך ניט דערציילן, ווייל איך בין זייער פאַרנומען. איך פאַרדין געלט. איך טראָג אַרום אַ געטראַנק, וואָס מיין ברודער אליהו מאַכט אים אַליין מיט זיינע אייגענע הענט. ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן דאָס פון דעם בוך, וואָס קאָסט סך־הכל (סאַכאַקל) 1 רובל, און פאַרדינען קאָן מען מיט דעם פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש (כוידעש) און מער. מיין ברודער אליהו, ווי־באַלד ער האָט נאָר איבערגעלייענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער וועלט, אַזוי האָט ער באַלד אַוועקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אַנגעזאָגט דער מאַמען אַ בשורה (בסורע), זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זיינען געהאָלפן. מיט פּרנסה (פּאַרנאָסע) זיינען מיר שוין פאַרזאָרגט אָט אַזוי ווייט (ער ווייזט מיט דער האַנט אויפן האַלז).

— וואָס א'ז דען? — פרעגט די מאַמע. — האָסט געקראָגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פון אַ שטעלע, — ענטפערט איר מיין ברודער אליהו, און די אויגן ביי אים לייכטן, אַפּנים פון גרויס שמחה (סימכע). ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלאַכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פרעגט אים די מאַמע.

— ס'איז שוין איינמאָל אַ בוך! — זאָגט איר מיין ברודער אליהו און פרעגט זי, אויב זי וועט זיין צופרידן מ'ט הונדערט רובל אַ חודש (כוידעש)? לאַכט פון אים די מאַמע און זאָגט אים, אַז זי וואָלט געווען צופרידן מיט הונדערט רובל אַ יאָר, אַבי זיכערע. ענטפערט איר דערויף מיין ברודער אליהו, אַז ביי איר איז צו אַ קליינע השגה (האַסאָגע), און ער לאָזט זיך גיין אויף דער פּאָסט. אַלע טאָג גייט ער אויף דער פּאָסט און פרעגט זיך נאָך אויפן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אַוועקגעשיקט דאָס קערבל, און קיין בוך איז נישטאָ! דערווייל דאַרף מען לעבן. „די נשמה (נעשאָמע) אויסשפּייען

קאָן מען ניט.״ אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי שפּייט מען דאָס אויס די נשמה?

ב

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מיין ברודער אליהו זיך אָוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. וויי־וויי, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגעלייענט! וויפיל סגולות (סגולעס) אויף צו מאַכן געלט דורך פאַרשיידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שו־וואַקס. אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך אַרויסטרייבן מייז, טאַראַקאַנעס, און אַנדערע מיאוס־קייטן (מיעסקייטן). אַ רעצעפּט אויף צו פאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראַנפנס, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע געטראַנקען.

מיין ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן לעצטן רעצעפּט, אויף קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סך. בפרט (ביפראַט) נאָך אין אַזאַ הייסן זומער ווי היינט. פון קוואַס, דאַרפט איר וויסן, איז ביי אונז ברוך דער קוואַס־ניק געוואָרן אַ גביר (גווירˇ). ער מאַכט „בוטל־קוואַס״. זיין קוואַס האָט אַ שם (שעם) אויף דער וועלט. ער שיסט פון די פלעשער, ווי פון אַ האַרמאַט. וואָס איז דער שכל (סייכל), וואָס עס שיסט, ווייס קיינער ניט. דאָס איז ברוכ׳ס סוד (סאָד). מען זאָגט, אַז ער לייגט אַריין אינוויייניק עפּעס אַזעלכעס, וואָס שיסט. אַנדערע זאָגן — אַ ראָזשינקע, אַנדערע זאָגן — האָפּן. קומט דער זומער, האָט ער ניט קיין הענט. אַזוויפיל לייזט ער געלט!

אונזער קוואַס, וואָס מיין ברודער אליהו מאַכט נאָכן רעצעפּט, איז ניט קיין בוטל־קוואַס און שיסט ניט. אונזער קוואַס איז אַן אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט, קען איך אייך ניט זאָגן. מיין ברודער אליהו לאָזט קיינעם ניט צו, בשעת (בעשאַס) ער מאַכט אים. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. נישט איך, ניט די מאַמע, ניט די שוועגערן ברכה, קיינער האָט ניט די

זכיה (זכי־יע) צו זיין דערביי. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זיין אַ סוד (סאָד), קאָן איך אייך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק גע־פינט זיך. איך ווייס דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפינט זיך שאָלאַכץ פון לימענע, שיטערע האָניק (מעלים), אַ זאַך, וואָס מען רופט דאָס קרימעטאַרטערום און וואָס איז זויערער פון עסיק, און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער, מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ פּראָסטן שטעקן (אַזוי שטייט געשריבן אין בוך), און דאָס געטראַנק איז פאַרטיק. נאָכדעם ווערט ער אַריינגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג און מען וואַרפט אַריין אַהין אַ שטיק אייז. אייז איז דער עיקר (איקער). אָן אייז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק אויף תשעה (טישע) ניינציק כפּרות (קאַפּאָרעס). דאָס זאָג איך אייך ניט פונם בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פאַרזוכט אַביסל קוואַס אָן אייז, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אָן ענדע פון מיין לעבן!

ג

געמאַכט דאָס ערשטע פעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פאַרקויפן אים אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז ניט איך? מיין ברודער אליהו'ן פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין אַ באַווייבטער. דער מאַמען אַודאי ניט. מיר וועלן גאָרניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרייען: „קוואַס! קוואַס! אידן, קוואַס!" אַלע האָבן גע'פסק'נט (געפּאַסקנט), אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבעט. איך אַליין האָב אויך אַזוי געדענקט. איך האָב זיך מחיה (מעכאַיע) געווען, אַז איך האָב דערהערט דאָס נייעס. מיין ברודער אליהו האָט געגומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט, און בכדי (ביכדיי) דער עולם (אוילעם) זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגון (ניגן), אָט אַזוי:

אידן אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זים —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קול, האָב איך אייך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב אַ שיינס,

אַ סאָפּראַנאָ־שטימע, בירושה (בי־יערושע) פון מיין טאַטן עליו־השלום (אָלעװ־האַשאָלעם). איך האָב געגעבן אַ זינג אויס אויף אַ קול און האָב איבערגדרייט דעם פּסוק (פּאָסיק) מיט די פּיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ איד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטריקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מיין געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געוועזן אַזוי גוט? צי אפשר, ווייל דער טאָג איז געוועזן זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויס־פאַרקויפט אין איין האַלבער שעה און בין געקומען אַהיים מיט כמעט (קימאַט) פינף גילדן פּדיון (פּידיען). מיין ברודער אליהו האָט אָפּ־געגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אַזוי פינף־זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַר־דינט פונקט הונדערט רובל אַ חודש. דאָס געטראַנק קאָסט אונז זייער וואָלוול. מען קאָן זאָגן, כמעט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויפן אייז. דעריבער דאַרף מען זען וואָס גיכער אויס־פאַרקויפן דעם קרוג מיטן געטראַנק, בכדי (ביכדיי) דאָס שטיקל אייז זאָל צוניץ קומען אויפן צווייטן קרוג און אויפן דריטן קרוג און אַזוי ווייטער. נאָך מיר לויפן נאָך אינגלאַך, שקצים (שקאָצים), אַ גאַנצע טיטשקע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער ווי דעם קאָטער. איך זע וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפיל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג, ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מיין ברודער אליהו מיט מיין שוועגערן ברכה מיט מיין מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן אַ שטיק דיניע מיט אַ שטיק קאַווענע מיט צוויי פלוימען אונגערישע. פון קוואַס שמועסט מען ניט. קוואַס טרינקען מיר אַלע אַזוי ווי וואַסער. פאַרן שלאָף בעט מיר אויס די מאַמע אויף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט ווי חלילה (כאָלילע) די פיס. מיין ברודער אליהו לאַכט פון איר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ אינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל ניט ווי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך. — אַ סימן (סימען), אויב איר ווילט,

גיי איך באַלד מיטן קרוג אין מיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דריי צעלאַכן זיך פון מיין בריה׳שאַפט (בעריעשאַפט). נאָר אויף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטער כלל (קלאַל) — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן, אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מיין מאַמע?

ד

עס גייט אונז קיין־עין־הרע (קענעהאָרע) דורך טיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אוים פאַר היץ, קינדער פאַלן אַזוי ווי פליגן. ווען ניט דאָס גלעזעלע קוואַס, וואָלט מען פאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג בלי־גוזמא (בלי־גוזמע) צען מאָל אַ טאָג! מיין ברודער אלהיו קוקט אַריין אין פאַס אַריין מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פאַלט ער אויף אַן עצה און גיסט צו נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער. אויף דער עצה בין איך געפאַלן פריער פון אים. איך מוז זיך מודה (מוידע) זיין פאַר אייך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שפּיצל שוין עטלאַכע מאָל. כמעט אַלע טאָג כאַפּ איך זיך אַריין צו אונזער שכנה פּעסי און גיב איר פאַרזוכן אַ גלעזל פון אונזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דעם איינבינדער, גיב איך צוויי גלעזלאַך; ער איז אַ גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלאַך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. אַלע מיינע באַקאַנטע גיב איך קוואַס אומזיסט, אַן אַ קאָפּיקע געלט. און בכדי (ביכדיי) ס׳זאָל ניט זיין קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַסער. אויף איטלאַכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער. דאָס אייגענע טוט מען אין דער היים אויך. למשל (לעמאָשל), מיין ברודער אליהו טרינקט אוים אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. ער איז גערעכט. ס׳איז אַן עבירה (אַווייַרע) אַ קאָפּיקע. מיין שוועגערן ברכה טרינקט אוים אַ פּאָר גלעזלאַך קוואַס (זי האָט ליב מיין ברודער אליהוס קוואַס — סכנות!), דערגיסט זי באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פאַרזוכט אַמאָל אַ גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן. אַליין וועט זי ניט נעמען!), דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. הכלל (האַקלאַל) עס גייט ניט פאַרלאָרן קיין טראָפּן און מיר מאַכן קיין־עין־הרע (קענעהאָרע)

פיין געלט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאַלט מיט אַ סך חובות (כויוועס), אויסגעלייזט אַ פּאָר נייטיקע משכּנות (מאַשקאָנעס). אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ טישל, אַ בענקל. אויף שבת האָבן מיר פיש און פלייש און ווייסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט מערצעשעס אויף ימים־טובים (יאָנטויווים) אַ פּאָר שטיוועלאַך נייע. מיר דאַכט, אַז קיינעם איז ניט אַזוי גוט, ווי מיר!

ה

גייט זייט אַ נביא (נאָווי) און טרעפט, אַז ס'וועט זיך טרעפן אַזאַ מין אומגליק און אונזער געטראַנק וועט ווערן פּסול (פּאָסל), כאָטש נעמט און גיסט אים אַרויס אין פּאָמוניצע! נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט מיך ניט פאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מעשׂה! איינמאָל האָב איך פאַרבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונזער שכנה פּעסי. דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלאַך קוואַס און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פעלט מיר אַ גלעזלאַך צוועלף־דרייצן געטראַנק, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן וואו דאָס וואַסער שטייט ביי זיי. אָנשטאָט דער דייזשע מיט וואַסער האָב איך אָפּנים געטראָפן צו דער באַלייע, וואו מען וואַשט גרעט, און האָב אַריינגעפּליאָסקעט אַ 15-20 גלעזער צו מיר אין קרוג אַריין און בין אַוועק אין גאַס אַריין מיט אַ נייעם ניגון (ניגן), וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

> אידן, אַ געטראַנק!
> ט ע ם ג ן ־ ע ד ן!
> אַזאַ יאָר אויף מיר,
> אויף אייך און אויף אונז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ איד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזעלע קוואַס. ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

— אינגעלע! וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר אַ געטראַנק?

איך הער אים אין טראַק. עס שטייען נאָך צוויי אידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּייען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּן. ער פאַרזוכט און זאָגט,

אַז סע שמעקט מיט זייף און ס'איז דאַכט זיך, געזאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס ביי דיר?

— אַ געטראַנק, — זאָג איך.

— נו, אַ געטראַנק! — מאַכט ער צו מיר.

איינער גייט צו, פּאַרזוכט, און טוט אַ פּאַליאָסקע אויס דאָס גלאָז גלייך מיר אין פּנים אַריין. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט אידן, ווייבער און קינדער. אַלע רעדן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט אַ יוון ((יאָוון), אַז מע קלייבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַריין צו מיר אין קרוג אַריין און הייסט זיך געבן פּאַרזוכן. גיט איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער יוון (יאָוון) טוט אַ טרונק אָפּ און שפּייט אויס און ווערט מלא רציחה (מאָלע-רעציכע).

— וואו האָסטו גענומען אַזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון אַ בוך, — זאָג איך אים, — מיין ברודערס מלאכה (מאַלאָכע), מיין ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דיין ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מיין ברודער אליהו, — זאָג איך אים.

— וואָסער אליהו? — פרעגט ער מיך.

— דבר (דאַבער) ניט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דיין אחי (אָכי)!

— זאָגן צו מיר עטלאַכע אידן אַלע אויף אַמאָל. עס ווערט אַ טומל, אַ רעש (ראַאַש), אַ מהומה (מעהומע). אַלע מינוט קומען צו נייע מענטשן. דער יוון (יאָוון) האַלט מיך פאַר אַ האַנט און וויל אונז אָפּ־פירן (מיך מיטן געטראַנק) גלייך אין פּאָליציי אַריין. דער טומל ווערט גרעסער: „אַ יתום (יאַסעם)! נעבאַך, אַ יתום!“ — הער איך פון אַלע זייטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל. איך קוק אויפן עולם (אוילעם), וואָס אַרום מיר: „אידן, האָט רחמנות (ראַכ־מאָנעס)!“... מען וויל אַריינרוקן דעם יוון (יאָוון) אַ מטבע (מאַטביייע). דער יוון נעמט ניט. רופט זיך אָן צו מיר איינער. אַן אַלטער איד מיט גנב'ישע (גנייווישע) אויגן, פאַרשטעלט אויף לשון-קודש:

— מאָטל! רייס אַרויס דעם יד ((יאַד) פון דעם יוון און הייב אויף די רגלים (ראַגלאַים) און מאַך פליטה (פּליייטע)!

איך טו זיך אַ רייס אויס, נעם די פיס אויף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט טויט ניט לעבעדיק פאַל איך אַריין אין שטוב אַריין.

— וואו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מיין ברודער אליהו.
— אין פּאָליציע! — ענטפער איך אים און פאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.

ז. ליבין

פאַרלאָרן דעם באַלעבאָס

א

לאַנגזאַם, אָפּשטעלנדיק זיך יעדע ווײַלע, האָט דאָס פערד געפירט דעם וואָגן מיט עפּל. נאָכן וואָגן זײַנען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק און אַ אינגל פון אַ יאָר צוועלף.

דער מאַן איז דאָס געווען דער אייגנטימער, דער באַלעבאָס פון דעם וואָגן מיט די עפּל, און דאָס אינגל — סעמי האָט ער געהייסן — איז געווען אַ געדונגענער העלפער, אַ אויסשרייער, און צו דער־זעלבער צייט אַ אַרויפטרעגער פון די עפּל צו די קונים.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון ווינטער און דער סוף פון דעם טאָג. דאָס וועטער איז אויסגעפאַלן אַ שלעכטס, אַ צרה׳דיקס: עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער, שניידנדיקער ווינט, און עס האָט ניט

אויפגעהערט צו שפּריצן מיט אַ קאַלט רעגנדל, וואָס האָט דורכ־גענומען דורך און דורך מיט פייכטקייט און מיט קעלט.

אַ לייכט זומערדיק דזשעקעטל און אַ פּאָר לייכטע קורצע „קני־הייזלאַך", האָבן שלעכט באַשיצט דאָס אָרימע אינגל פון דעם גרוי־זאַמן וועטער. פון די הייזלאַך האָט זיך אין טייל ערטער אַרויסגעזען דאָס הוילע לייב, און פון זיינע צעריסענע שיך האָבן אַרויסגעשטעקט די פינגער. דאָס אינגל האָט זיך געקאָרטשעט און געטרייסלט פון קעלט — און אפשר אויך פון הונגער. זיין קליין אויסגעדאַרט פּנים איז געווען בלאַס און בלוי, אַנגעשוואָלן פון פייכטקייט און איבער־געפראָרן פון קעלט.

— „פייוו סענטס איי האַל לאַט!" — האָט עפּעס מיט אַ באַ־נומען־קול אויסגעשריען דער באַלעבאָס.

— „עי, אַפּלז!" — האָט נאָכגעשריען סעמי מיט אַ הייזעריקער, קינדערשער, האַרצרייסנדיקער שטימע.

קיינער האָט אָבער קיין עפּל ניט געבעטן און דאָס פערד האָט געגעבן אַ טראָט ווייטער.

— ווען מ'ר באַלד פאָרן אַהיים? — האָט סעמי געפרעגט זיין באַלעבאָס, און עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דער באַלעבאָס האָט אין אָט־דעם שלעכטן טאָג אויך שלעכטע געשעפטן געמאַכט, און ער האָט ניט גערעכנט פאַר נייטיק צו ענט־פערן אויף זיין אינגלס פראַגע.

— „פייוו סענטס איי האַל לאַט!"

— „עי, אַפּלז!"

עס זיינען פאַריבער נאָך אייניקע מינוטן.

— ווען מיר באַלד פאָרן אַהיים? — האָט סעמי ווייטער גע־פרעגט, און זיין קינדערש האַרץ האָט געקלעמט פאַר ווייטיק.

דער באַלעבאָס האָט אַ לאַנגזאַמן, בייזן, שאַרפן בליק געגעבן אויפן קינד, און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעצייגט אַ ווילדע הנאה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַן וויל זיין ווילדע אומ־צופרידנקייט פון זיינע היינטיקע שלעכטע געשעפטן אויסגיסן אויף זיין געדונגענעם אינגל.

— ווען איך וואָלט וויסן, — האָט דער באַלעבאָס געענטפערט, — אַז דו ביסט אַזאַ פויל אינגל, וואָלט איך דיך אַפילו אומזיסט ניט גענומען.

— איך פויל זיך ניט, — האָט סעמי געענטפערט, — מיר איז קאַלט. — און זיין קול האָט געציטערט פון טרערן.

— קאַלט? — האָט אים איבערגעריסן דער באַלעבאָס, — וואָס אַרט עס מיך? אַ קוואָדער וועסטו דאָך וועלן נעמען.

— „פייוו סענטס איי האָל לאַט!"...

— „עי, אַפּלז!" — האָט אויסגעשריען אַ שטים פול מיט טרערן.

און דאָס פערד איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאַנגען. סעמי האָט דערפילט, אַז ער פאַלט פון די פיס און ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן וואָגן.

ב

— נעם גיי אַריין אַהער, — האָט דער באַלעבאָס אָנגעצייגט סעמין אויף אַ געוויס הויז, — אָבער קלאַפּ אָן אין טיר: ווען דו וועסט פאַרקויפן, קום גלייך אַראָפּ נעמען נאָך אָן עמער מיט עפּל; ווען ניט, גיי איבערן דאָך אין דעם צווייטן הויז. געשווינד!

און סעמי איז אַוועק אין דעם אָנגעצייגטן הויז. דאָס איז געווען אַ פלעט-הויז. דער קאָרידאָר איז געווען באַדעקט מיט קאַרפּעט און מיט דאַמף געוואַרעמט. סעמי האָט גענומען קלאַפּן פון טיר צו טיר. קיינער האָט אָבער קיין עפּל ניט געדאַרפט. ביי די שכנים אין די צימערן האָט שוין פייער געברענט. פון אייניקע דירות האָבן זיך געהערט פריילאַכע קינדערשע פלאַפּלעריי און געלעכטער און פון אייניקע האָבן זיך געטראָגן טענער פון פּיאַנעס.

אָט קלאַפּט סעמי אָן אין טיר. מען עפנט; עלטערן צוזאַמען מיט די קינדער זיצן ביים טיש און מען טרינקט טיי.

— „אַפּלז?" — פרעגט סעמי.

— „נאָו!" — ענטפערט מען און מען פאַרהאַקט בייז די טיר.

אין אַ צווייטן פלאַץ זעט סעמי, ווי די קינדער זיצן זיך און עסן. דער הונגעריקער סעמי דערפילט דעם גערוך פון די עסנווארג, און זיין פאַרקלעמט האַרץ פאַנגט אָן נאָך שטאַרקער ווי צו טאָן. נאָך אין אַ פלאַץ עפנט זיך האַסטיק די טיר און אַ פריילאַך, שיין געקליידט מיידעלע ווייזט זיך.

— עני, אַהערצו קום, — דערהערט זיך הינטער איר אַ קול פון אַ פרויענצימער, — לויף ניט אַרום איבערן האָל, וועסט זיך נאָך פאַרקילן.

באַלד צייגט זיך די פרוי און נעמט צו צוריק דאָס מיידעלע.

אַזוי גייט סעמי ביזן העכסטן שטאָק, און קיין עפּל האָט ער ניט פאַרקויפט. סעמי נעמט גיין אויף די טרעפּלאַך וואָס פירן צום דאַך נאָר ער האָט דערפילט, ווי דער רעגן שמייסט אָן דעם בלעך פון דאַך, און ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין. אין קאָרידאָר איז וואַרים און טרוקן. סעמין, דעם מידן, איבערגעפראָרענעם אינגל, פאַרווילט זיך אָפּרוען.

— פון וואַנען וועט דער באַלעבאָס וויסן? — טראַכט דאָס קינד, — ער וועט מיינען אַז איך האָב זיך עטוואָס לענגער פאַרזאַמט. — סעמי זעצט זיך אַוועק, ווי אַן אונטערגעהאַקטער, און שפאַרט זיך אָן אָן דעם עמער מיט די עפּל.

סעמי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די קינדער, וואָס האָבן געגעסן, געטרונקען און געשפּילט... ער נעמט זיך פאַרשטעלן, אַז ער איז אויך איינער פון זיי און אַז ער עסט, אַז ער טרינקט, אַז ער שפּילט... אין קאָרידאָר איז טרוקן און וואַרעם, אַ דרעמל האָט גענומען שמידן סעמיס צעווייקטע, צעפראָרענע גלידער... ער האָט עפּעס אַזוי ווי דערשראָקן אַ כאַפּ געטאָן זיך, אָבער באַלד איז ער ווײַטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער באַלעבאָס האָט לאַנג אויף זיין אינגל ניט געוואַרט; ער האָט זיך געהאַט זיין טרוקענע רעכענונג: דער טאָג האָט זיך שוין געענדיקט; דעם אינגל דאַרף ער שוין סאַי־ווי־סאַי שיקן אַהיים; אַ קוואָדער איז ער דאָך אים שולדיק, און דער עמער צוזאַמען מיט די עפּל איז דאָס ניט ווערט.

און ער האָט זיך גענומען ווייטער פאָרן; ער איז דאָס שוין געפאָרן אַהיים.

ג

ווער וויים, ווי לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפן, ווען אַ שכנה פון דעם הויז וואָלט ניט געגאַנגען אַ קוק געבן, אויב דער ווינט האָט ניט צעשמיסן די וועש, וואָס איז געהאַנגען אויפן דאַך.

סעמי האָט דערפילט, ווי עמיצער האָט אים געגעבן אַ טופּ מיטן פוס... ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ניט טויט ניט לעבעדיק. מיט שרעק האָט ער אַ קוק געגעבן אַרום זיך. לעבן אים איז געשטאַנען אַ גרויסע, דיקע, געזונטע פרוי.

— אַוועק פון דאַנען, דו לויפער! — האָט די פרוי זיך צעשריען,
— דאָ איז קיין פּלאַץ ניט צום שלאָפן.

— „אַפּלז!“ — האָט סעמי אַ שטאַמל געגעבן, האָסטיק אויפגעהויבן זיך און ער האָט געכאַפּט לויפן אַראָפּ די טרעפּ. ווען סעמי איז אַרויס פון האָל איז שוין געווען פינצטער.

— „עי, אַפּלז!“ — האָט ער אויסגעשריען און גענומען מיט די אויגן זוכן דעם וואָגן מיט די עפּל. דער וואָגן איז אָבער מער ניט געווען.

אַ פאַרלוירענער, אַ דערשראָקענער האָט דאָס אינגל גענומען אַרומלויפן. ער איז אַוועקגעלאָפן אין עוועניו, פון דאָרטן אין גאַס, פון דער גאַס ווייטער אין עוועניו... דער וואָגן מיט די עפּל איז פאַרלאָרן געגאַנגען.

אין איין מינוט האָט סעמי זיך פאַרגעשטעלט זיין היים, וואו מען נייטיקט זיך אין דעם קוואָדער; זיין טאַטן, וואָס וועט אים שלאָגן, ווען ער וועט קומען אַזוי, אָן אַ פּעני פאַרדינסט. ער איז געבליבן שטיין, ווי אַ צעטומלטער; ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין צו לויפן. אַהיים האָט ער יעדנפאַלס געשראָקן זיך צו קומען...

און דער רעגן האָט גענומען שמייסן שטאַרקער און שטאַרקער..

מאַני לייב

אַ מיידעלע ביים קאַמין

אין קאַמין דאָס פייערל דערברענט,
רויטע שאָטנס ליגן אויף די ווענט,
וואַרימט זי ביים פייערל די הענט;
און דאָס קליינע קעצל ווי אַ קנויל
ליגט ביי אירע פיס און דרעמלט פויל.

אין קאַמין דאָס פייערל דערברענט,
רויטע שאָטנס שלאָפן אויף די ווענט,
וואַרימט זי ביים פייערל די הענט;
און ביים וואַרימען און רויטן שיין,
שלאָפט זי רואיק ווי דאָס קעצל איין.

אפרים אויערבאַך

שאַין, אָ שאַין

צוגעפּלעטשט דאָס היטל אויף אַ זייט,
ס'פּנימ'ל ביי אים מיט פרייד פאַרברוינט,
אויגן ניט פון הי, נאָר פון סיציליער ווייט,
קוקן אויף די גאַסן חידושדיק — דערשטוינט, —
שאַין, אָ שאַין.

ס'קעסטל אָנגעפּיקעוועט מיט אַלדאָסגוטס:
בערשטלאַך, שמאַטקעלאַך און שיך־פּאָליר,
ס'קעלעכל פאַרקלינגט די גאַס: איך פּוץ,
נאָר אַ ניקל, — געל, צי שוואַרץ קאָליר, —
שאַין, אָ שאַין.

טשואינג־גאָם, אַ סיגאַרעטל און אַ שפּיי,
טאָני איז שוין צען, כאָטש דאַר איז זיין געביין,
גאַסן זיינען ברייט און ער אויף זיי איז פריי,

גאַסן זיינען ענג און ער איז דאָ אַליין, —
שאַין, אָ שאַין.

טאַטע גראָבט אַ סאָבוויי פאַר דער שטאָט,
מאַמע האָדעװועט דאָס קליינוואַרג מיט געשריי,
טאָני קומט פון געסל, פונם ענגן מאָט
אויף קאַנעל, דיוויזשאָן, איסט־בראָדוויי, —
שאַין, אָ שאַין.

ס׳בערשטל אין די דאַרע הענטלאַך ווי אַ ווינט
גייט אַ טענצל אויף די שיך — סע בלאַנקט,
און דער טאַטע ווערט פון גראָבן סאָבוויים בלינד
און די מאַמע איז די לעצטע יאָרן קראַנק, —
שאַין, אָ שאַין.

מאַכט אַמאָל זיך מיט די קינדער א געשלעג,
וואַרפט זיך טאָני אויפן פיינד מיט דאַרע הענט,
אויפן טראָטואַר צעשליידערט זיין פאַרמעג,
ווּעמען אַרט עס איצטער אַז מלחמה ברענט? —
שאַין, אָ שאַין.

פויסטן בליצן, נעגל קראַצן, שטשירען ציין:
טאָני, גיב אים אין דער נאָז אַריין אַ שמיר,
האַק אים אין די ריפּן, ברעך אים דאָס געביין,
זאָל ער ווּיסן ווייטער טשעפּען זיך מיט דיר, —
שאַין, אָ שאַין.

און דערנאָך, די פויסטן ווערן מיד אין שוואונג,
ווּיינט דער פיינד, נאָר טאָני שווייגט מיט ווּיי,
אום געשלעג און טאָני שטעלט ארויס א צונג:
נאַט אייך, מיינע פיינד פון איסט־בראָדוועי, —
שאַין, אָ שאַין.

קלייבט צונויף דאָס האָב און גוטס פון טראָטואַר,
גיט אַ שפּיי מיט האַס אויף גאָרער וועלט,
נאָר די אויגן ברענען ווי צעשאַרטער זשאַר,
טאָני גייט אויף מאָט אין פינצטערן געצעלט, —
שאַין, אָ שאַין.

ז. ליבין

ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט

עס איז ווינטער־נאַכט.

דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט און אַ שניידנדיקער קאַלטער ווינט. דרויסן איז סיביר; און אין צימער? אין צימער איז ניו־יאָרק. עס איז קאַלט, ווי אינדרויסן. דאָ אין צימער וואוינט אַן אַרבעטער, אַ אידישער הויזן־מאַכער; און פון יעדן ווינקעלע קוקט אַרויס די ביטערע, שטיקנדיקע נויט, ווייל דער הויזן־מאַכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ אינדערהיים: ער איז אויף אַ מיטינג. די פרוי זיינע זיצט ביים אויוון און נייט עפּעס מיטן נאָדל — דאָס פאַרריכט זי אויס וועש פאַר שכנים, העלפנדיק דערמיט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

דאָס פייער אין אויוון גייט אויס. הפּנים, אַז דעם סטרייקערס פרוי האָט שוין דערשפּירט די קעלט; אָט האָט זי אַ שווערן, טיפן זיפץ געגעבן, געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אויף דעם לערן קוילן־שעפל, און איז ווייטער געבליבן פאַרטראַכט און שווער פאַרזאָרגט.

און עס איז שטיל אין צימער; בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פאַר־פרוירענע שויבן, און אַמאָל אין אַ ווײַלע רייסט ער זיך אַריין אין קוימען פון קאַמין און וויינט אַזוי האַרצרייסנדיק, אַזוי טרויעריק, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ ביטער האַרץ פון אַ הויזן־מאַכער אַ סטרייקער...

— מאַמע! — האָט זיך דערהערט אַ קינדיש שטימעלע פון שלאָף־צימער. און די מאַמע וואַרפט די אַרבעט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איר צירעלע, איר איינציק דריי־יאָריק קינד.

צירעלע איז געווען באַהאַלטן אין אַ גאַנצן ים מיט שמאַטעס, האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפן און וויל אַרויסגיין פון בעט.

— וואוהין, מיין קינד? — פרעגט די מוטער און פרואווט צוריק איינדעקן דאָס מיידעלע.

—מאַמע, נעם מיך צום אויוון, מיר איז קאַלט. — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטן אויך קאַלט, צירעלע!

— שיט אַריין קוילן. — גיט דאָס קינד אַן עצה.

— ניטאָ, מיין נחת, קיין קוילן. — זיפצט דעם סטרייקערס פרוי.

— פאַראַן.

— ניטאָ, מיין לעבן.

און די מוטער גייט אין קיך, נעמט דאָס לערע קוילן־שעפל און ווייזט עם צירעלען.

צירעלע קוקט אריין אין שעפל און גיט דערביי א טיפן, קינדישן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין קוילן, — זאָגט צירעלע און איר קינדיש פּנימ׳ל ווערט אזוי ערנסט טרויעריק.

— ניטאָ מער. — באשטעטיקט די מוטער.

— גיי ברענג. — ראָט דאָס קינד.

— ניטאָ קיין געלט, מיין הארץ.

— ניטאָ קיין פּענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.

— יאָ, מיין נ ש מ ה, ניטאָ קיין פּענים.

— דער טאטע ברענגט ניט?

— יאָ, צירעניו, דער טאטע ברענגט ניט.

— פאַרוואָס?

— ווייל עס איז א סטרייק, מיין טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אזוי בענקענדיק, אזוי טרויעריק, הגם דאָס לעצטע וואָרט, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט, פאַרשטייט זי ניט.

— שלאָף, צירעניו!

— איך וויל עסן, מאמע!

— גלייך, מיין קינד!

און די מאמע גייט אין קיך, שניידט אָפּ א ברעקל ברויט, זוכט עפּעס אין אלמער, געפינט גאָרניט און, געבנדיק ווייטער א שטילן, טיפן זיפץ, קערט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איר הונגעריק קינד.

— נא, מיין קינד!

— וואָס איז דאָס?

— ברייטעלע.

— איך וויל ניט, מאמע!

— פאַרוואָס, צירעניו?

— באשמיר מיט פּוטער.

— ניטאָ, מיין נ ח ת, מאָרגן וועל איך באשמירן; דערווייל עס אזוי.

— איך וויל ניט.

— גיב פּוטער! — ווידערהאָלט דאָס קינד איר ערשטע פאָדערונג.

— קינד מיינס, נו, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלן געבן, אז עס וואָלט געווען, נארעלע מיינס! — רעדט די מוטער איין איר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלויבן און ווייזט אויפן אַלמער.

די מוטער ברענגט די לערע פּוטער־כלי צום בעט. צירעלע קוקט אויף איר מיט בענקנדיקע בליקן און לאָזט ווידער ארויס א שטילן, הארצרייסנדיקן זיפץ.

— ניטאָ מער קיין פּוטער, מאַמע! — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און פּירט פאַנאַדער די הענטלעך.

— ניטאָ מער, מיין לעבן! — ענטפערט די מאַמע מיט א ק ו ל פון טרערן.

— ניטאָ קיין פענים? — פרעגט צירעלע.

—יאָ, מיין טאָכטער, ניטאָ קיין פענים.

— דער פאַפאַ ברענגט ניט?

— ניין, מיין נ ש מ ה, ער ברענגט ניט.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.

א ווײַלע שווייגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פּלוצלונג א פרעג:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מיין קינד?

— פאַרוואָס דער פאַפאַ ברענגט ניט קיין פענים?

— ער סטרייקט, מיין קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווייטער.

— קיינער ניט, מיין קינד, דאָס איז א סטרייק.

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— א סטרייק, מיין נ ש מ ה.

— א בוגימען?

— ניין, מיין קינד, קענסט עס ניט פאַרשטיין... — וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין.

דער ווינט שטאַרקט זיך, און הייבט אָן אזוי ווי מיט א כ ז ר י ו ת צו קלאַפּן אין די שויבן. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק.

— איז דאָס דער סטרייק, מאַמע?

— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.

צירעלע הערט זיך איין, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעמט אָן ח ש ק עסן דאָס שטיקל ברויט...

פון דער מאַמעס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן אויפֿן קינדס קעפּעלע,
און פֿון קינדס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן און באַנעצן דאָס טרוקענע
שטיקל ברויט.

מ ש ה ש י פּ ר י ס

ליד פֿון שוואַרצן שיך־פּוצער

שוואַרץ איז מיין הויט.
נאָך שוואַרצער מיין נויט.
נישטאָ קיין פֿרייד.
מיין היים אַ נישטיקע נאָרע,
אויף יעדן בוים איינגעשניטן אין קאָרע —
אַ שטריק איז גרייט.

— פּוץ גיכער, נעגער, גיך!
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

ביי רייכע טירן שטייט מיין טאַטע געבויגן
גאַנצע טעג, די מאַמע אויף דילן אויסגעצויגן —
פֿאַרן ביסן ברויט.
ווייסער באַלעבאָס גייט פֿאַרביי מיט שפּאָט
אונז, וואָס „לעבן מיט זיין גנאָד“ —
וואַשן זיין קויט.

— היי, נעגער, אַ ביסל שנעלער!
זאָל גלאַנצן העלער.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

אין דרום (דאָרעם) אויף הייסע באַוול-פעלדער,
אין אַפריקע אין זומפּיקע וועלדער —
אַרבעט נעגער.
ווייסע באַראַנעס זאַמלען פעסער מיט גליק
און צירן די גאַסן מיט נעגערס אויף שטריק —
הענג, הענג, נעגער.

— פוץ גיכער, נעגער, גיך!
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

אונטער אונזערע הימלען —
פייערדיקע צלמים (צלאָמים) און ווייסע קיטלען —
ציטער, ציטער, נעגער.
אַ בראַנד, אַ קויל און אַ שטריק
און אַ הימל פול מיט גליק —
אַרבעט, אַרבעט, נעגער.

— היי, נעגער, אַביסל שנעלער!
זאָל גלאַנצן העלער.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

מ אָ ר י ס ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י



אין רעגן און אין קעלט

וואָס טוען צוויי עופה'לאַך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלאַך — אייז און די פיסעלאַך — נאַס,
די ליפּעלאַך — בלוי און די בעקעלאַך — בלאַס;
וואו איז זייער היים אין דער וועלט?
— זייער היים! זייער היים בין איך, — זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.
וואו גייען צוויי קינדערלאַך קליינינקע היינט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט?
וואָס? גאָר אָן אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינט?...
יתומים'לאַך? נעבאַך! וואָס זע איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
— געוויס, — זאָגט די גאַס, — און איך בין זייער פריינט
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט.
וואָס בלייבן זיי שטיין מיטאַמאָל דאָ אליין
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען — צו אָרעם, צום בעטלען — צו קליין,
צו שוואַך און צו ערלאַך — צום גנב'ענען גיין,
וואו קריגן זיי עסן און געלט?
איצט שווייגט שוין די גאַס. אַך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

אַז ס'גייט ניט, גייט אַלץ קאַפּויר

פון י. פּאַשקאַ

ל. קאַברין

אַן אומזיסטער חשד

א.

ביידע זיינען נאָך געווען קינדער. זי, ראָזעלע, צען יאָר, און ער, מאָריס, צוועלף יאָר אַלט. ביידע האָבן געוואוינט אויף איסט בראָדוויי, אַ הויז לעבן אַ הויז. זי מיט אירע עלטערן האָבן פאַרנומען צוויי שטאָק מיט אַ סך פענצטער, ליכט און לופט; ער מיט זיינע עלטערן האָבן פאַרנומען אַ פינצטערן פייכטן קעלער מיט אַ סך רויך. איר פאָטער איז געווען אַ רייכער אַרויפגעאַרבעטער „ריעל עסטייטניק"; זיין פאָטער — אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרישע בלום, געווען פול, רונד און ווייס, מיט אַ פריילאַך פנים'ל; ער איז געווען דאַר, מיט אַ שפּיציקן גוף און מיט אַ פנים'ל בלייך, לאַנג און אויסגעצויגן.

זיי האָבן ביידע ליב געהאַט מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ און ער האָט געזונגען. האָט זי געשפּילט, איז ער געשטאַנען אונטער די פענצטער פון אירע עלטערנס הויז און זיך צוגעהערט מיט אַ קלאַפּנדיק הערצעלע. האָט ער געזונגען, איז זי געשטאַנען לעבן קעלער, האָט זיך צוגעהערט צו זיין האַרציקן קול, און איר פריילאַך פנים'ל האָט נאָך פריילאַכער געשמייכלט.

און איינמאָל, אַז זיין זיס קול האָט זיך געגאָסן פון דעם טונקעלן שווארצן קעלער, איז זי געשטאַנען איינדרויסן מיט אַן אַפּעלסין אין האַנט און זיך צוגעהערט. מיט איינמאָל האָט זיך דאָס זינגען איבערגעריסן און פון קעלער איז אַרויס דאָס קליינע זינגערל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים אַריינגעשפּאַרט דעם אַפּעלסין אין די הענט.

מאָריס איז צעטומלט געוואָרן.

— פאַרוואָס גיסטו דאָס מיר? — האָט ער געפרעגט.

— ווייל דו זינגסט גוט.

— און דו שפּילסט אויך גוט אויף דער פּיאַנאָ.

יענעם אָוונט האָט מאָריס געזונגען אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ראָזעלע שטייט דאָרטן לעבן

קעלער און הערט.
און פון דער צייט אָן זיינען די קינדער גרויסע פריינט געוואָרן.

ב.

איינמאָל האָט ראָזעלע גערופן מאָריסן צו זיך אין שטוב. זי וועט שפּילן, האָט זי געזאָגט, אויף דער פּיאַנאָ און ער וועט זינגען.
— איך האָב מורא, מען וועט מיך פון דיין שטוב אַרויסטרייבן, — זאָגט מאָריס.
— ניט אמת, — מאַכט זי מיט זיכערקייט, — זיי וועלן דיך ניט אַרויסטרייבן! און אין שטוב איז אַ־צט אויך קיינער ניטאָ.
איז ער אַוועק מיט איר.
זי האָט אים אַלע אירע פּרעזענטן געוויזן, וואָס מען האָט איר דאָס פאַריקע יאָר צו איר געבורטסטאָג געגעבן. און בלומען האָט זי יענעם טאָג אויך געהאַט פּיל, זייער פּיל פון אירע חבר'טעס, — האָט זי אים דערציילט, — און דעם קומענדיקן פינפטן יאַנואַר איז ווידער איר געבורטסטאָג, וועט זי נייע פּרעזענטן קריגן...
נאָכדעם האָט זי זיך צו דער פּיאַנאָ געזעצט און אָנגעהויבן שפּילן און ער האָט געזונגען.
אַרויס פון דאָרטן איז מאָריס מיט אַ נייעם געדאַנק. צו איר געבורטסטאָג וועט ער איר שענקען בלומען. ביז דעמאָלט איז מער פון אַ מאָנאַט. ער קריגט פון זיין טאַטן יעדן טאָג אַ פּעני, וועט ער קלייבן.
ווען עס איז געקומען דער פינפטער יאַנואַר, האָט מאָריס געהאַט אָנגעקליבן גאַנצע פינף און דרייסיק סענט. פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען פון שול, איז ער אַוועקגעלאָפן אויף גרענד סטריט און האָט דאָרט פאַר דעם גאַנצן געלט געקויפט אַ בוקעט רויטע בלומען, האָט זיי פאָרזיכטיק באַהאַלטן אונטער דעם פאַרשפּיליעטן רעקל און איז אַוועק אַהיים.
באַלד איז אַריינגעקומען ראָזעלע און האָט אים אַ רוף געטאָן.
— וואָס?
— קום, ווײַסטו עפּעס זען.
— ווער איז דאָרטן אינדערהיים?
— קיינער ניט... פּאַפּאַ און מאַמע זיינען אַוועק איינקויפן פאַר

די געסט. קום, וואָס האָסטו מורא?

ג.

פירט ראָזעלע אים אַריין אין צימער און ווייזט אים אַלע פּרע־זענטן און בלומען, וואָס זי האָט געקראָגן.

אויפן בעטל און אויף אַ שטול ליגן קעסטעלאַך און קאַסטנס מיט פאַרשידענע שפּילצייג, מיט היטעלאַך, מיט מאַנטעלאַך, מיט קליידעלאַך, און בלומען אַ סך, זייער אַ סך, שענערע פון זיינע, רויטע און ווייסע.

— וואַרט, — מאַכט זי, — איך האָב דיר נאָך ניט אַלץ געוויזן! אין זאַל זיינען דאָ נאָך פּרעזענטן, וואַרט דאָ, איך וועל זיי אַהער ברענגען.

און זי איז אַרויסגעלאָפן.

מאַרים האָט אַ טאַפּ געטאָן די בלומען ביי אים אויפן ברוסט און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיי וועלן איר אודאי ניט געפעלן ווערן, ווען זי האָט אַזוי פיל שענערע; דאָך איז ביי אים געבליבן, אַז ווען זי וועט צוריק אַריינקומען, זאָל ער איר זיינע בלומען געבן...

פון קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שטימען. מאַרים האָט זיך אומגעקוקט צעשראָקן.

אין צימער, וואו ער איז געשטאַנען, זיינען פּלוצלונג אַריינ־געקומען ראָזעלעס פּאַפּאַ און מאַמע. זיי זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט און אָנגעקוקט מאַריסן.

— זע נאָר, וואָס טוט דאָ עפּעס דעם שוסטערס אינגל אַליין אין צימער? צי האָט ער עפּעס ניט צוגעלאַטכנט? — האָט אויס־געשריען ראָזעלעס פּאָטער.

— וואָס טוסטו דאָ, אינגעלע? — האָט ראָזעלעס מאַמע אויך געפרעגט.

— גאָרנישט, — האָט מאַרים אַרויסגעמורמלט, אַ צעשראָקענער, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

— זע נאָר, חנה, וואָס האַלט ער עפּעס דאָרט אונטערן רעקל?

— האָט זיך ראָזעלעס טאַטע צו אים אַ וואָרף געטאָן.

מאַריסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די בלומען אונטערן רעקל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער יענער האָט אים אָנ־

געכאַפּט, אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ רציחה, אַז די קנעפּלאַך זיינען אויף אַלע זייטן אַרונטערגעפאַלן אויפן דיל.

— ווײ איז מיר! אַזאַ קליין אינגל און איז שוין אַ גנב! — האָט ראָזעלעס מאַמע מיט די הענט געבראָכן.

— איך האָב עס געקויפט, — האָט מאָריסקע געכליפּעט, — איך האָב עס געקויפט.

— וואָס נאָך האָסטו גע׳גנב׳עט, אינגעלע? — איז צו אים ראָזעלעס מאַמע מיט אַ ווייך קול צוגעגאַנגען, — גיב בעסער אַליין אַוועק!

— גאָרנישט, גאָרנישט, איך בין ניט קיין גנב, — האָט ער געכליפּעט.

— ווייז אַקאָרשט דיינע קעשענעס, חברה־מאַן! — האָט ראָזעלעס טאַטע גענומען אים אַרומזוכן.

דאָ איז אַריינגעקומען ראָזעלע. זי איז געבליבן שטיין מיט צעשראָקענע אויגן.

— איך בין ניט קיין גנב! — האָט זיך אַ פאַרשטיקטער געוויין ביי מאָריסקען אַרויסגעריסן, — פרעגט אַפילו ראָזעלען.

— ראָזעלע, ווער האָט אים אַריינגעלאָזט צו דיר אין צימער? — האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר דער פאָטער. — ער האָט דיך באַ׳גנב׳עט. פון אונטערן רעקל האָב איך ביי אים אַ גאַנצן פּאַק בלומען אַרויסגעשלעפּט.

— ער האָט גע׳גנב׳עט? — האָט ראָזעלע אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק, — ער?

און זי האָט מאָריסקען אַזוי אומעטיק אָנגעקוקט, און אין אירע אויגן האָבן טרערן געבלישטשעט.

— ניט אמת! — האָט מאָריסקע מיט געוויין זיך אַ כאַפּ געטאָן, — איך האָב עס געקויפט, איך בין ניט קיין גנב.

— בלומען האָסטו געקויפט? וואָס זאָגסטו אויף דעם קאַפּי־טאַליסט? — האָט ראָזעלעס טאַטע בייז געלאַכט. און ער האָט אויסגעפּאַטשט מאָריסן און אים אַרויסגעטריבן פון שטוב.

מאָריס איז מיט אַ פאַרשטיקטן געוויין אַרויס פון ראָזעלעס הויז, איז אַריין אין פאַרדרייכערטן קעלער און איז פאַרשוואונדן הינטער דער שוואַרצער טיר.



אַן אַלטער זייגער   פון מ. שאַגאַל

יעקב קרעפליאַק

שוואַרץ און ווייס

אַ.

פאַרבייגייער אויף פוירל־סטריט האָבן, געוויינטלאַך, גאָר קיין אַכט ניט געלייגט, וואָס פון מיטן טראָטואַר האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגערוקט אַ מענטשלאַכער קאָפּ, ווי ער וואָלט פון דאָרט פלוצלונג אַרויסגעוואָקסן.

פון אַ פיר־עקיגער עפענונג מיט אַן אָפּגעדעקטער פאַרזשאַווער־טער אייזערנער טיר, ביי דער זייט פון אַן אַלטער „בילדינג“, האָט זיך באַוויזן דאָס פּנים פון אַ נעגערטע מיט גרויסע פולע, פייערדיקע אויגן.

איבער פוירל־סטריט איז דער הימל געווען אַן אייזערנער — אַ געפלעכט פון שטאָלענע רעלסן, דריי־עקן, ריוועטן און קראַנשטיי־נער — איבער וועלכן עס פלעגט אויבן אין הימל יאָגן דער „על“. דער אייזערנער הימל איז געהאַנגען שווער איבער דער גאַס, האָט זי צו־געדריקט און פאַרפינצטערט.

מענטשן האָבן ניט ליב צו גיין מיט אַזוינע גאַסן, און די געציילטע

דורכגייער האָבן, פֿאַרשטייט זיך, דער נעגערטעס אויגן ניט באַ־מערקט, ווי די נעגערטע אין גאַנצן. ווען זיי זעען די זעלביקע אויגן אין די „מואווים“, אין דער פֿינצטער אויפֿן עקראַן, וואָלטן זיי די גרויסע שוואַרצע אָנגעשטרענגטע אויגן געווים אָנגענומען פֿאַר די אויסדרוקספֿולע „וועמפּישע“ אויגן פֿון אַ פֿאָלאַ נעגרי, אָדער אַן אַנ־דערער מואווי־אַקטריסע. געווים, האָבן די ווינציקע פֿאַרבייגייער גע־וואוסט, אַז פֿוירל־סטריט איז ניט קיין מואווי־טעאַטער, אַז די נע־גערטע איז ניט קיין מואווי־אַקטריסע, נאָר זיכער אַ „דזשעניטאָרן“, וואָס שלעפּט עפּעס פֿון קעלער אויפֿן טראָטואַר אַרויס.

דאָס האָט טאַקע אַ שוואַרצע דזשעניטאָרן געשלעפּט אַ שווערע אַש־קאַן, ניט פֿאַר אירע כוחות. מיט די טרעפּ פֿון קעלער אויפֿן טראָ־טואַר אַרויף. פֿון גרויס אָנשטרענגונג זיינען איר די אויגן געקראָכן פֿון די לעכער, געוועזן פֿול מיט בייזקייט, ווי אָנגעפּילט מיט קללות.

מיט אַמאָל האָבן אירע אויגן זיך אַ דריי געטאָן און מיט אַנגסט אָנגעהויבן אַרומטאַפּן דעם אַלטן, אויסגעטראָטענעם, אויסגעקרימטן טראָטואַר, זיך אָפּגעשטעלט אויף איין פּונקט און גענומען בייטן זייער אויסדרוק. זיי זיינען געוואָרן זאָרגפֿול, ווייך, און ליבשאַפֿט האָט אַ פֿינקל געטאָן.

אַ נעגער־אינגל, מיט אַ קעפּל געקרויזטע שוואַרצע וואָל, מיט גרויסע אויפֿגעריסענע אויגן, ווי ביי איר, איז געלעגן צונויפֿגעדרייט ביי דער וואַנט פֿון דער „בילדינג“.

— וואו ביסטו, זוניו?

די שוואַרצע האָט האַלדזיק און ברוסטיק ווייטער גערעדט:

— ביסט דאָ, דזשימי? גוט, ביסט אַ טייער זונדל, וואָס דו פֿאָלגסט און גייסט ניט אַראָפּ פֿון טראָטואַר. זאָלסט מיר דאָ זיין די גאַנצע צייט, זאָלסט ניט אַראָפּ פֿונדאַנען, מען וועט דיך איבער־פֿאָרן.

ביי דער מוטערס קול, האָט זיך דאָס נעגער־אינגל אויסגעגלייכט, זיך אָוועקגעלייגט אויפֿן בייכל און גענומען אַרויסוואַרפֿן הענט און פֿיס.

— וואָס טוסטו, זוניו?

— איך שווים, מאַ.

די דזשעניטאָרן איז שוין געשטאַנען אַ לאַכנדיקע לעבן איר אינגל.

— וואו האָסטו אַ וואַסער, זוניו?

— כ׳לערן זיך, מאַ.

די שוואַרצע פולע מאַמע האָט מיט אַמאָל זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט אין די היפטן און זיך צעטרייסלט פון געלעכטער אויפן קול. אָבער אויבן איז אָנגעלאָפן אַ „טריין" און האָט זיך עפּעס ווי צעבייזערט מיט גרילץ און מיט דונער. די שוואַרצע האָט דערפילט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו הערן איר אייגן געלעכטער, האָט זי אויפגעהערט לאַכן, נאָר מיט האַסט אַ כאַפּ געטאָן איר אינגל אין די אָרעמס, צוגעדריקט צו זיך, און גענומען קושן.

דזשימין, ווייזט אויס, איז ניט אָנגעשטאַנען וואָס די מאַמע קושט אים, ווי מען קושט אַ קליין קינד. האָט ער זיך געוועהרט און געריסן פון אירע הענט. זי האָט אים אַראָפּגעלאָזט צוריק, אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטער די זייטן און מיט מאַמעשער שטאָלץ גערעדט צו איר אינגל, אויף איר האַלדזיקן ענגליש:

— סאָני, יור פּאַני, ביסט אַ חוזק זונדל, ביסט דאָך שוין אַ גרויסער באָי, מען קען ניט שווימען אויפן גלייכן טראָטואַר. דאָס וואַסער צו באָדן זיך, איז ווייט . . . האָט זי אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט פון גאַס אַרויס.

— וואו, מאַ?

— דאָרטן, אַהינצו מוז מען פאָרן מיטן טריין, מיט אַ „באָס", אָדער אַ „מאַשין".

— איך קען טרייבן אַ מאַשין, מאַ, ווילסט זען?

און דאָס שוואַרצע אינגל הייבט אָן קערעווען מיט די הענטלאַך, ווי ער וואָלט געהאַלטן דאָס קאָנטראָל־ראָד פון אַן אויטאָ, קלאַפּן מיט די פיס אָן טראָטואַר, אָנבלאָזן די בעקלאַך און אַרויסלאָזן אַ מעקענע שטימעלע — דאָס בלאָזט דער האָרן . . .

די מאַמע קאָטשעט זיך פון געלעכטער, די מוסקולען און די גרויסע אויגן שפּרינגען אַזש אויפן רונדן פּנים. די הענט פּאַטשן אין די היפטן און זי קרייעט אַזש פון גרוים הנאה.

— אָ, זוניו, הער אויף, הער אויף, איך שטאַרב פון געלעכטער.

די מאַמע האָט מיט האַסט זיך ווידער גענומען צו דער אַש־קאַן, אַרויפגעשלעפּט אויפן טראָטואַר, און ווידער גענומען ריידן צו איר אינגל:

— נו, איצט גיי איך אין דער צווייטער בילדינג. דאָ שפּיל זיך,

גערענק, זאָלסטו מיר ניט אַראָפּ פון טראָטואַר. דאָ זאָלסטו בלייבן, וועסט אַראָפּ, איז זאָל גאָט אויסהיטן, וועט מען דיך איבערפאָרן, זאָלסט ניט אַראָפּ פון טראָטואַר, אויב איך וועל דיך געפינען ווי געכ־טן אויף דער צווייטער זייט, וועל איך דיך שלאָגן און פון קעלער ניט אַרויסלאָזן. מען וועט דיך איבערפאָרן . . . וועסט ניט?

— ניין, מאַ.

— אַזוי, מיין איינציקער, געדענק, זאָלסט ניט אַראָפּ.

דזשימי קען שוין גוט דער מאַמעס רייד: ניט אָפּטרעטן פונ־דאַנען, ניט אַראָפּ פון טראָטואַר, מען וועט אים איבערפאָרן . . . ער זאָגט צו, ער וועט ניט גיין. אָבער אין דער אמתן, ציט אים אַוועק־צוגיין פונדאַנען, ווי מיט צוואַנגען. דאָ אין גאַס איז פינצטער, אין קעלער, וואו די מאַמע וואוינט מיט אים, איז פינצטער. דאָרטן, ווייטער, ווייס ער, איז ליכטיק, גוט, ניט ווי דאָ.

ב.

ווי אַ פלאַנץ האָט דזשימי זיך געצויגן צו דער זון, אַהינצו, וואו עס איז ליכטיק און זוניק. אָבער מען טאָר ניט אַריבער די גאַס, מען וועט אים איבערפאָרן, וועט ער שוין בעסער בלייבן דאָ: „טרייבן אַ מאַשין“, „שווימען“ . . .

ניין, ער וועט פון טראָטואַר ניט אַראָפּ . . . אָבער ווען ער איז אין דרויסן און די מאַמע איז לאַנגע שעהן אין דער צווייטער בילדינג, כאַפּט ער זיך צו צום ראָג . . . און נאָר צום ראָג? שוין ניט איינמאָל איז ער אַריבערגעלאָפן נאָך עטלאַכע בלאָק ווייטער, און וואָס ער זעט דאָרטן!

אָ, דאָרט איז גוט. מאַשינען לויפן דאָרט אַזוינע שיינע, קאָ־לירטע, גלאַנציקע. דאָ, לעבן זיי, זעט מען זעלטן אַזוינע. דאָ זעט מען נאָר שווערע, טונקעלע, גרויסע. דאָ זיינען ניטאָ די שיינע גרינע און רויטע ליכט, פון וועלכע ער קען די אויגן ניט אָפּרייסן, וואָס שטעלן אָפּ די מאַשינען און לאָזן זיי פאָרן ווייטער.

אָבער מער פון אַלץ, ציט אים אַהינצו, ווייל ער האָט דערזען ווי אינגלאַך זיצן פון הינטן אויף די מאַשינען ביי די רעדער. ביים ערשטן מאָל זען, האָט עס אים דערשראָקן. אָט . . . דרייט זיך אַריין דאָס אינגל אין ראָד, ווי די מאַמע וואָרנט אים שטענדיק. אָבער ער

האָט שוין עטלאַכע מאָל געזען, ווי זיי הענגען זיך אָן, ווי זיי שפּרינגען אַרויף און ער איז זיכער, אַז ער קען אויך אַזוי, ער וואָלט פּונקט ווי זיי, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביי דער מאַשין און וואָלט זיך אָנגעהאַנגען.

ער וואָלט געגאַרט אַזוי זיצן און פאָרן. באַזונדערס וואָלט ער געוואָלט מיטפאָרן אויף דעם גרויסן רויט-געלן „באָס", וואָס איז פול מיט מענטשן. אָבער פאַר אים האָט ער מורא, ווייל איינמאָל, ווען פון הינטן אויפן „באָס" זיינען געזעסן צוויי ווייסע אינגלאַך, האָט ער דערזען, אַז דער באָס האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, די אינגלאַך זענען האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען לויפן, זיי זיינען צוגעלאָפן אַזש ביז אים. ער זעט, זיי זיינען אַזוינע אינגלאַך ווי ער, נאָר ווייסע און אַביסל גרעסערע. ביי זיך, לעבן הויז, האָט ער מיט קיינעם ניט זיך צו שפּילן. קיינער וואוינט ניט אַרום, נאָר ער און זיין מאַמע, אָבער פאַרוואָס זיינען זיי אַראָפּגעשפּרונגען און שטייען איצט לעבן אים און קוקן אַזוי אָנגעשטרענגט אויפן באָס, און אים זעען זיי גאָרניט? ערשט ער זעט, אַ מאַן, ווי אַ פּאָליסמאַן, האָט זיך באַוויזן פון „באָס" און שרייט עפּעס צו די אינגלאַך פון דערווייטנס און ווייזט זיי אַ פויסט. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון די אינגלאַך. פון אַזאַ „דרייווער" ווי אַ פּאָליסמאַן, וואָלט ער אַנטלאָפן צו זיך אין קעלער. אָבער צו זיין גרויס פאַרוואונדערונג, שטייען זיך די ווייסע אינגלאַך רואיק, ווי עס אַרט זיי גאָרניט, נאָר זיי קוקן מיט איינגעגעסענע אויגן, ווי זיי וואָלטן בלויז געוואַרט, צי זיי דאַרפן ווייטער לויפן, צי ניט. און גלייך ווי דער טרייבער איז צוריק אַריין אין מאַשין און זיך גענומען רירן פון אָרט, האָבן די אינגלאַך זיך אַ לאָז געטאָן פון אַלע פיס און צוריק זיך אַרויפגעכאַפּט פון הינטן ביי די רעדער.

ער האָט עס אין אָנהויב גאָרניט פאַרשטאַנען, נאָר געקוקט און געקוקט, מיט זיין מאַמעס גרויסע אויגן אויף די אינגלאַך און זיי, די ווייסע אינגלאַך, האָבן ווי ערשט איצט אים באַמערקט, אַז ער שטייט און קוקט אויף זיי. האָבן ביידע ווייסע אינגלאַך, ווי צונויפגערעדטערהייט, אים אַרויסגעשטעלט אַ צינג פון דער לויפנדיקער מאַשין אַראָפּ.

פון יענעם טאָג אָן, איז עס אים פון געדאַנק ניט אַרויס. אמת, אויפן „באָס" וואָלט ער מורא געהאַט צו פאָרן, צוליבן טרייבער, אָבער אויף די אַנדערע „מאַשינען" וואָלט ער זיכער געפאָרן. ער האָט ניט

געזען, אַז אימיצער זאָל ניט לאָזן. קיינער טשעפּעט ניט, און עס האָט אים געצויגן צו יענער גאַס-קרייצונג, עטלאַכע בלאָק ווייטער, וואו עס פאָרן אַדורך די קאָלירטע, גלאַנציקע מאַשינען און וואו אינגלאַך זיצן פון הינטן אויף די בופערס.

ג.

ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט, ווייס ער אַליין ניט. ער האָט נאָר אָפּגעוואַרט די מינוט, אַז די מאַמע זאָל אַוועק אין דער צווייטער „בילדינג" אַרבעטן. באַלד איז ער מיט אימפּעט דורכגעלאָפן דאָס שטיקל וועג און מיט אויפגעריסענע, צעשראָקענע אויגן, גענומען זיך איינעסן אין די פאַרביילויפנדיקע מאַשינען און געטראַכט אויף וועלכער קען ער זיך אַרויפכאַפּן.

ער האָט שוין אַלץ פריער גוט באַמערקט. ער ווייס שוין, אַז ער דאַרף וואַרטן ביז די מאַשינען וועלן זיך אָפּשטעלן אויף רויט, נאָכדעם נאָך צוואַוואַרטן אַביסל, ביז זיי דאַרפן זיך נעמען רירן, ערשט, זיך אָנכאַפּן פון הינטן און ער וועט פאָרן!

אָט קומט אָן דער באַס, זאָל ער אפשר פאָרט אויף אים אַרויף? ניין, ער האָט מורא פאַרן טרייבער.

נאָר אָ, אָ! אַ גלאַנציקע קאָלירטע מאַשין איז אָנגעקומען, אַ גרינע מיט רויטע פּאַסן און געבליבן שטיין.

פלינק, באַוועגלאַך, ווערן אים הענט און פיס. ווי אַ קעצל גיט ער זיך אין גאַנצן אַ שאַר צו: אַ כאַפּ אָן, אַ טוליע צו, און ער פאָרט שוין.

אייגנטלאַך, האָט ער גאָרניט באַמערקט, ווי ער האָט אָנגע-הויבן פאָרן, אַזוי אויפגערעגט איז ער געווען, נאָר ער האָט דערפילט, ווי עפּעס אינווייניק אין בייכל וואָלט אים אַ צי געטאָן און פאַרשטאַ-נען, אַז ער פאָרט שוין.

דזשימי האָט אַפילו ניט געוואוסט צו טראַכטן, וואו ער קען פאַר-פאָרן און ווי אַזוי ער וועט קומען אַ היים צוריק. ערגעץ-וואו איז ער ביי זיך געווען זיכער, אַז ער וועט קומען מיטן זעלביקן וועג צו-ריק. בעסלעכווייז האָט ער זיך גענומען באַרואיקן. ער האָט גענומען פילן די פולע ליכטיקייט און אַז עפּעס וואַרעמט אים אַזוי אָנגענעם פון די זייטן און אין רוקן.

ד.

די זייט גאַס וואו דזשימין איז אויסגעקומען זיך אַרויפזעצן, האָט

זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו „איסט“. צוערשט איז געפאָרן דער באָס אויף וועלכן ער האָט פריער געטראַכט, צי זאָל ער זיך פאָרט ניט אַרויפזעצן, און נאָך אים די מאַשין מיט דזשימין. דער באָס איז געווען דער „מעדיסאָן־סטריט־באָס“, וואָס מאַכט זיינע שטענדיקע „טריפּס“ פון דער טשעמבער־סטריט „פּעררי“ צו דער „איסט סייד“ דורך מעדיסאָן סטריט, און אויפן זעלביקן וועג, האָט עס איצט גע־געטראָגן די מאַשין דעם קליינעם דזשימין.

פונוואַנען האָט דזשימי געקענט וויסן, וואָס אין דער „ווייטער“ וועלט טוט זיך? פונוואַנען האָט דער דזשעניטאָרס אינגל פון קעלער, דאָרט צווישן די לעדער־סקלאַדן, געקענט וויסן, אַז די מאַשין טראָגט אים איצט איבער פרעמדע קינדערשע מלוכות?

דזשימי האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט, אַז מעדיסאָן־סטריט איז נאָך לאַנגע קינדערשע מלחמות איינגעטיילט געוואָרן אין דריי מלוכות:

פון ניו־בויערי ביז פּאַיק־סטריט, וואו עס וואוינען מערסטנס גריכן, איז געווען „גריכנלאַנד“, פון פּאַיק־סטריט ביז ראַטגערס, וואו איטאַליענער וואוינען, איז געווען „איטאַליע“ און פון ראַטגערס אַראָפּצו איז געווען „אידנלאַנד.“

נאָך לאַנגע מלחמות, פון וועלכע עס זיינען, צום באַדויערן, אין דער געשיכטע פון מלחמות קיין רעקאָרדס ניט פאַרבליבן, האָבן זיך די דריי מלוכות מער אָדער ווינציקער איינגעאָרדנט מיט זייערע גרענעצן און אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען.

די מלחמות פלעגן פאָרקומען צוליב פאַרשידענע סיבות, אָבער דערהויפּט טאַקע צוליב „ראַידס“. אַזויפיל אינגלאַך פלעגן וועלן נעמען „ראַידס“—זיך אָנהענגען פון הינטן אָן באַסעס און מאַשינען, אַז כדי ניט געהרגעט ווערן, ביים אָפּרייסן איינער דעם אַנדערן פון אַ באָס, אָדער מאַשין, האָבן זיי געמאַכט גרענעצן: ביז אַהער מעגסטו פאָרן פון דיין מלוכה, און ווייטער, לאָז דיין פּלאַץ פאַרן איינוואוינער פון דער צווייטער מלוכה. טרעפט, אַ מאַשין שטעלט זיך ניט אָפּ ביים גרענעץ, מעגסטו צופאָרן ביזן נאָענטסטן סיגנאַל און סטאָפּ, ניט ווייטער! אַנדערש וועט מען דיך אַראָפּשלעפּן . . .

אָבער, דוכט זיך, גוט, שוין איינגעטיילט אין מלוכות מיט באַ־שטימטע גרענעצן און געזעצן, שוין אַלץ איינגעאָרדנט, און מיט אַמאָל

שפּרינגט ווייטער אַרויס אַ מלחמה. דערהויפּט צוליב נייע פירער. מאַכט זיך, אַ פירערס עלטערן קלייבן זיך איבער אין אַן אַנדער טייל שטאָט, און נעמען מיט, פאַרשטייט זיך, דעם הויפּט פון דער מלוכה, און ווייסן גאָרניט, אַז זיי לאָזן איבער אַ גאַנצע מלוכה אויף הפקר, און עס וועלן דאָרט זיך אָנהייבן מלחמות . . . זעלטן ווען, פלעגט דאָס אויפקומען פון אַ נייעם פירער אָפּגיין אָן מלחמות.

און עס פלעגן זיך בילדן פאַרבינדונגען און אָפּמאַכן אַמאָל „אידנ־לאַנד" מיט „איטאַליע" קעגן „גריכנלאַנד", אַמאָל איטאַליע מיט גריכנ־לאַנד קעגן אידנלאַנד, אָדער גאָר אידנלאַנד און גריכנלאַנד קעגן אי־טאַליע.

געוויינטלאַך, פלעגן די מלחמות פאָרקומען פאַרנאַכט, נאָך דער שול, און זיך פאַרציען ביז שפּעט אין אָוונט. גאַנצע מחנות אינגלאַך אין געלעכערטע צעקעסטלטע שול־יאַרמולקעס, ווי זיי וואָלטן גע־טראָגן גרויסע קאָליפאָרניער קאָלירטע „בלוט־פּאָמעראַנצן" אויף די קעפּ, אין „סוועטערס" און „אָווערראָלס" פון די פאַרשיידנסטע קאָלירן, „מיט קאַוואַלעריע" אויף „סקייטס", מיט „אַרטילעריע" אויף „פושערס", מיט עמבלעמען אויף די געשטריקטע בלוזעס, האָבן זיי אָנגעפירט די מלחמות.

די מיידלאַך פון די מלוכות פלעגן געוויינטלאַך זיין נאָר צוקוקע־רנס און זעלטן ווען נעמען אַן אַנטייל אין די באַטאַליעס פון די אינג־לאַך, זיי פלעגן בלויז צוקוקן, זיך אָנשטעלן וואו די „שלאַכטן" דאַרפן פאָרקומען און אין בעסטן פאַל העלפן שרייען, ליאַרעמען, אָדער מיט־העלפן . . . לויפן.

דערפאַר אָבער, פלעגן די מחנות אינגלאַך זיך לאָזן באַוואָפנטע מיט פיסטאָלעטן געקויפט אין קענדי סטאָרס, מיט ברעטלאַך — אָנ־שטאָט שווערדן — פון די קאַסטנס, וואָס וואַלגערן זיך ביי די „דריי־גודס" מאַגאַזינען פון דער נאָענטער איסט בראָדוויי און קאַנאַל סטריט.

מען פלעגט זיך קלאַפּן און פעכטן, און ניט איינמאָל איז אַרויס־געקומען אַ געשלעג, אַז גרויסע האָבן זיך געמוזט אַריינמישן און פונ־נאַנדערנעמען.

אָבער די געפערלאַכסטע צייט פאַר מלחמות, איז געווען זומער, אין וואַקאַציע צייט. אַלע אַרמייען פון אַלע מלוכות פלעגן אָפּזיין דעם גאַנצן טאָג אויפן גאַס, און עס האָבן קיינמאָל ניט געפעלט קיין אורזאַכן פאַר אַ מלחמה.

אמת, עס פלעגן זיין ציטן פון אַלגעמיינעם פרידן אויך, אין אַזעלכע ציטן האָבן די אינגלאַך אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר די טרייבער פון די באָסעס, אָדער פאַר די טרייבער פון די אַנדערע מאַשינען. אין גאַנצע רייען פלעגט מען זיך אויסשטעלן אויף „ראַלער־סקייטס", אויף „פושערס" מיט די פירער אין דער שפּיץ. די פירער פלעגן די ערשטע זיך אָנכאַפּן אָן באָס, און נאָך זיי איינער אָן אַנדערן, אין אַ לאַנגער קייט. אַפילו מיידלאַך פלעגט מען אַמאָל אַריינגעמען.

דער באָס פליט, און פון הינטן ציט זיך נאָך אַ פּאַס מיט קינדער. מען האַלט זיך ביי די טאַליעס, פאַר די סוועטערס, ביי די גאַרטלען. דער קינדער־פּאַס ציט זיך אויס, שלענגלט זיך, מען איז באַגייסטערט, מען פאַרגעסט אפילו אָן דער געפאַר, אַז אָט, אָט לויערט דער טויט: דער באָס פון פאָרנט זאָל זיך פלוצלונג אָפּשטעלן, און אַ צווייטע מאַשין פון הינטן, זאָל בלוטיק זיך אַריינשניידן אין זיי, אָדער גאָר איין באַוועגונג ניט פאָרזיכטיק: אַ פוס זאָל זיך פאַרטשעפּען, אַ רעדל אין סקייט זאָל קאַליע ווערן און מען פאַלט, מען ווערט מיטגעשלעפּט און אַמאָל טאַקע אונטערן ראָד אויך.

אָבער דאָס אַרט ניט, וועגן דעם קלערט מען ניט, דאָס ערגסטע איז, אַז דער באָס זאָל זיך ניט געבן אַ שטעל אָפּ, און דער טרייבער אין יוניפאָרם זאָל ניט אַרויסשפּרינגען. ביז . . . דער באָס שטעלט זיך טאַקע ראַפּטאָם אָפּ און דער טרייבער לאָזט זיך לויפן נאָך זיי, ווי נאָך שטאָטישע צעפלויגענע שפּערלאַך.

אין אַזאַ ציט האָבן די „מלוכות" ניט געקוקט אויף גרענעצן. מען פלעגט אַריינפאָרן איינער צום אַנדערן און פאָרן צוזאַמען.

ה.

ווען דזשימי האָט זיך געלאָזט פאָרן, איז אַזאַ אַלגעמיינער שלום אויף דער וועלט ניט געווען, און ווען עס וואָלט אפילו יע געווען, וואָלט אים אויך מסתמא ניט געהאָלפן. וואָרים ווי די מאַשין האָט זיך נאָר באַוויזן נאָכן באָס אין „גריכנלאַנד" האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:

אַ נעגערל זיצט אויף אַ מאַשין! אַ נעגערל! שלעפּט אים אַרונטער!

אין „גריכנלאַנד" איז מען געוואָרן אַזוי איבערראַשט פון דער

„חוצפה“ און פון דער פלוצלאַכקייט, אַז מען האָט ניט באַוויזן דזשימין אַראָפּצושלעפּן. עם האָבן זיך נאָר אויפגעהויבן קולות, און מען האָט אָנגעהויבן נאָכיאָגן אויף „סקייטס“ און אויף „פּושערס“ און שרייען און ווייזן צו „איטאַליע“, אַז דאָרטן זאָל מען אים איבערכאַפּן.

אין „איטאַליע“ האָט מען צום אָנהייב ניט באַגריפן, וואָס מען שרייט צו זיי. דער באָס איז געלאָפן ווי אַ באַשיצער פון פּאַרנט, און האָט פאַרשטעלט די מאַשין מיט דזשימין פון הינטן, און ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט איז, פּונקט ווי אין גריכנלאַנד, די מאַשין שוין גע־האַט פאַרביי און אַריין אין אידנלאַנד.

אין אידנלאַנד איז דער פירער, דייווי, געשטאַנען מיט זיין גאַנצער „גענג“ און זיך געפּאַרעט אַרום אַן אויטאָמאָביל־ראָד, וואָס זיי האָבן געפונען און געבראַכט צוקייקלען אַהער אויפן טראָ־טואַר און אַרויפגעלייגט אויף אַ ליידיקער איבערגעקערטער מיסט־קאַן.

דייווי, — אַ אינגל, געוויקסיקער פון זיינע יאָרן, מיט אַן אָפן גוטמוטיק פּנים, האָט געפּרואווט מיט אַלע כוחות אַראָפּנעמען די גומענע שינע פון ראָד, ער האָט אָבער ניט געקענט, ווי זי וואָלט גע־ווען איינגעוואָקסן.

דייווי, איז פון דעם געווען פאַרשוויצט און אויפגערעגט. זיינס אַן אַרויסהעלפער איז געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מיט אַ האַמער אין די הענט: דייווי האָט צו אים עפּעס אַ זאָג געטאָן, און יענער האָט ווייטער גענומען קלאַפּן. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט עס דעם אַרויסהעלפער געהאַט צוגעגעסן און ער האָט גענומען סתם האַקן מיטן האַמער איבערן ראָד, וואו עס האָט זיך געלאָזן.

— וואָס טוסטו? וועסט צעהאַקן די שינע און זי וועט ניט טויגן צום שווימען!

— זאָל עס גיין צום טייוול . . . האָט מיט אַלע כוחות יענער אַ זעץ געטאָן מיטן האַמער איבערן ראָד, ווי מען דערלאַנגט אַ זעץ אַ זאַך צום לעצטן מאָל.

דייווי האָט יענעם אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט און זיך גענומען אַמפּערן, נאָר מיט אַמאָל האָבן זיי ווי דערפילט דעם טומל, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן אין „גריכנלאַנד“ און זיך גענומען צו־קוקן. און דאָ שרייען שוין אינגלאַך פון דערווייטנס און טייטלען אויף אַ מאַשין:

— אַ נעגערל פאַרט! אַ נעגערל פאַרט אויפן „באַמפּער“! שלעפּ

אים אַראָפּ!

ביי זיי „אַראָפּשלעפּן" איז געווען אַ געוויינטלאַכע זאַך. זיי האָבן געקענט אַרויפשפּרינגען און אַראָפּשפּרינגען אין מיטן פאָרן, טאַקע מיט גרוים ריזיקע, אָבער זיי האָבן געקענט.

ווי דזשימי איז נאָר אַריינגעפאָרן אין „גריכנלאַנד", האָט ער דערזען, אַז מען שרייט עפּעס צו אים, און מען יאָגט זיך. אין אָנהייב האָט ער נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, נאָר ווען ער האָט דער־זען, אַז אַ האַנט פון אַ אינגל אויף „סקייטס" גיט זיך אַ ציִ, און וויל אים אַ כאַפּ טאָן דעם פוס, האָט ער אינסטינקטיוו צוגעכאַפּט און נאָך מער זיך צוגעדריקט צו דער מאַשין. און דאָ זעט ער פון אַלע זייטן לויפן אינגלאַך און פון אַלע זייטן ציִען זיך הענט, דריקט ער זיך אַלץ פעסטער אויף זיין זיץ צו דער מאַשין, ווי ער וואָלט אינגאַנצן זיך געוואָלט אין איר אַריינפרעסן.

דייווי און זיין „גענג" האָבן פאַרגעסן אָן ראַד. זיי זעען, אַז עס טראָגט זיך אַ טומל, און אין מיטן טומל דער באָס. זיי האָבן פלינק אויפגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער, צייכנס פון אויפגעהויבענע הענט און זייערן האַסטיק אַראָפּ פון טראָטואַר.

פאַרביי האָט זיך דורכגעטראָגן דער באָס, און באַלד די מאַשין מיט דזשימין.

— דייווי לאָז נישט, לאָז נישט! — האָט זיין „קראַוד" גענומען ליאַרמען.

דזשימי האָט איצט ווי דערפילט די געפאַר. עס שרעקט אים אַזוי דאָס ווייסע גרויסע אינגל וואָס לויפט צו אים קרום פון טראָטואַר. ער וואָלט שוין איצט בעסער געוואָלט אַראָפּשפּרינגען, נאָר אינסטינקטיוו זעט ער דאָס ראָד און דאָרטן דאָס בליציקע פינטעלע: בליץ־בליץ, אַזוי האַסטיק־שנעל, און ער קאָרטשעט זיך אינגאַנצן איין אויף זיין גע־פערלאַכן „סיט", ווי מיט טויזנט הענטלאַך קלאַמערט ער זיך אָן דער מאַשין, און מיט דער מאַמעס גרויסע אויפגעריסענע אויגן גענומען קינדיש רופן:

— ניין, ניין . . .

דייווי האָט אים אַ פּאַק געטאָן פאַר אַ פוס.

פלוצלונג האָט זיך אין מיטן טומל אַריינגעשניטן אַ געשריי פול מיט שוידער און טויטלאַכן אַנגסט. דאָס האָט אַ אידישע מאַמע פון מעדיסאָן סטריט דערזען, ווי מען שלעפּט אַראָפּ דעם שוואַרצינקן פאַרן

פיסל, ווי ער לאָזט זיך ניט, און אַט, אַט, פּלאָנטערט ער זיך אַריין אין ראָד.

אויף אַ רגע האָט זיך גערדאַכט, אַז דאָס פאַרצווייפלטע געשריי האָט איבערגעריסן און אָפּגעשטעלט די גאַנצע באַוועגונג פון דער ניו־יאָרקער גאַס. אויף די טראָטוארן האָבן דורכגייער זיך אומגעקוקט, זיך פאַרהאַלטן אַ סעקונדע — זען וואָס דאָ איז. פון ביידע זייטן טויערן, פון די רייען פענצטער, שטאָק איבער שטאָק, האָבן גענומען אַרויס־שטעקן זיך קעפּ.

אַ גלאַנציקע גרינע מאַשין מיט רויטע פּאַסן האָט מיט איינמאָל, מיט אַ גרילץ פון די „ברייקס" זיך אָפּגעשטעלט. אַ מאַן איז אַרויסגע־שפּרונגען פון פאָדערשטן זיץ, און זיך געלאָזט לויפן אויף צוריק. אין דערזעלביקער רגע איז שוין געוואָרן אַ געלאַף פון די טראָטוארן צום מיטן גאַס, וואו עס איז געלעגן אַ שוואַרץ פאַרבלוטיקט אינגל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין וויקלען און קאָרטשען, ווי ער וואָלט ניט געווען אַ מענטשלאַך קינד, נאָר אַ צעטראָטן שלענגל.

דער מאַן פון מאַשין האָט אַ כאַפּ געטאָן דזשימין אויף די הענט:

— וואו איז דאָ אַ שפּיטאָל? האָט ער צעשראָקן אַ פרעג געטאָן.

זיין פראַגע איז אָבער געווען איבעריק. פון אַלע זייטן האָט מען געשריען:

— גלייך אין „בית ישראל", דאָ נאָענט.

איינער אַ יונגער בחור האָט גאָרניט פרעגנדיק, זיך געגעבן אַ זעץ אַריין אין פראָנט־זיץ, אַ כאַפּ געטאָן דאָס ראָד, און פייל פון בויגן געלאָזט די מאַשין צום שפּיטאָל.

ו.

פריער ווי געוויינטלאַך, האָט זיך דייווי מיט אַ שווער געפיל אומ־געקערט אַ היים.

דאָס פאַרצווייפלטע געשריי פון דער אידישער מאַמען האָט זיך ווי איינגעגעסן ביי אים אין די אויערן, געבליבן קלינגען און וויל גאָר־ניט אַרויס. אין יענער קליינער רגע, וואָס ער האָט אַראָפּגעשלעפּט דאָס נעגערל, הינטער זיך, האָט ער נאָך געכאַפּט אַ קוק היינטער זיך, און סע שטייט אים נאָך פאַר די אויגן, ווי דאָס נעגערל האָט זיך געקאָרטשעט אויף דער ערד, געוויקלט זיך אין יסורים. דייווין האָט עס נאָך דער סומאַ־טאָכע ניט געלאָזט רוען, און אַן אומעטיקער און צעטראָגענער איז ער

געקומען נאָך אין העלן טאָג אין שטוב אַריין.

— פילסט זיך ניט גוט? — האָט אים די מאַמע אַ פרעג געטאָן.

— גאָרניט. — האָט ער קורץ געענטפערט.

דייווים פאָטער איז געקומען פון דער אַרבעט, זיך באַגריסט. דערזען, אַז דייווי איז שוין דאָ, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— ביסט שוין דאָ? אַבי איך האָב דיך געזוכט אויף דער גאַס.

— עסן איז פאַרטיק, — האָט זיך אָנגערופן די מאַמע, — איך האָב מורא, אַז אים איז עפּעס, כאָטש ער זאָגט, אַז ס'איז גאָרניט, ווייסט דאָך זיין נאַטור.

— דייווי, דיר איז עפּעס?

— ניין, פּאַ.

רופט זיך אָפּ די מאַמע:

— אָט, וואָס ער זאָגט, אַזאַ שיין וועטער, און ער איז אין שטוב.

— אַז ער זאָגט: ניט, איז מסתמא גאָרניט, ער איז ניט קיין בייבי, אַ דערוואַקסן אינגל . . . אוי, איר מאַמעס! — האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט אויפן קול.

דער פאָטער האָט זיך געוואַשט ביים „סינק" מיטן האַנטוך און געגעדט אין שטוב אַריין.

— איך האָב איצט אַזוינס געזען, וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען . . .

— וואָס? — איז די פרוי, געוואָרן נייגעריק.

— כ'גיי דאָ פאַרביי דעם שפּיטאָל, זע איך אַ רעדל מענטשן ביים אַריינגאַנג, פאַרשטיי איך שוין, אַז ס'איז אַן „עקסידענט". מסתמא געבראַכט אַן איבערגעפאַרענעם. ניט קיין נייס. „דער אויטאָמאָביל איז געוואָרן דער מאָדערנער מלאך המות" — דערמאָנט זיך דער פאָטער אַ קעפּל פון אַ אידישער צייטונג און רעדט עם אַרויס אין דער הויך, — כ'קום צו, דערלאַנג אַ קוק און זע אַזוינס וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען, און וואָלט גאַר ניט געגלויבט, ווען איך זע עס ניט מיט מיינע אייגענע אויגן.

דערצייל שוין! — רעדט אַרויס אַביסל צעשראָקן די מאַמע.

— כ'זע צווישן דעם רעדל מענטשן. אויף די טרעפּ פון שפּיטאָל זיצט אַ שוואַרצע און יאָמערט, וויינט אויפן קול, רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, ברעכט זיך די פינגער, קנייפּט זיך, ווי זי וואָלט וועלן

אויסרייסן פון זיך שטיקער פלייש און הערסט יעדעס פיצל אויף איר פנים, די הויט אויף די הענט ציטערט, גאָר פּשוט די הויט אויף די הענט . . .

— וואָס האָט געטראָפן?

דייווי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און בלייך געוואָרן.

— אין אָנהייב האָב איך געמיינט אַ משוגענע און דער עולם שטייט אַרום איר, אָבער זי האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן אויפן קול:

„זוני" . . .

„מיין איינציקער".

„מיין טייערער".

„מיין אינגל".

אַז עס האָט פאַרכאַפּט ביים הארצן. איך האָב אַ פרעג געטאָן, וואָס דאָס איז? ערשט, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז היינט בייטאָג, דאָ ניט ווייט, האָבן „לויפערס" אַראָפּגעשלעפּט פון מאַשין איר אינגל, און ער איז איבערגעפאָרן געוואָרן . . .

— אויף טויט?—האָט די מאַמע אין איין אָטעם אַ פרעג געטאָן.

דייווי האָט אַ ציטער געטאָן.

— מען ווייס ניט.

— אַן איין-איינציקער! — באַדויערט די מאַמע, — אָבער וואָס זיצט זי אויף די טרעפּ. פאַרוואָס ניט אינווייניק?

— דאָס האָב איך אויך געפרעגט, ווייזט זיך אַרויס, אַז זי האָט אַזוי אָנגעגעבן אין שפּיטאָל, אַז מען האָט זי געמוזט אַרויספירן, אַ ברירה האָבן זיי געהאַט, אָבער אַזאַ צער, אַזאַ צער, האָב איך נאָך ניט געזען, — רעדט דער פאָטער, ווי ער וואָלט זי נאָך געזען פאַר די אויגן, — אַבי מען זאָגט אידישע מאַמעס . . .

— וואָס מיינסטו, קנאַפּ פאַלן מיר אין די בלוטן צוליב דייווין?...

דייווין איז געוואָרן היים, ער האָט אָנגעהויבן פילן, ווי דאָס אָרט ברענט אונטער אים, און מורא געהאַט צו קוקן אויף טאַטע-מאַמע.

— און ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן — זעצט זיך איין דער פאָטער ביים טיש און נעמט זיך צום עסן — ווען עס וואָלט ניט גע-ווען אַ שוואַרצער, וואָלטן אים די ווייסע לויפערס ניט אַראָפּגעשלעפּט.

דייווי האָט געהאַט צוגעטראָגן אַ שטיקל ברויט צום מויל און עס אַראָפּגעלאָזט צוריק.

— אָ, וואָס דו רעדסט, קנאַפּ שלעפּן זיי איינע די אַנדערע ? דו שטענדיק מיטן סאָציאַליזם.

— וואָסי, ניט אמת ?

דייווי האָט געוואוסט, אַז דער פּאַ האָט אָנגעהויבן, וועט ער שוין וועגן דעם ריידן. פּאַ איז אַ „סאָשעליסט" און ער רעדט שטענדיק אַזוי. די מאַמע וועט זיך מיט אים אַמפּערן. אַן אַנדערש מאָל, האָט ער עס ניט ליב, איצט וויל ער זיי זאָלן זיך פאַררײדן, אַ ווען ער קען שוין אַוועק פון שטוב . . .

— וואו גייסטו, דייווי ? האָסט דאָך עפּעס גאָרניט געגעסן ?

— ערנסט, פּאַ, איך וויל ניט מער, כ'וויל זיין אין גאַס.

ז.

דייווי איז אַרוים אין גאַס און מיט עקשנות געטראַכט, אַז ער איז ניט שולדיק: יענער האָט זיך ניט געלאָזן אַראָפּשלעפּן, וואָלט ער זיך געלאָזן, וואָלט גאָרניט געווען, — ער וואָלט אים אויף די הענט אונטערגעכאַפּט, און פּאַ איז ניט גערעכט, מיט אַ ווייסן וואָלט ער אויך געטאָן דאָס אייגענע . . . און כאַפּט זיך פּלוצלונג: וואָלט ער מיט אַזאַ קליין, ווייס אינגל טאַקע אויך געטאָן דאָס אייגענע ?

פאַרוואָס גייט ער צום שפּיטאָל, וואָס האָט ער דאָרט צו טאָן ? בעסער ניט גיין דאָרטן. ער בלייבט שטיין און גייט ווייטער צום שפּיטאָל. אָט זעט ער שוין דאָס געזעמל מענטשן ביים אַריינגאַנג, דאָס מוז זיין, וואָס פּאַ האָט דערציילט. ער בלייבט ווידער שטיין, און מיט אַמאָל, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז אים אַרט ניט, איז ער האַסטיק צוגעגאַנגען.

אויף די טרעפּ פון שפּיטאָל האָט ער באַלד דערזען די שוואַרצע. דאָס איז „זיין" מאַמע האָט ער אַ קלער געטאָן.

אַרום זיך האָט ער דערהערט פראַגעס און ענטפערס. דער עולם האָט זיך געהאַלטן אין איין בייטן. דאָס האָט מען געענטפערט צו די אָנגעקומענע:

„איבערגעפאָרן."

„אויף טויט ?"

„זיצט שוין שעהן."

„שמייסן וואָלט מען זיי באַדאַרפט."

אָבער די אַלע רייד זיינען פאַרביי זיינע אויערן, ער האָט ניט געקענט אָפּרייסן זיין קוק פון דער שוואַרצער. איצט איז זי שוין

געזעסן אַן איינגעשטילטע אָבער נאָך אַלץ אין שטילן יאָמער גע־רעדט:

„זוניו."

„מיין אינגל."

„כ'וועל דיך שוין ניט זען."

אירע יאָמערדיקע רייד האָבן אים מאָדנע אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. אים האָט זיך פאַרוואָלט צוגיין צו איר און זאָגן: הער אויף, איך בין עס דאָס אינגל, וואָס האָט אים אַראָפּגעשלעפּט, נאַ, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, אָבער „פאַר גאָדס סייק", הער אויף. ער איז אָבער געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער און בלויז געקוקט, געקוקט.

מיט אַמאָל האָט זיך די טיר אין שפּיטאָל געעפנט. אַ יונגער „אינטוירן" אין אַ ווייסן כאַלאַט האָט זיך באַוויזן, באַטראַכט אַ ווײַלע דאָס געזעמל מענטשן, געכאַפּט אַ קוק אויף דער יאָמערדיקער שוואַר־צער. זי אויפגעהויבן און אַריינגעפירט אינווייניק.

„זעט, מען האָט זי אַריינגענומען", האָט זיך אויפגעהויבן אַ גערייד.

„צו נעמען בלוט", האָט איינער אין עולם אַ זאָג געטאָן, „אַ נוירס האָט געזאָגט, אַז מען זוכט אַ פּאָר מענטשן צו נעמען בלוט".

דייוווין האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט אפילו אַ רגע ניט געטראַכט, עפּעס האָט ער אין עקשנות אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט דאָ געגאַנגען האָבן אַ „פייט" מיט אימיצן, מיט האַרץ אַן עפן געטאָן די טיר און אַריין אין שפּיטאָל.

ח.

דייווי האָט דוכט זיך, גוט געקענט דעם שפּיטאָל, די גאַנצע לאַנגע געביידע אַרום, פונקט ווי אַ גוט־באַקאַנטן מענטשן אין גאַס. איז ער אָבער נאָר איבערגעטראָטן די שוועל און אַריין אינווייניק, האָט אויף אים אַן אָטעם געטאָן מיט פרעמדקייט, ווי ער וואָלט גאָר דעם שפּיטאָל פון דרויסן ניט געקענט.

אין שפּיטאָל האָט שוין געברענט די עלעקטריק, און באַגעגנט האָט אים אַ פרעמדע וועלט און אַ פרעמדער ריח, — דער מאָדנער שפּיטאָל־ריח. אים האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, צי זאָל ער ניט אַרויס צוריק, אָבער געפילט, אַז צוריק וועט ער שוין ניט, האָט ער

זיך אַרומגעקוקט אויף דער יונגער טעלעפאָן-מיידל ביים „סוויטש“, צי זאָל ער איר ניט זאָגן, אָבער באַלד באַשלאָסן, אַז זי איז נאָך אַ „בייבי“ — ניטאָ וואָס צו ריידן צו איר, און ווען ער האָט דערזען אַ עלטערע נוירס אין פּענסנע אַרויסקומען פון עלעווייטאָר, איז ער צו איר צוגעגאַנגען.

— וואָס דאַרפסטו?

— בין געקומען געבן בלוט.

די נוירס האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט.

— וואָס, וואָס דאַרפסטו?

— געבן בלוט פאַרן שוואַרצן אינגל.

די עלטערע נוירס האָט ערשט איצט ווי ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און געבליבן קוקן אויף אים. דאָס האָט דייווין אַביסל צעמישט.

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער?

— בין אַליין געקומען.

— אַליין געקומען געבן בלוט פאַר אַ שוואַרצן אינגל? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט שטוינונג.

— יע.

— מיס, — האָט די נוירס אין די פּענסנע, אַ רוף געטאָן, און זיך אַ קער געטאָן צום „סוויטש“, — זייט אַזוי גוט און פאַרבינדט מיך מיט דר. קאָן.

— דר. קאָן? — האָט די נוירס גערעדט אין טעלעפאָן, — אַ זאַך, וואָס האָט צו טאָן מיט אייך, אַ וויים אינגל איז געקומען געבן בלוט פאַרן נעגער-אינגל וועמען איר האָט פריער איינבאַנדאַזשירט די ריפּן. וואָס פאַר אַ אינגל פרעגט איר? קוקט אויס אַ אידישער... ביסט דאָך אַ אידישער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן דייווין אין מיטן שמועס. — יע, אַ אידישער, ביזנעס? ניין, ווייזט אויס, אַז ניט. אַליין געקומען? יע, איך פאַר שוין אַרויף מיט אים צו אייך.

דייווי איז שוין איצט געשטאַנען רואיק און גלייכגילטיק. עפּעס איז אים אַראָפּ אַ משא. ער האָט געוואַרט וואָס עס וועט זיין.

ט.

ווען זיי זיינען אַרויפגעפאָרן צו דר. קאָן, איז ער זיי געקומען אַנטקעגן. אַן עלטערער, אַ גרוילאַכער, האָט ער עפּעס אַזוי שאַרף

און קרומלאַך געקוקט און קורץ און גיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַר אַ געשיכטע?

— געקומען געבן בלוט פאַרן נעגערל... — פרעגט אים, דאָקטאָר.

— וואָס פאַר אַ בלוט? — האָט דער דאָקטאָר בייז אַ ברום געטאָן.

— ווער האָט דיך געשיקט אַהער? — האָט דר. קאָן אָנגעהויבן.

— אַליין געקומען.

דר. קאָן האָט ווי ניט געהערט דייוויס ענטפער און ווייטער גיך אין כעס אָנגעהויבן ריידן אין אידיש:

— טאַטע־מאַמע געשיקט . . . אַ נייע פרנסה ביי אידן: שיקן יונגע קינדער בלוט געבן . . .

דייוווי האָט איצט פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָקטאָר מיינט, און קורץ אַ זאָג געטאָן:

— דאָס האָב איך אים אַראָפּגעשלעפּט פון מאַשין . . .

דער דר. קאָן האָט זיך פאַרהוסט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשטיקט מיט אַ וואָרט.

— וואַ־אַ־ם? — האָט ער אויסגעצויגן און דירעקט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף דייווין.

דייווי האָט איצט געקוקט דעם דאָקטאָר גלייך אין די אויגן, ווי איינער זאָגט, וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? און מיט עקשנות אַרויסגערעדט

— יע, איך האָב אים אַראָפּגעשלעפּט.

דר. קאָן האָט זיך איצט ווי צעשריען:

— פריער וועסטו אַראָפּשלעפּן, נאָכדעם וועסטו קומען געבן בלוט. שמייסן, קאַטעווען דאַרף מען אייך, און וואָס איז דאָס פאַר אַ געשעפטן, זיך אָנהענגען אָן מאַשינען און אַראָפּשלעפּן! . . .

דר. קאָן האָט זיך אַביסל באַרואיקט, אָבער נאָך אַלץ גיך און האַרט גערעדט:

— ווייסט, ווי אַזוי מען גיט בלוט? ווייז דיין האַנט. זעסט, מען וועט דיר דאָ איינשניידן דעם אָדער . . . דו ווייסט, אַז דאָס טוט וויי? — האָט ער געמאַכט אַ שטרענג פנים.

— איך וויים.

— און ווילסט זיך לאָזן?

— יע.

— וואָס וועט דיין טאַטע־מאַמע זאָגן?
— זיי טאָרן ניט וויסן.

ביי דר. קאָן האָט זיך מיט אַמאָל דער גאַנצער אויסדרוק געביטן. אין די שאַרפע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן אַ מילדקייט און אַ צו־פרידנקייט. ער האָט איצט אַ רוף געטאָן צו דייווין:

— קום מיט מיר.

מעכאַניש איז אים דייווי נאָכגעגאַנגען.

דר. קאָן האָט אים אַריינגעפירט אין אַ „וואָרד“. דייווי האָט דערזען רייען בעטלאַך מיט קינדער פון פאַרשידענעם עלטער אויף זיי. דר. קאָן האָט אָנגענומען דייווין פאַרן אַקסעל און אים צוגע־שטופּט צו אַ בעטל.

— דערקענסט?

אויף אַ בעטל, אויף אַ ווייס קישן איז געלעגן אַ שוואַרץ קעפּל, דורכגעשניטן מיט ווייסע באַנדאַזשן. מען האָט כמעט דאָס פּנים ניט אַרויסגעזען, נאָר צוויי גרויסע אויפגעריסענע אויגן האָבן אַרויס־געקוקט.

— זעסט, וואָס דו האָסט געטאָן?

דייווין האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— נו, גוט, האָט דר. קאָן פּלוצלונג אָנגעהויבן ריידן אויסער־געוויינלאַך פריינטלאַך, — חרטה איז אַ גרויסע זאַך, אָבער נאָכאַמאָל זאָלסטו מיט קיינעם אַזוינס ניט טאָן. ביי אַזעלכע ייִנגלאַך ווי דו, נעמט מען קיין בלוט ניט. ער דאַרף ניט קיין בלוט, — האָט ער אַ וויַיז געטאָן אויף דזשימין, — ער וועט געזונט ווערן, אָבער נאָך אַ האָר וואָלט ער געשטאָרבן. נו, גיי אַהיים און זיי אַ וואויל בחורל...

דייווי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין פון וואָרד, נאָר פּלוצלונג זיך אומגעקערט, צוגעגאַנגען צו דזשימיס בעטל, מיט די פינגער זיך פאַר־זיכטיק צוגערירט צום אויבערדעק, און אַ פרעג געטאָן:

— טוט וויי?

דאָס שוואַרצע קעפּל מיט די אויפגעריסענע אויגן, האָט זיך אַ ריר געטאָן אויף:

— יע.

— האָסט באַדאַרפט זיך לאָזן אַראָפּשלעפּן, — האָט דייווי וויי־טער שטיל אַ זאָג געטאָן, — איך האָב ניט געמיינט . . .

דייווי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ניט געפונען קיין

ווערטער, האָט ער זיך אויסגעדרייט און מיט פּאַמעלאַכע טריט אַרויס פון וואָרד.

דר. קאָן איז געשטאַנען און דאָס צוגעקוקט.

א. רייזען

אַ ניו-יאָרקער בילד

געביידן אומגעהייער —
די גרעסטע אין דער וועלט,
דאָך וואוינונגען די קלענסטע
און לופט פאַר קינדער פעלט.

נו, פירט ביים־טאָג די מוטער
אַרויס אין גאַס דאָס קינד;
עס איז אַ טאָג אַ קאַלטער,
אַנטקעגן יאָגט אַ ווינט.

זי קערעוועט דאָס וועגל
און זוכט אַ וואַרים זייט;
זי האָט פון ווינט דעם קאַלטן
דאָס ליבע קינד באַפרייט.

דאָך הויך זיינען די הייזער,
אין שאָטן ליגט די גאַס;
זי זוכט און האָט געפונען
אַ שמאָלן זונען־פּאַס...

זי שטעלט זיך זעלבסט אין שאָטן,
צום ווינט מיט איר געזיכט,
כדי ניט צו פאַרנעמען
פון קינד דאָס ביסל ליכט.

דאָס קינד אין וועגל שמייכלט,
ווי ס'וואָלט געוואוסט דערפון;
די מאַמע האָט געפונען
פאַר אים אַביסל זון...

ז. וויינפער

די מעשה פונם נעגערל און שלעגערל

אזוי־אַ לייענט זיך די מעשה
פונם נעגערל און שלעגערל.
די הויט פון שלעגערל — אַ ווייסע,
און אַ שוואַרצע ביי דעם נעגערל.

אַמאָל איז געווען אַ נעגערל
מיט צוויי טרויעריקע אויגן.
אַמאָל איז געווען אַ שלעגערל
מיט אַ שאַרפן עלנבויגן.

האָט ליב געהאַט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
אַ שטורכע טאָן דאָס נעגערל
אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן.

וואָס זשע האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן?

גאָרניט האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן.

די הויט פון שלעגערל — אַ ווייסע
און אַ שוואַרצע ביי דעם נעגערל, —
אַ טרויעריקע איז די מעשה
פונם נעגערל און שלעגערל.

נ פ ת ל י ג ר אָ ס

ד ז ש י ן ג ײ ט אַ ר ב ע ט ן

(פון יודזשין װיקטאָר דעבס יוגנט־יאָרן)

א

דזשין האָט געענדיקט פּאַבליק סקול. ער איז דעמאָלט אַלט געװען 14 יאָר. ער איז געװען הױך און שלאַנק, און האָט אױסגעזען עלטער װי ער איז געװען, און האַלטן האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן מענטשן.

דזשין האָט ליב געהאַט די שול און ער האָט זיך אַלעמאָל געלערנט מיט חשק. דאָך האָט ער בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו גײן אַרבעטן. װאָרים ער האָט געזען װי שװער זײַן פּאָטער אַרבעט און ס'איז קײנמאָל ניט פאַראַן װיפיל מען באַדאַרף האָבן פאַר אַלעמען. אַמאָל קלעקט אַפילו נישט קײן עסן גענוג פאַר אַלעמען, און אַז סע קומט צום שלאָפן — מוז מען ליגן צװײ און אַמאָל דרײַ צוזאַמען.

די מוטער איז אַפילו קעגן דעם, אַז דזשין זאָל גײן אַרבעטן. זי װיל דזשין זאָל װײַטער לערנען און עפּעס אױסשטודירן. נאָר אַז אַ 14יעריק אינגל זאָל גײן אַרבעטן, דאָס איז אין יענע צײַטן — און אַפילו הײַנט־צו־טאָג — גאָרנישט ניט קײן נײַעס.

פאַראַן טױזנטער און הונדערט־טױזנטער אינגערע קינדער, װאָס גײען אַרבעטן. (אין יענע צײַטן זײַנען געװען נאָך מער.) און אַ סך קינדער װערן פאַרטריקנט און פאַרװעלקט פאַר דער צײַט און שטאַרבן. דזשין דערמאָנט זיך אָן זײַן חבר, דעם קלײנעם בילי, װאָס איז געגאַנגען אַרבעטן צו 9 יאָר און איז געשטאָרבן בײַ דער אַרבעט.

בילי איז געװען אַזאַ שײנער, און ער האָט געקענט דערצײלן װאונדערלאַכע מעשיות. אַלע האָבן געזאָגט, אַז בילי װעט אױס־װאַקסן אַ פּאָעט. אָ, זײַנע מעשיות! דזשין געדענקט זײ ביז הײַנטיקן טאָג.

אײנמאָל קומט בילי צו לױפן אין סקול, רופט צונױף אַלע זײַנע פרײַנט און דערצײלט זײ אַ מעשׂה, אַ מאָדנע מעשה, װי ער האָט בײַנאַכט געמאַכט אַ רײַזע צו דער לבֿנה. קײנער האָט אים נישט געװאָלט גלױבן, נאָר בילי האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנעם.

ביינאַכט איז צו אים געקומען אַ קליין מענטשעלע, אַ קאַרליקל מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט אים געהייסן זיך אָנטאָן און גיין מיט אים. נאָר די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, און דורכן קוימען האָט ער נישט געוואָלט קריכן, ווייל ער וועט זיך אויסשמירן. וואָס טוט מען? ערשט — די סטעליע עפנט זיך אויף און זיי גיבן זיך אַ הייב אויף און אַרויס אין דרויסן גלייך אויפן דאַך.

דערווייל דערזעען זיי — אַ וואָלקן שווימט איבערן דאַך. זאָגט דאָס קאַרליקל:

— וואָלקן, ליבער וואָלקן, ווילסטו אונז אַוועקטראָגן צו דער לבנה?

— אַוודאי, — זאָגט דער וואָלקן, — פאַרוואָס נישט? זעצט אייך אויף און האַלט אייך גוט צו, איר זאָלט נישט אַראָפּפאַלן.

בילי און דאָס קאַרליקל האָבן זיך אויפגעזעצט און דער וואָלקן איז אַוועק ווייטער. ער איז געפלויגן וואָס אַ מאָל שנעלער און העכער און העכער, ביז די ערד איז געוואָרן קלענער און קלענער און די לבנה — אַלץ גרעסער.

און אַז זיי זיינען אָנגעקומען אויף דער לבנה, ערשט — בילי גיט אַ קוק — אַלץ איז קאַפּויער, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. דער בלויער הימל איז אונטן, און אויבן איז די גרינע ערד; די צווייגן פון די ביימער שטעקן אין דר׳ערד, און די וואָרצלען ציען זיך אין דער הייך; די זון שיינט ביינאַכט, און בייטאָג שיינען די לבנה מיט די שטערן.

און אַפילו די באַשעפענישן: די חיות, די פייגל און די פיש זיינען דאָרטן קאַפּויער. די פייגל שווימען אַרום אין וואַסער, די פיש פליען אַרום אין דער לופטן, די חיות גייען אַרום מיט ביקסן און כאַפּן מענטשן, און די מענטשן לעבן אויף ביימער און אין היילן און אין גריבער.

נאָר דאָס וואונדערלאַכסטע איז דאָרטן מיט די מענטשן: זיי זיינען גרויס און אַלט, ווען זיי ווערן געבוירן. וואָס אַ יאָר ווייטער ווערן זיי קלענער, זיי וואַקסן צוריק און נידעריקער, ביז זיי ווערן קליינע קינדער; און דערנאָך ווערן זיי גאָר אַזוי קליין ווי שרעטעלאַך — אַ פינגער די גרויס. נאָר אַן אמת געלעכטער איז דאָרטן צו זען, ווי די קינדער שלאָגן די עלטערן, ווען די עלטערן פירן זיך נישט אויף גוט.

און נאָך עפּעס: די עלטערן זיצן דאָרטן אינדערהיים, גייען אין שול אַריין זיך לערנען, און די קינדער גייען פאַר זיי אַרבעטן. די אַלטע לייט גייען אין מלחמה אַריין, און די יונגע פירן פּאָליטיק און האַלטן רעדעס.

און מלחמה פירט מען דאָרטן אָט אַזוי: אַז מע קומט אויפן שלאַכט־פעלד — נעמט מען שיסן זיך אַליין. און יענער צד, וואָס האָט מער געשאָסענע — יענער צד געווינט, און דער וואָס וויל זיך ניט שיסן, געהערט צו דעם צד, וואָס פאַרלירט.

בילי דערציילט און דערציילט וואונדער איבער וואונדער. אַלע האָבן געמיינט, אַז בילי וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פּאָעט, אַ שרייבער. נאָר בילי איז אינגאַנצן נישט אויסגעוואַקסן.

בילי איז אַוועק אַרבעטן. ווארים בילים עלטערן, מוזט איר וויסן, זיינען געווען אָרעם, און זיי האָבן אים געמוזט שיקן עפּעס פאַרדינען. בילי איז געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פאַבריק.

איינמאָל, אין זייער אַ הייסן זומער־טאָג, איז בילי דאָרטן קראַנק געוואָרן. מע האָט אים גלייך אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל. אויפן צווייטן טאָג, אַז דזשין איז געקומען זען בילין, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט. מע האָט אים געזאָגט, אַז בילי שלאָפט. דזשין האָט געוואָלט צוואַרטן, נאָר מע האָט אים געזאָגט, אַז בילי וועט שלאָפן — וועט שוין אייביק שלאָפן.

דזשין דערמאָנט זיך נאָך אַ סך זאַכן פון זיין חבר בילי. ער טראַכט אויך פון די אַנדערע קינדער, וואָס מוזן גיין אַרבעטן אַנשטאָט לערנען און שפּילן. ער דערמאָנט זיך, ווי פאַראַיאָרן זומער זיינען פופצן קינדער פאַר'חלש'ט געוואָרן ביי דער אַרבעט אין דער פאַבריק און ווי מע האָט זיי אַרויסגעטראָגן האַלב־טויטע. נאָר די אַלע זאַכן שרעקן דזשינען נישט אָפּ. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו גיין אַרבעטן און העלפן זיינע עלטערן.

ב

אַ יאָר צייט האָט דזשין געאַרבעט אין די הויפן און אין די פאַרב־שעפער פון דער באַן. די אַרבעט איז אים אָפט אָנגעקומען שווער, ווארים ער האָט געמוזט אַרבעטן אין די נעכט, און ער האָט נישט איינמאָל געמוזט קעמפן מיט דעם שלאָף, וואָס פלעגט אים

אַרומגעמען אַזוי, אַז ער האָט זיך פֿון אים קוים געקענט באַפֿרייען. און ער איז טאַקע אַלעמאָל געווען מוטיק און האָט דעם שלאָף צו זיך נישט צוגעלאָזט.

ביי טאָג איז דזשין געשלאָפֿן ווייניק. ער איז נישט געוואוינט געווען צו שלאָפֿן ביי טאָג. אויסערדעם האָט ער נישט געוואָלט אויפֿגעבן דאָס לערנען. אַז ער קומט אַהיים אינדערפֿרי פֿון אַ גאַנצער נאַכט אַרבעט, וואַשט ער זיך אַרום, טוט זיך איבער, און גייט אין סקול אַריין לערנען. נאָר נישט איינמאָל כאַפּט ער זיך אין סקול, אַז ער דרימלט און חלום׳ט פֿון זיין שווערער אַרבעט. דאָך האָט ער דאָס לערנען ליב געהאַט און עס איז אים געווען טייער.

אַרום אַ יאָר צייט האָט דזשין אַזוי געאַרבעט. נאָכדעם איז ער געוואָרן אַ לאָקאָמאָטיוו־הייצער. דאָס איז זייער אַ שווערע אַרבעט. די היץ איז אָפּט אַ שרעקלאַכע. דער אָטעם פֿאַרכאַפּט, אַז מע ווערט ממש דערשטיקט. נאָר דזשין האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשראָקן.

זיבן טאָלער אַ וואָך האָט דזשין דעמאָלט געגומען. ער האָט זיך דעמאָלט געוואונדערט וואָס פֿאַר דער שווערסטער אַרבעט קריגן מענטשן צום ווייניקסטנס באַצאָלט.

דאָס פֿאָרן אָבער האָט אים דערפֿאַר פֿאַרשאַפֿט אַ סך פֿרייד. דער צוג יאָגט זיך ווי אַ ווילדע חיה. פֿאַרביי זיינע אויגן פֿליען בערג און טאָלן און טייכן, סע בייטן זיך פֿעלדער און וועלדער און וויסטעניש.

די מוטער דזשינס איז נישט צופֿרידן געווען מיט זיין אַרבעט. זי האָט געהערט פֿון די אומגליקן, וואָס טרעפֿן אויף די באַנען, פֿון די געפֿאַרן, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיטן פֿאָרן, און איר האַרץ האָט שטענדיק געציטערט. זי האָט כסדר גערעדט איבער אים, אַז ער זאָל זען און קריגן זיך עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט, ביי וואָס מע דאַרף נישט אַרבעטן אין די נעכט, און נישט אויף דער באַן.

דזשין וואָלט דער מוטער זיינער אַוודאי צוליב געטאָן. נאָר וואו נעמט מען אַן אַנדערע אַרבעט? שטעלעס וואַקסן נישט אויף קיין ביימער.

פֿיר יאָר איז דזשין געווען אַ לאָקאָמאָטיוו־הייצער. לסוף האָט ער דאָך באַקומען אַן אַנדער שטעלע. די נייע אַרבעט איז געווען אַ לייכטערע, אָבער נישט קיין בעסערע. ער האָט געאַרבעט אין אַ שפּייז־קראָם.

באַגינען, בעת אַלע אין הויז זיינען נאָך געשלאָפן, האָט דזשין שוין געמוזט זיין אין קראָם, אַריינשלעפּן די קאַנען מילך, צעוועגן דעם צוקער און קאַווע. דערנאָך האָט ער געמוזט צעפירן צו די קונים די באַשטעלונגען אויף פרישטיק. אַזוי האָט דזשין געאַרבעט פון באַגינען ביז שפּעט אינאָווענט.

נאָר דזשין איז געווען אַ גוטמוטיקער בחור. אין יעדער זאַך, אין יעדער אַרבעט האָט ער געפונען פריד, וואָרים ער האָט פאַרשטאַנען די ניצלאַכקייט פון יעדער אַרבעט.

דזשינען האָט אָבער געאַרט, וואָס נאָר די אָרימע מוזן אַרבעטן און — אַרבעטן שווער, בעת די רייכע גייען אַרום ליידיק, פּוסט־און־פּאַס, לעבן אַ גוטן טאָג און לאָזן זיך וואוילגיין אויפן חשבון פון די אָרעמע מאַסן. דזשין האָט איינגעזען די אומגערעכטיקייט אין לעבן, און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי טאָר עס נישט זיין. ער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט צו פאַרבעסערן די אָרדענונג און ער וועט העלפן שאַפן אַ בעסער און אַ שענער לעבן.

מ ו ט ע ר ד ז ש אָ נ ס

(אידיש — פ. געליבטער)

אַ מאַרש פון אַרבעטער־קינדער

א.

עס איז געווען פרילינג פונם יאָר 1903. איך בין געפאָרן אין קענסינגטאָן, אַ קליין שטעטל אין פּענסילווייניע, וואו פינף און זיבעציק טויזנט אַרבעטער פון די טעקסטיל פאַבריקן האָבן געסטרייקט. צען טויזנט פון די סטרייקער זיינען געווען קינדער.

גלייך פון באַן בין איך אַוועק צו דעם הויז וואו ס'האָט זיך געפונען די יוניאָן. עס האָט דאָרט געשוויבלט און געגריבלט. מענטשן זיינען אַריין און אַרויס, אַלע וויילע פלעגן קומען צעשלאָגענע פיקעטס; די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך, זיי האָבן אָנגעשטעלט גענוג „שטאַרקע", וואָס זאָלן שפּאַלטן אַרבעטער קעפּ און דורך שרעק צעברעכן דעם סטרייק.

דעם שווידערלאַכסטן איינדרוק האָבן אויף מיר געמאַכט די קינדער אַרבעטער. דאַרע, בלייכע מיט איינגעבויגענע פּלייצעס און אויסגעלאָשענע אויגן. יעדן טאָג פלעגן זיי קומען אין דער יוניאָן, טייל מיט צעבראָכענע הענט און מיט אָפּגעשניטענע פינגער. די קינ־דער זיינען פאַרקריפּלט געוואָרן ביי די מאַשינעס. געווען צווישן זיי קינדער ניט עלטער פון צען יאָר. אומעטיקע, איינגעהויקערטע, מיט פאַרעלטערטע פּנימער. איך האָב גערעדט מיט די מאַמעס. „ווי קומט עס וואָס איר שיקט אַזעלכע יונגע קינדער צו דער ארבעט?“ האָב איך זיי געפרעגט. די אָרימע פרויען האָבן געוויינט. „מיין מאַן איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אַרבעטנדיק אין אַ קוילן־מיין“, האָט מיר איינע דערציילט. „און מיין מאַן האָט פאַרלאָרן אַ האַנט ביי דער מאַשין“, האָט זיך אַ צווייטע באַקלאָגט, מיר אַליין זיצן חלילה (כאָלילע) ניט אין דער היים. מיר אַרבעטן אין פאַבריק. אָבער וויפיל פאַרדינען מיר? ווי קענען מיר מיט דעם דערנערן אונזערע קינדער? „מיר מוזן דאָס קליינוואַרג שיקן צו דער אַרבעט“ . . .

איך האָב געפרעגט די צייטונגס־מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען אַרום: „פאַרוואָס שרייבט איר וועגן אַלץ אין דער וועלט און דער־ציילט גאָרניט וועגן דעם ווי שרעקלאַך עס אַרבעטן די קינדער אין די מיינס און אין פאַבריקן פון פּענסילווייניע; די יונגעלייט האָבן געשמייכלט און געענטפערט: ווי קענען מיר שרייבן, מוטער, ווייסט איר דען ניט, אַז די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן זיינען אויך אונזערע באַלעבאַטים... זיי האָבן אַלע סטאַק אין די צייטונגען...

— נו, האָב איך „סטאַק“ אין די קינדער, — האָב איך געזאָגט, — און איך וועל שוין זען, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן דעם אמת וועגן קינדער־אַרבעט אין פּענסילווייניע.

ב.

איין שיינעם פרימאָרגן האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן אַ סך אינג־לאַך און מיידלאַך אין אַ פּאַרק און פון דאָרט מיט פאָנען אַוועקגע־מאַרשירט צום געריכט־הויז. אַ גרויסער עולם איז זיך צוזאַמענגע־קומען אויף דעם סקווער. איך האָב אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּלאַט־פאָרמע די אינגלאַך, וואָס האָבן געהאַט אָפּגעהאַקטע פינגער, צע־קוועטשטע און צעקריפּלטע הענט. איך האָב געהאַלטן אין דער הייך זייערע צעשעדיקטע הענט און זיי געוויזן דעם עולם. „די פּאַלאַצן

אין פילאַדעלפיע", — האָב איך געזאָגט — זיינען אויסגעבויט געוואָרן אויף די צעבראָכענע ביינער, אָפּגעשוואַכטע הערצער און געבויגענע קעפּ פון די קינדער... מיט זייערע יונגע לעבנס ווערט געשאַפן רייכ־טום פאַר אַנדערע... קיינער פון דער רעגירונג זאָרגט זיך ניט וועגן די עולות, וואָס ווערן באַגאַנגען!"

די שטאָט־טאַטעס האָבן זיך צוגעהערט דורך די אָפענע פענצטער. איך האָב גערופן די מיליאָנערסקע פאַבריקאַנטן, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ סוף צו דער מערדעריי און האָב זיך געווענדט צו די שטאָט באַאמטע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די אָפענע פענצטער קעגנאיבער: „עס וועט קומען אַ טאָג, ווען די אַרבעטער וועלן איבערנעמען די מאַכט און דעמאָלט וועלן קיין קינדער ניט געטריבן ווערן אין די פאַבריקן, כדי אַנדערע זאָלן זאַמלען רייכטימער אויף זייער חשבון (כעשבן) . . . "

די שטאָט באַאמטע האָבן גלייך פאַרמאַכט די פענצטער, פּונקט ווי זיי האָבן פאַרמאַכט זייערע אויגן און הערצער.

די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן מיין רעדע. אין די אוניווערסי־טעטן איז די רעדע דיסקוטירט געוואָרן. די גלחים האָבן אָנגעפאַנגען ריידן וועגן דעם. דאָס אייגנטלאַך בין איך אויסן געווען: די גרויסע וועלט זאָל זיך דערוויסן וועגן דעם שווידער פון קינדער אַרבעט אין אונזער גאָלדענעם לאַנד.

ג.

באַלד האָט זיך אָבער אַלץ ווידער איינגעשטילט. איך בין געקו־מען צום שלום, אַז מען דאַרף די פאָלקס־מאַסן ווידער אויפוועקן. גראָד דעמאָלט איז מען מיט דעם אַמעריקאַנער פרייהייט גלאָק אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד. מע האָט געוואָלט ווייזן דעם עולם דעם גלאָק, וואָס האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק געקלונגען פאַר פרייהייט קעגן אונטערדריקונג. איז מיר איינגעפאַלן! פאַרוואָס ניט נעמען אַ גרופּע קינדער און אַרויסלאָזן זיך מיט זיי אויף אַ טור איבערן לאַנד? סטרייקן דען ניט די קינדער פאַר זייער פרייהייט און שטעלן זיי זיך ניט אַנטקעגן אונטערדריקונג?

איך האָב געפרעגט טייל עלטערן, צי זיי וועלן מיר דערלויבן מיטצונעמען זייערע קליינע אינגלאַך און מיידלאַך אויף אַ וואָך אָדער צען טעג. די עלטערן האָבן צוגעשטימט. עטלאַכע מענער און פרויען זיינען מיטגעפאָרן מיט מיר צו העלפן די קינדער. די דאָזיקע מענער

און פרויען האָבן געסטרייקט, און איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז איצט קענען זיי אוועקפאָרן פון דער היים און זיך אָביסל צעשטרייען.

איטלאַכס קינד האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס אַ זעקל, אין וועלכן עס איז געווען אַ מעסער און גאָפּל, אַ בלעכענער טעלער און אַ בלעכן קאַווע-טעפּל. כדי אין וועג צו קענען קאָכן עסן, האָבן מיר מיטגענומען אַ גרויסן וואַש-טאָפּ. איין קליינער חברה-מאַן האָט געהאַט אַ פּויק און אַ צווייטער האָט געהאַט אַ פּייף. דאָס איז געווען אונזער אָרקעסטער. מיר האָבן געטראָגן פענער מיט אויפשריפטן: „מיר ווילן זיין מער אין סקולס און ווינציקער אין האָספּיטאַלס". „מיר ווילן האָבן צייט זיך צו שפּילן". „ס'איז דאָ פּראָספּעריטי, אָבער וואו איז אונזער פּראָספּעריטי?"

אונזער טור האָבן מיר אָנגעפאַנגען פון פילאַדעלפיע; מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן מאַסמיטינג. איך האָב באַשלאָסן צו גיין מיט די קינדער צו פּרעזידענט רוזוועלט און פאַרלאַנגען, אַז דער קאָנגרעס זאָל אָננעמען אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרווערן צו עקספּלואַטירן קינדער. צוליב העפלאַכקייט וועגן האָב איך געדענקט, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ וויזיט אין וואָל סטריט ביי מאָרגאַנען, דעם באַלעבאָס פון די קוילן-מיינס, וואו אַ סך פון די קינדערס עלטערן האָבן געאַרבעט.

די קינדער זיינען געווען צופרידן — זיי האָבן געהאַט גענוג צו עסן און פלעגן זיך יעדן טאָג באָדן אין די טייכלאַך; איך האָב געטראַכט, אַז ווען דער סטרייק וועט זיין געענדיקט און די קינדער וועלן צוריקגיין אַרבעטן אין די פאַבריקן, וועלן זיי מסתמא שוין מער קיינמאָל ניט האָבן אַזאַ יום-טוב. אויפן גאַנצן וועג פון אונזער דעמאָנסטראַציע פלעגן פאַרמערס אַרויסקומען אונז באַגעגענען מיט וועגענער, אָנגעלאָדן מיט פרוכט און גרינס. זייערע פרויען האָבן געבראַכט די קינדער קליידער און אָביסל געלט. הינטער דער שטאָט האָבן די קאָנדוקטאָרן אָפטמאָל אָפּגעשטעלט די באַן און אונז אַרויפגענומען אָן געלט. פונדעסטוועגן האָבן מיר פון צייט צו צייט געמוזט טייל קינדער צוריקשיקן אַהיים, ווייל זיי זיינען געווען צו שוואַך אויסצוהאַלטן דעם מאַרש.

ד.

מיר זיינען געווען אין דער פאָרשטאָט פון ניו טרענטאָן, ניו דזשוירזי, און געקאָכט אונזער עסן אין דעם גרויסן וואַש-טאָפּ. דער

קאָנדוקטאָר האָט אָפּגעשטעלט די באַן און אונז געזאָגט, אַז פּאָליציי קומט אונז לאָזן וויסן, אַז מען וועט אונז ניט אַריינלאָזן אין שטאָט אַריין. עס זיינען דאָרט געווען פאַבריקן און די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן האָבן ניט געהאַט קיין חשק (כיישעק), אַז מיר זאָלן אַהין קומען.

ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען, האָבן מיר זיי איינגעלאַדן צו עסן מיט אונז. זיי האָבן באַטראַכט די קינדער ווי זיי זיינען געזעסן מיט זייערע בלעכענע טעלער און קאַווע־טעפּלאַך אַרום דעם גרויסן וואַש־טאָפּ. די פּאָליציי־לייט האָבן בלויז געשמייכלט און גערעדט גוטמוטיק צו די קינדער. זיי האָבן גאָרניט געזאָגט וועגן אַריינקומען אין שטאָט.

מיר זיינען אַריין אין שטאָט און אָפּגעהאַלטן אונזער מיטינג. די פרויען פון די פּאָליציי־לייט האָבן יענע נאַכט גענומען די קליינע קינדער צו זיך אַהיים און אויף מאָרגן אינדערפרי זיי צוריקגעשיקט מיט אַ סך גוטע זאַכן צום עסן.

איינמאָל ביינאַכט זיינען מיר געווען אין פּרינסטאָן, ניו דזשוירזי, און גענעכטיקט אין אַ גרויסן, קילן באַראַק, אויף דעם רייכן גוט פון געוועזענעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט גראָווער קליוולאַנד. איך האָב זיך געווענדט צום מעיאָר פון פּרינסטאָן, ער זאָל אונז דערלויבן אָפּצוהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג קעגנאיבער דעם אוניווערסיטעט. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל רעדן וועגן העכערער בילדונג. דער מעיאָר האָט געגעבן די דערלויבעניש. אַ גרויסער עולם האָט זיך צוזאַמענגעקליבן — פּראָפעסאָרן, סטודענטן און פאָלקס־מענטשן. „די רייכע רויבן ביי די אָרימע קינדער אַוועק יעדע מעגלאַכקייט פון קריגן אַפילו אַן עלעמענטאַרע בילדונג, האָב איך דעם גרויסן עולם דערציילט, זיי נוצן אויס די הענט און פיס פון קליינע קינדער, כדי צו קענען קויפן אויטאָמאָבילן פאַר זייערע פרויען און הינטלאַך, מיט וועלכע זייערע טעכטער זאָלן ריידן פראַנצויזיש"... איך האָב געזאָגט, אַז די פאַבריקאַנטן נעמען צו דער אַרבעט קליינע קינדער. וואָס דאַרפן נאָך אפשר ליגן אין די וויגעלאַך. איך האָב די פּראָפעסאָרן געוויזן קינדער פון אונזער אַרמיי, וואָס האָבן קוים געקענט לייענען אָדער שרייבן, וואָרים זיי האָבן געאַרבעט צען שטונדן אַ טאָג אין די זייד־פאַבריקן פון פענסילווייניע.

— אָט, גיט אַ קוק, האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף דעם

קליינעם דזשיימס אשוואוירטס, וועלכער איז אַלט געווען צען יאָר און איז געגאַנגען איינגעבויגן ווי אַן אַלטער, וואָרים ער פלעגט כסדר דאַרפן שלעפּן פּעקלאַך זייד. — ער באַקומט דריי דאָלאַר אַ וואָך און זיין פערצן־יעריקע שוועסטער קריגט זעקס דאָלאַר אַ וואָך. זיי אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון טעפּיכער צען שטונדן אַ טאָג, בעת (בעאיים) די קינדער פון די רייכע קריגן אויף זייער חשבון אַ העכערע בילדונג.

ח.

מיר האָבן מאַרשירט קיין האָבאָקען. פון דאָרט האָב איך געשיקט פאָרטרעטער קיין ניו־יאָרק צום פּאָליציי־קאָמיסאַר, עבשטיין, און געבעטן אַ דערלויבעניש צו מאַרשירן איבער דער פערטער עוועניו ביז מעדיסאָן סקווער, וואו איך האָב געוואָלט אָפּהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט צוריקגעוויזן אונזער פאַרלאַנג און האָט אונז פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין.

איך בין אַריבערגעפאָרן קיין ניו יאָרק און האָב זיך געזען מיטן מעיאָר סעט לאָו. דער מעיאָר איז געווען זייער העפלאַך, נאָר ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז שטיצן דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר. איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס מען דערלויבט אונז ניט אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז צוליב דעם, וואָס מיר זיינען ניט קיין בירגער פון ניו־יאָרק.

— אָ, מעיאָר, איך דענק, אַז וועגן דעם וועלן מיר קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, — האָב איך געזאָגט. — דערלויבט מיר צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט צו אַ פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען דאָ אין לאַנד מיט אַ יאָר צוריק. אַהער איז געקומען פּרינץ הענרי, אַ צאַצקעדיק זינדל פון דער דייטשער קייזערלאַכער פאַמיליע. דער קאָנגרעס פון די פאַרייניקטע שטאַטן האָט באַשטימט פינף־און־פערציק טויזנט דאָלאַר אויף אָנצופילן זיין מאָגן דריי וואָכן צייט און אויך צו פאַרוויילן אים, — איז ער געווען אַ בירגער פון לאַנד?

— און עס איז געווען געמאָלדן, אַז איר, מעיאָר, און אַלע שטאָטישע באַאַמטע פון ניו־יאָרק און פון אוניווערסיטעט־קלוב האָבן פאַרוויילט דעם גרויסן יחסן (יאַכסן). און איך האָב איבערגעחזר'ט: „איז ער געווען אַ בירגער פון ניו־יאָרק?“

— ניין, מוטער, — האָט דער מעיאָר געזאָגט. — ער איז ניט געווען קיין ניו־יאָרקער בירגער.

— און אַ כינעזער מיטן נאָמען לי וואו האָט אויך געקראָגן אַ שיינע אויפנאַמע פון די ניו־יאָרקער שטאָט־באַאַמטע. איז ער געווען אַ בירגער פון ניו־יאָרק?

— ניין, מוטער, ער איז קיין בירגער ניט געווען.

— האָבן זיי אַמאָל געשאַפן רייכטום פאַר אונזער לאַנד?

— ניין, מוטער, — האָט דער מעיאָר געענטפערט.

— נו, מעיאָר, די קינדער זיינען קליינע בירגער פון לאַנד, וואָס העלפן שאַפן אונזער רייכטום. זיינען מיר ניט באַרעכטיקט אַריינצוקומען אין אייער שטאָט?

— וואַרט אַביסל, — האָט ער געזאָגט, און גערופן צו זיך דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר.

זיי האָבן ענדלאַך באַשלאָסן אַריינצולאָזן אונזער אַרמיי.

ו.

מיר האָבן מאַרשירט איבער דער פערטער עוועניו ביז מעדיסאָן סקווער גאַרדן און אַ גאַנצע מחנה פּאָליציי האָט אונז באַגלייט. אָבער די פּאָליציי האָט אונז ניט געלאָזט אָפּהאַלטן קיין מיטינג אין מעדיסאָן סקווער, נאָר אויף דער צוואַנציקסטער גאַס.

איך האָב אָנגעוויזן דער פּאָליציי, אַז אַנדערע גרופּן דערלויבט מען צו האָבן פאַרזאַמלונגען אין מעדיסאָן סקווער. — „יאָ", האָט די פּאָליציי געזאָגט, — „יענע וועלן ניט האָבן מער ווי צוואַנציק צוהערער און איר קענט האָבן צוואַנציק טויזנט."

מיר האָבן מאַרשירט צו דער צוואַנציקסטער גאַס. איך האָב פאַר אַ זייער גרויסן עולם גערעדט וועגן דער שרעקלאַכקייט פון קינדער־אַרבעט אין פאַבריקן און אין קוילן־מיינס. איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף דעם קליינעם צוועלף־יאָריקן עדי דאַמפּי, וועלכער זיצט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אויף אַ הויכן שטול, כדי צו קענען גרייכן די מאַשין, ביי וועלכער ער העלפט אַרויס. זומער און ווינטער זיצט ער אַזוי עלף שטונדן אַ טאָג און פאַרדינט דריי דאָלאַר אַ וואָך. איך האָב אויך אָנגעוויזן אויף גאַסי ראַגניו, אַ קליין מיידעלע, פון וועמען די קינדהייט איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן. זי האָט געהאַט אַ פּנים פון אַן אַלטער פרוי. גאַסי פּאַקט זאַקן אין אַ פאַבריק, אַרבעט עלף שטונדן אַ טאָג און קריגט דערפאַר עטלאַכע סענט אַ טאָג.

מיר האָבן דעמאָלט קאָלעקטירט אַ היבשע סומע געלט פאַר די סטרייקער. הונדערטער פריינד האָבן אָנגעבאָטן צו נעמען צו

זיך אַהיים די קליינע קינדער, פאַר דער צייט וואָס זיי וועלן דאַרפן זיין אין ניו-יאָרק.

אויף מאָרגן זיינען מיר געפאָרן קיין קוני-איילאַנד אויף דער איינלאַדונג פון מר. באָסטיק, וועלכער האָט געהאַט אַן אייגענע אויס-שטעלונג פון ווילדע פערד. די קינדער האָבן זייער גוט פאַרבראַכט. נאָכדעם ווי דער עולם האָט געזען די אויסשטעלונג פון ווילדע פערד, האָב איך גערעדט צו די פאַרזאַמלטע. איך האָב געזאָגט:

— מיט פופציק יאָר צוריק האָט מען געוואָלט אָפּשאַפן שקלאַפעריי. מענער און פרויען האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס, כדי אָפּצושטעלן דאָס פאַרקויפן פון נעגער-קינדער. היינט פאַרקויפט מען צו פאַבריקאַנטן ווייסע קינדער צו צוויי דאָלאַר אַ וואָך. אין שטאַט דזשאָרדזשיאַ, וואו קינדער אַרבעטן אין פאַבריקן ביי טאָג און ביינאַכט, איז אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ צו באַשיצן זינג-פייגל. אָבער וואָס איז וועגן קינדער, ביי וועמען יעדער געזאַנג פון לעבן איז פאַרשוואונדן?

אויף מאָרגן האָבן מיר פאַרלאָזט קוני-איילאַנד צו באַזוכן סענאַטאָר פּראַט, מיט וועמען איך האָב זיך אָפּגערעדט צו טרעפן ניין אַזייגער אינדערפרי. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום סענאַטאָרס הויז, האָט דאָס קליינוואַרג אָנגעהויבן שפּילן אויף זייערע פייפלאַך און צוקלאַפּן אויף דער פויק. ווען סענאַטאָר פּראַט האָט דערזען די קליינע אַרמיי, איז ער דורך אַ זייטיקער טיר אַנטלאָפן קיין ניו-יאָרק.

פון דאָרט האָבן מיר מאַרשירט קיין אָיסטער בעי צו זען פּרעזי-דענט רוזוועלט. אָבער דער פּרעזידענט האָט זיך אַנטזאָגט אונז צו זען און ער האָט אפילו ניט געענטפערט אויף אונזערע בריוו.

דער מאַרש פון די קינדער האָט דערגרייכט זיין ציל. מיר האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן לאַנד צו דעם פאַרברעכן פון קינדער-אַרבעט. כאָטש דער סטרייק פון די טעקסטיל-אַרבעטער אין קענסינגטאָן איז געווען פאַרשפּילט און די קינדער זיינען גע-טריבן געוואָרן צוריק צו דער אַרבעט, איז אָבער באַלד נאָכדעם אין שטאַט פּענסילווייניע אָנגענומען געוואָרן אַ געזעץ, וואָס האָט פאַרווערט צו באַשעפטיקן קינדער, וואָס זיינען יינגער פון פערצן יאָר. אַדאַנק דעם געזעץ זיינען טויזנטער קינדער געשיקט געוואָרן אַהיים פון די פאַבריקן און טויזנטער אַנדערע קינדער האָבן ניט גע-קענט אָנפאַנגען אַרבעטן, ווען זיי זיינען נאָך געווען צו יונג.

מ אַ נ י ל י י ב



אַ מ ע ש ה װ ע ג ן ז י ך . . .

א

אין אוקראַינע איז דאָ אַ שטאָט ניעזשין.

האָבן אין דער שטאָט ניעזשין געלעבט אַמאָל אַ איד מיט אַ אידענע, וואָס האָבן געהאַט אַכט קינדער. געוואוינט האָבן דער איד מיט דער אידענע אין אַ קליין, קליין שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך. דער איד מיט דער אידענע זיינען געווען איידעלע און ערלאַכע מענטשן, נאָר גרויסע אָרימעלייט. יעדן טאָג פלעגן זיי אויפשטיין באַגינען און אַוועקלויפן אין מאַרק אַריין האַנדלען און וואַנדלען. דער איד האָט געהאַנדלט מיט פעל. גוים ברענגען אויפן מאַרק אַלערליי פעל, קויפט זיי דער איד אויף און פאַרקויפט זיי דערנאָך צו דעם רייכסטן הענדלער פון שטאָט. די אידענע האָט געהאַנדלט מיט גענז, הינער און אייער. אַלע אין דער פרי איז זי אַרוים אין מאַרק מיט אַ גרויסן ליידיקן קויש, און אַז זי איז צוריק געקומען פאַרנאַכט, איז דער קויש געווען אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפל, ברויט און גע-

פרווירענע עפּל.

און אַז די קינדער זיינען אין אָוונט אַהיים געקומען פון חדר, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די קאַרטאָפל מיטן ברויט ווי צו אַ טייערן מאכל און פאַרביסן מיט אַ געפּרווירענעם עפּל. אָפּגעגעסן, דאַרף מען דאָך גיין שלאָפן, פלעגט דער טאַטע די גרעסערע קינדער לייגן אויף דער ערד, און די קלענערע אין דעם ברייטן, רויטן בעט, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. פאַר די גרעסערע קינדער האָט דער טאַטע אויסגעשפּרייט אויף דער ערד צוויי קוליעס שטרוי און איבער די קוליעס שטרוי האָט ער פאַרשפּרייט אַ גראָבע פּלאַכטע, און צוגעדעקט האָט ער די קינדער מיט זיין שווערן שאָפענעם פּעלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט שווייס, טאַבאַק און מיט דרויסן.

ביז די קינדער זיינען איינגעשלאָפן, און נאָכדעם ווי זיי זיינען שוין אַנטשלאָפן געוואָרן, פלעגט טאַטע־מאַמע נאָך לאַנג זיצן ביים לעמפּל, ביים אָפּגעקילטן סאַמאָוואַר און ריידן פון זייער מזל און וועגן אַ צוקונפט פאַר די קינדער. אויפן טיש איז געווען אָנגעשאָטן אַ הויפן פאַרשימלטע קופערנע מטבעות, און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער פלעגן זיי ציילן די מטבעות, קוקן איינער אויפן צווייטן און שמייכלען צופרידענע. נאָר אָפט פלעגט טרעפן, אַז זיי האָבן ניט געשמייכלט און איינער אויפן צווייטן ניט געקוקט, נאָר פאַר־טרויערטע האָבן זיי אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל און זיך געלייגט שלאָפן אין דעם ברייטן רויטן בעט, וואו די דריי קלענערע קינדער זיינען שוין לאַנג איינגעשלאָפן.

אַז טאַטע־מאַמע גייען אַוועק פון שטיבל אויף גאַנצע טעג, איז ווער־זשע גיט אַכטונג אויף די קינדער? קיינער גיט ניט אַכטונג אויף די קינדער. האָבן זיי אויף זיך אַליין אַכטונג געגעבן. די גרעסערע אויף די קלענערע און די קלענערע אויף די נאָך קלענערע, און קיין בייז אויג האָט זיי חלילה ניט געשאַדט. זיי זיינען געוואַקסן געראָטענע, האָבן געהאַט גוטע קעפּלאַך און זיינען געווען די בעסטע תלמידים אין חדר. מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת, אַז זיי זיינען אויך געווען די גרעסטע שטיפער אין שטאָט. גייט מען שווימען, איז מיט זיי פול דער טייך. גייט מען רייסן עפּל אין פרעמדע סעדער, זיינען זיי די ערשטע צו קלעטערן איבער די פּלויטן, און זיי פאַר־פירן געשלעגן מיט שקצים, גיבן קלעפּ און כאַפּן קלעפּ און די שטאָט איז פול מיט זיי. דאָס איז זומער לעב.

ווינטערצייט זיינען זיי די ערשטע גליטשער אויפן אייז, די בעסטע פעטער־שנייער מאכער, די גרעסטע כוואטן בארג־אראפּ־פליער אויף שליטלאך אדער אויף שטיקער אייז אנשטאט שליטלאך. די קינדער זיינען אויך געווען גרויסע בריות צו רייטן אויף פערד. אזוי פארן רייטנדיק אויף פערד ווי זיי האט קיין שום אינגל אין שטאט ניט געקענט. דאס האבן זיי געהאט צו פארדאנקען זייער זיידן, וואס איז געווען א פערד־הענדלער.

צו די אלע מעלות זיינען די קינדער נאך געווען גוטע זינגער, די בעסטע זינגער ביי די שטאט־חזנים. זינגען האבן זיי זיך אויס־געלערנט ביי זיך אין שטיבל. ווייל פון זינט זיי האבן געדענקט האט דאס שטיבל געזונגען. אין א שבת אדער א יום־טוב, ווען זייער מאמע האט נאר געקענט אן אויסגערוטע זיך אוועקזעצן אויף א שעה, האט זי זיך באלד פאנאנדערגעזונגען. דער טאטע, וואס אליין האט ער זיך געשעמט צו זינגען, פלעגט לאזן אפן דאס ספר, וואס איז געלעגן פאר אים אויפן טיש, אנשפארן דערויף זיין עלנבויגן, און דעם קאפּ אויף דער האנט, און שמייכלען א גליקלאכער און צופרידענער. און אז דער טאטע האט געשמייכלט האבן די קינדער זיך דערפילט פריי און גרינג און ווארעם און זיך באלד אוועקגעלאזט זינגען אינאיינעם מיט דער מאמען. די גאנצע גאס פלעגט דעמאלט קומען צולויפן און זיך שטעלן אונטער זייער פענצטער.

און אז דער שבת איז אוועק און ס׳איז געקומען דער שבת־צו־נאכט, האבן זיך צו זיי אין שטיבל פארקליבן טרינקען טיי אלע גוטע פריינד דעם טאטנס: די שכנים, קצבים, באלעגאלעס, פערד־הענדלער און בעטלער. פלעגט מען זיצן ביים קאכעדיקן סאמאוואר, טרינקען טיי און דערציילן זיך שרעקלאכע מעשיות פון גזלנים, וועלף, מתים, מכשפים, מכשפות און יתומות. די קינדער פלעגן זיצן מיט אפענע מיילער, איינזאפּן אין זיך די אלע שרעקלאכע מעשיות, דערביי ציטערן און דאך האבן א ווילדע הנאה און ניט וועלן גיין שלאפן ביז שפּעט אין דער נאכט אריין.

ב

אזוי האבן געלעבט דער איד מיט דער אידענע און אזוי זיינען געוואקסן זייערע קינדער. און אז זייער בחור, דער עלטסטער אינגל זייערער, איז אלט געווארן עלף יאר, האבן טאטע־מאמע אנגעהויבן

טראַכטן וועגן אַ תכלית פון זיינטוועגן. דער טאַטע האָט געוואָלט ניט אַנדערש, אַז זיינע קינדער זאָלן ווערן באַלמעלאָכעס. „אין מלאכה איז די מזל-ברכה“, פלעגט ער זאָגן, און אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי איז געווען. אינמיטן מאַרק האָט געוואוינט אַ קאַמאַשן־שטעפּער, וואָס פאַר זיין שטוב איז געהאַנגען אַ גרויסע בלויע שילד מיט אַ געמאָלאַכץ פון אַ מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוויי פלעשער. רעכטס אַ גראָבע פלאַש און לינקס גאָר אַ דין פלעשל, און אויפן דינעם פלעשל איז געווען אָנגעטאָן אַ קאַמאַש אָן זוילן און אָן אָפּצאַסן. דעם אינגל איז די שילד שטאַרק געפעלן געווען. איז איינמאָל אין אַ בייטאָג האָט דער טאַטע גענומען זיין עלטסטן עלף־יאָריקן אינגל פאַר אַ הענטל, אים אַוועקגעפירט צו דעם קאַמאַשן־שטעפּער און אים דאָרטן איבערגעלאָזט אויף צוויי מיט אַ האַלבן יאָר, ער זאָל זיך דאָרטן אויסלערנען שטעפּן אויף יענער מאַשין מיט די צוויי פלעשער און ווערן אַ לייט.

דאָס ערשטע וואָס דאָס אינגל האָט אָנגעהויבן לערנען ביים שטעפּער איז געווען ווי אַזוי צו שלעפּן פאַר דער באַלעבאָסטע די שווערע קוישן פון מאַרק, וויגן אירע קינדער, טראָגן וואַסער פון ברונעם, קערן דאָס הויז און לויפן אין מיטן נאַכט זוכן דעם באַלעבאָס, וואָס האָט זיך ערגעץ ביי אַ פריינד פאַרשפּילט אין קאָרטן. וואָרים זיין באַלעבאָס האָט זייער ליב געהאַט צו שפּילן אין קאָרטן. דער באַלעבאָס האָט אָבער אויך ליב געהאַט צו לייענען ביכלאַך. ביי זיך אין הויז האָט ער טאַקע געהאַט שטיין גאַנצע שאַפעס מיט ביכער. און אַזוי האָט זיך דאָס אינגל אין די צוויי און אַ האַלב יאָר אויסגעלערנט פון זיין באַלעבאָס דריי זאַכן: שטעפּן קאַמאַשן, לייענען ביכלאַך און די מיאוס'ע טבע — שפּילן קאָרטן.

דעם אמת געזאָגט, האָט זיך דאָס אינגל דאָרטן אויסגעלערנט נאָך צוויי זאַכן: — גנב'ענען ברויט ביי דער באַלעבאָסטע, וואָס איז געווען אַ קאַרגע, און פון באַלעבאָס — ריידן אין גראַמען. ווייל וואָס דער באַלעבאָס פלעגט ניט ריידן, פלעגט ער עס תמיד מוזן זאָגן אין גראַמען. צוריק גערעדט, זיינען אייגנטלאַך גראַמען פאַר דעם אינגל קיין נייס ניט געווען. פון גראַמען האָט ער געוואוסט נאָך פון דער היים. וואָרים זיין מאַמע האָט אויך אַמאָל ליב געהאַט צו ריידן אַזעלכענע ווערטלאַך אין גראַמען. אירע גראַמען זיינען געווען איידעלער ווי די פון זיין באַלעבאָס. פון דער מאַמעס ווערט־

לאַך אין גראַמען פלעגט מען לאַכן און אַלע האָבן זי טאַקע ליב געהאַט דערפאַר. דעם באַלעבאָס גראַמען אָבער פלעגן אָפט באַליידיקן, אויסמאַטערן און דערעסן. דאָס אינגל האָט זיך אָבער פון זיין באַלעבאָס אָפּגעלערנט שטענדיק צו ריידן אין גראַמען. מיט די עלטערע באַלמעלאָכעס, מיט דער באַלעבאָסטע, מיט די קונדן שוסטער, וואָס פלעגן ברענגען שטעפּן קאַמאַשן, מיט זיינע ברידערלאַך, מיט אַלעמען נאָר ניט מיט זיין טאַטן. מיט דער מאַמען פלעגט טרעפן, אַז זיי פלעגן אין אַ פרייער שעה זיך אָנהייבן איבערוואַרפן מיט ווערטלאַך אין גראַמען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטיבל פלעגט קייכן פון געלעכטער. אָבער אַנטקעגן דער מאַמען פלעגט דאָס אינגל בלייבן הינטערשטעליק. ווייל דער מאַמעס ווערטלאַך פלעגן זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסשעפּן. דערפאַר אָבער האָט זיך שוין דאָס אינגל אויסגעלערנט צו פאַרשרייבן אין גראָבע העפטן אַלע זיינע אייגענע גראַמען אויסגעלייגט אין לידער, און האָט עס געהיט ווי זיין אויג אין קאָפּ.

אַזוי האָט געלעבט דאָס אינגל ביז עס איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר. צו פופצן יאָר האָט דאָס אינגל שוין געהאַט דורכגעלייענט אַ סך ביכלאַך, אידישע און רוסישע. אַ באַלמעלאָכע איז ער געווען אַ גוטער, האָט גע'שמ'ט אין שטאָט פאַר אַן איידעלן בחור, פאַר אַ בריה און האָט זיך שוין גע'חבר'ט מיט די געלערנטע יונגעלייט פון שטאָט.

ג

האָט געטראָפן, אַז זיין באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע זיינען איינמאָל אין אַ נאַכט אַנטלאָפן קיין אַמעריקע מיט געלט וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין שטאָט. און די גאַנצע שטעפּערייַ מיט די מאַשינען און די בלויע שילד זיינען געבליבן אויף הפקר. האָט דאָס אַלץ אונזער אינגלס טאַטע איבערגענומען און געוואָלט, אַז זיין זון, זיין געראָטענער בחורל, זאָל ווערן אַ פאָלנער באַלעבאָס. דאָס בחורל האָט ניט געוואָלט, נאָר דער טאַטע האָט אים געגעבן פעטש, איז ער געוואָרן אַ באַלעבאָס מיט מאַשינען און מיט באַלמעלאָכעס. און ער האָט אַזוי לאַנג געבאַלעבאַטעוועט, ביז אין שטאָט איז פון ערגעץ ווייט אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, אויך אַ קאַמאַשן-שטעפּער. די צוויי יונגעלייט זיינען געוואָרן חברים, האָבן שפּאַצירט איינעם

און איניינעם געלייענט ביכלאַך, און פון די ביכלאַך און די שמועסן מיט דעם חבר האָט זיך אונזער בחורל דערוואוסט, אַז ערגעץ אין די ווייטע שטעט מאַכן באַלמעלאָכעס סטאַטשקעס, סטרייקס, און אַז מען וויל ניט קיין קייסער.

דעם בחורל איז דאָס געפעלן געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער צונויפגעקליבן אַלע באַלמעלאָכעס פון שטאָט און האָט מיט זיי געמאַכט אַ סטרייק און איז געוואָרן אַ גאַנצער פירער. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין שטעפעריי מיט די מאַשינען, און אים האָבן שוין ניט געאַרט די טרערן פון טאַטע-מאַמע און אויך ניט זייערע סטראַשונקעס — ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער. אַ באַלעבאָס צו זיין איז געווען ביי אים זייער אַ מיאוס'ע זאַך. ווייל ער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז אַלע באַלעבאַטים לעבן פון פרעמדן שווייס. בקיצור, דאָס בחורל האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן און אָנגעהויבן אַרומלויפן גאַנצע טעג און נעכט מיט בחורים, מיידלאַך און סטודענטן, פון וועמען ער האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז זיינע גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, רופט מען פּאָעזיע, און אַז ער איז אַ פּאָעט. אַזוי האָט ער געקראָגן דעם צונאָמען „פּאָעט“, און אונטער דעם נאָמען „פּאָעט“ האָט ער כסדר געמאַכט סטרייקס, געבונטעוועט קעגן דעם קייסער, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין תפיסה.

אין תפיסה איז אים געווען גוט ווי די וועלט. ערשטנס איז געווען אַ כבוד צו זיצן אין תפיסה פאַר אַזאַ זאַך ווי מאַכן סטרייקס און בונטעווען אַנטקעגן דעם קייסער, און צווייטנס האָט ער אין תפיסה געשריבן אַ סך גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער, און אַלע חברים וואָס זיינען געזעסן מיט אים צוזאַמען, האָבן די לידער געזונגען און שפּעטער זיי אַרויסגעטראָגן אויף דער פריי, וואו מען האָט זיי געזונגען איבער דער גאַנצער שטאָט און אַפילו אין אַנדערע שטעט.

אין תפיסה איז אונזער בחורל געזעסן פון די ערב-פסח'דיקע בלאַטעס ביז די נאָך-ימים-נוראים'דיקע. אינגיכן אָבער וואָלט ער אַ צווייטן מאָל געדאַרפט געווען גיין אין תפיסה אַריין, און דאָ האָט זיך אונזער בחור, דער גאַנצער קנאַקער, אַרויסגעדרייט און אַנטלאָפן. אַנטלאָפן פון זיין שטאָט און פון זיין לאַנד און איז בשלום אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי פונקט אַזאַ מאַשין מיט צוויי פלעשער און ווידער אָנגעהויבן צו

שטעפן קאַמאַשן. האָט דאָ פֿאַרדינט געלט, אַראָפּגעבראַכט אַהער קיין אַמעריקע זיין טאַטע-מאַמע, חתונה געהאַט, געבראַכט קינדער אויף דער וועלט, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַביסל פֿרייע צייט האָט ער געשריבן גראַמען, אויסגעלייגט אין לידער.

און דאָס בחור׳ל מיט וועמען דאָס אַלץ האָט געטראָפֿן, דאָס בין איך — מ אַ נ י ל ײ ב.



פֿערדינאַנד לאַסאַל אין דער יוגנט.

י. ב. בײלין

די יוגנט פֿון אַ רעוואָלוציאָנער

אַ אינגל פֿאַר וועלכן אַלע האָבן מורא

ס׳איז פֿול די גאַס מיט מענטשן און טומל.

אינגלאַך צעלויפֿן זיך אין אַלע זייטן. פֿון ראָג דערנענטערט זיך אַ הויכער, שווער-וואָגיקער, דייטשישער פּאָליציי־מאַן און כאַפּט אין זיינע ברייטע אָרעמס איינעם פֿון די דערשראָקענע אינגלאַך.

— איך שווער, איך בין אומשולדיק! — הייבט זיך אָן דאָס אינגל צו בעטן מיט טרערן אין די אויגן.

דער פּאָליציי־מאַן ווייסט נאָך ניט, צוליב וואָס עס איז דער גאַנצער

טומל. עס רינגלען אים באַלד אַרום עטלאַכע פּרויען. זיי דערציילן אים, אַז די אינגלאַך האָבן זיך צעבושעוועט און אויסגעקלאַפּט עטלאַכע שויבן מיט שטיינער.

— דו זאָגסט, אַז דו ביסט אומשולדיק, — ווענדט זיך דער פּאָליציי־מאַן צום ציטערדיקן אינגל. — טאָג זאָג, ווער־זשע האָט דאָס געטאָן?

— געווים בין איך ניט שולדיק, — ענטפערט שוין דאָס אינגל עטוואָס דרייסטער. — דאָס האָט דער איד, פּערדינאַנד, די שטיינער געוואָרפן.

נישט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַ הויך, שלאַנק אינגל. זיינע טיפע, בלאָע אויגן האָבן פון דערווייטנס אויסגעקוקט קויל־שוואַרץ. ער איז געווען דער איינציקער פון די אַלע קינדער, וואָס האָט זיך נישט דערשראָקן און האָט מיט אַ רואיקן שמייכל באַטראַכט דעם גאַנצן יאַריד.

— אהא, דאָס ביסטו! — האָט אים דער גראָבער פּאָליציי־מאַן אַ פּאַק געטאָן ביים אַקסל און אים געשלעפּט צו זיך.

— יאָ, איך בין פּערדינאַנד, — האָט דאָס שלאַנקע, שיינע אינגל מיט אַ פעסטער שטים געענטפערט, און האָט נישט קיין ריר געטאָן מיט קיין אויג.

— יאָ, יאָ, — האָט אַ פּעטע און קיילאַכדיקע שכנה זיך אַריינגעמישט. — ער איז דאָס דער יונגאַטש; ער האָט דאָך לעצטע וואָך מיר דעם גאָרטן צעשעדיקט. —

דעם פּאָליציימאַנס רויטער פּנים האָט זיך נאָך מער צעפּלאַמט. ער האָט נאָך שטרענגער אַ פרעג געטאָן ביים אינגל: — „ווער איז דיין פּאָטער, און וואו וואוינט ער, דער פּאַרפלוכטער איד?“

— דו ביסט צוויי מאָל מער פּאַרפלוכט, — האָט אים גלייך פּערדינאַנד מיט ווירדע אָפּגעענטפערט. — ערשטנס דערפאַר, וואָס מיין פּאָטער איז דער אָנגעזעענער קויפמאַן (סוחר), היימאַן לאַסאַל, און איז געבענטשט מיט אַזאַ זון ווי איך; צווייטנס, דערפאַר, וואָס דו צערייסט מיין אנצוג ווען דו האַלסט מיך אַזוי. ער קאָסט צען מאָל אַזויפיל ווי די שויב דאָרט, וואָס דו ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער ס'האָט אויסגעבראָכן.

דער פּאָליציימאַן האָט אים אָפּגעלאָזט און איז אוועק מיט אַ נאָז. ער איז קענטיק נאָך געווען אַ נייער אויף דער גאַס. די, וואָס זיינען געווען פאַר אים, האָבן שוין גאַנץ גוט געקענט דאָס חוצפה'דיק (כוצפּעדיק) און שטאָלץ אידיש אינגל מיט וועלכן ס'איז זיך גאָר אַ מורא אָנצוהייבן.

אין דער אמת'ן איז פּערדינאַנד געווען ניט מער שולדיק אין אָט די קינדערשע שקאָצערייען, ווי די אַלע איבעריקע. עס איז אָבער געווען

זייער באַקוועם פאַר די אינגלאַך אַרויפצוואַוואַרפן שטענדיק אויף אים די שולד. און פאַרוואָס זאָלן זיי דאָס ניט טאָן? אים, פערדינאַנדן, האָט דאָס ניט געאַרט. פאַרקערט, עס האָט אים אָפטמאָל הנאה (אַנאָע) געטאָן, וואָס זיי, קריסטלאַכע אינגלאַך, זיינען שרעקעוודיקער פון אים.

מען דערציילט, אַז איינמאָל, איז לאַסאַל נאָך אינגלווייז, געגאַנגען אין גאַס און געזען ווי צוויי אינגלאַך שלאָגן איינעם. לאַסאַל האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דאָס קליינע שלאַכט־פעלד און האָט גלייך ביי זיך באַשלאָסן: „מיט דעם שוואַכן אַנטקעגן די שטאַרקע!" — ער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די אָנגרייפער און האָט באַפרייט דאָס געשלאָגענע אינגל.

ניט איינער פלעגט זאָגן דעם אַלטן לאַסאַל: — האָסטו אַ זון, היימאַן, האָט ער געמעגט געבוירן ווערן אַ פּרינץ. מיר וואָלטן אין אים אַמאָל געהאַט אַ קעניג מיט דוד'ס העלדישקייט און שלמה'ס חכמה (כאָכמע).

לאַסאַל און די אידן

געווען איז דעמאָלט אַ צייט, ווען די אידן אין דייטשלאַנד האָבן נאָך געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות (צאָרעס). מ'האָט אויף זיי נאָך אַלץ געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אַ סך שענדלאַכע געזעצן פון די אַלטע צייטן זיינען נאָך געווען אין קראַפט.

דער יונגער לאַסאַל, מיט זיין געפיל פאַר גערעכטיקייט, האָט ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען די באַליידיקונגען. אמת, ער האָט נאָך קינדווייז קנאַפּוואָס געהאַלטן פון רעליגיע. פונדעסטוועגן, ווען זיינע קריסטלאַכע חברים האָבן געפּרואווט אָפּלאַכן פון די אידישע דינים האָט ער זיי פאַר־טיידיקט מיטן גאַנצן פייער פון זיין יונגער נשמה (נעשאָמע).

איינמאָל, ווען זיינער אַ חבר האָט זיך מיט אים געאַמפּערט, פאַרוואָס ער נעמט זיך אָן פאַר אַ זאַך אין וועלכער ער אַליין גלויבט ניט, האָט ער פאַרשריבן ביי זיך אין זיין טאָג־בוך:

„אַזאַ אייזל־קאָפּ דאָס איז! ער קאָן גאָרניט באַגרייפן, אַז מ'מעג עסן טרפות (טאַרפעס) און זיין אין דערזעלביקער צייט אַ געטרייער איד! ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט וואָלט איך אָפּגעבן מיין ל ע ב ן, כדי אַרויסצוראַטעווען די אידן פון זייער שווערער לאַגע. איך בין אַפילו גרייט צו גיין אויפן עשאַפאָט אויב איך וואָלט געקאָנט דורכדעם זיי מאַכן פאַר אַ פאָלק מיט ווירדע. וויפיל מאָל זע איך אין מיין פאַנטאַזיע, ווי איך מאַרשיר אין פראָנט פון אַ מחנה (מאַכנע) באַוואָפנטע אידן, וואָס

זיינען גרייט צו קעמפן און ווערן זעלבסטשטענדיק."

אינגאַנצן איז נאָך לאַסאַל ערשט אַלט געווען קנאַפּע פופצן יאָר, ווען ער האָט זיך שוין אַרומגעטראָגן מיט אַזעלכע געדאַנקען. ער האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. און וואָס איז דער וואונדער? אויף יעדן טריט און שריט האָט ער נאָר געהערט וועגן זיך לויב־ווערטער. ער האָט זיי גוט אַריינגענומען אין זינען, און אָפט פאַר־שריבן זיי אין זיין טאָג־בוך.

זיינע פייאיקייטן זיינען טאַקע געווען וואונדערבאַרע. ער האָט געהאַט אַזאַ זכרון (זיקאָרן), וואָס זייער ווייניק מענטשן האָבן. מיט איין בליק פלעגט ער דורכנעמען דעם שווערסטן געדאַנק. ניט אומזיסט האָט אים אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט אָנגערופן „וואונדער־קינד". און אַט דער גרויסער דייטשישער וויסנשאַפטסמאַן האָט קיינעם ניט געגעבן קיין אומ־זיסטע קאָמפּלימענטן.

זיינע עלטערן האָבן אים ליב געהאַט און געהיט ווי אַ שוואַרצאַפּל פונם אויג. כאָטש זיין פאָטער האָט פון צייט צו צייט געפירט מיט אים מלחמות (מילכאָמעס) צוליב זיינע איינרייידענישן. איבערהויפּט האָט אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס זיין פערדינאַנד פאַרלאָזט זיך צופיל אויף זיינע פייאיקייטן און פוילט זיך צו לערנען.

דער יונגער לאַסאַל האָט אויך זייער ליב געהאַט זיינע עלטערן. אין זיין טאָג־בוך פון 14טן יאַנואַר, 1840, איז פאַרצייכנט:

„איך האָב אַזוי שטאַרק ליב מיין פאָטער, ווי נאָר אַ קינד קאָן ליב האָבן. איך וואָלט מיט פאַרגעניגן אָפּגעגעבן פאַר אים מיין לעבן, ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט, אַז דאָס קאָן זיין פאַר אים אַ טובה (טויווע)."

דאָך איז אים אויסגעקומען צו שיידן זיך מיט זיינע עלטערן, ווען ער איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר. ער איז אַוועקגעפאָרן אין לייפּציג שטודירן אין דער דאַרטיקער באַרימטער האַנדלס־שול. ער האָט געהאַט בדעה (בעדייע) צו ווערן אַ סוחר (סויכער), כאָטש זיין פאָטער האָט אים שטאַרק אָפּגערעדט דערפון.

גראָד איז אין יענער צייט פאָרגעקומען דער באַוואוסטער בלוט־בלבול אויף אידן אין דמשק, די הויפּט־שטאָט פון סיריע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט באַלאַנגט צו טערקיי. מ'האָט געפונען אַ דער'הרג'עט (דערהאַרגעט) קריסט לאָך איינגל לעבן אַ אידיש הויז, און ווי געוויינטלאָך האָט מען באַשולדיקט די אידן, אַז דאָס איז זייער אַרבעט, ווייל זיי דאַרפן האָבן דאָס בלוט אויף פּסח. עס האָבן זיך שוין געפונען „כשרע" עדות (איידעס), וואָס

האָבן בלומר'שט (קלוימערשט) מיט זייערע אייגענע אויגן געזען, ווי אידן האָבן דאָס געטאָן. מיט דעם פּראָצעס האָט דעמאָלט געקלונגען די גאַנצע וועלט, און לאַסאַל, אויפגערעגט פון דער שרעקלאַכער באַשולדיקונג און פון די פאַרפאָלגונגען אויף אידן, האָט וועגן דעם פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך:

„אָ, ס'איז שרעקלאַך צו לייענען, ס'איז שרעקלאַך צו הערן אַזעלכע נייס! די האָר שטעלן זיך ביי מיר אויף און אַלע געפילן ווערן אַנגעצונדן מיט צאָרן. עס איז צו באַדויערן אַ פאָלק, וואָס טראָגט געדולדיק אַזעלכע יסורים (יעסורים)...“

און ער לאָזט דערנאָך אויס:

„אָ, אומגליקלאַך פאָלק פון שרעקעוודיקע האָזן, דו פאַרדינסט ניט בעסער! דער נישטיקער וואָרים דרייט און קאָרטשעט זיך, ווען מ'טרעט אויף אים, זאַמלט זיינע כחות (קויכעס) צוזאַמען און פּרוּווט זיך ראַטעווען — און דו, בויגסט דיין קאָפּ נאָך טיפער אַראָפּ. דו קאָנסט ניט פאַלן אין קאַמף און מיט דיין פאַלן אָנמאַכן חורבות (כורוועס). דו פאַרשטייסט ניט וואָס עס הייסט גערעכטע נקמה (נעקאָמע). דו קאָנסט ניט, ווי שמשון הגבור (שימשן האַגיבער), באַגראָבן זיך צוזאַמען מיט די שונאים (סאָנים)...“

פון די שורות (שורעס) האָט מען שוין געקאָנט זען, אַז דאָ וואַקסט אַ יונגער, אומגעצאַמטער לייב, וואָס ווייס ניט פון קיין שרעק, וואָס קאָן ניט פאַרטראָגן קיין שום עוולה (אַוולע) און אַז אינגיכן וועט זיך זיין געברילּ הויך צעטראָגן איבער אַלע לענדער.

רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען אין דער יוגנט

אין דער האַנדל־שול אין לייפּציג האָט ער ניט געלעבט בשלום (בעשאָלעם) מיט זיינע לערער. ער האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן זייער אייגזייטיקייט און שמאָל־קעפּיקייט. אים האָט זיך כסדר געדוכט, אַז זיי פאַרטייטשן צופיל, אַז זיי לאָזן זיך פאַנאַנדער מיט דערקלערונגען ווען עס איז, דוכט־זיך, אַזוי אויך גענוג קלאָר. ביי אים האָט אויסגעקוקט די שווערסטע זאַך איינפאַך און ער האָט אפילו ניט געפונען פאַר נייטיק אָנצושטרענגען זיך און הערן די לעקציעס.

עס פאַרשטייט זיך, אַז לאַסאַל איז דאָך ניט געווען קיין מלאך (מאַלאַך) און ער האָט טאַקע, צוליב זיין צופיל גלויבן אין זיך, געהאַט אין דער שולע אַ רייע דורכפאַלן. דערפאַר אָבער האָט ער פאַר זיך געלייענט

א סך גוטע ביכער און איז אין א קורצער צייט באַקאַנט געוואָרן מיט די בעסטע שאַפונגען פון דער קלאַסישער ליטעראַטור.

ענדלעך האָט ער באַשלאָסן אויפצוגעבן איינגאַנצן די האַנדלס־שול. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האַסט די גאַנצע סוחרישע (סאָכרישע) וועלט מיט אירע שווינדלען און מאַכינאַציעס.

ער האָט וועגן דעם פאַרשריבן אין זיין טאָג־בוך:

„. . . מיך אינטערעסירן איצט מער די פראַגן וועגן פרייהייט, ווי די פרייזן אויף סחורה (סכוירע). איך האָב אַ שאַרפערע קללה (קלאָלע) פאַר די געמיינע אַריסטאָקראַטן, וואָס באַרויבן די מענטשן פון דעם העכסטן גליק אויף דער וועלט, איידער פאַר די קאָנקורענטן, וואָס פאַרקויפן פאַר ביליקערע פרייזן. קללות (קלאָלעס) אַליין אָבער זיינען ווייניק...“

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי אַ הונגעריקער, אויף די ביכער פון די מאָדערנע שרייבער פון יענער צייט, בערנע און היינע. ביי זיי האָט ער געפונען אַן אָפּקלאַנג פון פיל געדאַנקען, וואָס האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין זיין מוח (מויעך). זיין שאַרף אויג האָט קלאָר דערזען דעם טיפן אָפּ־גרונט צווישן די מיליאָנען מענטשן פון פאָלק וואָס בויען און שאַפן, וואָס זייען און שניידן, און צווישן דעם קליינעם הייפעלע מאַגנאַטן און הערשער.

באַשליסנדיק זיך צו נעמען פאַר דער וויסנשאַפט און קונסט, פאַר־שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך:

„איך האָב חרטה (כאַראָטע), וואָס איך האָב איבערגעריסן מיין שטודיום אין וויסנשאַפט. עס איז שוין איצט פאַר מיר קלאָר, אַז איך וועל ווערן אַ שרייבער. יאָ, איך וועל אַרויסטרעטן פאַרן דייטשישן פאָלק און פאַר אַלע נאַציעס פון דער וועלט, און מיט פייערדיקע ווערטער וועל איך זיי רופן צו קעמפן פאַר דער פרייהייט. איך וועל זיך ניט אָפּשרעקן פאַר די סטראַשונקעס פון די הערשער; איך וועל זיך ניט לאָזן פון זיי אונטער־קויפן מיט טיטולן און מעדאַלן, כדי צו פאַרראַטן דעם אידעאַל פון פרייהייט. איך וועל ניט רוען ביז זיי וועלן ניט בלאָס ווערן פאַר שרעק. פון פאַריז, פון דער פרייער וועלט־שטאָט, וועל איך, אַזוי ווי לודוויג בערנע, שיקן מיין וואָרט צו אַלע פעלקער פון דער ערד. די ציינער פון אַלע הערשער וועלן זיך טרייסלען פון ציטערניש. זיי וועלן שוין פאַרשטיין, אַז זייער לעצטע שעה (שאָ) האָט געשלאָגן...“

אין עלטער פון זיבעצן־אַכצן יאָר האָט שוין לאַסאַל פאַרטראַכט דעם פּלאַן פון זיין לעבן. קיינער האָט אים שוין ניט געקאָנט אַראָפּפירן פון זיין רעוואָלוציאָנערן וועג, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן.

זיין פאָטער האָט אַ לאַנגע צייט געשוויגן און אים נישט געשטעלט קיין שום פראַגן. ער האָט אַלץ געגלויבט, אַז דאָס איז נאָר קינדערשע היציקייט און אומפּראַקטישקייט. ער האָט זיך אָבער שפּעטער אַרומגעזען, אַז זיין זון ווערט וואָס ווייטער אַלץ דרייסטער אין זיינע געדאַנקען און אין זיינע האַנדלונגען.

האָט ער איינמאָל מיט אים פאַרפירט וועגן דעם אַ לאַנגן שמועס. דער יונגער פערדינאַנד האָט פאַר אים פאַנאַנדערגעוויקלט אַ שרעקלאַך בילד פון דער נויט פון די, וואָס שאַפן די רייכטימער פון דער וועלט; פון די גרויזאַמע מעשים (מאַיסים) פון די, וואָס האָבן די מאַכט; פון דעם אומ־אויפהערלאַכן קאַמף, וואָס קומט פאָר אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט צווישן די רייכע און אָרעמע, שטאַרקע און שוואַכע, פריצים און קנעכט. ער האָט אים צום סוף (סאָף) דערוויזן, אַז עס ליגט אַ חוב (כויוו) אויף יעדן ערלאַכן מענטשן צו פירן אַ קאַמף פאַר דעם שענסטן ציל, וואָס קאָן נאָר געבן — פאַר דער באַפרייאונג פון דער וועלט.

דער אַלטער לאַסאַל האָט צוגעשאָקלט מיט זיין גראָען קאָפּ. ער האָט אים פאָטערלאַך אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן פּלייצע, און געבעטן זיך ביי אים:

— איך זע, מיין זון, אַז דו ביסט גערעכט, אָבער.... אָבער פאַרוואָס זאָלסטו עפּעס דאַרפן זיין די כפּרה (קאַפּאָרע) פאַר אַלעמען? דו, אונזער איינציקע האָפענונג און טרייסט? פרייהייט, זאָגסטו, קאָן מען נאָר גע־ווינען דורך קאַמף. יאָ, וועט מען עס דאָך אָבער אָן דיין הילף אויך געווינען. ס'זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל מענטשן אויף דער וועלט. צו וואָס דאַרפסט דו נאָך איינשטעלן דיין לעבן אין קאָן?

פערדינאַנד האָט דעם פאָטער אויפן אָרט גאָרניט געענטפערט. ער האָט אָבער נאָך דעמזעלביקן אָוונט פאַרשריבן ביי זיך אין טאָג־בוך:

„. . . איז אפשר מיין פאָטער גערעכט? פאַרוואָס זאָל איך דאָס זיין אַ קרבן (קאָרבן) פאַר אַלעמען? אָבער ווען יעדערער וועט אַזוי זאָגן, ווי אַזוי וועלן זיך איבערהויפּט געפינען קעמפער?!

„פאַרוואָס זאָל איך דאָס זיין אַ מאַרטירער פאַרן גאַנצן פאָלק? ווייל אַ געטלאַכע שטים הילכט אין מיין האַרצן און רופט מיך צום קאַמף; ווייל איך האָב אין זיך אַ געטלאַכע קראַפט, וואָס פּאַסט מיך צו צו מלחמה (מילכאָמע). איך פיל, אַז איך קאָן ליידן און קעמפן פאַר אַ שיינעם אידעאַל...“

און זיין וויטערדיק לעבן האָט טאַקע באַשטעטיקט, אַז ווייניק זיינען געווען אין יענער צייט אַזעלכע בראַווע קעמפער.

ה. לייוויק

אינגלוויַיז

נאָך אינגלוויַיז, ווען אַלע קינדער האַלטן זיך אין שפּילן,
האָב איך מיך פאַר אַ גרויסן שוין געהאַלטן,
געלעבט מיט זיך אַליין, מיט מענטשן פונדערוויַיטן,
אַזוי ווי עפּעס וואָס פון אַלעמען באַהאַלטן.

איך האָב שוין דאַן געזען, ווי מענטשן ליַידן, שוויַיגן —
האָב איך דעם שוויַיגן זייערן אין זיך פאַרנומען,
און עפּעס פאָרגעשטעלט זיך וויַיט אין וויַיטער עלטער,
עפּעס גרויסעס, וואונדערלאַכעס וועט פון ליַידן קומען . . .

און איך דער ערשטער וועל דערזען דאָס וואונדערלאַכע, גרויסע,
און מער פון מענטשן שוין ניט קענען עס פאַרבאָרגן;
פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּן
און אָנזאָגן דעם ליכטיקן פרימאָרגן . . .

איך ווייס ניט ווער ס'האָט מיך אויסדערוויילט פון אַלע,
און פרעמד, פאַרשעמט, פון אַלעמען דערוויַיטערט;
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ האָב איך, פאַר גוטעס אָנגענומען,
מיַין יוגנט אין דערוואַרטונגען געליַיטערט . . .

נויט און קאמף

מאָריס ראָזענפעלד

מיין אינגעלע

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זונעלע — גאָר פיין!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מיין שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים תמיד שלאָפנדיק,
איך זע אים נאָר ביינאַכט.

די אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אַ, פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
אַ. פרעמד מיין קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פינצטערניש געהילט;
מיין בלייכע פרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?"

איך שטיי ביי זיין געלעגערל
און זע און הער און — שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלאַך.
זיי עפנען זיך: „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינט.

„דאָ שטייט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
אַ פּעניעלע דיר נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלאַך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלייב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פאַרביטערט און איך קלער:
ווען דו וואַכסט אויף אַמאָל, מיין קינד,
געפינסטו מיך ניט מער.

ז. ליבין

מענדלס חלום

אזייגער עלף אינדערנאַכט איז מענדל, אַ שטעפּער פון קינדערשע הייזקעס, געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט.

מענדל איז אַ האַנט אין דעם באַוואוסטן מיסטער אייזיק דאַרדיקס סוועט-שאַפּ: היינט האָט דער מאַן געאַרבעט „אָווערטאַים", און ער פילט זיך, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, ניט מיט אַלעמען: עס ברעכן און שטעכן אים אַלע אברים (אייוורים), נאָר איבערהויפּט טוט אים שטאַרק וויי דער קאָפּ און די פיס ברעכן אַזוי, אַז איין גאָט מעג זיך מרחם (מעראַכעם) זיין.

גייט זיך דער אַרבעטער ניט געאיילט, אַזוי, מעשה שפּאַציר, אָכצעט, קרעכצעט און פּאַכט מיט דער נשמה.

אָט איז שוין מענדל אַריין אין דעם אַריינגאַנג פון „זיין" הויז.

אין דעם אַריינגאַנג איז פינצטער, עס וואָלט ניט געשאַדט אָנ־רייבן אַ שוועבעלע, אָבער מענדל טוט עס ניט: עס איז שוין דער פערטער טאָג, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט מיט זיין דירה-געלט און ער פילט זיך שטאַרק געפאַלן. האָט ער מורא צו מאַכן וועלכן ניט איז רעש (ראַאַש) און ער רייבט ניט אָן קיין שוועבעלע און קלעטערט איבער די טרעפּ, שטיל ווי אַ קאַץ.

לעבן רעכטן טיר שוין, האָט דעם אַרבעטער אונטערגעשפּאַרט אַ הוסט, און מענדל האָט זיך געלאָזט הערן.

קיידי, מענדלס פרוי, איז געלעגן אין בעט און געדרעמלט, האָט זי אָבער דערהערט דעם מאַנס הוסטן, איז זי אויפגעשטאַנען, גע־מאַכט גרעסער דאָס פייער אין לאָמפּ און, ווען איר בעל מפרנס (באַל-מעפּאַרנעס) איז אַריין אין הויז, האָט קיידי אים באַגעגנט מונטער, און מיט אַ גוט-מוטיק שמייכל.

— דאָס קינד? — האָט מענדל אַ פרעג געטאָן.

— שלאָפט, — איז געווען קיידיס ענטפער, און די פרוי האָט נאָך מער גענומען שמייכלען.

פאַרשטייט מענדל, אַז די ווייב וועט אים דערציילן עפּעס אַ חכמה (כאָכמע) פון דעם קינד, און ער וואַרט שוין אויף דעם מיט אַן אָפן מויל.

— אוי, איז דאָס קלוג, — פאַנגט אָן קיידי און שטעלט זיך אָפּ.

— וואָס? — פרעגט אומגעדולדיק מענדל, און דער שטעפּער קוועלט שוין באַצייטנס, כאָטש ער ווייס נאָך ניט וועגן וואָס פאַר אַ חכמה פון זיין קינד וועט אים זיין פרוי באַלד דערציילן.

— עסט ווי אַ גרויסע, — דערציילט מענדלס ווייב מיט התפּעלות (היספּיילעס).

— יע? — פרעגט איבער מענדל.

— קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַטן, — דערציילט ווייטער קיידי, — האָט אין זיך אַריינגעשטאָפּט אַ גאַנצע ליסטעטשקע ברויט און האָט זיך אַפילו קיין קרים ניט געטאָן.

— זאָל זי ביי אונז געזונט זיין, — ענטפערט מענדל און נעמט אויך שמייכלען צופרידן.

— היינט ווי זי שלאָפט, ווי אַ גרויסע... ליגט פאַנאַנדער־געוואָרפן... קום נאָר אַהער, טו נאָר אַ בליק, — האָט קיידי איינ־געלאַדן איר מאַן אין שלאָפצימער. מענדל קוקט אויף זיין שלאָפנדיק קינד און דאָס בלאַס־געלע פּנים פון דאַרדיקס „האַנט" שיינט פון ליבע און גליק.

— וועסט עפּעס עסן, מענדל? — פרעגט קיידי.

— ניין, קיידי, איך גיי גלייך אין בעט, עסן האָב איך ניט קיין כח.

— געאַרבעט שווער? — פרעגט קיידי און איר פּנים ווערט פאַרזאָרגט.

— אַלץ הייסט שווער, — ענטפערט מענדל מיט אַ זיפץ.

— עס איז אָבער פאַראַן אַ טייערע וועטשערע, — רעדט צו קיידי איר מאַן, אַז ער זאָל עסן.

— וואָס?

— זופּ מיט קניידלאַך.

מענדל האָט זייער ליב קניידלאַך, און כאָטש ער פילט זיך צעבראָכן און שטאַרק מיד, זעצט ער זיך ביים טיש.

קיידי האָט דערלאַנגט וועטשערע צום טיש, מענדל האָט גענומען עסן, נאָר אינמיטן דער אכילה (אַכילע) האָט ער איינגעדרעמלט.

— ווילסט שלאָפן, מענדל? — האָט קיידי אויפגעוועקט איר מאַן.

— איך שטאַרב, איך שטאַרב, קיידי.

— נו, טו גיי, נאַרעלע, אין בעט.

און מענדל איז אַוועק צו זיין מנוחה (מענוכע).

ווען מענדל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט, האָט ער ערשט דאַן דערפילט די ווייטיקן.

דער אָרימער שטעפּער האָט דערפילט אויף זיך דעם מיסטער דאַרדיק — זיין באָס, די ניי־מאַשין, די הייזקעס... אוי, ווי שלעכט ער האָט זיך געפילט!

דער קאָפּ האָט זיך צעוויטיקט און איז געלעגן אויפן קישן אַזוי ווי אַ שווערער שטיין. און די פיס?!... אוי, די פיסעלאַך, די אָרימע פיסעלאַך! דער אָרימער מענדל האָט פאַר זיינע רגלים (ראַגלאַים) קיין אָרט ניט געהאַט. אוי, ווען איינער וואָלט געקומען און וואָלט זיי אונטערגעשניטן, וואָלט ער, מענדל, דאַכט זיך, מחיה (מעכאַיע) געווען זיך.

— אוי, ניט גוט איז מיר, ניט גוט איז מיר, — האָט זיך אַרומגעוואָרפן דער שטעפּער ווי פון היץ.

— וואָס איז דיר? — האָט קיידי געפרעגט.

— איך פיל דעם טויט...

— וואָס טוט דיר וויי?

— דער קאָפּ... די פיס... אוי, איך בלייב ....

און דער אַרבעטער איז איינגעשלאָפן.

אָט זעט ער, ווי ער, מענדל, זיצט ביי דער מאַשין און אַרבעט הייזקעס, און עס טוט אַזוי וויי דער קאָפּ, און עס טוען אַזוי ווי די פיס; גייט צו אים צו מיסטער דאַרדיק און רופט אים אָפּ:

— מענדל!

— האַ? — פרעגט מענדל.

— דו ווייסט, — זאָגט דאַרדיק, — עס ווערט שוין באַלד „סלעק“.

מענדלען ווערט אַזש קאַלט פון דער בשורה (בסורע); ער ווייס ניט וואָס צו ענטפערן און שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— אָבער שרעק זיך ניט... ווער־ווער, דו ווייסט האָבן אַרבעט.

— יע? — פרעגט מענדל און ער גלויבט ניט וואָס ער הערט דאָ.

— ווייסט נאָך אַרבעטן יעדן טאָג „אָווערטאַים“, — רעדט דאַרדיק ווייך און גוט, און מענדל פילט אַז אים ווערט אַזוי לייכט, אַזוי גוט אויפן האַרצן. ער וויל עפּעס זאָגן, ער ווייס ניט וואָס, נאָר באַלד קריגט ער ס'לשון און זאָגט:

— מיסטער דאַרדיק, איך האָף, אַז איר וועט זיין מיט מיר

צופרידן. — אָבער אַט באַציט זיך דאַרדיקס פּנים ווי מיט אַ שווערן וואָלקן און דער באָס רופט זיך אָפּ עפּעס גאָר מיט אַן אַנדער קול:

— אָבער ווייסטו, מענדל, אַז איך וויל דערפֿאַר האָבן באַצאָלט?

— באַצאָלט? — קוקט אָן מענדל זיין באַלעבאָס פאַרוואונדערט און דערשראָקן.

— יאָ, באַצאָלט. אַזאַ גוטן, שטענדיקן פּלאַץ קריגט מען ניט אומזיסט.

— אָבער וואו זאָל איך נעמען צו באַצאָלן? — פרעגט מענדל.

— איר ווייסט דאָך, מיסטער דאַרדיק, אַז איך אַרבעט דאָ אוים ביי אייך קוים אויפן שטיקל טרוקענעם ברויט.

— איך בעט ביי דיר ניט קיין געלט, — האָט דאַרדיק געענטפערט. ביי דעם אַרבעטער פאַלט אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרצן און ער פרעגט בלויז נייגעריק:

— ווען ניט געלט, טאָ וואָס דען?

— וואָס פאַרמאָגסטו? — פרעגט דאַרדיק.

פאַרשטייט ניט מענדל, וואָס דער מייסטער מיינט מיט זיין פראַגע, קוקט ער ווי אַ האָן אין „בני־אָדם" (בניי־אָדאָם) און פרעגט:

— האַ?

— וואָס פאַרמאָגסטו? — פרעגט איבער דאַרדיק, — וואָס האָסטו עפּעס אַזוינס, וואָס דו קענסט זאָגן, אַז דאָס איז דיין פאַרמעגן?

— גאָרנישט, מיסטער דאַרדיק, — האָט מענדל עפּעס אַזוי ווי געענומען שווערן זיך, — גאָרנישט, איך בין אַ גרויסער קבצן (קאַבצן).

— אָבער דיין גוף פאַרמאָגסטו דאָך, — זאָגט מיסטער דאַרדיק און אויף דעם מייסטערס פּנים האָט זיך באַוויזן אַזאַ העסלאַכער שמייכל.

— טאָקע ניט מער ווי דעם גוף, — ענטפערט מענדל, רעכנענדיק, אַז דאַרדיק מאַכט אַ שפּאַס.

— וויל איך אַ חלק (כיילעק) פון דיין גוף, — זאָגט דאַרדיק.

— ווי הייסט? — פאַרשטייט ניט מענדל.

— אַן אבר (אייווער), אַ גליד פון דיר וויל איך, — דערקלערט דאַרדיק, און דעם פאַבריקאַנטלס אייגעלאַך האָבן אַ שלעכטן ברען געגעבן.

אַ ווײַלע איז מענדל געבליבן איבערראַשט פון דער פאָדערונג, נאָר באַלד האָט ער מוט געקראָגן און געענטפערט:

— מיסטער דאַרדיק, אויף אידישקייט...
— וואָס אויף אידישקייט?
— עס איז אַן עולה (אוולע).
— וואָס אַן עולה?
— עס איז אַ רציחה (רעציכע).
— וואָס אַ רציחה?

— פאַרלאַנגען פון מיר אַן אבר (איידוער), — ענטפערט מענדל און דאַרדיק האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שרעקלאַכן, ווילדן געלעכטער. אָבער מענדל איז געוואָרן ביי זיך נאָך מוטיקער און האָט ווייטער גערעדט:

— עס איז איינפאַך אַ רציחה. אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, איז מיין גוף, ווילט איר נאָך רייסן פון מיר מיינע אברים (איידורים). ניין, איך וועל זיך ניט לאָזן!

— דאַרף מען ניט, — האָט דאַרדיק געענטפערט, — אַמעריקע איז אַ פרייע מדינה (מעדינע), קענסט זיך האַלטן מיט דיין גוף, אָבער דו מוזט פאַרלאָזן מיין פאַבריק.

— וועל איך פאַרלאָזן! — האָט מענדל געענטפערט מיט אַזאַ אכזריות (אַכזאָריעס), אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אינדערהיים אַ ווייב מיט אַ קינד... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דינסטיק דאַרף ער צאָלן דירה-געלט (דירע-געלט), שבת-נאַכט דאַרף ער באַצאָלן אין „גראָסערי"... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יהודה לייב, זיין לאַנדסמאַן, אויך אַ שטעפּער ביי הייזקעס, גייט שוין אַרום דעם צווייטן חודש אָן אַרבעט און איז שוואַרץ ווי די ערד... די מחשבות האָבן דעם אַרבעטער געמאַכט ציטערן, דאָס בלוט האָט אים גענומען קילן אין די אָדערן.

— נו? — פרעגט דאַרדיק, — פאַרלאָזטו מיין פאַבריק?
— מיסטער דאַרדיק . . .
— וואָס ווילסטו?
— ווילט איר דוקא אַן אבר (איידוער)?
— געוויס וויל איך.
— צו וואָס?
— דאָס איז מיין געשעפט.
— וואָס פאַר אַן אבר ווילט איר? — פרעגט מענדל.
— איך וויל האָבן דיינע פיס, — האָט דאַרדיק געענטפערט מיט

גרויס נצחון (ניצאָכן).

מענדל איז געוואָרן פאַרציטערט.

— די פּיס, — האָט ער געשטאַמלט דערשראָקן, — די פּיס? איך וועל דאָך אָן די פּיס ניט קענען אַרבעטן.

— נו, גיב מיר דיין קאָפּ, — האָט דאַרדיק געזאָגט.

דעם אַרבעטער האָט אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויים.

— ווי הייסט דעם קאָפּ? — האָט ער אָנגעקוקט דעם באַלעבאָס מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

דעם קאָפּ, דעם גאַנצן קאָפּ ביזן רעכטן האַלז, — האָט דאַרדיק געענטפערט מיט אַ טייוולשן שמייכל.

— וואָס רעדט איר, מיסטער דאַרדיק?

— איך ווייס, וואָס איך רייד...

— נעמט עפּעס אַן אַנדער אבר, האָט רחמנות (ראַכמאָנעס).

— עס איז אַמעריקע, דאָ איז ניטאָ קיין רחמנות. איך וויל דיין קאָפּ, דעם גאַנצן קאָפּ נאָך מיט אַ שטיקל האַלז.

— איך קען ניט... איך קען אָן אַ קאָפּ ניט בלייבן, — האָט מענדל געענטפערט און טרערן האָבן אים גענומען ווערגן.

— נו, טאָ גיב די פּיס, — האָט דאַרדיק געזאָגט.

— וואָס רעדט איר, מיסטער דאַרדיק? וואָס טויג אַ שטעפּער אָן פּיס?

— נו, איז דעם קאָפּ!

מענדל האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע. און דאַרדיק האָט גענומען ריידן מיט אַ ווייכערער שטימע:

— פּערד וואָס דו ביסט, אויף וואָס דאַרפסטו האָבן דיין קאָפּ?

— עפּעס אָן אַ קאָפּ... איך וועל דאָך ניט קענען אַפילו אַ טראַכט געבן, — רעדט מענדל.

— צו וואָס דאַרפסטו טראַכטן? הייזקעס קענסטו מאַכן ניט געטראַכטערהייט.

— איך וועל דאָך אַפילו עסן ניט קענען.

— נאָך אַ זאָרג, וועסט קענען אָפּשפּאָרן עטלאַכע פּענים, נאָך בעסער.

— און הערן וועל איך אויך ניט קענען.

— וואָס דאַרפסטו הערן? צו די הייזקעס קענסטו זיך זיין טויב, עס שאַדט ניט.

— איך וועל דאָך אָבער ניט זען...

— אָן אַנווער אַ גרויסער! גלויב מיר, מענדל, דו ביסט שוין אַזוי איינגעטרייט אין דער אַרבעט, אַז דו וועסט קענען מאַכן די הייזקעס בלינדערהייט.

— זאָל איך טאַקע אָפּגעבן דעם קאָפּ? — פרעגט מענדל, און ער פילט, אַז אים איז עפּעס אַזוי שווער צו שיידן זיך מיטן קאָפּ...

— געווים, נאַר, עס איז נאָך דיר אַ טובה (טויווע), עס וועט דיר אַרונטערפאַלן אַ שווערע משא (מאַסע) פון די פּלייצעס, — רעדט איין דאַרדיק זיין אַרבעטער.

— אַ שאָדן, — מורמלט מענדל.

— וואָס איז אַזוי דער שאָדן?

— ערשט פאַריקע וואָך האָב איך זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר, פופצן סענט באַצאָלט. ווען איך וואָלט וויסן...

— איך וועלליידן די פופצן סענט, — ענטפערט דאַרדיק גוט־מוטיק און גיט דעם אַרבעטער אַ ליבן קלעפּל.

— אָבער וועל איך זיין זיכער מיט שטענדיקער אַרבעט? — פרעגט מענדל.

— ביזן רעכטן קבר (קייווער). וועסט אַרבעטן זונטיק, שבת און אַלע טאָג „אָווערטאַים"‚—האָט דאַרדיק גערעדט אַזוי ווייך, אַזוי גוט.

— נעמט, שניידט! — איז מענדל מרוצה (מערוצע) געוואָרן.

— דאַרדיק האָט אַ רוף געטאָן דעם עלטסטן אַרבעטער, וועלכער איז געווען אי צושניידער אי עלטסטער צו דערזעלבער צייט.

דער צושניידער האָט געהאַלטן אין האַנט זיין שאַרפן מעסער, און ווען מענדל האָט עס באַמערקט, איז אים אַריבער אַ קעלט איבערן גאַנצן קערפּער.

דאַרדיק האָט עפּעס געזאָגט דעם עלטסטן אויפן אויער. דער עלטסטער האָט אַ שמייכל געגעבן, האָט אַ שפּיל געטאָן מיטן מעסער און איז צוגעגאַנגען נאָענט צום שטעפּער.

דער אַרבעטער האָט דערפילט, אַז אים וועט פינצטער אין די אויגן, אַז אים נעמט אָפּ דאָס לשון (לאָשן) פאַר שרעק.

— ביז וואַנען זאָל איך שניידן? — פרעגט דער עלטסטער און האַלט שוין גרייט דאָס מעסער.

— שנייד ביז די פּלייצעס...

— ניין, ביזן האַלז נאַר, — וויל מענדל זאָגן. ער קען אָבער ניט ריידן. אַ קאַלטע אימה (איימע) האָט אים אַזוי צוזאַמענגעדריקט

דאָס האַרץ, אַז ער קען אַ וואָרט ניט זאָגן.

דער עלטסטער האָט אַ כאַפּ געגעבן מענדלס קאָפּ...

— וואַרט!!! — האָט מענדל אַרויסגעלאָזן אַ פאַרשטיקטן געשריי.

— וואָס איז שוין? — האָט אויך אַ געשריי געגעבן דאַרדיק.

— וואַרט... איין מינוטעלע, — בעט זיך מענדל.

— האָסט שוין חרטה (כאַראָטע)? — פרעגט דאַרדיק, — קענסט אָבער ניט, עס איז שוין פאַרפאַלן, האָסט געמאַכט אַ קאָנטראַקט.

און דער צווייטער דריקט שטאַרקער מענדלס קאָפּ.

— ניין, איך האָב ניט קיין חרטה, — בעט זיך מענדל, — איך וויל נאָר אויף אַ מינוטעלע אַ לויף געבן אַהיים.

— וואָס דאַרפסטו אינדערהיים? — פרעגט דאַרדיק, ווינקט דערווײַלע צום צווייטן און דער צווייטער רירט שוין צו דאָס מעסער צו מענדלס האַלז נידעריק לעבן די פּלייצעס.

— וואַרט... לאָזט... איך וועל נאָר איין קוק געבן אויף מיין קינד, איך וועל עס דאָך שוין מער ניט קענען זען.

און פון אונטער מענדלס ברוסט האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן אַ פאַרשטיקטער, אַ שרעקלאַכער געוויין...

— מענדל, וואָס וויינסטו? — האָט דער אַרבעטער דערהערט זיין ווייבס קול, און מענדל האָט זיך אויפגעכאַפּט. דאָך איז ער נאָך פאַרבליבן אונטער דעם איינדרוק פון דעם שרעקלאַכן חלום (כאָלעם) און האָט מיט די הענט גענומען טאַפּן זיין אייגענעם גוף.

— וואָס זוכסטו? — האָט קיידי געפרעגט.

— מיינע אברים (אייווורים), — האָט מענדל געענטפערט פאַר־שלאָפן.

ביי דער אָרימער קיידין איז אַריבער אַ סקרוך איבערן לייב...

— וואָס פאַר אברים (אייווורים)? — האָט די דערשראָקענע פרוי אויסגעגלאָצט אויף איר מאַן אַ פּאָר אויגן.

— מיין קאָפּ... מיינע פיס...

— מענדל, דו שלאָפסט, — האָט קיידי מיט שרעק נאָכאַמאָל געוועקט איר מאַן.

— גאַנץ... אַלע גאַנץ, — האָט געמורמלט דער אַרבעטער.

— מענדל!!! — האָט קיידי אויסגעשריען ניט מיט אירע קרעפטן... דער שטעפער האָט זיך אינגאַנצן אויסגעשלאָפן, פאַר־שטאַנען אַז ער האָט געזען אַ חלום, אָפּגעזיפצט זיך און דערציילט קיידין זיין נסיון (ניסאָיען).

ר. אייזלאַנד

פון אַלטעג

א

דורך דעם פענצטער קוקט אַריין צו מיר אַ טריבער מאָרגן.
מיד, ניט אויסגעשלאָפן גייט אַרום די פרוי.
די פּאַנטאָפל קלאַפּן וואָכעדיק און גרוי.
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכעדיקע זאָרגן.

— האָסטו דיר דיין פרישטיק. אין פּאַפּירן זעקל
ליגן ברויט און עפּל. נעם זיי מיט.
זיי נאָר שטילער, וועק די קינדער ניט.
און אַט וואַרט. זע, מאַך צורעכט דיין רעקל.

— א גוטן טאָג!
—גיי געזונטערהייט און קום געזונט צוריק.

דרויסן רעגנט. גלאַנציק־שוואַרץ און נאַס
ציט אַ לאַנגע זיך פאַר מיר די גאַס.
מענטשן איילן, סאָפּענדיק פון ביידע זייטן,
ווי אַ לאַנגע, אויסגעדרייטע שלאַנג, פונוויטן
לויפט אַ צוג פאַרביי דאָרט אויף אַ הויכער בריק.

כ׳גיי אין שטראָם, און מענטשן, קראָמען — אַלץ אַזוי באַקאַנטע,
און דאָך פרעמד אַזוי, אַלץ בייטן זיך פאַר מיר.
גאַס נאָך גאַס. און אַט איז שוין דער פּלאַץ. און דאָרט אַרויף די טיר,
שילדן גאָלדענע. און פענצטער, פענצטער אַלץ אַזוי באַקאַנטע.

כ׳שטיי ביים טיר און וואַרט. אַ מיידל קומט: — „גוט־מאָרגן“!
ס׳קומען יונגע, אַלטע לייט: — „גוט־מאָרגן“ און „גוט־יאָר“.
ס׳עפנט זיך די טיר: אַ נעגער־יונג מיט קרייזלדיקע האָר
ציט אַרויף אונז אינדערהייך. אַ זשום — אַ פלי!

באַלד, מיר זיצן שוין אין יאָך, ווי פּי,
און ציען אויסגעמאַטערטע, געשפּאַנט אין שווערע זאָרגן...

ב

ס'איז מיטיקצייט. אין שאָפּ איז שטיל. בלויז, ווי אַ בין,
דאָרט זשומעט אין ווינקל־וואו איינייגציקע מאַשין.
אַ מיידל עסט און קנאַקט די שאָלאַכץ פון אַן איי.
און איינער אָדער צוויי געמיטלאַך זופּן טיי.

דאָ נעבן כראָמקעט עמיץ ציבעלע מיט ברויט.
און בלאַסע מיידלאַך, אָנגעפאַרבט אויף רויט,
צעשטעלן זיך ביי אָפענע פענצטער אויס,
און קוקן זשעדנע ערגעץ־וואו אַרויס.

און אויף אַ פענצטער זיץ איך מיר אַליין.
די פּיס פאַרלייגט. אַ האַנט אין שויס, און קוק ארויס.
אַזוי זיך גלאַט אַרויס.
אַקעגן פון אַ פענצטער ווינקט אַ מיידל מיר,
און, אפשר, ווינקט זי ניט. איך קוק אויף איר
און קוק אַוועק;
און ס'פאַלט מיין בליק אַראָפּ צום וועג,
וואו ס'שלעפּן קרעכצנדיק באַלאָדנט שווער
זיך וואַגנס, פערד און קאַרס אַהין, אַהער.
און אויף די טראָטואַרן שוויבלען מענטשנקעפּ,
מיט היט פון שטרוי און פעלץ, און גלאַט מיט צעפּ.
און ערגעץ ברומט אַ שיף, און איבער אַלע דעכער
צעשניידט אַ פייף די לופט, און ערגעץ ווייטער, העכער
פאַרקלינגט אַ בלאַסער קלאַנג אין דעם געפילדער.
און ווילד און ווילדער
צעשניידט זיך אַלץ די לופט פון פייפערייען.
און שיטערער עס ווערן אונטן יענע מענטשן רייען.
געדיכטער אויף די וועגן און די רעדער — שווערער.
און וואָס אַמאָל אַלץ מערער.

און דאָ אַרום מיר הייבט עס שטאַרקער אָן צו זשומען
און איינציקווייז עס הייבן אָן צו קומען
צום וואַנט די שאָטנס און טיפער דאָרט, דערינען
די מענטשן, איילנדיק צו זייערע מאַשינען.

און כ׳זיץ אזוי, די פיס פארלייגט, א האַנט אין שויס,
און קוק זיך אום און קוק אַרויס
און קוק זיך ווידער אום, און שטום.

אַנבויגנדיק דעם קאָפּ, הייב איך זיך אויף,
און לייג די הענט צונויף,
און לאָז זיך לאַנגזאַם גיין אַהין,
צום ווינקל, וואו עס וואַרט, זיך דרייענדיק,
אַ ליידיקע מאַשין.



אַ פאַבריק — פון ליכטנשטיין



אין שאַפּ

איך קאָן אייך אָנזאָגן אַ בשורה; מיין ברודער עליע און אונזער חבר פּיניע אַרבעטן שוין אין שאַפּ, אויף דער פאַבריק, הייסט עס. ווי אַזוי מע אַרבעט אין שאַפּ, קאָן איך אייך אַקוראַט ניט זאָגן, וואָרום איך ווייס אַליין ניט. מען לאָזט מיך נאָך אַהינצוצו ניט אַריין, וואָרום איך בין נאָך צו קליין. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מיין ברודער עליע און פון אונזער חבר פּיניע. אַלע אויפדערנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאַפּ, דערציילן זיי אונז וואונדער. זיי קומען אַלעמאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק.

מיין שוועגערן ברכה איז ניט צופרידן. די מאַמע אויך ניט. זיי באַוויינען אונז, וואָס מיר דאַרפן אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע, בכדי צו מאַכן אַ לעבן. אַ קליינינקייט — אַרבעטן אין שאַפּ! אַז האַלב זיבן אינדערפרי מוז מען שוין זיין אויף דער אַרבעט. אַ שעה נעמט צו פאָרן אַהין. עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען. היינט רעכנט אויס, ווען מיר דאַרפן אויפשטיין? און פאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט קיין מינוט אפילו! וואָרום

טאָמער פּאַרשפּעטיקט איר, רעכנט מען אייך אראָפּ פּאַר עטלאַכע מינוט א האַלבן טאָג אַרבעט.

איך האָב מורא, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ ניט עלטערן. מיין ברודער עליע זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צרות פונם פאָרמאַן. יעדער שאַפּ האָט אַ פאָרמאַן, אַן עלטסטן, אַן אויפזעער. און ניט נאָר איין פאָרמאַן. יעדער שטאָק האָט זיך זיין פאָרמאַן. אויף דעם שטאָק וואו עליע אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ רשע־מרושע. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַ שניידער. האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַן עלטסטער. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פונם באָס, פון באַלעבאָס, הייסט עס.

מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער. אַזוי, אַז ווען איר וועט ניט קומען, וועט איר פאַרשפּעטיקן. וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ הונט? און אונזער חבר פיניע דערציילט פון זיין שאַפּ נאָך שענערע מעשיות. זייער פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ פּייפּער אַריין, אין אַ צייטונג, הייסט עס. לייענען אַ צייטונג ביי דער אַרבעט — חיות ניט זיכער! רויכערן שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס'איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קאָן הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גראַגערן פון די מאַשינעס.

נאָך אַ מעלה האָט זיין שאַפּ. דאָרט ווערן די פּרעסלאָך אָנגעוואַרימט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז", דאָס הייסט, שטינקען שטינקט עס אַזוי, ווי ביי אונז גאַז. נאָר מע טאָר ניט זאָגן גאַז. מע דאַרף זאָגן געז. אַקוראַט פאַרקערט. סע זאָל ביי אונז אינדערהיים הייסן געז, וואָלט מען דאָ, מסתמא, געזאָגט גאַז.

הקיצור, די געז פון די פּרעסלאָך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאַלן חלשות און מוזן וואַרפן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע". דאָס הייסט, אַז עס קומט אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפּעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבער טאָג. דאָ זייט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבער טאָג. דאָ זייט איר געפאַלן חלשות — פאַרפאַלן אַ טאָג.

ניין, מע קאָן מער ניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין אַ סטרייק.



די אַרבעט ברענט — פון אַרמין

שלום-עליכם

מיר סטרייקן

1

מיר דאכט, אז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מע סטרייקט. דאָס האָט אַ פּנים, ווי אַז איר לערנט ביי אַ רבי׳ן, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק. נעמט מען אָפּ ביי אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער מלמד. דערווייל הערט איר אויף צו גיין אין חדר. מיין ברודער עליע און אונזער חבר פּיניע האָבן אויפגעהערט צו גיין אין שאַפּ. אונזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים, זייט זיי זיינען אינדערהיים. אַזוי האָבן מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטיק, וואָרום, ווי איך האָב אייך שוין דערציילט, אַז מע אַרבעט אין אַ שאַפּ, מוז מען אויפשטיין באַגינען, בכדי מע זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיקן. און אַז זיי זיינען גע־קומען אהיים, פלעג איך שוין שלאָפן. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטיים". דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע אַרבעטער זיינען געגאַנגען אהיים, זיינען אונזערע לייט נאָך געזעסן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט. ניט דערפאַר, וואָס מע האָט זיי געגנוית פון קהל, זיי זיינען פאַרבליבן אַרבעטן, בכדי זיי זאָלן מער פאַרדינען. אי, אַז ס׳איז געקומען צום צאָלן, האָט מען ביי זיי אָפּגעריסן טעג — וואָס זיינען זיי שולדיק? „עלעהיי גזלנים זיינען אונז באַפאַלן"... אַזוי האָט געזאָגט מיין ברודער עליע.

— עלעהיי דו ביסט אַ לעקיש! — זאָגט צו אים מיין שוועגערן ברכה. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע. זי זאָגט, אַז אַלע פאַרלייט מיט אַלע באַסעס וואָלטן ביי איר געקייט די ערד. און איר מעגט זי גלויבן. ברכה קאָן!

2

דערפאַר האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ, אַז אַלע שעפּער (פאַבריקן) האָבן דערקלערט אַ סטרייק. דאָס הייסט, אַלע שניידער, וויפיל ס׳איז פאַראַן אין ניו־יאָרק, האָבן אָוועקגעלייגט שער און אייזן און — אַ גוטן טאָג. ווייי, ווייי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן! אינדערהיים, אויפן גאַס, אין טעאַטער. מע קלייבט זיך צונויף אהינצוצו אַלע שניידערס פון גאַנץ

ניו־יאָרק אויף אַ מיטינג, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט. איר הערט זיך דאָרטן אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרייק"... „יוניאָן"... „אָרגאַניזירט"... „אַכט און פערציק שטונדן"... „העכערע שכירות"... „בעסערע באַהאַנד־לונג"... סטרייק־ברעכערס"... „פּיקעטס"... און נאָך און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט זיי ניט. מיין חבר מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ, נאָר געבן מיר צו פאַרשטיין קאָן ער ניט. „וועסט עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אַליין פאַרשטיין". עס קאָן זיין. דערווייל קוק איך זיך צו, ווי דער עולם היצט זיך, און עס בייסן מיר די הענט. עס גלוסט זיך מיר זיי אַלע אָראָפּכאַפּן אויף פּאַפּיר, אויסמאָלן איטלאַכן באַזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, ווי אַזוי ער שטייט און ווי אַזוי ער רעדט.

3

למשל, נעמט מיין ברודער עליע. ער אַליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלאַכס רעדל און שטעקט אַריין די נאָז, איידער ער לייגט צו אָן אויער. בעת מעשה בייסט ער די נעגל און איז שטאַרק אויפגערעגט. אַ פאַרגעניגן צו זען מיין ברודער, ווי ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אַלעמען מרוצה, וואָס יענער זאָל ניט זאָגן. אָט איז צוגעקומען אַ שניידער מיט אַ פּנים פון אַ קאַטשקע. אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שניידער האָט אים אָנגענומען ביי אַ לאַץ און טרייסלט אים און רעדט אין אים אַריין, אַז ס'איז ארויסגעוואָרפן דער גאַנצער טאַרעראַם. די שניידער וועלן מיט זייער סטרייק גאָרניט אויספירן, מחמת די „אַסאָסיאיישאָן" (אָרגאַניזאַציע) פון די „מאַנופעקטשורערס" (פאַבריקאַנטן) איז צו שטאַרק פאַר אונז! שאָקלט אים מיין ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מורא, אַז מיין ברודער עליע וויים אַזוי, וואָס באַטייט „אַסאָסיאיישאָן" און „מאַנופעק־טשורערס" ווי איך... וואָרים אָט איז צוגעגאַנגען צו עליען אַן אַנדער שניידער מיט אַ גולקע אויף איין זייט קאָפּ — פון דער לינקער זייט. ער האָט גערעדט און אַלע מינוט אויסגערופן: „ניין, מיר מוזן קעמפן, אויס־קעמפן ביזן סוף!"... האָט אים מיין ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַן עבירה, וואָס מיין שווענער איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט אים שוין עפּעס אַריינגעזאָגט.

4

דערווייל גייט אוועק א טאג נאך א טאג. דער סטרייק איז א סטרייק. די ארבעטער זיינען שטאל און אייזן. מיטינגען מאכט מען אלע טאג און אלעמאל אויף א נייעם פלאץ. די מאנופעקטשורערס, הער איך זאגן, האלטן זיך אויך שטארק, זיי ווילן ניט נאכגעבן. זיי וועלן אבער מוזן נאכגעבן. אזוי זאגן אלע. ניטא א זאך, וואס די ארבעטער זאלן ניט אויספירן. עס האלט שוין ביים לעצטן מיטל. אז דאס וועט ניט העלפן, איז עק-וועלט! אזוי זאגן אונזערע לייט. וואס איז דאס פאר א מיטל? מיר וועלן זיך צונויפזאמלען אלע סטרייקער פון גאנץ ניו-יארק און מיר וועלן דורכגיין איבער די „סטריטן" (גאסן) מיט א „מארטש" (מארש). דאס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שניידערס וועלן זיך דורכשפאצירן מיט די פאנען איבער דער שטאט. מיר און מיין חבר מענדל איז דאס דוקא געפעלן. מיר וועלן זיין די ערשטע. רעדט-זשע אבער מיט מיין שוועגערן ברכה, זאגט זי, אז ביי איר זעט דאס אויס, ווי קינדער שפילן זיך אין סאלדאטלאך... זי זאגט: „אן עבירה אייערע שיך".

וואס זאגט איר דערויף?...

א. ראבאי

ווייסע הענט

(פון „געקומען א איד אין אמעריקע")

זיי זיינען געגאנגען איבער א גאס א שמאלער, און, ווי מאניסן האט זיך אויסגעוויזן, אויסגעשניטן ערגעץ אונטער דער ערד; אן א שיר א לאנגער, און די שטיבער איינגעוואָרפענע און ביי די שטיבער וועגענער מיט פערד און פעסער מיט הערינג און פעסער מיט ציבעלעס און פעסער מיט עפל און געשטעלן מיט אלערליי סחורות און אלטוואַרג און אַרויסגעוואָרפענע, צעבראָכענע שטיקער מעבל און פלעשער ליידיקע און איינגעבונדענע בינטלאך זיינען גע־לעגן, איינס אויף דאס אנדערע אויף קופקעלאך אש, און קעץ האבן געריועט אין דעם אפפאל, און הינט פארלייזיקטע און אפגעשונדענע זיינען נאכגעלאָפן די קעץ. און קינדער זיינען געשטאַנען אָדער געגאַנגען אין גאַנצע בינטן. אַזעלכע טרויעריקע קינדער, ווי זיי וואָלטן נישט געהאַט קיין מאַמעס. און בעקער-יונגען, ווייס-באַ־

מעליקטע, האָבן געטראָגן גרויסע קוישן פריש־געבאַקענע בייגל און היים־געבאַקן ברויט, און אידן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט זעגן און מיט העמדלאַך און אַנדערע אידן האָבן געטראָגן בערג מיט הויזן און רעקלאַך און היט צום פאַרקויפן. אָט צווישן אַזעלכע גאַסן האָט אייבערעם געפירט מאַניסן.

מאַניס האָט זיך געפּרוּווט אַלעמאָל אָפּשטעלן און באַטראַכטן דאָסדאָזיקע בייז־וואונדער, אָבער אייבערעמס האָט אים אַלעמאָל דער מאָנט, אַז מען דאַרף גיין, ביז ר'האָט אים צוגעבראַכט צו דער מיט פון גאַס. ערשט דאָ האָט זיך מאַניס אַרומגעקוקט, אַז פון אויבן איז די גאַס געווען אינגאַנצן פאַרשטעלט מיט אַ דאַך, ווי, למשל (לעמאָשל), דער דאַך פון אַ היימישער קאַמער — טאַקע אַ דאַך און פאָרט נישט קיין דאַך. וואָרים עס האָבן זיך דורך דעם דאַך פאָרט דורכגעזען שטיקלאַך פון דעם הימל. עס איז אָבער באַשערט געווען, אַז מאַניס זאָל זיך דערשרעקן. וואָרים אָן שרעק איז ביי אים דאָס לעבן זיינס קיינמאָל נישט אָפּגעקומען. נו, האָט ער זיך איצט אַביסל דערשראָקן. עס האָט אויף דעמהאָזיקן דאַך פּלוצלונג אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. און די אייזערנע באַלקנס פון דעם דאַך האָבן געקרעכצט פון דעם שווערן געוויכט פון דעם, וואָס האָט אַזוי פאַרטויבט צו ווערן געקלאַפּט. עס איז אָנגעקומען דאָס פאַר־טויבט־צו־ווערעניש אַזוי ווי מיט אַ ווינט, און עס איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ גליק, וואָס אייבערעם האָט מאַניסן אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַזאַ באַן, וואָס לויפט אינדערהייך. וואָלט, דאַכט זיך, מאַניס באַדאַרפט זיין צופרידן און שוין. איז אָבער מאַניס ערשט איצט אַריין אין אַלערליי סברות (סוואָרעס) און נישט אָפּגעלאָזט אייבערעמען, ביז יענער האָט זיך אויף אים נישט אויסגעבייזערט און מיט געוואַלד אים אַריינגעשלעפּט אין אַ פינצטער לאָך און אים גע־פירט אין דער פינצטער אַ שטיק וועג, און אים ווידער אַרויסגע־בראַכט אויף דער ליכטיקייט און דאָרט ערגעץ געעפנט אַ טיר. אייבערעם מיט מאַניסן זיינען געבליבן שטיין אין אַ שטוב אַ טונקע־לער, וועלכע איז געווען באַלויכטן, אינמיטן העלן טאָג, מיט גאַז־לעמפּלאַך.

דאָס געפילדער פון ניי־מאַשינען און דאָס שווערע, דער'הרג'־ענדיקע קלאַפּן פון די אייזערנע פּרעסלאַך, מיט וועלכע עטלאַכע אידן האָבן געוואָרפן אויף טישן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך מיט די־דאָזיקע טישן אָפּגערעכנט און צו זיי אויסגעלאָזט זייער כעס (קאַעס),

— באַזונדער, די געפּילדעריי פון די מאַשינען, האָט גאַרנישט צו־געלאָזט, אַז עמיצער אַנדערש, דאָ אין דערדאַזיקער שטוב, זאָל וואַגן צו עפענען אַ מויל און עפּעס זאָגן. טאָמער האָט עמיצער יאָ עפּעס געזאָגט, האָט מען טאַקע נישט געהערט וואָס ער זאָגט.

איבערעם איז דערפאַר צוגעגאַנגען צו איינעם אַ אידן, וועלכער האָט געטראָגן אַן אַרשין איבער זיין האַלדז, און אַ שרייבפּענדל איבערן אויער פאַרלייגט, און אָט צו דעם אידן האָט איבערעם געזאָגט עפּעס אין אויער אַריין. מעגלאַך, אַז איבערעם האָט אַריינגעשריגן יענעם אין אויער אַריין, וואָרים יענער האָט זיך אומגעקוקט אַזוי ווי אַ דערשראָקענער, און איז גיך צוגעלאָפן צו מאַניסן און אים באַ־טראַכט פון דעם קאָפּ ביז צו די פיס.

מאַניסעם פיס האָבן זיך ביי דערדאָזיקער באַטראַכטעניש אַביסל אַ בייג געטאָן און אים איז עפּעס באַלד דערדאָזיקער איד נישט גע־פעלן געוואָרן.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען דערדאָזיקער שמועס צווישן דעם אידן און מאַניסן. אָבער ביידע האָבן געמוזט שרייען איינער דעם אַנדערן אין די אויערן אריין. מאַנים האָט נישט געוואַגט אַפילו צו שרייען אַזוי הויך ווי דער איד האָט געשריגן:

— אַ איד וויל זיך לערנען?

— פאַרוואָס נישט?

— עס איז נישט קיין רבנות (ראַבאָנעס)!

— כ׳וויים...

— ווי אַלט איז אַ איד?

— כ׳וויים, קרוב (קאָרעוו) צו פופציק... — האָט מאַנים גע־זאָגט און האָט זיך אַביסל פאַרשעמט.

— האָסט נישט געקאָנט זיין אינגער?

מאַנים האָט געפילט, ווי עמיצער וואָלט אים אָפּגעבריט. אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט. אַפילו געפּרואווט אַ שמייכל טאָן.

— ווילסטו זיין אַ פרעסער?

— כ׳וויים? ... — ענטפערט מאַנים און כאַפּט דערווייל אַ קוק אַהין, וואו עס שטייען אידן און הרג׳ענען די טישן מיט די אייזערנע פרעסלאַך. ער דערשרעקט זיך פאַר די גרויסע, גרויע אויגן פון איינעם פון יענע אידן, אויגן, וועלכע שרייען צו מאַניסן, אַז ער זאָל נישט זיין קיין פרעסער, נישט זיין קיין פרעסער!

— ווייז דיינע הענט! — גיט דער, וואָס מיטן שרייבפּענדל

אונטערן אויער, פלוצלונג אַ זאָג צו מאַניסן.

מאַנים ווייזט אים זיינע הענט די ווייכע, אויסגערוטע און ריינע הענט, פון דורות (דוירעס) אויסגעאיידלטע און געוואַשענע און אָפּ־אָפּגעהיטע. דידאָזיקע הענט האָבן מיט זייער ווייסקייט געטאָן אַ בליץ אין דער טונקלקייט פון שטוב און זיי האָבן זיך געבעטן, דריי־ענדיק זיך און בייגנדיק מיט זייערע פינגער, אַז מען זאָל זיי נישט מאַכן קיין תל (טעל); מען זאָל זיי נישט אויסשמירן און נישט אָפּ־בריען מיט דעם הייסן פּרעסל.

— מיט אַזעלכע הענט! מיט אַזעלכע הענט קומט „עס“ קיין אַמעריקע!...

— אַז איך האָב נישט קיין אַנדערע... — האָט זיך מאַנים געבעטן.

— איך וועל דיר געבן אַ גרינגע אַרבעט... ווייןנישט...

— ווער וויינט? — האָט זיך מאַנים געטאָן, פונדעסטוועגן, אַ טאַפּ ביי זיינע אויגן, צי ער וויינט טאַקע נישט.

— וועסט פּאַקן העמדער?

— פאַרוואָס נישט?

— זעקס וואָכן אומזיסט.

— און דערנאָך?

— און דערנאָך... אַז עס שמעקט נאָך פון דיר די שיף — האָט אים דער פרעמדער איד אָנגעקלאַפּט אין אַן אַקסל.

בשעת (בעשאַס) דעמדאָזיקן געשפּרעך איז אייברעם געשטאַנען און געהאַלטן די פּיפּקע אין זיין מויל, און עס האָט אים הנאה (האַנאָע) געטאָן. וואָרים פון איין ווינקל פון זיין מויל איז גערונען אַ שמאָל ריטשקעלע מיט שפּייאַכץ.

אייברעם איז אַוועקגעגאַנגען און איבערגעלאָזט מאַניסן אַליין צווישן די פרעמדע מענטשן. מאַנים האָט אַ גאַנצן טאָג געבענקט נאָך שבען זיין ווייב, און אַז עס איז געקומען צוועלף דער זייגער און אַלע האָבן געגעסן אָנבייסן, האָט מאַנים זיך אַרומגעדרייט מיט די הענט אין די קעשענעס און געטראַכט פון שבען און זי באַדויערט. און כאָטש ס'האָט אין אים געברענט אַ באַגער אַהיימצוגיין, פונדעסט־וועגן האָט ער זיך געשטאַרקט און געמאַכט, ווי ער וויל פאַרגעסן אָן דער היים.

ביז צוועלף איז ער געשטאַנען און געקוקט ווי אַזוי מען באַדאַרף פּאַקן אַ העמד.

נאָך דעם מאָלצייט, און די מאַשינען האָבן ווידער אָנגעהויבן צו פילדערן, איז שוין מאַנים געשטאַנען איבער אַ טיש, וואָס האָט מיט זיין הייך דערגרייכט ביז מאַניסעס באָרד, און אויף דעם טיש איז געלעגן אַ העמד מיט רויטע און בלויע פאַסן, און מאַנים האָט גע־פּרואווט דאָסדאָזיקע העמד צונויפלייגן. פריער האָט ער פון דעם־דאָזיקן העמד באַדאַרפט אַרויסשלעפּן שטיקלאַך פעדים, וועלכע זיינען געהאַנגען דאָ און דאָרט. פאַרטיק געוואָרן מיט די פעדים, האָט מאַנים געפּרואווט צונויפלייגן דאָס העמד. פאַרשטענדלאַך, אַז ער האָט נישט געקאָנט. די צוויי אַרבל זיינען געשטאַנען אין וועג. ער האָט באַדאַרפט די צוויי אַרבל אַזוי באַהאַלטן אין העמד אינע־ווייניק, אַז מען זאָל נישט אַרויסזען, און זיי זאָלן, חוץ דעם, ליגן אַזוי באַקוועם באַהאַלטן אין העמד, אַז זיי זאָלן חלילה (כאָלילע) נישט צע־קנייטשט ווערן. פון דעם העמד האָט געשמעקט מיט פרישע לייוונט און מיט דעם ריח (רייאַך) פון הייסן פּרעסל און די בלויע און רויטע פאַסן האָבן געלאַקערט דאָס אויג און ווייסע קליינע קנעפּעלאַך האָבן געוואונקען, אַזוי ווי קליינע שטערן איבער דער גאַנצער לענג פון אַ בלויען פאַס. זאָלן אָבער פאַרשאַלטן ווערן די אַרבל, וואָס זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. און אָט איז שוין מאַנים פאַרטיק מיט דעם העמד און טוט עס אַ הייב אויף אין דער הייך און די צוויי אַרבל פאַלן אַרוים, און פון די ניי־מאַשינען הייבן זיך אויסגעבויגענע פלייצעס און עם הערט זיך אַ געלעכטער.

און דער באַרג מיט העמדער וואַקסט. און מאַנים דערשרעקט זיך פאַר דעם באַג מיט העמדער, און דער איד מיט דעם שרייבפּענדל קומט צולויפן און ווייזט אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

— זעסט, ווי גיך עס גייט?

— כ'האָב עס ביי מיין טאַטן נישט געטאָן — בעט זיך מאַנים.

— מע וויים, מע וויים — שרייט אַזוי ווי מיט כעס (קאַעס) דער, וואָס מיט דעם שרייבפּענדל, און בשעת־מעשה (בעשאַס־מאַיסע) פליען אים די געפּאַקטע העמדער פון די הענט.

ערשט ביים סוף (סאָף) פון טאָג איז מאַנים געוואויר געוואָרן פון דעם סוד (סאָד), ווי אַזוי מען באַדאַרף פּאַקן אַ העמד, און עס איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. אָבער דעמאָלט האָבן זיך שוין אַלע געקליבן גיין אַהיים. מילא (מיילע), גיין אַהיים איז אַן עניין (איניען); אָבער מאַניסן איז געוואָרן אַ שאָד, וואָרים ערשט איצט זיך אויסגעלערנט, און מע באַדאַרף שוין גיין אַהיים.

י. ל. פרץ



צוויי ברידער

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פיסלאַך אַ הייזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך פראָסטע, אָן עזות (אַזעס), אָן שטאָלץ,
אָן פוצאַכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענצטער אַ קליינטשיקס, נאָר חנ׳עווודיק (כענעוודיק) האָלד;
די זון — זי באַשיט עס טאָג-טעגלאַך מיט גאָלד!
לבנה (לעוואָנע) און שטערן
פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוואוינט.
עס האַלטן צוויי הערצער צוזאמען געטריי,
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳ארבעט זיך פריי!
וויים איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,

נאָר אַלץ איז בשותּפות (בעשוטפעס) — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כשר'ן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַוויזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל;
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט.
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות (אַשירעס) פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרימער מאַן,
כ'פאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ'וואָלט אויפן יאַריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן, וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אין אַ זייט
און זאָגט אים: „אַי, ברודער! וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר באַקומען פאַר געלט!
איך מאַך נישט קיין שפּאַס,
איך ווייס שוין דעם סוד (סאָד),
איך קאָן דיר אים זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער אינגערער קלערט:
„ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט!
גיי, פרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
ביים עלטערן פלאַמט שוין די תּאווה (טייווע) אין אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
ער קוקט אויפן וואַלד,
און גנבֿ'עט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פֿאַרגאָלדט נאָך די זוים
פֿון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייס נישט — פֿאַר פֿרייד, צי פֿאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פֿון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער: דאָס איז אַ פֿאַבריק
פֿון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפֿט זיך, ער אַרבעט, און וואונדערלאָך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס.
עס טריפֿן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט.
לאָז נישט! דער טראָפּן — דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פֿעסער דיאַמאַנטן!"

„עס טרעפֿט — און אים פֿאַלט פֿון די ברעמען אַ טרער;
דו, שוטה (שויטע), דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים, און האַלזסט אים; דו האַלסט עס נישט אויס
און קושסט אים די טרערן פֿון ד'אויגן אַרויס!
פֿאַרשווענדסט דיין פֿאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלייב יעדן טראָפּ!
אַ טראָפּ, האָב פֿאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט!
רייך וועסטו זיין ווי אַ קעניג!"

„דערנאָך האָט דיין ברודער אַן איידעלע פֿעל:
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ.
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!

זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אַנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פאַבריק
און מאַך דיר דיין גליק;
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!

די ליפּן פאַרביסן, די פויסטן געבאַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פון וואַלד.
די אויגן, זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרואוו;
אַ שטאָך וועל איך געבן, אַ קליינעם, נישט טיף;
מיין ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס,
הערסטו דאָך, זיינען בריליאַנטן!"

עס הערט די לבנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אַריין:
ווי לאַכט עס אַ ברודער ביים ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלייך
דעם וואַלד און דעם טייך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אויףביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדן, עס וועקט זיי דער שלאָף.
אַוועק איז די ליבע, דער פרידן אַוועק.
דער שלאָפט נישט פאַר ווייטיק, דער צווייטער פאַר שרעק.
דער שרייט: ס'איז מיין עשירות (אַשירעס), מיין רייכטום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מיין שוויים און מיין בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר!

י. אַפּאַטאָשו

געלעכערטע הויזן

סעם גילדין, נישט קיין הויכער, אַ דאַרער, איז געזעסן אין אַ לעדערנעם פאָטעל, האָט אויסגערויכערט אַ האַלבן סיגאַרעט, אים פאַרלאָשן מיט צוויי פינגער און גלייך פאַרדרייכערט אַ נייעם. די הויט אויף זיינע שמאָלע הענט, אויפן פנים, און דער עיקר אויפן געשנירלטן שטערן, איז געווען אי ברוין, אי געלבלאַך, ווי דורכגע־נומען מיט רויך. ער האָט עטלאַכע צי געטאָן פונם סיגאַרעט, ארויס־געלאָזט די קרייזלאַך רויך מיט אַ סאָפּען און אַ זאָג געטאָן דורך די קוים צעעפנטע ליפּן:

— דו אויך? דו, וואָלף, סטרייקסט אויך? וואָס האָב איך דיר שלעכטס געטאָן?

ביים טיש, אַ צען טריט פון גילדינען, איז געזעסן זיין איינגערער ברודער וואָלף. איין פוס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן עק שטול און דער צווייטער — פאַרטיק אָוועקצוגיין. אויפן וועג, גייענדיק צום רייכן ברודער, האָט וואָלף אָפּגעמאַכט אים צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. זיי זיינען טאַקע לייבלאַכע ברידער. סעם האָט וואָלפן מיט דער ווייב מיט די צוויי קינדער אַראָפּגעבראַכט פון פוילן, זיי גע־האַלטן ביי זיך אַ וואָך צייט, דערנאָך האָט ער אים, וואָלפן, אַריינגע־נומען אין שאָפּ אַריין. אין שאָפּ איז וואָלף געוואָרן אוים ברודער, איז געזעסן ביי אַ ניי־מאַשין, ווי הונדערטער אַנדערע „הענט“, האָט קוים אויסגעאַרבעט אויף חיונה. וואָס פאַר אַ ברידער זיינען זיי, ווען סעם טוט אים אַ טובה, אַז ער רעדט מיט אים אוים אין שאָפּ אַ וואָרט? און אַז ער, וואָלף, קומט צום רייכן ברודער אַמאָל אַ יום־טוב, טרינקט ביי אים אוים אַ גלעזל וויין, איז וואָס? און נישט נאָר דאָס האָט וואָלף זיך געקליבן אים זאָגן! דעם שאָפּ מיט די עטלאַכע הונדערט ניי־מאַשינען, דאָס אייגענע הויז, די אויטאָמאָבילן — דאָס אַלץ האָט סעם צוגענומען ביי די אַרבעטער. און אין אַזאַ פאַל וואָלט ער, וואָלף, נישט בלויז קיין ברודער, נאָר אַ לייבלאַכן פאָטער וואָלט ער אויך נישט פאַרטיידיקט. ער וואָלט אים געזאָגט, דעם פאָטער: טאַטע, וואו איז יושר? דאַרפן טאַקע עטלאַכע הונ־דערט מענטשן פראַצעווען, כדי דו, טאַטע, זאָלסט וואוינען אין אַ פּאַלאַץ, זאָלסט פאָרן אין אויטאָמאָבילן?

אין הויז אָבער ביי סעמען האָבן זיך די אַלע טענות אַ רוק געטאָן פון וואָלפן. די שטיקער מעבל, דער רויטער טעפּיך, די ווייטע פּיאַנאָ־קלאַנגען, וואָס האָבן אַרויסגעפּלייצט פון סופיט, און דער עיקר, די רחבות, וואָס האָט געוואָרעמט, נישט געלאָזט נאַכט ווערן — דאָס אַלץ האָט ווייכער געמאַכט דעם כעס, צוגענומען ביי וואָלפן ס׳לשון.

ער האָט זיך געדרייט אויפן עק שטול, געקוקט ווי דער פּאַר־שנייטער קלערמאָנט־פּאַרק מיט די ווייסעביימער קריכן אין די פענצטער. ער האָט געקוקט ווי סעם פאַרמאַכט ס׳לינקע אויג, חשבונ׳ט מיטן רעכטן, ווי זייער פּאָטער האָט געהאַט אַ טבע צו טאָן, און ס׳האָט אויף וואָלפן אַ בלאָז געטאָן מיט די אינגל־יאָרן, מיטן ריח פון שטעטל, פון הויף, פון שטוב, פון פּאָטערס טלית־זאַק.

אַ גרויסע שטוב הינטער דער שטאָט. דער פּאָטער, דער ברו־דער און ער, וואָלף, זיינען געשלאָפן ביי טאָג. ביינאַכט האָבן זיי „געשוואַרצט" פון פּרייסן אַלטע רעק, רעשטקעס זיידנס, און זעלטן ווען געגעסן צו דער זאַט. ווינטער האָט מען די שטוב נישט געקאָנט דערהייצן. פון די אָפענע פעלדער האָבן קאַלטע ווינטן זיך געריסן אין די טירן, אין די לאָדנס, גאַנצע נעכט געוויינט אין קוימען. וואָלפן האָט דערעסן דאָס „מולכעריי" און ער איז אַוועק אויף דער לער צו אַ שניידער. די ברידער האָבן זיך גענומען דער־ווייטערן. אַנדערע וועגן, אַנדערע חברים, אַנדערע ריחות. און אַז די ריחות האָבן איצט אַ בלאָז געטאָן מיט דער היים, מיט אַלע נפשות, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן ערגעץ אין פעלד, אין אַ גרויסער, טוכלער שטוב, האָט ער, וואָלף, פאַר קיין פאַל נישט גע־קאָנט דאָס אַלץ צונויפמישן מיט סעמען, וואָס האָט געוואוינט אין אַ פּאַלאַץ. הונדערטער מענטשן דערעסן נישט, דערשלאָפן נישט, אַבי סעם זאָל פאָרן אין אויטאָמאָבילן, זאָל ווינטער קאָנען אַוועק־שיקן די משפּחה קיין פלאָרידע.

— וואָס זיצסטו ווי אַ נעכטיקער? — האָט סעם זיך אַ רוק געטאָן מיטן פּאָטעל צום ברודער — כ׳רעד דאָך צו דיר!

— כ׳הער.

וואָלף איז געוואָרן דרייסטער. ער האָט זיך טיפער אַריינגע־זעצט אין שטול און איז געווען גרייט אויסצוהערן נישט דעם ברודער זיינעם, נאָר דעם „באָס", גילדינען.

— אַז די אַרבעטער ווילן כ'זאָל זיך טײלן מיט זײ, פֿאַרשטײ איך, — האָט סעם אַרױפֿגעלײגט זײן װאַרעמע האַנט אױף װאָלפֿס קני, — אָבער דו, װאָלף, דיר האָב איך דאָך קײן שלעכטס נישט געטאָן?... געשיקט דיר דרײ שיפֿסקאַרטן, דיך אַרײַנגעזעצט אין פֿיר צימערן, װען אין מלאָװע האָסטו געװאױנט אין אַן אַלקערל... און פֿאַר די פֿינף יאָר ביסטו נאָך קײן טאָג נישט געגאַנגען לײדיק... אַז ס'איז נישטאָ קײן אַרבעט, מען לײגט אָפּ „הענט" — דו אָבער אַרבעטסט!

— נישט װײל כ'בין דײנס אַ ברודער, סעם.

— האָסט דען אַנדערע מעשים-טובים?

— אַרבעטן דאָך בײ דיר מעלצער און טעװוקין, װײלד-פֿרעמדע, אױך אַ גאַנץ יאָר?

— זײ מאַכן דאָך „סעמפּלס"!

— און װאָס טו איך? דו מײנסט אװדאי, אַז כ'בין בײ דיר אַ קעסט-קינד? װאָס פֿאַר אַ קרוב בין איך דיר אין שאַפּ? און אַז ס'גײען דורך װאָכן און מיר זעען זיך נישט, ס'גײען דורך חדשים און מיר רעדן קײן װאָרט נישט אױס. האַלטסט מיך, װײל כ'בין אַ גוטער באַלמעלאָכע!

— און אַז יאָ?

— טאָ לאָמיר בעסער נישט רעדן װעגן יושר! — האָט װאָלף זיך אַ שטעל געטאָן.

— איז װאָס, װאָלף, קומסטו מאָרגן אין שאַפּ אַרײן?

— נײן!

— האָסט טאַקע מורא פֿאַר די יוניאָן-„שטאַרקע"? — האָט סעם זיך אױך אױפֿגעשטעלט. — אױב די יוניאָן האָט „שטאַרקע", האָב איך „גענגסטערס", װאָס קאָנען פֿאַרשטעקן די שטאַרקע אין אַ זײטיקער קעשענע, און מורא צו האָבן דאַרפֿסטו נישט.

— װער האָט מורא? — האָט װאָלף אַ הײב געטאָן מיט אַן אַקסל, װי ער װאָלט עפּעס פֿון זיך אָפּגעטרײסלט. — כ'האָב נישט מורא!

— פֿאַרװאָס דען ביסטו אױך קעגן מיר? — האָט סעם פּרובירט אײננעמען װאָלפֿן. — קעגן אַ לײבלאַכן ברודער? גלױבסטו אױך, אַז איך בין דיר אַ שונא?

— צי כ'גלױב, צי כ'גלױב נישט, — האָט װאָלף צענומען די

הענט, — נאָר אויב יאָ רעדן יושר, איז דאָך אַלץ, דיין גאַנץ עשירות, נישט דיינס!

—וועמעס דען איז עס? דיינס? — איז שווער געווען צו כאַפּן, צי סעם שפּאַסט, צי ער איז ערנסט. — דו האָסט אויך צוגע־לייגט דער באַבעס ירושה צו מיר? וואָס הייסט ס'איז נישט מיינס? ווער איז נישט געשלאָפן קיין נעכט? דו, צי איך? וועמען האָט געדרייט דער מוח, ווען כ'האָב געדאַרפט צאָלן אַ וועקסל און אין קאַסע איז קיין סענט נישט געווען? אַלץ איך! טאָ וואָס איז שייך זאָגן — נ י ש ט מ י י נ ס?... זאָג, זאָג, וואָלף... צי ווייטער דעם פּיזמון — ס'הויז, דער שאַפּ, אַלץ איז גנבה, אַלץ איז גזלה! דאָס האָב איך, סעם, דער גזלן, אַוועקגערויבט ביי דיר, ביי טעוויקינען, ביי יעדן לויזיקן שלעפּער! האָסט אפשר חשק, וואָלף, כ'זאָל זיך טיילן מיט דיר? זאָג, שותף מיינער! איז קודם־כל גיב מיר צוריק דעם חוב! אויב מיר זיינען יאָ שונאים, דאַרף איך דיר נישט שיקן קיין שיפסקאַרטן!

האָסטו שוין נישט איינמאָל אָפּגענומען פאַר די שיפסקאַרטן! — האָט וואָלף, צי פון כעס, צי פון היץ אין צימער, צעקנעפּלט אויף זיך די וועסט.

— איך?

— יאָ, יאָ, — האָט וואָלף גענומען טייטלען אויף די שטיקער מעבל, אויפן טעפּיך, — מיט פּראָצענט האָסטו אָפּגענומען! ס'הויז, ס'מעבל... דעם ביסן, וואָס דו שלינגסט אַראָפּ... אומעטום ליגט אונזער שוויים, אונזער בלוט!

— אַוודאי האָב איך באַ'גזל'ט! כ'האָב ביי דיר צוגענומען די געלעכערטע הויזן, וואָס דו האָסט געבראַכט פון מלאווע?

— זע נאָר, ווי דאָס נעמט זיך איבער מיט די גאַנצע הויזן! — האָט וואָלף גענומען גיין אויפן ברודער מיט אַזאַ רוגזה, אַז סעם האָט אָנגעהויבן זיך רוקן אויף צוריק. — ווילסט דיר שוין באַלד אויך איינרעדן, אַז ביסט געבוירן געוואָרן אין אַ פּאָר הויזן? פאַרזיכער איך דיר, אַז מען וועט דיר די הויזן אַפילו אין קבר אַריין נישט מיטגעבן!

— האָסטו שוין דיינס אָנגעשריען, אָפּגעשאָלטן, — האָט סעם צוגעפירט דעם ברודער צו דער טיר און זי ברייט אָן עפן געטאָן, — ווי לאַנג מיין נאָמען איז סעם, וועסטו ביי מיר נישט אַרבעטן מער!

— ביסט נישט דער איינציקער הונט, סעם!

— אַרויס! — האָט סעם אַ הייב געטאָן אַ האַנט און מיט אַ קלאַפּ פאַרהאַקט הינטער וואָלפן די טיר. — אַ ברודער? אַ הונט, נישט קיין ברודער!

וואָלף איז געגאַנגען מיט קלערמאַנט־פּאַרק. דער מאַנטל, דער ראָק, ס׳וועסטל — אַלץ צעקנעפּלט. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט, צוגעברומט זיך אַ ניגון און איז געוואָרן אויפגעהייטערט מיטן גאַנג, מיט די פּאַרק־לאָמפּן, וואָס האָבן זיך דאָ, דאָרט געגומען צינדן.

משה לייב האַלפּערן



אין גאָלדענעם לאַנד

— צי דען וואָלסטו, מאַמע, מיר גלויבן געוואָלט,
אַז אַלצדינג ביי אונז ווערט פאַרוואַנדלט אין גאָלד;
אַז גאָלד ווערט פון בלוט און פון אייזן געמאַכט,
פון בלוט און פון אייזן ביי טאָג און ביינאַכט.

— מיין זון, פאַר אַ מאַמען באַהאַלט מען זיך ניט,
אַ מאַמע דערקאָנט און אַ מאַמע פילט מיט.

מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט קיין ברויט צו דער זאַט
אויך דאָרט, אין דעם גאָלדענעם לאַנד ניט געהאַט.

— אוי, מאַמע, מיין מאַמע! צי פאַלט עס דיר איין,
אַז ברויט ביי אונז וואַרפט מען אין וואַסער אַריין
דערפאַר, וואָס עס גיט אונז אַזויפיל די ערד,
אַז ס'הייבט אָן פאַרלירן דעם גאָלדענעם ווערט.

— איך ווייס ניט, מיין זון, נאָר עס ווײנט אין מיר מיין האַרץ:
דיין פּנים זעט אויס ווי די נאַכט אַזוי שוואַרץ,
און שלעפערדיק פאַלן די אויגן דיר צו,
אַזוי ווי ביי איינעם, וואָס חלש'ט נאָך רו.

— אוי מאַמע, מיין מאַמע! דו האָסט דאָך געהערט
פון באַנען, וואָס יאָגן זיך אונטער דער ערד.
פאַרטאָג שלעפּט די באַן פון געלעגער אַרויס,
און שפּעט אויף דער נאַכט ברענגט זי ווידער אין הויז.

— איך ווייס ניט, מיין זון, אָבער טיף איז מיין וואונד;
איך האָב דיך אַוועקגעשיקט יונג און געזונט, —
מיר דאַכט זיך, אַט נעכטן ערשט איז דאָס געווען,
און היינט מוז איך ווידער אַזוי־אַ דיך זען.

מ. ראָזענפעלד

דער בלייכער אַפּרייטער

איך זע דאָרט אַ בלייכן אַפּרייטער,
פאַרקאָכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זייט איך געדענק אים, אַלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפּטן אַוועק.

איך שטיי און באַטראַכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה פאַרשמירט און פאַרשוויצט,
און פיל, אַז דאָ אַרבעט קיין גבורה,
דער אימפּעט נאָר פראַצעוועט איצט.

עס פאַלן די טראָפּנס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט,
און זאַפּן זיך איין אין די קליידער,
און טרינקען זיך איין אין די נעט.

איך בעט אייך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלייכער די בלוטיקע ראָד?
אָ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגן?
ווער ווייס יענעם שרעקלאַכן סוד?

אָ, שווער, זייער שווער דאָס צו זאָגן!
דאָך איינס איז באַוואוסט און באַשיידט:
ווען אים וועט די אַרבעט דערשלאָגן,
זיצט תיכף אַ צווייטער און נייט.

ז. ליבין

וועמען פון זיי?

אַ ווינטערנאַכט. די בלאַסע אלמנה איז איינגעשלאָפן איבער דער אַרבעט, ציענדיק די נאָדל. אָט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, אויסגעריבי די אויגן און גענומען ווייטער ציען די נאָדל. זי קען ניט: עס בייגן זיך ניט די פינגער. דער קאָפּ פאַלט אַראָפּ, דאָס האַרץ חלש'ט אַוועק פון שוואַכקייט. זי קען ניט. זי לאָזט אַרויס די נאָדל פון האַנט.

אויף אַ בעטל, נעבן דעם טיש, שלאָפן אירע קינדער: דריי בלאַסע, שוואַכע יתומים פון אַ פאַרשטאַרבענעם סיגאַרעטנמאַכער ליגן פאַרטרונקען אין שמאַטעס, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן. עס זעען זיך נאָר אַרויס דריי בלאַסע פּנים'לאַך, וועלכע דערמאָנען מער אָן טויטע איידער לעבע־דיקע נפש'לאַך.

די מוטער לאָזט אָפּ די אַרבעט. זי טוט אַ קוק אין אויוון, און ווען זי דערזעט, אַז דאָס פייער איז אויסגעגאַנגען, טוט זי אַ שווערן זיפץ, גייט צו צום בעטל און דעקט בעסער איין אירע קינדער.

ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, נאָר זי לייגט זיך ניט שלאָפן. מיט אַ טרויעריקן, מוטערלאַך־שמערצלאַכן בליק אויף אירע קינדער בלייבט זי שטיין שווער פאַרטראַכט.

דרויסן איז שטורמדיק. דער ווינט פּאַרגיסט זיך מיט אַ באַנומענעם וויינען. ס'דוכט זיך, אַז טויזנטער שדים און רוחות באַקלאָגן אַ פאַר־שטאָרבענעם מחבל. אַ רעגן קלאַפּט אין די שויבן און איבערן בלעך פון דאַך. די גאַנצע חורבה ציטערט, און עס זעט אויס, אַז אָט, אָט באַלד פאַלט זי איין און באַגראָבט אונטער זיך די אַלע אביונים, וועלכע מאַטערן זיך צווישן אירע פינצטערע, שמוציקע ווענט.

וואָס טראַכט די אלמנה? מיט אירע פאַרדינסטן קען זי אירע דריי קינדערלאַך ניט דערנערן; דער הונגער־טויט רייסט זיך צו איר אין טיר. זי קען מיט אירע שוואַכע כחות ניט פאַריאָגן אים. צוויי קינדער וועט זי מוזן אָפּגעבן אין אַ יתומים־הויז, איינס וועט זי זיך איבערלאָזן. מיט איין קינד וועט זי אפשר ווי עס איז דורכקומען מיט אירע אָרימע פאַרדינסטן... זי מוז דאָס טאָן און וואָס שנעלער... אַז ניט וועט זי פון די כחות פאַלן. זי אַרבעט איבער אירע כחות... זי וועט עס ניט אויסהאַלטן... און די מוטער שטייט און טראַכט, וועמען פון די דריי זאָל זי זיך איבערלאָזן און וועמען אָפּגעבן...

זי קוקט אויף אירע קינדער. איר האַרץ ווערט צעריסן פון אַ טיפן, טיפן ווייטיק און זי קען זיך ניט אַנטשליסן...

אירע בליקן פליען פון איין קינד צום צווייטן; זי האָט זיי אַלעמען גלייך ליב, איר האַרץ צעגייט פון רחמנות, זי ווייס ניט וועמען זי זאָל פון זיך אוועקרייסן. זי קוקט אויף די שלאָפנדיקע קינדער און אירע זודיקע מוטערשע טרערן פאַלן אָן לאַנגזאַם אַרונטערצופאַלן אויף זייערע בלאַסע געזיכטער.

די קינדער ווייסן שוין, אַז צוויי פון זיי וועט מען צעשיידן מיט דער מאַמען: זיי האָבן אונטערגעהערט דעם געשפּרעך, וואָס די מוטער האָט געהאַט מיט אייניקע קרובים און די קינדער בעטן זיך ביי איר זי זאָל זיי ניט אָפּגעבן. זיי קוקן אויף איר מיט צעשראָקענע אייגעלאַך, קושן זי, האַלזן זי און יעדעס קינד בעט פאַר זיך.

— מאַמע, מיך זאָלסטו ניט אוועקגעבן.

— מאַמע, איך וועל ביי דיר בלייבן.

— מאַמע, איך . . .

— מאַמע, איך . . .

רייזעלע זאָגט צו, אַז זי וועט ניט בעטן עסן; בערעלע וועט זיין אַ גוטער און קיינמאָל ניט קיין שטיף טאָן, אבי די מאַמע זאָל אים נאָר ניט

אָפּגעבן אין יתומים־הויז. און סעמקע וויינט און כאַפּט אַרום דער מאַמעס האַלז.

וועמען איבערלאָזן ?

זי טראַכט און טראַכט און דאָס האַרץ שטאַרבט אַוועק פון ווייטיק.

„מאַמע !" האָט אַ קינד אַ זאָג געטאָן פון שלאָף. דער מוטער האָט אַ ריס געטאָן אין האַרצן און זי האָט זיך צעוויינט... און דער ווינט וויינט און וויינט, און דער רעגן שמייסט אין די שויבן.

אַ קאַרשן מיידעלע

מ. ראָזענפעלד

דער אַלטער שניידער

ער זיצט און נייט שוין פילע יאָרן,
און זיין בלייכער פּנים שוויצט.
די באָרד איז אים שוין וויים געוואָרן,
ווי דער פאָדים, וואָס ער נוצט.

ניטאָ כמעט אין שטאָט אַ מייסטער,
וועלכן ער האָט ניט געדינט;
און דאָך האָט ער קיין סענט אין טייסטער
און קיין ברויט פאַר ווייב און קינד.

ער קומט אריין אין שאַפּ באַגינען
און פאַרדינגט שוין זיינע הענט;
ער האַלט פאַריינס אין איין פאַרדינען
און פאַרהולטעוועט קיין סענט.

ער שאַפּט שוין, ווען עס גרויט דער מאָרגן,
און ער שאַפּט נאָך שפּעט ביינאַכט,
און שטענדיק, שטענדיק וואו צו באָרגן
זיצט ער טרויעריק און טראַכט.

דער מייסטער איז מיט אים צופרידן,
ווייל ער טענה'ט ניט קיין סך,
ער מאַכט אין שאַפּ ניט קיין יאַרידן
און באַליידיקט ניט זיין פאַך.

ער קומט און גייט אַוועק אין שטילן;
רעדן — רעדט פאַר אים דער הוסט;
די טרערן פאַרדעקן אים די ברילן,
און דעם שמאַרץ פאַרדעקט די ברוסט.

די אַרבעטס-מענטשן אַלע קוקן
אויף דעם קראַנקן מיט אַ ווייי;
זיי קוקן אויף זיין מידן רוקן,
וועלכער קרימט זיך ביים געניי.

זיי זעען שוין דעם שוואַרצן זיגל,
פאַר זיין ערלאַכקייט די שטראָף...
זיי זעען, פונקט ווי אין אַ שפּיגל,
אין דעם אַלטן זייער סוף.

דער מענטש און די מאַשין



אַרבעטער: „איך האָב די מאַשין אַליין באַשאַפן און איצט האָט זי מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט“.

י. אָפּאַטאָשו

די מאַשין

אין בראָדסקיס שיך־פאַבריק האָט זיך געטומלט. אַרבעטער האָבן זיך געקאָכט, גע׳טענה׳ט, אַז מען דאַרף אַרויסגיין אין סטרייק, נישט דערלאָזן, אַז צענדליקער פאַמיליעס זאָלן בלייבן אָן פּרנסה. אַלע האָבן גערעדט וועגן דער נייער מאַשין, וואָס האָט געדאַרפט יעדן טאָג אַריינקומען, דערציילט, אַז אין אַ שעה שטעפּט זי אָפּ דרייסיק פּאָר פּאָדעשוועס.

בלויז די ספרדישע אידן האָבן זיך נישט געמישט, די נייס האָט ביי זיי אינגאַנצן אָפּגענומען ס׳לשון און זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט זייערע ברידער, די אשכנזים. די מאָגערע פּנימער זיינען געוואָרן חושכ׳דיקער, דאָס שטילע, האַרציקע גערזאַנג האָט אויפגעהערט און די שוואַרצע, פאַר׳חלומ׳טע אויגן האָבן זיך צערעדט, זיך געבעטן מען זאָל זיי נישט אַרויסשיקן פון דער פאַבריק, נישט צונעמען דעם ביסן ביי אַזויפיל פאַמיליעס.

די פּאָדעשווע־נייער זיינען זיך ביסלאַכווייז צעלאָפן פון דער

פאַבריק, נישט געוואַרט די מאַשין זאָל זיי אַרויסשטופּן, און געבליבן זיינען די ספּרדישע אידן. זיי זיינען אַריינגעקומען פריער ווי תמיד, געאַרבעט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט, געוואוסט, אַז מען דאַרף וואָס מער אַריינכאַפּן, ווייל היינט, מאָרגן, וועט מען זיי אַלע אַרויסשיקן.

שטומע זיינען זיי געזעסן, כמעט נישט גערעדט צווישן זיך, און אַז דער „פאָרמאַן", צי דער „באָס", איז אונטערגעקומען, זיינען זייערע בליקן געוואָרן הכנעה'דיק, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן, אַז צו זיי דאַרף מען זיך נישט טשעפּען — זיצן אָרעמע מענטשן, אַרבעטן און קיינעם שטייען זיי נישט אין וועג.

אַ יונגער ספרדי מיט וואָנסעלאַך איז נישט איינגעזעסן. צייט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ס'קומט אַריין אַ שטעפּ-מאַשין, איז ער אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. זיין חתונה האָט ער אָפּגעלייגט אויף אַ חודש צייט, און דאָ איז שוין אַריבער אַ וואָך און ער ווייסט אַלץ נישט וואָס צו טאָן.

— נישט גוט, רחימי, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין שכן.

— מכח דער מאַשין? — האָט דער שכן געאַרבעט מיט צוויי דראַטווועס, — טאַקע נישט גוט!

— ווען כ'לייג נישט אָפּ די חתונה וואָלט מיך נישט אָנגעהויבן אַרן, — האָבן זיך ביים יונגן ספרדי געהויבן די לאַנגע הענט.

— זאָרגן און זיך נעמען צום האַרצן דאַרף מען נישט! — האָט דער שכן אים געטרייסט, — דערווייל נעמט מען נאָך קיין מאַשין נישט אַריין! די אשכנזים האָבן מורא געהאַט, זיך צעלאָפן, און דאָ האַלט אין איין אַריינקומען פרישע אַרבעט. וואָס פאַר אַ מענטש קאָן זיך עס פאַרזאָרגן?

דער פאָרמאַן איז אונטערגעקומען, אויסגעציילט די פּאַרטיקע שיך. דער יונגער ספרדי האָט זיך אונטערגענומען מיט קוראַזש און אַ פרעג געטאָן:

— ווען קומט אַריין די מאַשין?

— בענקסט נאָך איר? — האָט דער פאָרמאַן געשמייכלט.

— מעג זי דאָרט צעבראָכן ווערן אויפן וועג! — האָט זיך דער שכן אָנגערופן.

— איינגעזונקען ווערן!

— אָמן! — האָבן עטלעכע אונטערגעכאַפּט.

דער פאָרמאַן האָט געשמייכלט און זיי באַרואיקט:

— מען וועט מסתמא נישט ברענגען! אַרבעט, אַרבעט, רויטע אידעלאַך! מען דאַרף היינט אַרויסשיקן דעם גאַנצן „לאָט“! האַרי־אַפּ!

ס'איז דורך אַ וואָך, צוויי און אין דער מאַשין האָט מען ווי פאַרגעסן. קיינער אין דער פאַבריק האָט מער נישט גערעדט דערפון. דערצו האָט די אַרבעט געברענט, מען האָט געהאַלטן אין אַנאַנסירן נאָך פרישע אַרבעטער און די שכירות זיינען געוואַקסן.

די חושב'דיקע פנים'ער ביי די ספרדים האָבן זיך גענומען לייטערן, די שרעק צו פאַרלירן די פלעצער איז פאַרשוואונדן און דער יונגער ספרדי האָט אָפּגעשטעלט די חתונה. ער האָט זיך מער נישט געשראָקן, פאַרן „פאָרמאַן“ זיך געוויצלט:

— מען וועט ברענגען אַ מאַשין?

— ברענגען, ברענגען! — האָט דער פאָרמאַן זיך גערייצט, נאָר קיינער האָט אים נישט געגלויבט.

עטלאַכע צוואַנציק פאָר נאַקעטע הענט האָבן געצויגן די דראָט־וועס, זיך געהויבן, זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי זיי וואָלטן דיריגירט דעם טומל אין דער פאַבריק. איינער איז זיך פאַרגאַנגען, די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט און איבער דער פאַבריק האָט זיך געקייקלט אַ שטיל־מעלאַנכאָליש געזאַנג, ווי אין די פריערדיקע צייטן.

די אַרבעט פון דער פרי ביז ביינאַכט האָט באַרואיקט די ספרדים, זיי אויפגעהייטערט און פאַרזיכערט, אַז וועגן דער מאַשין געדענקט שוין קיינער נישט. דער יונגער ספרדי האָט זיך אָנגערופן צום שכן:

— גוט, וואָס מיר זיינען נישט אַוועק פון דער פאַבריק!

— הערן די לייכטזיניקע אשכנזים, די סאָציאַליסטן? — האָט דער שכן זיך צערעדט. — ביי זיי וואָלט רעכט געווען דער באַלעבאָס זאָל זיך טיילן מיט זיי, אַוועקגעבן זיי ס'פאַרמעגן... ווען זיי אַנט־לויפן נישט דעמאָלט, וואָלטן זיי נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג גע־אַרבעט! היינט ווידער אַריינגעקומען אַ פאָר „לאָט“ סחורה, שוין לאַנג אַזאַ סעזאָן נישט געווען!

אַזוי איז דורך אַ וואָך נאָך אַ וואָך, און אַז די אַרבעט האָט אַלץ אָנגעהאַלטן, געברענט, האָט איינער מיטגעבראַכט זיינעם אַ קרוב, דער צווייטער אַ שכן, און אין אַ קורצער צייט איז האַלב סאַלאָניקי געווען אין דער פאַבריק, אַריינגעזונגען אַלטע אידישע זמירות און

ניגונים אין די אַמעריקאַנער פּאָדעשוועס.

איינמאָל אין אַ זוניקן פרימאָרגן, ווען זיילן לעדער־שטויב האָבן זיך געוויגט קעגניבער די פענצטער, צענדליקער פּאָר הענט האָבן זיך געהויבן און אין דעם טומל פון דער פאַבריק האָט זיך געקייקלט אַ שטילער ניגון, האָט אַ געהיימע האַנט פאַרוואָרפן איבער די פענצטער דיקע שטריק און איבער דער פאַבריק איז דורך אַ ציטער.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער יונגער ספרדי זיך אָנגערופן.

— דאָס איז צרות!

— דאָס גייט מען פאַרבן ס'הויז, — האָט איינער אַריינגעוואָרפן.

— טאַקע? — האָבן עטלאַכע זיך באַרואיקט.

באַלד האָט זיך געהערט אַ סקריפּ. אַ מאַן האָט אַרויסגענומען אַ פענצטער, געמאַכט אַ צייכן מיט דער האַנט און די שטריק האָבן אָנגעהויבן קרעכצן.

דער יונגער ספרדי איז נישט איינגעזעסן. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַ קוק געטאָן, דערזען ווי די מאַשין הייבט זיך, און איז בלייך געוואָרן.

אַלע האָבן געקוקט צו אים, געוואַרט אויף אַ תשובה. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אַ שמייכל געטאָן, און זיך צוריקגעזעצט.

עס איז געוואָרן אומאַנגענעם שטיל צווישן עולם. די הענט האָבן זיך נישט געהויבן, בלויז די אויגן האָבן געקוקט צום פענצטער, וואו אַ מאַשין, אַ שוואַרצע, אַ מאַסיווע, האָט אַריינגעקוקט, זיך געריסן מיט די פליגל איבער די ספרדים, זיך געטראָגן אויף זיי.

אין צייט פון קריזיס

פון י. פאַשקאַ



ה. לייוויק

אַרבעט זוכן

אַרבעט זוכן זיינען מיר געגאַנגען,
האַלטנדיק זיך ביידע פאַר די הענט.
פינצטער נאָך. די שטאָט איז זיך געשלאָפן
גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך געברענט.

האָבן מיר געקוקט מיט ביידע אויגן,
און אין פילע טירן זיך געקלאַפּט,
האָבן זיך שוין אַנדערע געפעדערט
און פאַר זיך די אַרבעט אויסגעכאַפּט.

זיינען מיר אַהיים צוריקגעגאַנגען,
און אין הויז צו קומען זיך געשעמט,
האָבן מיר געוואַנדערט איבער גאַסן
האַלטנדיק זיך ביידע פאַר די הענט.

אַרבעטסלאָזע נעכטיקן אויפן גאַס אויסגעדעקט אין צייטונגען.

ז. װײַנפּער

שנײַ-קערער

רב משה מיט דער לאַנגער, װײַסער באָרד
און דזשאָן מיט קײַ-טאַבעקאַ אין זײַן מױל,
מאַרקאָני, קײַענדיק אַ שטיקל טאָרט,
װאַסילי, ציִענדיק די גלידער פֿױל.

זײ אַלע מיט די רידלען אין די הענט
און בערגלאַך שנײ צעװאַקסן זיך אין רײ, —
די רידלען האָבן זײ אַט דאָ באַקענט
און ברודערשאַפֿט געשאַפֿן צװישן זײ.

עס פֿאָרן אָן צװײ ברױנע, שװערע פֿערד
און בלײַבן מיטן װאָגן צוגעשמידט צום אָרט, —
די בערגלאַך שנײ פֿון דאָ און דאָרט
פֿון רידלען װערן גלײַך פֿאַרצערט.

דו מאָזעס, ביסט אַ בראַװער מאַן, —
צעשמײכלט זיך מאַרקאָני אין דער ברײט,

וואַסילי שמייכלט אויך, און זשאַן
איז מיט זיין קיי־טאָבעקאָ זיך צו טיילן גרייט.

און אַז די זון פאַרגייט שוין איבער זיי,
צעזעגנט מען זיך אַלע מיט אַ גוטע נאַכט.
געלויבט איז גאָט — עס האָבן מענטשן ביי דעם שניי
אַ טאָג אין פריינדשאַפט דאָ פאַרבראַכט.

נפתלי גראָס

איטאַליענער

דרויסן איז אַ וואַרעמער ווינטערטאָג.
איך זיץ אַ רואיקערביים פענצטער
און זע:
אַנטקעגניבער אין דער גאַס
גראָבט מען, בויט מען און מען מויערט.
ברוינע און פאַרשוואַרצטע איטאַליענער
אין צעריסענע, אין בלויע און אין געלע
אַרבעט־קליידער און אין פאַרטיכער
שלעפן גרויסע, גרויע, שווערע שטיינער:
מען לייגט דעם פונדאַמענט.
דער אינזשעניר
באַפעלט און רעדט, און ווייזט אָן דאָ און דאָרט.
(ס׳ווערט קיין ציגל נישט פון אָרט גערירט
אָן עמיצענס באַפעל).
און די ברוינע און פאַרשוואַרצטע איטאַליענער
רויכערן די ליולקעס, אַרבעטן און שווייגן.
שווייגן, טראָגנדיק אין זיך פאַרבאָרגן
די בענקשאַפט צו דעם זוניקן און וואַרעמן זומערלאַנד.
ערגעץ, אין דעם זוניקן און וואַרעמען זומערלאַנד
וואַרטן פעלדער נישט צעאַקערטע,
וואַרטן, גליענדיק פון רייפקייט,
ווייטע פאָמעראַנצן־גערטנער;
אפשר וואַרט אויך דאָרט אַ וואַרעם האַרץ,

וואָס בלוטיקט שטיל פון בענקשאַפט
אויף די ברוינע און פאַרשוואַרצטע איטאַליענער
אין צעריסענע, בלויע און אין געלע
אַרבעט־קליידער און אין פאַרטיכער,
וואָס שלעפן גרויסע, גרויע, שווערע שטיינער,
בויענדיק פאַר פרעמדע אין דעם פרעמדן לאַנד,
רייכערן די ווּלקעס
און — שווייגן.

ירחמיאל לאַזאַרסאָן

ניט זיכער מיטן לעבן

(בילדער פון דער סאַוט)

1

נאַכט. די נעגערשע גאַס איז איינגעהילט אין פינצטערניש. די איינוואוינער שלאָפן שוין. עס איז רואיק און שטיל. פון צייט צו צייט נאָר הערט זיך אַ הילכיק כראָפּען פון אַ מידן, שלאָפנדיקן נעגער.

ביים עק גאַס, אין אַ קליין שטיבעלע, ליגט לולאַ אויף איר בעט. זי דרייט זיך אויף אַלע זייטן און קאָן ניט איינשלאָפן. זי הערט זיך צו צו יעדן שאָרך. דער מאַן אירער, דזשאַסי, האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אינדערהיים. אַלעמאָל קומט ער פונקט צוועלף אַזייגער ביינאַכט, תיכף נאָך דער אַרבעט. איצט האָט שוין דער וואַנט־זייגער געקלאַפּט איינס, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. זי ליגט און קלערט. פאַרשידענע מחשבות קומען איר אויפן זינען. זי דער־מאָנט זיך אָן די ווערטער, וואָס דזשאַסי האָט איר געזאָגט מיט אַ פּאָר טעג צוריק: „די ווייסע ווילן ניט אַרבעטן מיט מיר צו־זאַמען. זיי האָבן מיר געהייסן זיך אָפּטראָגן, אַז ניט וועלן זיי מיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע...“

עס שטעלן זיך איר פאַר מורא'דיקע בילדער. אָט זעט זי איר דזשאַסין אַ צעבלוטיקטן, אַ צעשלאָגענעם, מיט אַן אונטערגעשלאָגן פּנים(פּאָנים) און אויפגעלאָפענע אויגן; און אָט דאַכט זיך איר, אַז דזשאַסי איז טויט: זיינע אויגן זיינען צוגעמאַכט, זיין מויל אָפן.

זי הייבט אויף דעם קאָפּ, כאַפּט אַ קוק אויפן אַנטקעגנדיקן בעט, אין וועלכן עס שלאָפן אירע פיר קינדערלאַך, צוויי אינגעלאַך און צוויי מיידעלאַך, און טרערן שטעלן זיך איר אין די אויגן. „וואָס וועל איך טאָן אַן דזשאַסין?“ — רעדט זי מיט איינגעהאַלטן געוויין. — „ווער וועט געבן עסן מיינע קליינע טייבעלאַך? סעלאַבי איז דאָך נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט... און די קינדער האָבן אַזוי ליב זייער טאַטן... און דזשאַסי איז דאָך אַזאַ גוטער...“

מער האָט שוין לולאַ זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט זיך צעוויינט. די קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט און אויך אָנגעהויבן וויינען.

2

אַ גרויסער הויף אַרומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם פּאַרקאַן. אינעווייניק געביידעס, איינע לעבן די אַנדערע. דאָס זיינען די „קאַטן מילס“.

אין איינעם פון אָט־די הייזער אַרבעט דזשאַסי. ער מיט נאָך צוויי נעגערס פּאַרבינדן די רויע „קאַטן“ מיט שטריק און פירן די פּעק אויף וועגעלאַך אין דער אָפּטיילונג, וואו עס ווערט פאַבריצירט פּאַדים.

אַרבעט דזשאַסי טאָג־איין, טאָג־אויס — עלף שעה אַ טאָג. די אַרבעט איז שווער. ער קלאָגט זיך אָבער ניט. ער טראַכט, אַז שבת, נאָך דער אַרבעט, פאַרן גיין אַהיים, וועט ער זיך אַראָפּכאַפּן אין אַ „צען סענט קראָם“ און דאָרטן איינקויפן שפּילעכלאַך פאַר זיין סעלאַבין. דאָס ברענגט אַריין פרייד אין דזשאַסיס האַרץ, און די אַרבעט ווערט אים גרינגער.

ער שלעפּט די פּעק „קאַטן“ און אין זיין פאַנטאַזיע זעט ער זיין דריי־יאָריקע טאָכטער סעלאַבין, ווי זי נעמט צו ביי אים די צאַצקעס, כאַפּט זיך אַרויף אויף זיינע הענט, נעמט אַרום מיט אירע דיקע הענטלאַך זיין האַלדז און קושט אים מיט אירע פוכקע ליפּעלאַך...

אַרבעט דזשאַסי מיט נאָך צוויי נעגערס. פּאַקן זיי און פירן די רויע „קאַטן“ אין פאַבריק. קאָנען דאָס די „ווייסע“ אַרבעטער פון די אַנדערע אָפּטיילונגען ניט פאַרליידן. „סטייטש,“ טענה'ן זיי, „מיר, די ווייסע, וועלן אַרבעטן אונטער איין דאַך מיט נעגערס... אַזאַ זאַך

האָט נאָך קיינמאָל אין די „קאַטן מילס" ניט פּאַסירט...״
„שוואַרצע טייוואָלים, טראָגט זיך אָפּ מיט גוטן...״ — האָבן די ווייסע אַרבעטער גע'עצה'ט די נעגערס, „אַז ניט וועט מען אייך אַרויסטראָגן פון דאָנען...״
האָבן די נעגערס אויסגעהערט די וואָרנונגען, פאַרביסן מיט די ליפּן און געשוויגן. געטראַכט האָבן זיי: „מען וויל אונז נאָר אָנשרעקן. פאַרוואָס זאָל מען אונז טאָן שלעכטס? מיר טשעפּען דאָך קיינעם ניט...״
ציען זיך טעג, וואָכן און חדשים. שלעפן די נעגערס פּעק מיט „קאַטן״. כעס'ן זיך די „ווייסע״ אַרבעטער, ווילן ניט אַרבעטן צוזאַמען מיט די „שוואַרצע״. שווייגן די נעגערס, הערן אויס אַלע זידלערייען און ענטפערן גאַרנישט.
„מיר זיינען שוין צוגעוואוינט צו באַליידיקונגען פון ווייסע״, טראַכטן די נעגערס. „מסתמא וויל גאָט אַזוי. מען טאָר זיך ניט שטעלן קעגן זיין ווילן...״

3

האַלב נאָך עלף ביינאַכט. דזשאָסי האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט די אַרבעט. ער טוט אָן זיין רעקל און הוט און לאָזט זיך גיין אַהיים.
ביים טויער, וועלנדיק עפענען די טיר פון הויף, האָט ער דערפילט העגט אויף זיינע פּלייצעס. און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַרומצוקוקן זיך, איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד אַ צעשלאָגענער. אַ זאַק איז געווען אַריבערגעוואָרפן איבער זיין קאָפּ. קלעפּ האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן...
„מען דאַרף דעם שוואַרצן דער'הרג'ענען... ברעכט אים אויס די הענט, וועט ער מער ניט קאָנען אַרבעטן...״ — האָבן געשריען ווילדע, צעיושעטע „ווייסע״.
מער האָט דזשאָסי ניט געהערט. אין קאָפּ האָט אים גענומען טומלען. פאַר די אויגן איז אים געוואָרן טונקעלער, טונקעלער. די הענט זיינען געוואָרן שווערער. אַ רויטע פליסיקייט האָט גערונען פון אַלע זיינע אברים, אים אָנגע'שכור'ט און פאַרשלעפערט...

4

אינדערפרי. די נעגערשע געסלאַך זיינען באַלויכטן מיט זונענ־

שטראַלן. אויף די הויפן שטייען נעגערטעס מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און וואַשן גרעט. מענער גייען פאַמעלאַך צו דער אַרבעט. אינגלאַך און מיידלאַך איילן זיך אין די סקולס. קליינע קינדער לויפן אַרום באָרוויסע און שפילן זיך אין שטיינדלאַך.

ביים עק גאַס, אַרום דעם קליינעם שטיבעלע, אין וועלכן לולאַ וואוינט, שטייען נעגערס און שמועסן צווישן זיך:

„אַ שאָד, אַ שאָד, געווען אַ גוטער מענטש אָט־אָ־דער דזשאָסי.“

„וואָס באַקלאָגסטו אים שוין? ער איז נאָך ניט געשטאָרבן. מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל. לולאַ און די קינדערלאַך טרעטן פון אים ניט אָפּ. די דאָקטוירים זאָגן, אַז ער וועט בלייבן לעבן. מען וועט אים נאָר דאַרפן אַראָפּנעמען די הענט...“

„און וואָס טויג אַן אונזעריקער אָן הענט? שוין בעסער דער טויט...“

„און וואָס טויג אַ נעגער מיט הענט? מען נעמט די הענט און מען ברעכט זיי אוים...“

„אַז זיי טוען, וואָס זיי ווילן, די „ווייסע“ יחסנים... אַן אונזעריקער איז דאָך אַפילו מיטן לעבן ניט זיכער...“

אַ פייף פון אַ נאָענטער פאַבריק רייסט איבער דעם שמועס. דאָס געזעמל גייט זיך פאַנאַנדער. מען איילט זיך צו דער אַרבעט...

אַן אָרים אינגל

אפילו די "גאַרביטש-קענס" זענען ליידיג
טו לעט!
סטאָר צו פאַרדינגען
פאַבריק פאַרמאַכט
באַנק געשלאָסן
און די ברויט-ליין ווערט אלץ לענגער און לענגער!

י. אדלער

אין ברעד-לײַן

אַך, ס'אַראַ שאַנד!
אין אַ לאַנד
פון גאָלד און ברויט און ווײַן,
זאָלן הונגעריקע זײַן!

דער מענטש, וואָס האָט אַ לעבנלאַנג
נישט געהאַט קיין פרייד,
קיין קלייד;
נישט געהערט קיין אמת'דיק געזאַנג,
נישט געוואוסט פון גליק:
וואָס האָט זײַן זאַפט
געלאָזן אין פאַבריק,
און געשאַפן פאַר פרעמדן גליק —
אָט דער מענטש
איז איצט אין נויט,
אָט דער מענטש
שטייט איצט אין לײַן
און בעטלט ברויט!

פאַרטאָג.
עס שלאָפט נאָך טיף די וועלט,
שוין שטייט מײַן ברודער
אין דער גאַס,
שוין וואַרט ער אין דער ריי
אין פראָסט, אין קעלט,
אין רעגן און אין שניי,
אין הארצן צופּט אַ טיפער וויי;
עס שטייט דער ברודער שוין
אין לײַן — אין ריי פון נויט
און בעטלט ברויט!

עס ווערט דאָס האַרץ צעפליקט
אין טויזנט שטיק!

ער, דער מענטש, וואָס שקלאַפּט
און שאַפט און באַשאַפט
דאָס גליק,
וואָס זייט און שנײַדט,
און דרעשט און באַקט דאָס ברויט,
וואָס וועבט די זייד
און שטעלט דעם ווײַן —
אָט, דער מענטש, שטייט איצט אין רײַ
און בעטלט ברויט!
ער בעטלט ברויט
און זוכט אַ שוך, אַ קלייד —
ער, דער שאַפער און באַשאַפער
פון אַלע פרייד!
איז דאָס נישט אַ שאַנד
פאַר דעם רייכן לאַנד?

אָט זע איך אים, דעם קעניג
פון הונגער, פּײַן און נויט.
די זון גייט אונטער אין אַ ים
פון רויט,
עס קומט אָן
די נאַכט מיט רויטער פאָן...
ער שטייט —
אין קעניגרייך פון נויט!
דער מענטש,
וואָס האָט שוין טויזנט, טויזנט מאָל
פּאַלאַצן אויפגעבויט,
פּאַלאַצן פון רויטן און פון ווייסן
מאַרמאָר־שטיין.
און ער אליין
האָט נישט קיין היים.
ער שאַפט די פרייד,
ער נייט דאָס קלייד,
ער ברענגט די פּערל פונם ים,

ער וועבט די אטלעס
און די זייד;
קוילן גראָבט ער אין דער טיף,
פירט דאָס רעדל פון דער שיף,
שטאַרקע פעלזן האַקט ער אויס
מיט זיין שטאַרקער האַנט,
און דאָך, האָט ער קיין הויז,
קיין היים, אוואו צו זיין —
ער אליין דאַרף שטיין
אין לאַין
אין פיין, אין נויט
און וואַרטן שעה'ן-לאַנג
אויף אַ ביסן ברויט!
אַך, ס'אַ שאַנד!
אין אַ לאַנד
פון גאָלד און ברויט און וויין,
זאָלן הונגעריקע זיין!

די שטאָט-טאַטעס העלפן די אַרבעטסלאָזע —
זיי שיקן זיי פאַרקויפן עפּל.

י. אפאטאשו

א דעמאנסטראציע

א גאנצן פרימארגן האט בערל מוליער זיך געגרייט צו דער דעמאנסטראציע. ער האט געשפרייזט הין און צוריק מיט אן אראפ־געלאזטן קאפ, אויסגעמאסטן די גרויסע קיך מיט דריי־פיר שפאן און וואו ער האט זיך נישט אוועקגעשטעלט, האט ס׳בלויז געשטעלט זיינס פארנומען א דריטל קיך.

בערל האט געגלויבט, אז ס׳איז גענוג די ניו־יארקער ארבעטער אין די צענדליקער טויזנט, אין די הונדערטער טויזנט זאלן אוועק צום סיטי האל מיט א געשריי: — מיר ווילן ארבעט! מיר ווילן ברויט! — וועלן זיי קריגן אי ארבעט, אי ברויט. מען דארף בלויז קומען צו די שטאט־טאטעס און זיי דערציילן דעם אמת, דעם גאנצן אמת, אז ניו־יארק האט אפילו היינט צו טאג ארבעט פאר צוויי מאל אזויפיל מענטשן, וויפיל עס דרייען זיך ארום ליידיק. און אז קיינער וועט זיך נישט צוהערן צום געשריי, דארף מען זאגן אזוי און אזוי:

— שטאט־טאטעס, אויב איר קענט אונז נישט פארזארגן מיט ארבעט, גיט אונז איבער דעם „דזשאב״. מיר, ארבעטער, וועלן אייך יא פארזארגן אי מיט ארבעט, אי מיט ברויט.

און אז דער מוליער, א פראסטער באלמעלאכע, וואס איז געווען ווייט פון יעדער פארטיי, איז דורכגעקומען מיט זיך אליין, האט ער זיך געזעצט איבער א הארטן פאפיר־טאוול, געמאלן אויסמאלן אותיות, צוגעגרייט א פלאקאט, וואס ער וועט טראגן אויף דער דעמאנסטראציע.

שוין זעקס חדשים ווי בערל מוליער ארבעט אינגאנצן נישט. פריער פלעגט ער נאך ארייכאפן יעדע וואך א צוויי, דריי טעג ארבעט, און האט זיך ווי עס איז דורכגעשטופט. צייט אבער מען האט אפגעשטעלט ס׳בויען, האט ער נישט בלויז פארצערט יעדן אפגעשפארטן סענט, נאר ער איז נאך געבליבן א ב ע ל־ח ו ב. ער האט זיך פארשולדיקט אין שפייז־געוועלב, ביים קצב, קען זיך נישט ווייזן אין גאס.

פאר די פינף־און־צוואנציק יאר, וואס בערל איז אין לאנד, האט ער מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעבויט א שטיק ניו־יארק. גייט

ער פֿאַרבײַ די שטאָט-ביבליאָטעק אויף צוויי-און-פֿערציקסטער גאַס, די פֿאַלאַצן אויף פּאַרק עוועניו, וואו עס זײַנען אײַנגעמויערט יאָרן פֿון זײַן לעבן, פֿילט ער, אַז דאָס איז זײַנס, אַז ער איז דער באַלעבאָס. און דער באַלעבאָס האָט נישט מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען, הונגערט, כאַטש נעם און בײַס אָפּ אַ מירמלשטיינערנעם קאַרניז, אַ שטיק קאָלאָנע פֿון גראַניט. און נישט נאָר ער, בערל, דרייט זיך אַרום ליידיק, דער זון זײַנער, פֿישל, אַ שטיינקריצער, אַרבעט שוין אויך חדשים נישט.

בערל האָט געמאַכט אַ שפּאַלט אין אַ קיילאַכדיק דרענגל, אַרײַנגעזעצט דעם פּלאַקאַט, אים צוגעשלאָגן מיט נעגל. ער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט מיטן פּלאַקאַט איבער דער קיך, און אים אַרײַנגעשטעלט אין פֿענצטער: — לייענט, שכנים.

בערלס זון, פֿישל, איז אַרײַן אין קיך. ער איז געווען הויך און ברייט ווי דער פֿאָטער. ס'יונגע פּנים איז פֿול געווען מיט שמייכל.

— צײַט צו גיין, טאַטע.

— זון מײַנער, — איז די מוטער, אַ הויכע, ביינערדיקע אידענע, אויסגעוואָקסן, — לאָז דעם טאַטן צורו... צו אַלע גליקן פֿעלט אים נאָך אַ קלאַפּ... גיי דיר געזונטערהייט אַליין...

— איך שלעפּ אים נישט, מאַמע, — האָבן די אויגן, די ליפּן, ס'גאַנצע פּנים געלאַכט בײַ פֿישלען, — זעסט, דער טאַטע האָט אַפֿילו צוגעגרייט אַ פּלאַקאַט.

— ער איז נישט בײַם זינען, דער טאַטע דײַנער, — האָט די מוטער אַ לאַך געטאָן און זיך אויסגעדרייט צום מאַן, — ווײסט זיך טאַקע וואַלגערן מיט אַזאַ שמחת-תורה-פֿאָן איבער די גאַסן? פֿאַרגעסט, אַז דו ביסט שוין אַ איד אַ פּאָפּציקער, נישט עפּעס אַ אינגל, אַ סאָציאַליסט!

— האָב נישט קיין י ס ו ר י ם, לאה, — האָט בערל געשמייכלט, — אויב מיר, אַרבעטסלאָזע, זאָלן נישט גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע, ווער דען וועט גיין? אפֿשר ראָקפֿעלער, צי גאָר מאָרגאַן? גוט-באַי, לאה, גוט-באַי!

— לאָז כאָטש איבער אַ פּאָר סענט.

— דאָס, זעסטו, יאָ, — האָט בערל אַרויסגעשלעפּט אַ האַלבן דאָלאַר. — דאָס איז מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, נעם דיר פֿערציק סענט און גיב מיר צען.

ער האָט איינגעוויקלט דעם פּלאַקאַט אין אַ פּאַפּיר און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער זון נאָך אים.

— מאַנצבילן מיינע, קריכט נישט וואו מען דאַרף נישט! — האָט די מוטער מיט אַן אָנגעשפּאָלטן קול נאָכגעשריען אין דער אָפענער טיר אַריין.

טאַטע-זון זיינען געגאַנגען מיט צווייטער עווענין און האָבן געשוויגן. וואָס נענטער זיי זיינען געקומען צו פּערצנטער גאַס, אַלץ

געדיכטער און ראַשיקער זיינען געוואָרן די שטראָמען מענטשן, וואָס

האָבן זיך געצויגן איבער די טראָטוואַרן, געשניטן צו יוניאָן־סקווער. דער סקווער איז געווען שוואַרץ — קעפּ צו קעפּ, קעפּ איבער קעפּ, אין טויזנטער, אין צען־טויזנטער. די גאַרנדיקע הייזער אַרום סקווער האָבן אויסגעזען קלענער. די מאַשין־ביקסן אויף די דעכער, מענטשן אין די אָפענע פענצטער, פּאָליציאַנטן אויף פערד, אויף מאָטאָ־ציקלען, צופוס, — ווער האָט זיי אַלעמען באַמערקט, ווען דער ריזיקער סקווער איז נישט געווען, האָט זיך באַהאַלטן אונטער די הונדערט־טויזנט פיס. און אַזויפיל טויזנטער אויגן האָבן געקוקט אַרויף צו די הילצערנע געלענדערס, וואו רעדנער מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָבן געוועקט, געמינטערט, אַריינגעגאָסן אַ נייע נשמה. מיטאמאָל האָט אַ פאַרשטיקט געזאַנג זיך גענומען רייסן העכער און העכער:

„שטייט אויף, איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט"...

דער סקווער האָט אויפגעציטערט, זיך צעוויגט.

איבער בערל מוליערס רוקן האָבן זיך גענומען בלעזלען הייסע טראָפּנס, זיך דורכגעטראָגן איבערן גאַנצן גוף און ער האָט אַ הייב געטאָן זיין פלאַקאַט. דער פופציק־יאָריקער בערל האָט פאַרגעסן אָן זון, אָן דער היים. ער איז אַריין מיט די עלנבויגנס אַלץ טיפער אינם המון, געוואָרן איינס מיט די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם סקווער, און אַליין אָן ווערטער גענומען זינגען. דער ציטער איז ביי בערלען אַריבער אין די האָר, געשפּאַרט ס'היטל פון קאָפּ, גרעסער געמאַכט די אויגן, און זיינע הענט און פיס האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט שטאָל.

— זיי זיינען נישט קראַנק צו בויען אַ נייע סאָבוויי! — האָט בערל זיך צערעדט — וועט זיין אַרבעט!

— און ביליקע קאָאָפּעראַטיווע הייזער פאַר אַרבעטער זיינען זיי חולה צו בויען? — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט.

— וואָס שטייען מיר?

— טאַקע, וואָס שטייען מיר?

— קומט צום סיטי־האָל!

— צו די שטאָט־טאַטעס!

— מיר ווילן אַרבעט!

— שטעלט אייך זעקס אין אַ שורה!

— שטעלט אייך, חברים!
— די מיט פענער און פלאַקאַטן אויף אַפּריער!
אַ ברייט־בייניקער איטאַליענער האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ רויטער, צעפלויגענער פאָן. הינטער אים איז אויסגעוואַקסן בערל מוליער מיט זיין פלאַקאַט. דער זעקס־פוסיקער בערל האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון צווישן המון, ווי אַ סלופּ, וואָס אויף אים פלאַטערט אין ווינטעלע זיך אַ פאָן.
פון אַלע זייטן סקווער האָבן מיילער זיך געעפנט. דאָס געזאַנג האָט קנוילנווייז זיך געריסן אין דער קאַלטער לופט, אַריבערגעוואַקסן די הייזער, די מאַשין־ביקסן אויף די דעכער, די טורעמס.
„. . . אין הונגער לעבן מוז און נויט!“
די פּאָליציאַנטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין זייטיקע גאַסן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, ווער אויף מאָטאָציקלען, ווער אויף פערד, ווער צופוס. פון אַלע זייטן האָבן זיי זיך גענומען אַריינשניידן אינם המון, זיך געגראָבן אין דעם צונויפגעדריקטן, צונויפגעפּרעסטן מענטשן־פלייש, ווי מיט עגבערס.
שטיקערווייז איז דער סקווער אַרויסגעשוואומען פון אונטער די פים און אין דעם געדרענג, אין דעם געלויף האָבן מענטשן זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד, גיך, גיכער, צונויפגעקנוילט פערד, מענטשן, פענער. אַן איבערגעשראָקענער, אַ דערשלאָגענער האָט דער המון זיך געשפּאַרט אויף די טראָטוארן, זיך געריסן אין די פאַרמאַכטע טירן פון די הייזער, און די קולות האָבן פאַרטויבט דאָס געזאַנג, וואָס האָט נאָך געציטערט אין דער קאַלטער לופט.
בערל מוליער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער באַק און די פים האָבן זיך ביי אים צעוויקלט. ס'איז אים היים געוואָרן און אַלץ אַרום האָט זיך צעשאָטן אין פונקען. מען האָט אים פון דער זייט אָפּגעמאָסטן איבערן אויער מיט אַ פרענט. ער האָט געזוכט דעם פלאַקאַט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט נישט ווייט פון אים אַ צעריסענער. און איידער בערל האָט צייט געהאַט אים אויפצוהייבן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער סקווער איז ליידיק, אַז ער, בערל, שטייט אינמיטן סקווער אָן אַ היטל, פון דער באַק „שערגעט“ בלוט און אויף אים טראָגט זיך אַ פּאָליציאַנט אויף אַ פערד. ס'פערד רייסט זיך פון דער רויטער, גלאַנציקער פעל, וואַרפט שטיקער שוים און די געקאָוועטע פים קלאַפּן, גייען גאַלאָפּ. בערל פילט שוין אויף

זיך דאָס שאַרפֿע פֿערד־ריח, זעט, ווי דאָס רויטע פֿערד שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פֿיס, ווערט באַלד אויף אים, אויף בערלען, אַראָפּלאָזן די געקאָוועטע קאָפּעטעס, ווערט אים צעקוועטשן, צעברעכן און אָוועקשליידערן, ווי דעם פֿלאַקאַט, ווי די היטלען, וואָס דער ווינט טרייבט איבערן ליידיקן סקווער.

אוים בערל מוליער, אוים זון, אוים ווייב... און די שטאָט־טאַטעס? ער וועט זאָגן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת, אַזוי און אַזוי...

בערל האָט צעשטעלט די פֿיס, ווי פּאַרפּעסטיקטע סלופּעס. ער האָט זיך אַ צי געטאָן אין זיין גאַנצער הייך, זיך פֿאַרמאָסטן אויפֿן הייטער. דריי פּאָר אויגן פֿאַרלאָפֿענע אין בלוט האָבן זיך דורכ־געקרייצט, דורכגעשטאָכן און דאָס פֿערד האָט זיך גענומען רוקן אויף צוריק. דער פּאָליציאַנט האָט זיך איינגעביסן מיט די שפּאָרן, ס'פֿערד האָט זיך אַ ריס געטאָן. מיט אַ געגרימעריי, מיט אַ ברומעריי האָט בערל מוליער אָנגעכאַפּט דעם פֿערדס פֿאָדערשטע פֿיס, זיך פֿעראַנגלט אַ רגע, צוויי, און אַלע דריי זיינען אַ פֿאַל געטאָן אין דעם ליידיקן סקווער.

נפתלי גראָס

דעבס פֿירט די באַן־אַרבעטער אין סטרייק

דער ערשטער זיג

אין דעם יאָר 1894 האָט די יוניאָן פֿון די באַן־אַרבעטער, מיט דעבסן בראש, דערקלערט אַ סטרייק. אַלע אַרבעטער אויף די באַנען זיינען אַרויס אין סטרייק. דעבס איז דעמאָלט ניט געווען קיין באַן־אַרבעטער. פֿאַר אים זיינען אָבער די אַרבעטער געווען ברידער און ער האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין קאַמף.

אין יענע יאָרן זיינען די אַרבעטער געווען ווי פּשוט'ע שקלאַפֿן. די מיינסטע אַרבעטער זיינען אינגאַנצן נישט געווען אָרגאַניזירט. מע האָט געאַרבעט 2 מאָל 8 שעה אַ טאָג און נאָך מער, און פֿאַרדינען האָט מען קוים פֿאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט.

די לאַגע פֿון די באַן־אַרבעטער, וואָס דעבס האָט געהאָלפֿן אָרגאַניזירן, איז נישט געווען קיין בעסערע ווי די לאַגע פֿון אַנדערע אַרבעטער. מע האָט געאַרבעט לאַנגע שעה'ן און שווער און — דאָס אַלץ פֿאַר אַ הונגער־לוין;

איז דאָס פאַר די באַן־אייגנטימער נאָך געווען ווייניק. זיי האָבן גע־רעכנט, אַז זייערע אַרבעטער פאַרדינען צופיל און זיי האָבן גענומען שניידן זייער לוין.

דאָס איז געווען שוין איבער דער מאָס. אַלע זיינען אַרויס סטרייקן. די באַנען זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער פאַרקער איז געוואָרן צע־קריפּלט. די אַרבעטער האָבן דערפילט זייער כוח, זייער מאַכט. זיי האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז ווען זייער שטאַרקע האַנט נאָר וויל, שטייען אַלע רעדער שטיל. און דאָס ווערט געטאָן אָן בלוט־פאַרגיסן.

סע האָט נישט געדויערט לאַנג און די באַן־אַרבעטער האָבן געוואונען דעם סטרייק. די באַן־מאַגנאַטן, די באַלעבאַטים, האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און כדי די באַנען זאָלן ווידער גיין, האָבן זיי געמוזט נאָכגעבן וואָס די אַרבעטער האָבן געפאָדערט.

ווי אַ דערפרישנדיקער שטראָם האָט דער זיג פון די סטרייקער זיך דורכגעטראָגן צווישן אַלע אונטערדריקטע אַרבעטער. אַ נייע פרייד האָט אויפגעשיינט. זיי פאַרשטייען איצט, מע קען מיט זיי נישט טאָן, וואָס מע וויל. און — מער וועט מען מיט זיי נישט טאָן וואָס מע וויל.

אַ צווייטער זיג און — דעבס אין תפיסה

איר האָט אוודאי געזען, ווי צו יעדן צוג זיינען צוגעטשעפּעט אַ פּאָר פּולמען־וואַגאָנען. דאָס זיינען וואַגאָנען מיט אַ סך מער באַקוועמלעכ־קייטן ווי די געוויינלעכע וואַגאָנען. פאַראַן דאָרט באַזונדערע קופּייען פאַר די פּאַסאַזשירן. די זיצפּלעצער זיינען ווי דריישטולן, אַזוי, אַז מע קאָן זיך זעצן מיטן פּנים וואוהין איינעם איז ליב.

די אַרבעטער אויף די פּולמען־וואַגאָנען איז אָבער גאָרנישט ניט אַזוי באַקוועם. און בעת די באַן־אַרבעטער האָבן דעמאָלט געוואונען דעם ערשטן סטרייק און האָבן אויסגעקעמפט אַ מענטשלאַכן לוין, האָט דאָס אָבער אויף קיין האָר נישט פאַרבעסערט די לאַגע פון די אַרבעטער אויף די פּולמען־וואַגאָנען. זיי זיינען געווען אין דער ערגסטער לאַגע צווישן די באַן־אַרבעטער. זיי האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות און האָבן באַקומען אַ הונגער־לוין.

מר. פּולמען, דער אייגנטימער פון די פּולמען־וואַגאָנען, האָט פון זיינע אַרבעטער אויסגעזויגן די לעצטע כוחות. ער האָט געפאָדערט די מיינסטע אַרבעט און האָט געצאָלט דעם קלענסטן לוין.

אויסערדעם האָט דער מר. פולמען געהאַט זיינע וועגן, ווי אזוי אויס־צוזויגן זיינע אַרבעטער און נאָך צונעמען ביי זיי דעם לעצטן אָרימען לוין. ער האָט שוין דעמאָלט געטאָן אזוי ווי די היינטיקע קוילן־מאַגנאַטן טוען אין די קוילן־געגנטן פון קענטאַקי און אנדערע שטאַטן.

מיסטער פולמען האָט אויפגעבויט באַראַקן, וואו זיינע אַרבעטער האָבן געמוזט וואוינען און באַצאָלן מער דירה־געלט ווי ערגעץ אַנדערש. ער האָט געעפנט קראָמען, געוועלבן און אַלערליי געשעפטן, און זיינע אַרבע־טער האָבן געמעגט קויפן, וואָס זיי דאַרפן, בלויז אין פולמענס קראָמען און געוועלבן און דאָ האָט מען פאַר אַלץ געמוזט צאָלן גרעסערע פרייזן: פאַר שפייז און פאַר קליידער און פאַר אַלע אַנדערע זאַכן.

און די אַרבעטער, וואָס האָבן גענומען בלויז דאָס נויטיקסטע, וואָס זיי דאַרפן — האָבן געמאַכט חובות און האָבן זיך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. און געבן אויף באָרג האָט מען זיי דוקא געגעבן. וואָרן דאָס האָט די אַרבעטער פּשוט צוגעבונדן צו זייער מיזערנער אַרבעט און זיי האָבן נישט געטאָרט גיין זוכן קיין אַנדער אַרבעט. אויף אַזאַ אופן זיינען זיי געוואָרן איינפאַכע שקלאַפן ביי דעם מיסטער פולמענען.

אַלץ האָט אָבער אַ גרענעץ, און יעדע זאַך האָט אַ סוף. אַז די אַרבעטער האָבן שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן זייערע ביטערע צרות, האָבן זיי איין שיינעם טאָג דערקלערט אַ סטרייק. דער זיג פון די אַנדערע באַן־אַרבעטער האָט זיי צוגעגעבן מוט. טויזנטער פולמען־אַרבעטער פון די ברעגן פון אַטלאַנטיק ביז צו די ברעגן פון פּאַסיפיק האָבן באַשלאָסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קייטן פון שקלאַפעריי און ווערן פריי.

מיסטער פולמען האָט זיך געווענדעט צו גראָווער קליוולאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט, אַז ער זאָל שיקן מיליטער קעגן די סטרייקער. דער פּרעזידענט האָט אים צוליב געטאָן און האָט געשיקט סאָלדאַטן צו אונטערדריקן דעם סטרייק. און דעם אמת געזאָגט — מיט דעם סטרייק האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל. נאָר דאָ איז אונטערגעקומען דעבס. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן נאָך אין דער רעכטער צייט און האָט גענומען פירן דעם סטרייק. די אַרבעטער האָט ער געהייסן זיצן אינדערהיים. זאָלן די סאָלדאַטן מיט זייערע ביקסן פירן די באַנען.

זאָגט דער מיסטער פולמען, אַז מיט די סאָלדאַטן קאָן ער גאָרנישט ניט אויפטאָן, ווענדט ער זיך צו אַ ריכטער. ער זאָל דורכן געזעץ צווינגען די אַרבעטער גיין צו דער אַרבעט. דער ריכטער האָט אַרויסגעגעבן אַ פּסק, אַז אַלע אַרבעטער מוזן גיין צו דער אַרבעט.

דעבס האָט אָבער די אַרבעטער נישט געלאָזט צוריקגיין צו דער אַרבעט אויף די אַלטע קאָנדיציעס. זיי מעגן רואיק זיצן אינדערהיים, האָט ער זיי דערקלערט, נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. זאָלן זיי זיך נאָר האַלטן אייניק און אָנגיין מיטן סטרייק. קיינער וועט זיי דעמאָלט נישט קענען צווינגען צו גיין אַרבעטן.

וואָס טוט איצט דער מיסטער פּולמען? טראַכט ער און טראַכט, און אַז ער זעט דאָס אַלץ איז דעבסעס קאָפּ און אַרבעט, נעמט ער קלערן ווי אָפּצוראַמען דעבסן פון וועג. ער לאָזט דעבסן אַרעסטירן פאַר ברעכן דאָס געזעץ. וואָרן דער ריכטער האָט דאָך גע'פסק'נט, אַז די אַרבעטער מוזן צוריקגיין צו דער אַרבעט, נאָר דעבס לאָזט זיי נישט. אַרעסטירט מען דעבסן און מע זעצט אים איין אויף זעקס חדשים.

די פּולמען־אַרבעטער האָבן לסוף טאַקע געוואונען דעם סטרייק, דעבס איז אָבער געזעסן אין תּפיסה. נאָר ער איז נישט געווען איינזאַם. די הערצער פון מיליאָנען מענטשן זיינען געווען מיט אים. און בריוו האָט ער געקראָגן — בריוו מיט טרייסט און מיט לויטער פריינדשאַפט און האָפענונג. איין בריוו, וואָס איז געקומען נאָך איידער מע האָט אים איינגעזעצט, איז געווען אַזאַ:

ליבער דזשין,

איך הער, אַז מע וויל דיך פאַרשיקן אין תּפיסה. דו וועסט דאָרטן דאַרפן האָבן אַ פריינד — לאָמיך זיין דיין פריינד.

דיין,

יודזשין פילד.

דער פּאָעט פון דעם באַרימטן ליד: „טווינקל, טווינקל, ליטל סטאַר“, האָט דאָס אים געשריבן אַזאַ בריוו.

אַ פּשוט׳ע מעשה

ס׳איז אַלץ אַזוי פּשוט
אַז עס דערציילט זיך אַליין.
אַ פּשוט׳ע מעשה
וואָס שיילט זיך אַליין.

אַ סטרייקער, אַ פּיקעט, איז אַרויס אינדערפרי
און מער נישט געקומען צוריק.

אַ פּשוט׳ער סטרייקער אין דעם רייכסטן לאַנד
איז פּשוט געפאַלן פון אַ פּאָליצייאישער האַנט.
האָבן הונדערטער פון די מיליאָנען זיך געקליבן אינײנעם,
דערהערט זייער מאָנונג אין דעם טויט־שריי פון איינעם.
זיי זיינען צו די היטער אַוועק
און געפרעגט:
נאָכמאָל האָט איר געקוילעט אונזער ברודער?

און זייער פּרעגן איז געווען ווי ווײַכער וואָלט געגריזשעט זיכערע דעכער,
ווי געוויטער געהיימער, וואָס שיקט ציטער און אימה (איימע)
צו האַרן פון רייכע שטעט.
נאָר שולד מאַכט האַרט און אומרעכט בייז.
און וואו איז דער שלעגער וואָס זאָל מעסטן די גרייס פון זיין חטא (כעט)

און זאָגן : גענוג ?

אָן ערדענע קרוג איז דער קאָפּ פון אַ געראַכטן פּרעגער,
און שטעקנס זיינען דאָ צו ברעכן און שפּאַלטן.
ווען מידקייט האָט די שלאָגנדיקע הענט פאַרהאַלטן,
האָבן שטיינער מיט שטיינער זייער שרעק געטיילט :
מיר האָבן געזען... מיר האָבן געהערט... מיר האָבן געציילט...
און איין פאַרווירטער שטיין האָט געמורמלט :
אויף מיר אַ פּליוך הייס בלוט,
און זעט — ווערט אַלץ גרעסער, הייסער, רויטער
ווי אַן אַרויסגעריסענע צונג וואָלט נישט גערוט,
נאָר געוואָקסן גרעסער, הייסער, רויטער.
די היטערס האָבן מיט פּשוט'ער רשעות (רישעס) זייער מורא געקנאַטן,
מיט די שטעקנס געשלאָגן און מיט די פערד געטראָטן.

נאָר צומאָרגנס ——

צומאָרגנס האָט געבלאָזן דער האָרן
פון אַ גרויסן צאָרן.
גלייך יענע צעריסענע צונג
וואָלט גערופן מיט געקלונג.
און ווער ס'האָט געדאַרפט האָט פאַרנומען,
און ווער ס'האָט געמוזט איז געקומען.
ווי אַ גרויס חיל זיך געשפּרייט
און אַ שטורעם געזייט,
און שטאָלץ אויף נייע פאַרטאָגן
דעם טויטן ברודער געטראָגן
אינמיט פון פּופּציק טויזנט מאַן.
פּופּציק טויזנט — איין צאָרנדיקער, וואָרנענדיקער שפּאַן.

די זינדיקע שטעקנס זיינען געלעגן באהאלטן.
זיי האָבן ווי פארגעסן, אז זיי דארפן שפאלטן.
די שולד האט מיט די אויגן געפינטלט גאס נאָך גאס,
און שא און שטיל געבלאָזן קיל אויפן הייסן האס.

יענעם טאָג האָב איך געזען ברייט־געעפנטע רויטע טויערן.
יענעם טאָג האָב איך אויך געהערט מיט מיינע אויערן,
ווי טורעם־זייגער צו טורעם־זייגער האָט קלוג געלאכט:
אזוי־אָ פשוט ווערן דאָך רעוואָלוציעס געמאכט.

ז. ליבין

מיין קינדהייט

געבאָרן געוואָרן בין איך ניט דאָ, אין אַמעריקע, נאָר ווייט ווייט אויף יענער זייט פון דעם ווייטן אַטלאַנטישן אָקעאַן, אין אַ קליין אידיש שטעטעלע אין רוסלאַנד. האָרקע, אזוי הייסט דאָס שטעטעלע, וואו איך בין געבאָרן געוואָרן.

אַ שיין שטעטעלע, אָט די האָרקע. ס'איז אַ בערגיק שטעטעלע, בערג און טאָלן. די גאַסן זיינען ברייטע, זומער וואַקסט גראָז אינמיטן גאַס, אָסיען־צייט איז מורא'דיק בלאָטיק, פאַרטרונקען צו ווערן, ווייל אין אונזער שטעטל זיינען די גאַסן ניט ברוקירט, אזוי ווי דאָ אין ניו־יאָרק, אָדער אין די אַנדערע גרויסע שטעט פון אַמעריקע.

אַ שיין, פאַר'חלומ'ט שטעטעלע איז אונזער האָרקע, נאָר אַזאַ אָרעמע שטעטעלע. פייערדיקע קבצנים זיינען דאָרטן אידן, אָי, קבצנים, גאָר ניט איבערצודערציילן. פאַראַן נגידים אויך, אָבער די מערסטע אונזערע אידן זיינען געווען גרויסע, אָבער טאַקע גאָר גרויסע אָרעמעלייט. מיין טאַטע איז געווען אַ מלמד און איינער פון די סאַמע גרעסטע קבצנים.

קינדער, איך וואָלט וועלן פאַר אייך כאָטש אַביסעלע אָפּמאָלן דאָס שטיבעלע אונזערס. דאָס שטיבעלע, וואו ס'איז אַוועק מיין קינדהייט און מיין ערשטע „בליענדיקע" יוגנט, איז געווען, ווי איך געדענק, אַ קליין שטיבעלע, די גרייס, לאָמיר זאָגן, ווי דער עס־

צימער אין אַ געוויינטלאַכן הויז דאָ אין אַמעריקע. געווען בלויז איין צימער: דאָ האָט מען געגעסן, אויב ס'איז נאָר געווען וואָס צו עסן, דאָ איז מען געשלאָפן, דאָ האָט מען געלעבט. ס'רעדט זיך אַזוי: געלעבט, — דאָ האָט מען זיך געמאַטערט. די ווענט פון אונזער שטיבעלע זיינען געווען פון נאַקעטע ברעוונעס, קיין דיל איז ניט געווען, ערד איז געווען. פענצטערלאַך קליינע, מען האָט זיי קיינמאָל ניט געעפנט: ווינטער האָט מען ניט געעפנט קיין פענצטער, אַז די וואַרעמקייט זאָל ניט אַרויסגיין, און זומער האָט מען גלאַט ניט געעפנט.

און הערט נאָר אדרבה וואָס אַט אין דעם קליינעם שטיבעלע האָט זיך דאָס אַביסל אָפּגעטאָן. מיר אַליין זיינען געווען אַ פאַמיליע פון זעקס נפשות — טאַטע, מאַמע און פיר קינדער. אויף דעם גרויסן אויוון וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ העלפט פון דער שטוב, האָט ביי אונז אויפגעהאַלטן זיך אַ „גויע", ווייל זי פלעגט פאַר אונז טראָגן וואַסער אַן געצאָלט. אין אונזער שטעטל האָט מען ניט גע־וואוסט פון וואַסער, וואָס קומט אַריין אין הויז דורך קראַנען; געווען אין שטעטל איין ברונעם, און אַט פון דעם ברונעם האָט דאָס גאַנצע שטעטל געקראָגן וואַסער. זיינען געווען וואַסער־טרעגער, וועלכע פלעגן אייך ברענגען וואַסער פאַר געצאָלט. אונז האָט די „גויע" געטראָגן וואַסער, דערפאַר האָט זי ניט געדאַרפט צאָלן אונז קיין דירה־געלט פאַר איר שלאָפן אויפן אויוון. ווייטער האָבן מיר געהאַט שכנים: אַ פרוי מיט צוויי דערוואַקסענע טעכטער — אַלע דריי זיינען געווען אַלמנות — און נאָך אַן עלטערע פרוי, וועלכע פלעגט אויסבאָרגן געלט אויף פראָצענט; דער טאַטע האָט אַמאָל ביי אַט דער פרוי געליען אויף אויסצאָלן צען רובל, האָט ער דאָס קיינמאָל ניט געקענט אָפּצאָלן, האָט זי דערפאַר ביי אונז געוואוינט אָן דירה־געלט.

מיין טאַטע איז געווען אַ מלמד, איז זיין חדר געווען טאַקע אין אונזער שטיבל, און ער האָט דאָ אין שטיבל געקנעלט מיט אַ פופצן קינדער. ווייטער האָט די מאַמע געהאָדעוועט הינער, טאַקע דאָ אין שטיבל. מיר האָבן פאַרמאָגט אַ קו. פאַר דער קו איז ביי אונז געווען אַ שטעלכל, נאָר ווינטער, ווען ס'פלעגן אויספאַלן שטאַרקע פרעסט, פלעגט מען די קו איבערנאַכט האַלטן אין שטוב.

אַט דאָ, אין דעם שטיבעלע, איז דאָס דורכגעלאָפן מיין קינדהייט

און מיין יוגנט.

ווען איך האָב אייך דערמאָנט, אַז מיר האָבן געהאַט אַ קו, האָט איר דאָך געווים געקענט מיינען, אַז ס'איז געווען מילכיקס צום עסן, זאָלט איר דאָס ניט טראַכטן. די קו האָט טאַקע געגעבן מילך, אָבער מען פלעגט עס פאַרקויפן. איבערן גאַס ביי אונז זיינען געווען צוויי שיינע הייזער, געוואוינט האָבן אין די הייזער צוויי נגידים פון שטעטל, פלעגט מען זיי פאַרקויפן די מילך. מיר, דעם מלמדס קינדער, האָבן פון אונזער קו די מילך ניט פאַרזוכט. מיר האָבן געהונגערט, פשוט געהונגערט.

ווען נאָר איך טראַכט וועגן מיינע קינדערשע יאָרן, זע איך אין מיינע געדאַנקען מיין האַרציקע, מיין אָרעמע מוטער. אַלעמאָל, אַלע-מאָל איז זי אַרומגעגאַנגען מיט פאַרוויינטע אויגן. אַלעמאָל, אַלעמאָל זיינען איר אין האַלדז טרערן געשטאַנען, ווייל דאָס לעבן אירס איז געווען אַזוי שווער, אַזוי ביטער.

מיין פאָטער איז געווען אַ איד אַ קלוגער, אַ גרויסער ווילינג, אָבער אין שטוב איז ער געווען אַ דעספּאָט. מיר — די קינדער — פלעגן פאַר אים ציטערן. די מאַמע, די אָרעמע, האָט פאַר אים אויך מורא געהאַט אימת-מות (איימאַס-מאָוועס).

איך האָב געלערנט ביי מיין טאַטן אין חדר. געדענק איך, אַז ער פלעגט מיך זייער שלאָגן. איך בין געווען גראָד אַ שטיל אינגל, געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ, געלערנט זייער גוט, נאָר דער טאַטע האָט מיך סיי-ווי-סיי געשלאָגן. ס'איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט, אַפּנים, קיין כח ניט געהאַט צו שלאָגן די אַנדערע קינדער — פלעגט ער מיך שלאָגן. איינמאָל, געדענק איך, האָט ער מיך אָנ-געשלאָגן גלאַט אַזוי זיך, אומזיסט און אומנישט, און דערנאָך האָט ער אַליין זיך צעוויינט. מיך האָט ער געקושט און אַליין האָט ער געוויינט.

ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר, האָב איך שוין געאַרבעט אין אַן אַפּטייק און פאַרדינט מיין ברויט. צו אַכצן יאָר האָב איך אַוועקגעוואַנדערט איבער דער ווייטער וועלט, דערשלעפּט זיך קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד, און מיט אַ יאָר שפּעטער בין איך, אַן אימיגראַנט, אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאָ האָט מיך דער סוועט-שאַפּ גלייך אַריינגענומען אין זיינע בייזע הענט. איך בין געוואָרן אַ קאַפּן-מאַכער.

זיצנדיק ביי דער ניי־מאַשין האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשטע מעשה׳לע. דער נאָמען פון דער מעשה׳לע איז געווען: „פרילינג״. איך האָב דערציילט, ווי אַזוי אַן ארבעטער אין אַ פינצטערן סוועט־שאָפּ פילט זיך, ווען ס׳קומט אָן דער ליבער ליכטיקער פרילינג. מיין ערשטע מעשה׳לע האָט זיך אָפּגעדרוקט אין דער „אַרבעטער־צייטונג״ אונטערן נאָמען: „אַ זיפץ פון אַן אַרבעטער־ברוסט״.

פאַרוואָס איך בין געוואָרן אַ שרייבער? דער אמת איז, אַז איך ווייס אַליין ניט. אָט אַזוי זיך. געזען האָב איך אַרום זיך אַ ים מיט צרות. געאַרבעט האָב איך אין אַ אידישן סוועט־שאָפּ. שווער איז געווען מיין לעבן, ניט געווען אין מיינע טעג קיין זונענשיין, ניט קיין פרייד. שווער איז געווען דאָס לעבן פון אַלע אַרבעטער אין די סוועט־שעפּער. האָב איך זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אַרום מיר, האָב איך כסדר געהערט אַרום און אַרום אַ וויי־געשריי פון מענטשן, וועלכע האָרעוועז, פּראַצעווען אַזוי ווי שקלאַפן, האָבן גאָרנישט פון זייער האָרעוואַניע, אויסער אָרעמקייט און נויט, האָט מיר מיין האַרץ ווי געטאָן, האָב איך גענומען אַ פען אין האַנט, פאַרצייכנט וואָס איך זע און וואָס איך הער אַרום מיר. אַזוי בין איך געוואָרן אַ שרייבער.

ל. פּאָגעלמאַן

דער אַרבעטער רינג

דאָס איז געווען אין אָנהייב פרילינג, אין דעם יאָר 1892, אין דער שטאָט ניו־יאָרק. צוויי אידישע אַרבעטער, סעם גרינבערג און הערי לאַסקער, וועלכע האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין אַ שניידער־שאָפּ, האָבן באַשלאָסן צו גרינדן פאַר אַרבעטער אַ פאַריין, כדי צו באַקענען זיך נענטער איינער מיט דעם צווייטן, צו באַפריינדן זיך און פאַרברענגען צוזאַמען די צייט אויף אַן אנגענעמען און נוצלאַכן אופן.

זיי האָבן פאַרגעלייגט זייער פּלאַן צו זייערן אַ פריינד, אַ היטל־מאַכער מיטן נאָמען גאָלדרייך, וועלכער איז גלייך צוגעשטאַנען צו זיי און וועלכער האָט צוגעצויגן נאָך עטלאַכע אַרבעטער.

אין אַ פרייען טאָג, דעם פערטן אַפּריל, 1892, האָבן זיי אַלע

זיך צונויפגעקליבן אין סעם גרינבערגס הויז און האָבן געגרינדעט אַ פאַריין, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „אַ ר ב ע ט ע ר ר י נ ג פ אַ ר י י ן".

מיט דעם נאָמען האָבן זיי געוואָלט באַווייזן אַז זייער פאַריין דאַרף פאַרבינדן די אַרבעטער צוזאַמען אין איין משפחה, אין איין ר י נ ג.

פון צייט צו צייט פלעגן זיך צונויפקלייבן די עטלאַכע מיט־גלידער פון דעם „פאַריין" און פלעגן זיך דורכריידן וועגן פאַר־שיידענע פּאַסירונגען פון דער וועלט. איבערהויפּט פלעגן זיי שמועסן וועגן דעם שווערן לעבן פון די אידישע אַרבעטער, וועלכע פלעגן דעמאָלט אַרבעטן פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין ענגע, שמוציקע שעפּער און פאַר אַזאַ קליינעם געהאַלט, אַז זיי פלעגן קוים, קוים זיך קענען ווי עס איז דורכלעבן.

ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן איצט ווי אַזוי עס האָבן געלעבט די אידישע אַרבעטער אין יענער צייט. ווי שווער עס לעבט זיך דאָ איצט דעם אַרבעטער, איז פונדעסטוועגן זיין איצטיקע לאַגע פיל בעסער ווי אין יענע יאָרן.

די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען דעמאָלט ערשט אַריבער־געקומען פון יענער זייט ים, פלעגן זיין גרייט צו אַרבעטן וואו עס האָט זיך נאָר געמאַכט און פאַר וועלכן ס'איז געהאַלט, אַבי ניט צו שטאַרבן פון הונגער. די מערסטע פון זיי האָבן פון דער היים קיין מלאכה ניט געקענט, און זיי האָבן זיך געמוזט נעמען פאַר אַזאַ מין אַרבעט, וועלכע מען קען זיך לייכט אויסלערנען. אַזאַ אַרבעט אָבער באַצאָלט זיך ווייניק. קיין ענגליש האָבן זיי ניט געקענט; דאָס לאַנד איז זיי געווען פרעמד; קיין הילף פון ערגעץ האָבן זיי ניט געהאַט; פאַרקערט, זייערע פאַמיליעס אויף יענער זייט ים האָבן נאָך פון זיי דערוואַרט הילף. דעריבער פלעגן זיי זיין אומבאַהאָלפן און פאַרצווייפלט, ווען זיי פלעגן אַריינפאַלן אַהער, אין דער נייער וועלט.

יעדער איינער האָט לייכט זיי געקענט אָפּנאַרן און באַשווינדלען. זיי האָבן געזוכט אַרבעט, און ווען זיי פלעגן נאָך שווערער מאַטערניש ווי עס איז קריגן אַ פּלאַץ וואו צו אַרבעטן, זיינען זיי גרייט געווען אַריבערצוטראָגן די גרעסטע צרות אַבי צו פאַרדינען די פּאָר דאָלאַר צום לעבן.

אין די שעפּער, וואו די אידישע אימיגראַנטן פלעגן אָנקומען, פלעגט הערשן די ווילדסטע עקספּלואַטאַציע וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן.

אין אַ פינצטערן, פייכטן און שמוציקן צימער פלעגן אַרבעטן ביי דער שווערסטער אַרבעט צענדליקער אַרבעטער פון 15 ביז 18 שטונדן אַ מעת-לעת. פאַר זייער שווערער אַרבעט פלעגן זיי באַקומען פון צוויי ביז דריי דאָלאַר אַ וואָך. פאַר אַזאַ געהאַלט פלעגן זיי קוים קענען דערהאַלטן די נשמה און פלעגן ניט קענען דינגען אַפילו קיין איינציקן צימער פאַר זיך. אַ סך פון זיי האָבן געקענט דינגען פאַר זיך בלויז אַ ווינקל צו שלאָפן ערגעץ אין אַ קיך, אָדער אין אַן אַנדער פינצטערן צימער אָן ליכט און אָן לופט. אַזוי האָט זיך פאַרשפּרייט דער „באָרדער", וועלכער איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער אויף דער אידישער גאַס.

דער אַמאָליקער שאַפּ איז געווען אַ פּלאַץ, וואו דער אַרבעטער פלעגט גיך פאַרלירן דעם געזונט און די קרעפטן. דעריבער האָבן די אַמאָליקע שעפּער, וואו עס האָבן געאַרבעט די ערשטע אידישע אימיגראַנטן, באַקומען דעם טרויעריקן נאָמען „סוועט שאַפּ", דאָס הייסט אַ שאַפּ, וואו מען אַרבעט שווער, מיט שוויים. פון אַזעלכע שעפּער פלעגן מענטשן אָפט באַקומען קראַנקע לונגען, קראַנקע הערצער, קראַנקע אויגן און אַלערליי שווערע קראַנקהייטן בכלל. ניט אומזיסט האָט מען טובערקולאָזיס (אָדער ווי מען רופט עס פאַרקירצערהייט „טי-בי") אָנגערופן די „פּראָלעטאַרישע קרענק".

און ניט נאָר פון דעם „סוועט שאַפּ" אַליין האָט מען געקענט לייכט קריגן פאַרשיידענע קראַנקהייטן און פאַרקירצטע יאָרן; אויך די וואוינונגען פון די אידישע אַרבעטער זיינען געווען נעסטן פון אַלערליי קראַנקהייטן און מגפות. די אָרימע טענעמענט-הייזער, וואו די מערסטע אידישע אַרבעטער האָבן געלעבט, זיינען געווען פאַרפּעסטעטע, פינצטערע און פייכטע ווינקלען, וואו ווינטער איז קאַלט און זומער אומדערטרעגלאַך הייס. דאָס זיינען אויך געווען געפערלאַכע פייער-פאַסטקעס, וואו מען איז ניט געווען זיכער מיטן לעבן. אַזעלכע הייזער זיינען, צום באַדויערן, נאָך ניט פאַרשוואונדן אין די אָרימע געגנטן ביז דעם היינטיקן טאָג; ביז איצט נאָך קענען מיר געפינען טויזנטער אָרימע פאַמיליעס, וועלכע וואוינען אין אַזעלכע הייזער פון יענע יאָרן. דעמאָלט אָבער האָבן כמעט אַלע

אידישע אַרבעטער געלעבט אין אַזעלכע וואוינונגען.

ווי מיר זעען, איז זייער שווער געווען דאָס לעבן פון די אידישע אַרבעטער אין יענע יאָרן, ווען דער „אַרבעטער רינג פאַריין" האָט זיך געגרינדעט. קיין יוניאָנס זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען צו באַשיצן די אַרבעטער פון דער שרעקלאַכער עקספּלואַטאַציע אין די שעפּער. קיין אַרבעטער-פּאַרטייען, וועלכע זאָלן אויפקלערן די אַרבעטער זייער לאַגע, זיינען נאָך אויך ניט געווען. עס האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע הפקרות, אַ מין שקלאַפעריי פון כלומרשט פרייע מענטשן אין אַ פרייען לאַנד.

ווען דער „אַרבעטער רינג פאַריין" האָט זיך געגרינדעט האָבן די מיטגלידער צום ערשטן מאָל גענומען טראַכטן און רעדן וועגן זייער לאַגע. די גרינדער פון דעם „פאַריין" האָבן אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז מיטן טראַכטן און רעדן אַליין וועלן זיי זיך ווייניק העלפן: מען מוז אַרבעטן, מען מוז פאַרשפרייטן דעם געדאַנק וועגן אַ פאַרייניקונג צווישן די אַרבעטער, מען מוז די אַרבעטער ענג פאַרבינדן צוזאַמען אין איין אָרגאַניזאַציע, אין איין שטאַרקן אַרבעטער-פאַריין. ערשט דעמאָלט, ווען אַזאַ פאַרייניקונג וועט פאַרקומען, וועט מען קענען אויסקעמפן אַ בעסער לעבן. מען האָט גענומען רעדן מיט די אַרבעטער אין די שעפּער און מען האָט גענומען פאַר זיי אויפקלערן זייער לאַגע און אויך די צילן פון דעם „פאַריין". די ווערטער האָבן געקראָגן אַן אָפקלאַנג אין זייערע הערצער. די אַרבעטער האָבן דערזען פאַר זיך אַ שטראַל פון האָפענונג; זיי האָבן דערזען אַן אויסוועג פון זייער שווערן פאַר-שקלאַפטן לעבן, און זיי האָבן אויפגעלעבט. זיי האָבן מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רייד פון די עטלאַכע גרינדער פון „פאַריין", האָבן זיך אָפּגערופן און גענומען העלפן; אַלץ מער און מער אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם „אַרבעטער רינג פאַריין", וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן זייער באַליבט ביי די אַרבעטער.

דער „אַרבעטער רינג פאַריין" איז זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט און האָט ביסלאַכווייז פאַרגרעסערט די צאָל פון זיינע מיט-גלידער, אַזוי אַז מען האָט געמוזט שוין דינגען אַ ספּעציעלן האָל, וואו זיך צו פאַרזאַמלען.

די מיטגלידער פון דעם „אַרבעטער רינג פאַריין" האָבן זיך געפילט ווי נאָענטע חברים, ווי פריינד, און זיי האָבן טאַקע איינער

דעם צווייטן גערופן מיטן נאָמען „פ ר י י נ ד". זייער הויפּט ציל איז געווען צו שטיצן איינער דעם צווייטן אין פאַל פון אַ נויט, אָנצופירן בילדונגס־אַרבעט און דורכצופירן פאַרשיידענע נוצלאַכע אונטערנעמונגען.

גאַנץ אָפט פלעגט מען זיך אין דעם „פאַריין" פאַרווײַלן אויף אַן אנגענעמען היימישן שטייגער; אָבער אויסער פאַרווײַלונגען פלעגט דאָרטן אָנגעפירט ווערן אויך ערנסטע אַרבעט, וואָס האָט אַרײַנגעטראָגן ליכט אין דעם דעמאָלטיקן פינצטערן לעבן פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דעם פאַריין.

די ערשטע צייט האָט דער „פאַריין" זיך ניט זייער שטאַרק אַנטוויקלט. געווען אַפילו מאָמענטן, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט, אָט שטראַבט ער אָפּ אײַנגאַנצן. אָבער קענטיק, ער האָט געהאַט אין זיך אַ שטאַרקע לעבנס־קראַפט, ווייל פון אַלע שווערע מאָמענטן איז ער אַרויס אַ גאַנצער, און איז ניט אומגעקומען.

אַכט און אַ האַלב יאָר האָט אָפּגעלעבט דער קליינער „פאַריין", וועלכן עס האָבן געגרינדעט עטלאַכע אידישע אַרבעטער פון ניו־יאָרק אין יאָר 1892.

אין דעם יאָר 1900 איז יענער „פאַריין" געוואָרן אַן אָרדן, וועלכער האָט געקראָגן דעם נאָמען „אַ ר ב ע ט ע ר ר י נ ג"; דאָס איז דערזעלביקער „אַרבעטער רינג", וואָס איז איצט באַקאַנט אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל פון אַמעריקע, און אַפילו אויף יענער זייט ים.

זיין צוועק און זיין פאַרלאַנג איז — צו העלפן שאַפן אַ נייע, שענערע וועלט, אַ פרייע וועלט, וואו מענטשן זאָלן זיך פילן גליקלאַך און וואו עס זאָלן ניט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. צו דערגרייכן אַזאַ נייע וועלט איז דער טרוים פון די בעסטע מענטשן אין פאַרלויף פון דורות; דער „אַרבעטער רינג" וויל צוזאַמען מיט דער אַלוועלטלאַכער אַרבעטער באַוועגונג דעם טרוים פאַרווירקלאַכן און מיט זיין אַרבעט העלפט ער ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלאַך דעם טרוים דורכצופירן אין לעבן.

א פאַרקערטע וועלט

פון י. פּאָשקאָ



ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

אין דעם לאַגער פון די אָרימע

ווער ס'איז געווען און האָט געזען די אָרימקייט, די מיסטיקייט,
פון טשערי סטריט, און וואָטער סטריט,
ביים ברעג פון שווער באַלאָדענעם איסט־ריווער.
און האָט געזען די אָרימקייט צעלייגט אויף פאַרפוילטע טרעפּ,
מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע פּנים'ער,
וואָס קוקן אויסגעגלאָצט, דערשראָקן, רוי און שטאַר,
אויף יעדן נייעם דורכגייער, וואָס גייט אין גאַנצע שיך,
און ניט געזען ווי אין די אויגן פון די אָרימע
זידט בייז, טליעט שנאה אונטער אַש —
דער איז בלינד.

ווער ס'איז געגאַנגען ביי די פּיערס, ביי די דאָקס,
און געזען די סקלאַדן, די לאָד און פּאַק־געשטעלן,
און געזען די ווייסקייט פון ברויטיקן מעל

זיך וויגן אין לופט אויף די אייזערנע הייב-מאַשינען,
און דערפילט אין די נאָזלעכער דעם ריח פון פיש,
לאַנג-איילאַנד געפאַנג,
דעם שאַרפן גערוך פון קאַפּע — קובאַנער,
דעם געשמאַק פון פלייש, דעם גערוך פון זאַלציקן הערינג,
און ניט געזען מענטשן, ווי הינט,
ליגן אויף די בריקלאַך, שטאָלן, טרעפּ, און שנאָרן,
שאַרן מיט די יאַסלעס, און שאַרפן געלע ציין, —
דער איז בלינד.

ווער ס'האָט ביי דער זייט פון מיסטיקייט און נאַענטקייט,
געזען די הונדערט-שטאָקיקע קאָמערץ-געביידעס פון ניו-יאָרק,
דעם גאָלדענעם געמאַרק,
און די אַלטע הייזער, קאַרק אויף קאַרק,
סאַלוויישאַן-אַרמי, קאַטוילישע שוועסטער, שטיקלאַך ברויט מיט זופּ,
און רייען, רייען, רייען, —
שטייען:

לאַנג-נאָזיקער גריך,
קינבאַקיקער נעגער,
לאַנג-פּנים'דיקער אירלענדער,
געמיש, געפלעכט צונויפגעטשעפּעט, צונויפגעשלעפּט,
שאַרף-געזיכטיקער פיליפּינער,
סלאַוו, איטאַליענער, איד,
און סתם אַ מחנה, וואָס דער חותם פון די פּנים'ער
איז שוין לאַנג פאַרוועלקט, פאַרגעלט,
אַראָפּגעווישט דורך גאַווער, זשאַווער, שטינקענדיקן אַווער, —
און ניט געזען, ווי ס'בײלט זיך פויסט,
ווי שנאה וואַקסט און שפּראָצט,
ווי בושה צו זיין אַן אָרימאַן ווערט כעס,
ווערט פלאַם, ווערט בליץ,
וואָס רייסט זיך שלאַנגיק, ביז צו דעם העכסטן שפּיץ, —
דער איז בלינד!

צום ערשטן מאַי

י. סלאָנים

אַרבעטער ברידער!

(רעוואָלוציאָנער ליד)

אָ, אַרבעטער ברידער, דערהייבט זיך, דערוואַכט
און מאַכט צו די צרות אַ סוף!
עס לייכט שוין אין מזרח, עס שווינדט שוין די נאַכט,
עס עפנט די ברעמען דער מאָרגן אין פּראַכט.
אָ, שנעלער, דערהייבט זיך מיט שטורמישער מאַכט,
זאָל זיין צו די ליידן אַ סוף!

אָ, זעט אייערע קינדער, פאַרצאָגט און פאַרבלאַסט,
די אויגן פאַרשוואָלן און רויט.
אָ, זעט אייער ברודער — ער שמאַכט און ער פאַסט;
כאָטש לאַנג אַז ער טראָגט שוין די שרעקלאַכע לאַסט,
דאָך וויים ער קיין פרייד נישט און לויפט אַלץ מיט האַסט
צום בייזן, צום פינצטערן טויט.

דערהייבט זיך, איר מאַסן, אָט איצט איז די צייט
באַפרייען דעם ברודער און זעלבסט זיין באַפרייט
און מאַכן אַ סוף צו דער נויט!

עס קלינגען די טאָלן, עס קלינגען די בערג:
„אָ, אַרבעטער־מאַסן, דערוואַכט!“
עס שמייכלט פון הימל די ערלאַכע זון:
„אָ, אַרבעטער־מאַסן, דערוואַכט!“

דער ערשטער מאַי

(פרייַ נאָך יאַן קאַרטשאַק)

אַלערליי יום־טובים זיינען פֿאַראַן אויף דער וועלט. יעדעס פֿאָלק האָט זיך זיינע יום־טובים. מע האָט אָבער באַדאַרפֿט האָבן איין יום־טוב אויף דער גאַנצער וועלט, איין יום־טוב פֿאַר אַלע מענטשן, פֿאַר אַלע מענטשן, וואָס אַרבעטן.

וואָרן וואָס זיינען דאָס גאָר פֿאַר אַ מיני מענטשן, אָט די, וואָס אַרבעטן נישט — די ליידיקגייער? מע דאַרף אויסקלייבן דעם שענסטן טאָג פֿון יאָר, ווען עס איז וואַרעם, ווען עס איז פֿריילאַך, ווען עס שמעקט מיט בלומען.

האָבן די אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט אויסגעקליבן דעם ערשטן טאָג פֿון חודש מאַי. דאָס איז אין רעכטן פֿרילינג. די ביימער זיינען באַדעקט מיט גרינע בלעטער, די קנאָספּן און בלומען אויפֿן פֿעלד האָבן זיך צעעפֿנט, די גרינסן אין גאָרטן האָבן שוין אַרויסגעשפּראָצט, דער הימל איז בלוי, — און אַלץ, אַלץ האָט אויפֿסניי אויפֿגעלעבט נאָך דעם שווערן, קאַלטן ווינטער. בלומען, בלעטער, גראָזן ציען זיך צו דער הימל־בלויקייט, צו די זונשטראַלן; געוויקסן און ביימער זויגן זאַפֿט פֿון דער ערד; אַלץ איז וואַך, אַלץ לעבט, עס איז גוט און עס איז פֿריילאַך. דאַרף מען אַ בעסערן טאָג אויף אַ יום־טוב־טאָג פֿאַר דער גאַנצער וועלט, פֿאַר אַלע מענטשן, וואָס אַרבעטן און שאַפֿן?

וואָרן וואָס ווילן די אַרבעטער?

די אַרבעטער ווילן, אַז די מענטשן זאָל זיין בעסער אין לעבן, מע זאָל נישט הונגערן און ליידן; ווינטער זאָל קיינער נישט פֿרירן, אַ שטאַרקער זאָל נישט שלאָגן אַ שוואַכן; מע זאָל נישט נאַרן, מע זאָל נישט פֿאַרשאַפֿן קיינעם קיין צרות.

וואָרן ווי איז היינט? — היינט: איינער אַרבעט און דער צווייטער טוט גאָרנישט נים. עס טרעפֿט, אַז איינער וויל אַרבעטן צו פֿאַרדינען אויף ברויט — און ער קען נישט קריגן קיין אַרבעט. מע זאָגט צו אים: דו ביסט אַלט, דו ביסט שוואַך, דו ביסט קראַנק, פֿאַר דיר איז קיין אַרבעט נישטאָ!

דאָס איז נישט קיין יושר! קראַנקע און שוואַכע זאָלן שטאַרבן פֿון הונגער!

טייל קינדער האָבן פון אַלעמגוטן, אַפילו פון פויגל-מילך, און אַנדערע — זייגען אָרים, נאַקעט און הויל.

די אַרבעטער ווילן מאַכן אַ נייע אָרדענונג. אומעטום זאָל זיין וואַרעם, ליכטיק און פריילאַך, ווי פרילינג-צייט: עס לעבט, עס זינגט, עס שמעקט, עס איז פריילאַך — אַ מחיה.

פון דער קאַלטער, ווינטערדיקער, פאַרפרוירענער וועלט איז געוואָרן אַ פרילינגדיקע, אַ שמעקעדיקע און גליקלאַכע.

דאַרף מען אַ בעסערן טאָג אויף אַ יום-טוב פאַר אַלע מענטשן, וואָס אַרבעטן? עס גייען סאָלדאַטן מיט פאָנען, און עס גייען די אַרבעטער דעם ערשטן מאַי מיט אַ פאָן. די אַרבעטער זיינען אויך אַן אַרמיי. זייער פאָן איז אַ רויטע. נאָר זיי הרג'ענען קיינעם נישט. די אַרבעטער בויען הייזער, מאַכן אַלערליי מאַשינען, מאַכן אויטאָ-מאָבילן, עראָפּלאַנען, וועבן טוך און לייוונט, נייען קליידער און שיך, אַקערן, זייען און שניידן אין די פעלדער.

גייען די אַרבעטער אין ערשטן מאַי מיט זייער רויטער פאָן איבער די גאַסן פון אַלע שטעט. זיי גייען און זינגען לידער. מע זינגט וועגן דעם, אַז עס צעפאַלט שוין די אַלטע אָרדענונג און אַ נייע אָרדענונג, אַ גערעכטערע ווערט איינגעפירט. די אַלטע אָרדענונג אויף דער וועלט איז דאָך נישט קיין גוטע, ווייל מענטשן קריגן זיך און שלאָגן זיך, נאַרן און פאַרנאַרן און ווילן נישט לעבן בשלום.

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס מיינען, אַז קינדער פאַרשטייען גאָר-ניט, אַז נאָר גרויסע מענטשן פאַרשטייען. עס איז געווים ניט ריכטיק. דער ערשטער מאַי איז אויך דער יום-טוב פון די אַרבעטער-קינדער. ווען די טאַטעס און די מאַמעס לייַדן נויט, פילן עס אויך די קינדער. דער ערשטער מאַי איז אַ נייער יום-טוב, אַ יונגער יום-טוב. היינט איז ער נאָר דער יום-טוב פון די אַרבעטער. עס וועט אָבער קומען אַ צייט און ער וועט זיין דער יום-טוב פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע מענטשן.

ז. סעגאַלאָוויטש

דער ערשטער מאַי

1

היינט רוט די וועלט. קיין שוך, קיין קלייד,
ווערט ניט געשטעפּט און נישט גענייט,
און ס'איז די שפּין־פאַבריק פאַרמאַכט,
די טאַטשקע ליגט אין קוילן־שאַכט.

2

היינט רוט די וועלט. דער מענטש, דער קנעכט
גייט אויף דער גאַס און פאָדערט רעכט;
דער וועבער רוט, נאָר אויבנאָן
שוועבט איצט זיין רויט־געוועבטע פאָן.

3

די אַרבעט שטייט. דאָך שאַפט זיך מער
ווי יאָרן־לאַנג אין אַרבעט שווער;
קיין האַמער אין גוס־פאַבריק, —
עס שמידט זיך דאָך דאָס גליק, דאָס גליק.

ב. וויינשטיין

די שיקאַגער מאַרטירער

זייט דעם מאָנאַט פעברואַר 1886 איז אין שיקאַגאָ אָנגעגאַנגען אַ גרויסער סטרייק פון צוועלף הונדערט לעדער־אַרבעטער אויף מעקאָרמיקס פאַבריק. וואָס נענטער ס'איז געוואָרן צום ערשטן מאַי 1886, אַלץ מער איז געשטיגן די אויפרעגונג צווישן די אַרבעטער. ענדלאַך איז געקומען דער ערשטער מאַי. טויזנטער אַרבעטער האָבן אין שיקאַגאָ אוועקגעלייגט די אַרבעט און אַרויס אין אַ סטרייק פאַר דעם אַכטשטונדיקן אַרבעטס־טאָג.

אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון דער שיקאַגער „סענטראַל לייבאָר יוניאָן“ זיינען זיך צונויפגעקומען ניט ווייניקער ווי פינף־און־צוואַנציק טויזנט אַרבעטער. די צאָל סטרייקער איז מיט יעדן טאָג געוואַקסן, ביז ס'זיינען שוין געווען פופציק טויזנט סטרייקער אין דער שטאָט שיקאַגע אַליין. גאַנצע טעג און נעכט פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן ריזיקע מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין האָלס און דער עיקר אונטערן פרייען הימל אויף די גאַסן און אין די פּאַרקס.

די באַלעבאַטים האָבן זיך גענומען שרעקן. שיקאַגע האָט אויסגעקוקט ווי אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע. די גרויסע מאַסן סטרייקער זיינען געווען שרעקלאַך אויפגערעגט קעגן דעם הייפל סקעבס, וואָס די באַלעבאַטים האָבן געדונגען. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז די סטרייקנדיקע אַרבעטער אין שיקאַגע וועלן זיכער זיגן און געווינען דעם אכטשטונדיקן אַרבעטס־טאָג. די קאַפּיטאַליסטן האָבן אָבער אויך ניט געשלאָפן, זיי האָבן גענומען צו הילף די שיקאַגער פּאָליציי, וואָס איז דעמאָלט געווען באַקאַנט איבער גאַנץ אַמעריקע מיט איר אכזריות קעגן אַרבעטער און סטרייקער.

דעם דריטן מאַי, נאָכמיטיק, האָבן די אַרבעטער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג אויף דער גאַס ניט ווייט פון מעקאָרמיקס פאַבריק. ווען די סקעבס האָבן גענומען אַרונטערקומען פון שאַפּ אונטער אַ שטאַרקער שוץ פון פּאָליציילייט און פינקערטאָן דעטעקטיוון, האָבן די פאַרזאַמלטע סטרייקער גענומען אויפוואַרפן די סקעבס פאַרוואָס זיי פאַרקויפן זיך צו די באַלעבאַטים. פּלוצים, מען ווייס ניט פונוואַנען, איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער רעזערוו פון בלויע רעק און זיי זיינען באַפאַלן די פרידלאַכע אַרבעטער, גענומען הרג'ענען, שלאָגן, ניט געשאַנעוועט אפילו די פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן עולם. די מערדערלאַכע פינקערטאָן דעטעקטיוון האָבן דער'הרג'עט אויף טויט זעקס אַרבעטער. צענדליקער סטרייקער זיינען געפערלאַך פאַרוואונדעט געוואָרן.

דער אָנפאַל פון דער פּאָליציי אויף פרידלאַכע סטרייקער האָט שטאַרק אויפגערעגט די אַרבעטער־מאַסן פון שיקאַגע און אויף דעם 4טן מאַי איז פאַררופן געוואָרן אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג אויף דעם „היי־מאַרקעט“, צו דעמאָנסטרירן קעגן דער ברוטאַליטעט פון דער פּאָליציי.

דער מיטינג אויף דעם היי־מאַרקעט, דעם 4טן מאַי 1886, איז געווען שטאַרק באַזוכט. אויסער סטרייקנדיקע אַרבעטער זיינען אויף יענעם מיטינג אויך געווען אַ סך זייטיקע מענטשן, צווישן זיי דער דעמאָלטיקער

מעיאָר פון שיקאַגע. ווען דער מיטינג האָט שוין געהאַלטן ביים סוף און עס זיינען פאַרבליבן ניט מער ווי אַ דריי־פיר הונדערט מענטשן, האָבן פּלוצים אויפן סקווער ארויפגעמאַרשירט פּאָליציילייט און גאָר אָן־אַ־פּאַרוואָס ארויפגעוואָרפן זיך אויפן עולם און גענומען שלאָגן מיט קלאַבס רעכטס און לינקס. ס'איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, אַ געשריי, אַ געלויף... אין דעם טומל האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שטאַרקער קראַך. ווי ס'האָט זיך נאָכדעם ארויסגעשטעלט, איז עס געווען פון אַ דינאַמיט־באָמבע. אַ סך פּאָליציילייט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן און איינער פון זיי איז באַלד געפאַלן טויט. נאָך זעקס פּאָליציילייט זיינען שפּעטער געשטאָרבן פון די וואונדן.

די גאַנצע שטאָט שיקאַגע האָט געקאָכט מיט דער פּאַסירונג. ווער ס'האָט די באָמבע געוואָרפן ווייס קיינער ניט ביזן היינטיקן טאָג. אָבער די שיקאַגער פּאָליציי האָט גלייך געוואָרפן די שולד אויף די אַרבעטער.

אויף מאָרגן נאָך דער טרויעריקער פּאַסירונג האָט זי גענומען אַרעס־טירן אַלע די, אויף וועמען ס'איז געפאַלן אַ חשד. איז נאָר איינער געווען באַקאַנט ווי אַן אַרבעטער־פירער, האָט מען אים גלייך איינגעשפּאַרט אין געפענגעניש.

שפּעטער זיינען ניין אַרבעטער־פירער, אַנאַרכיסטן, — צווישן זיי פינף, וואָס זיינען גאָר אויף דעם מיטינג ניט געווען, — דירעקט באַשולדיקט געוואָרן אין וואַרפן די באָמבע. ס'איז קעגן זיי פאַרפירט געוואָרן אַ פּראָצעס. פאַר דעם פּראָצעס האָט דער פּראָקוראָר זיך באַרימט, אַז ער האָט עדות; וואָס וועלן באַווייזן ווער ס'האָט די באָמבע געוואָרפן. די עדות האָבן דאָס אָבער קיינמאָל ניט באַוויזן. איין עדות האָט, למשל, אויפן פּראָצעס געשוואָרן, אַז ער האָט געוואוסט, אַז די אַרבעטער־פירער האָבן ב אַ ש ל אָ ס ן צו וואַרפן אַ באָמבע אויף דעם היי־מאַרקעט־מיטינג. אָבער אין אַ צייט אַרום, ווען מען האָט שוין פיר באַשולדיקטע אויפגעהאַנגען, האָט אַ שוועסטער פון דעם עדות געשוואָרן, אַז אין איר ברודערס רייד איז קיין וואָרט אמת ניט געווען, און אַז ער האָט פאַלש עדות געזאָגט, דערפאַר ווייל עמיצער האָט אים פאַר דעם גוט באַצאָלט.

אָנשטאָט צו באַווייזן אויפן פּראָצעס ווער די פאַרברעכער זיינען געווען, האָט דער פּראָקוראָר גאָר גענומען פאָרלייענען אַרטיקלען פון די דעמאָלטיקע אַנאַרכיסטישע צייטונגען. ער האָט געזוכט צו באַאיינפלוסן די „דזשורי“ דורך דעם, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבן שטענדיק גערעדט און געשריבן קעגן דער איצטיקער אומגערעכטער אָרדענונג, אין וועלכער דער

אַרבעטער ווערט אונטערדריקט. אַט־דאָס איז טאַקע געווען דאָס הויפּט־פאַרברעכן פון די אָנגעקלאָגטע און דעריבער האָבן די קאַפּיטאַליסטן פון שיקאַגע אָנגעווענדט אַלע מיטלען כדי „גערעצלאַך" אומצוברענגען די אָנגעקלאָגטע, וואָס זיינען געווען אומשולדיק. דער פּראָקוראָר, גרינעל, איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פּלוצים געשטאָרבן. די ענגלישע צייטונגען האָבן דאַן געשריבן, אַז זיין געוויסן האָט אים געפּלאָגט, האָט ער צוזאַמענגעבראָכן און איז געשטאָרבן.

די „דזשורי" האָט די אָנגעקלאָגטע געפונען „שולדיק", און דער ריכטער האָט זיי פאַר'משפּט צום טויט. איבערן גאַנצן לאַנד האָט אויפגעפלאַקערט אַ גרויסע באַוועגונג צו פאָדערן די באַגנאַדיקונג פון די אומשולדיק פאַר־אורטיילטע אַרבעטער־פירער. די שטאַרקע פּראָטעסטן האָבן ווייניק געהאָלפן. דעם 11טן נאָוועמבער, 1887, האָט מען אויפגעהאַנגען פיר פאַר'משפּט'ע: שפּיז, פּאַרסאָנס, ענגעל און פישער. צוויי — מ. שוואַב און פילדען — האָט דער גאָווערנאָר פאַרביטן דעם טויט־אורטייל אויף לעבנס־לענגלאַכע געפענגעניש. דער זיבעטער, לואיס לינג, האָט מיט אַ טאָג פריער, איידער מען האָט געדאַרפט דורכפירן איבער אים דעם טויט־אורטייל, זיך גענומען דאָס לעבן אין זיין צעל.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט אַ נייער גאָווערנאָר, אַלטגעלד, אינגאַנצן באַפרייט שוואַבן און פילדענען. דערביי האָט דער גאָווערנאָר ארויסגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז אונטערזוכנדיק נאָכאַמאָל דעם פּראָצעס פון די זיבן פאַר'משפּט'ע אַרבעטער־פירער אין שיקאַגע, גלויבט ער, אַז מ'האָט זיי פאַר'משפּט אָן קיין שום גרונט, און זיי זיינען געווען אינגאַנצן אומשולדיק.

ש. לעווין

דער ערשטער מאַי אַמאָל

1

דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן צוריק.

אינדרויסן האָט שוין שטאַרק מיט פרילינג געשמעקט. ווארעם און טרוקן. אַלץ וואַכט שוין אויף פון לאַנגן ווינטער־שלאָף. גרינע גרעזלאַך באַווייזן זיך. די זון שיקט ווארעמע שטראַלן אויף דער

פרילינגדיקער ערד. מענטשן, פריילאַכע און מונטערע, האָבן זיך אין די גאַסן געלאָזן אַנצוזעטיקן זיך מיט דער פרישער פרילינג-לופט.

און די שטאָטישע אַרבעטער, וואָס פלעגן אַרבעטן גאַנצע, לאַנגע ווינטער-נעכט, האָבן זיך אויך אין שפּאַציר געלאָזן. מיטן אָנקומען פון פרילינג האָבן זיי זיך כאָטש אַביסל באַפרייט פון זייער שווערער נאַכט-אַרבעט. אמת, זיי פלעגן דערפאַר דאַרפן פריער אויפשטיין.

די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער, די רעוואָלוציאָנערע, האָבן גע־וואוסט, אַז עס איז שוין נאָענט דער גרויסער אַרבעטער-יום-טוב, דער ערשטער מאַי. מע דאַרף זען צוגרייטן דעם יום-טוב. מע דאַרף זיך סטאַרען אַזוי, אַז די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמען זאָלן ניט וויסן פון דעם. מע דאַרף פאַנאַנדערשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס און רעוואָ־לוציאָנערע ביכלאַך צווישן די אַרבעטער.

דער קאָמיטעט פון די אונטערערדישע אַרבעטער-רעוואָלוציאָנערן האָט באַשטימט אַט וואָס:

דעם נאָענטסטן שבת, פאַר דעם טאָג פון 1טן מאַי, זאָל מען איינאָרדענען אַ גרויסע פייערונג לכבוד (לעקאָוועד) דעם ערשטן מאַי. אין דעם טאָג זיינען אַלע אַרבעטער פריי. פאַרקומען זאָל עס ערגעץ הינטער דער שטאָט אין אַ וואַלד.

אין דערזעלביקער נאַכט זיינען די מאַי-בלעטלאַך פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט. די פּאָליציאַנטן האָבן שוין צו־מאָרגנס געהאַט אַ שטיקל אַרבעט: מיט די שווערדן אָראָפּקראַצן פון די פּאַרקאַנעס און ווענט די „טרייפע“ בלעטלאַך.

2

פאַר דער פייערונג האָט מען געפונען אַ פּאַסיק אָרט. מע האָט זיך אָבער געדאַרפט שטאַרק היטן, אַז פּאָליציי זאָל ניט דערשמעקן פון דעם אָרט.

דאָס איז געווען אַ ווערסט 4-5 הינטער דער שטאָט.

רעכטס, אָן אַ זייט פון שאָסיי-וועג, איז אַ יונג בעריאָזע-וועלדל געשטאַנען. ווייט, טיף אין וועלדל, איז אַ גרויסער טיפער טאָל פאַראַן. אין אַזאַ אָרט איז גוט דעם יום-טוב צו פאַרברענגען...

פרייטיק האָט מען איינגעקויפט שפּייז און געטראַנקען. אין

דעמזעלביקן אָוונט האָבן 25 יאַטן פאַרפּאַקט די גאַנצע „סחורה“ און זיך געלאָזן אין וועג אַריין, צום באַשטימטן אָרט.

פאַר דער שיַין פון דער לבנה האָבן זיי די „סחורה“ אַרויס־געלייגט. זיי האָבן דאָרט געגעכטיקט. אויף מאָרגן פרי האָבן זיי געדאַרפט באַגעגענען די אָנקומענדיקע חברים.

3

שבת פרי. דער קומענדיקער טאָג האָט ערשט זיינע ליכטיקע

ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע — נ. מינקאָווסקי

שטראַלן אַרויסגעשיקט. די לבנה איז נאָך ניט פאַרגאַנגען. פאַר־שפּעטיקטע שטערנדלאַך איילן זיך און פאַרשווינדן. די שטאָט איז נאָך פאַרזונקען אין טיפן שבת׳דיקן שלאָף. ליידיק און שטיל אין די גאַסן. אויפן ראָג דרעמלט אַ פורמאַן, זיצנדיק אויף זיין פוילער דראָזשקע. שלעפעריק שטייט דער פּאָליציימאַן אויף זיין פּאָסט. אַרום איז שטיל, רואיק.

נאָר אין גאַס איז עפּעס ניט ווי שטענדיק אין דער צייט. מע קען זען, אַז אין גאַס איז עפּעס ניט גלאַט. עפּעס וואָס שטערט די רואיקייט פון די גאַסן אַזוי פרי. וואָס קען עס באַטייטן?

דאָס גייען די שטאָטישע אַרבעטער און אַרבעטערנס פייערן זייער גרויסן יום־טוב. די אויגן זיינען נאָך שלעפעריק. אין קאָפּ שווינדלט אַביסעלע, אָבער אויפן האַרצן איז עפּעס גוט און פריילאַך. גייען זיי דרייסט און מונטער. מע גייט איינציקווייז, פּאָרווייז. מע קוקט זיך אַרום אַהינטער, צי גייט ניט עמיצער אַ פרעמדער, וואָס טאָר ניט וויסן זייער סוד. ניין. קיינער פון פרעמדע גייט ניט. אַלץ אייגענע חברים אַרבעטער.

אָט איז שוין די בריק איבערן טייך. דער שומר פון בריק כראָפּעט געשמאַק, איןביידל זיצנדיק. פון אונטן, פון טייך, בלאָזט אַ קיל פרימאָרגן־ווינטעלע. ערגעץ ווייט הערט זיך ווי אַ הונט בילט. די שטאָט, די בריק איז שוין ווייט ווייט אַהינטער. ווייט אַנטקעגן צע־שפּרייט זיך דער שאָסיי־וועג. פון ביידע זייטן וועג — גרינע פעלדער.

די פיס ווערן מיד פון גיין. ס׳ווילט זיך צוזעצן אָפּרוען אויף די קופּעס שטיינער, וואָס ליגן אויפן וועג. און דער וועג איז נאָך אַזוי ווייט...

מע גייט. פעסטע טריט. גיסט אַ קער דעם קאָפּ אַהינטער — עס גייען שוין די לעצטע. אָן אַן עק ציט זיך דער וועג. מיטאַמאָל: אַ שטילער פייף. גיסט אַ קוק אויף רעכטס: צווישן צוויי ביימעלאַך — אונזערער אַ פּאַטרול.

— חברים! רעכטס. גלייך, נאָכדעם — לינקס. אַפּציילן זיבן און פערציק טריט. דאָרטן...

גייט מען.

4

ווי גוט, ווי מחיה׳דיק איז איצט אין וואַלד! זאַפּטיקע ריחות. פרי־געזאַנגען פון פייגעלאַך. פריש און קיל, אַ מחיה (אַ מעכאַיע).

אָט איז דאָס אָרט. אַ טיפער טאָל, אויסגעבעט מיט גראָז־סאַמעט. אַ [illegible] [illegible] קאָפּ. מע ליגט, מע זיצט. מע פראַוועט אָנביסן. ווען האָבן עס אַלע באַוויזן צו קומען אַהער? אַזוי פיל חברים! ס׳איז שוין זיבן אַזייגער אינדערפרי. אַלע שוין דאָ. איבער 300

מענטשן.

די זון װאַרעמט שױן גאַנץ שטאַרק איבער די קעפּ. אינמיטן טאָל — אַ הױכער שטעקן אײַנגעגראָבן. אױפן שטעקן — אַ פאָן. אַרום דער פאָן האָבן זיך אַלע אין אַ קרײַז אַרומגעזעצט.

אַט טרעט אַרױס אַ רעדנער. ער רעדט װעגן דעם גרױסן יום־טוב „ערשטער מײַ“.

ער זאָגט, אַז איצט קענען מיר ניט פײַערן דעם יום־טוב, נאָר עס װעט קומען אַ צײַט, װען די אַרבעטער װעלן װערן באַלעבאַטים איבער דער װעלט — דעמאָלט װעט דער יום־טוב זײַן דער גרעסטער אױף דער גאַנצער ערד. דערװײַל דאַרפֿן מיר קעמפֿן קעגן צאַר, קעגן דער בורזשואַזיע. מיר דאַרפֿן קעמפֿן פֿאַר דער פֿרײַהײט.

נאָך רעדנער טרעטן אַרױס. אַלע רופֿן צום קאַמף. דער עולם גיט זיך אַ הײב, מע רינגלט אַרום די רױטע פֿאָן און מע זינגט. דער גאַנצער װאַלד הערט זיך אײַן צו דער רעװאָלוציאָנערער ליד. אַר־בעטער הײבן אָן אױסשרײַען לאָזונגען: „אַראָפּ דעם צאַר! זאָל לעבן די פֿרײַהײט! זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!“ איבערן װאַלד צעטראָגט זיך אַ הורא.

דערנאָך בײַסט מען איבער. מע שפּילט. מע דערצײלט גע־שיכטעס פֿון קאַמף און רעװאָלוציע...

ביסלאַכװײַז רוקט זיך דער טאָג אַראָפּ. די זון, װאָס האָט אײַנ־אײנעם מיט אונז דעם יום־טוב געפּײַערט, קלײַבט זיך שױן אַװעקגײן. מע קלערט שױן װעגן גײן אַהײם. דרײַ־פֿיר חברים זײַנען אַװעק אױסשפּירן, צי דער װעג איז „רײן“. ביזן שאָסײ גײט מען צוזאַמען. דאָ צעצױט מען זיך. צו צװײ, צו דרײַ צעגײט מען זיך אין שטאָט.

אױפֿן װעג באַגעגנט מען פֿורן מיט פּױערים, װאָס פֿאָרן שױן פֿון שטאָט.

ס'איז שױן פֿינצטער געװען, װען מע איז אַרײַן אין שטאָט.

אױף מאָרגן, דעם ערשטן מײַ, זײַנען די אַרבעטער ניט אַרױס צו דער אַרבעט.

5

אין דעם טאָג פֿון ערשטן מײַ, זונטיק, האָט די פּאָליצײַ ניט גערוט. אַלע װעלדער זײַנען געװען אַרומגערינגלט. אומעטום זײַנען

אַרומגעפלויגן קאָזאַקן מיט נאַהייקעס. די פּאָליציי איז אָבער געבליבן מיט אַ נאָז. די אַרבעטער האָבן די פאַרזאַמלונג דורכגעפירט דעם טאָג, וואָס פאַר דעם ערשטן מאַי. דעם ערשטן מאַי האָבן זיי געשטרייקט. קיין דעמאָנסטראַציע איז נאָך דעם יאָר ניט געווען. די אַרבעטער האָבן זיך ערשט געלערנט. אויף דעם אַנדערן יאָר איז דעם ערשטן מאַי שוין אויך געווען אַ דעמאָנסטראַציע. אַ סך אַרבעטער האָט מען אויף דערדאָזיקער דעמאָנסטראַציע אַרעסטירט און געשלאָגן. די אַרבעטער האָט דאָס אָבער ניט אָפּגעשראָקן.

ש. אַ נ - ס ק י

ד י ש ב ו ע ה

(הימן)

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
אַלע, וואָס זייַנען צעזייט און צעשפּרייט!
צוזאַמען, צוזאַמען, די פאָן — זי איז גרייט,
זי פלאַטערט פון צאָרן, פון בלוט איז זי רויט, —
אַ ש ב ו ע ה, אַ ש ב ו ע ה, אויף לעבן און טויט!

הימל און ערד וועט אונז הערן,
ע ד ו ת — די ליכטיקע שטערן,
אַ ש ב ו ע ה פון בלוט און פון טרערן —
מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו קעמפן פאַר פרייהייט און רעכט
מיט אַלע טיראַנען און זייערע קנעכט;
מיר שווערן באַזיגן די פינצטערע נאַכט
אָדער מיט העלדנמוט פאַלן אין שלאַכט!

הימל און ערד וועט אונז הערן,
ע ד ו ת — די ליכטיקע שטערן,
אַ ש ב ו ע ה פון בלוט און פון טרערן —
מיר שווערן, מיר שווערן!

מיר שווערן צו פירן דעם הייליקן שטרייט,
ביז וואַנען די וועלט וועט ניט ווערן באַנייט:

קיין ק ב צ ן, קיין נ ג י ד, קיין האַר און קיין שקלאַף;
גלייך זאָלן ווערן ווער שטאַרק איז און שלאַף! —

הימל און ערד וועט אונז הערן,
ע ד ו ת — די ליכטיקע שטערן,
אַ ש ב ו ע ה פון בלוט און פון טרערן —
מיר שווערן, מיר שווערן!

יעקב פּאַט

געבראַכט די פאָן...

1

דער קליינער לייבעטשקע איז געווען דער גרינדער פון דעם „קליינעם בונד". לייבעטשקע איז שוין געווען ביי בערל טאָקער אויף דער לער, אָפּט צוגעהונגערט, געקריגן געשלאָגן, רק אַרומגע־לאָפן אויף גאַנגען, אומגעטראָגן געדרייטע העלצער, פיס פון טישן, געזימסן פון שאַפעס, פון בעטן. געשלאָפן אין ווערקשטאַט, צוגעדעקט מיט דער פּרעמדער, צעלעכערטער, האַריקער קאָלדרע און געהאַט חלומות (כאַלוימעס) פון די מעשה־ביכלאַך, וואָס ער פלעגט לייענען שבת (שאַבעס).

איז אַראָפּגעקומען פון וואַרשע חיים גראַווירער אויף ראש־השנה (ראָשעשאָנע). און דעם גאַנצן וואונדערלאַכן סוד האָט לייבעטשקע זיך דערוואוסט פון דעמדאָזיקן חיים, וואָס ער איז נאָך, אייגנטלאַך, אויך אַ אינגל, נאָר ער זעט שוין אוים אַקוראַט, ווי אַ בונדיסט דאַרף אויסזען.

פון דעמדאָזיקן חיים גראַווירער איז לייבעטשקע געוואויר גע־וואָרן וועגן דעם „קליינעם בונד" אין וואַרשע. און חיים האָט פאַר אים פיל דערציילט, און דערציילט.

— גלייכקייט.... נישטאָ קיין אונטערדריקטע... קיין אָרימע... קיין הונגעריקע... קיין קייסער... מען האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט... מען זיצט אין טורמע... אין סיביר... מען גייט אויף תליה (טליע)... מען גיט אַ שבועה ביי דער רויטער פאָן...

און אַז לייבעטשקע איז שוין דאָס אַלץ געוואויר געוואָרן, האָט ער זיך צונויפגענומען מיט דעם בלאָנדן יודלען און געמאַכט מיט די קליינע שוין אַרבעטערישע הענט:

— מיר וועלן דאָ אויך מאַכן אַ קליינעם בונד... און קעמפן... אַזוי ווי אין וואַרשע...

גלייך נאָך אין דעמזעלביקן ראש־השנה איז מען צוגעשטאַנען צו דער זאַך: צוויי צענדליק קינדערשע אויגן, צוויי צענדליק אָנגעצונדענע בליקן, אַ צענדליק וואַרימע הערצער.

— דער קליינער בונד...

2

צווישן די גרויסע בונדיסטן האָט מען זיך באַלד וועגן לייבעטשקען דערוואוסט און שוין יום־כפּור (יאָמקיפּער) האָט מען אים צוגעלאָזן צו דער פאַרזאַמלונג אין וואַלד. לייבעטשקע איז געקומען גלייך פון שול אין וואַלד אַריין. ער איז געקומען שוין אינמיטן. עפּעס איז געווען אַ ראָד אַרום. אינמיטן ראָד איז געשטאַנען אַ פרעמדער, אַ געקומענער. דאָס איז געווען דער רעדנער, ער איז געקומען פון ווייט — צי פון וואַרשע, צי פון ווילנע, צי פון פּעטערבורג...

לייבעטשקע איז געבליבן דאָ אינמיטן וואַלד פאַרגאַפט. אַ ציטער האָט אים דורכגענומען די ביינער — אָט אַ דאָס איז עס, בונדיסטן. לייבעטשקע האָט נאָך געפּאַסט. די ביימער שרעקן מיט זייער שאָקלען זיך. אַזאַ מאָדנער יום־כפּור דאָ אין וואַלד. אַלץ גרויסע אַרבעטער. ער איינער איז נאָר אַ קליינער דאָ. און יענער רעדט עפּעס אַזוי אומגעוויינטלאַך, אָט קוקט ער אים גלייך אין פּנים אַריין און רעדט, משמעות (מאַשמאָעס), צו אים אַזוי אויג אויף אויג דאָ אין וואַלד, און ער איז עפּעס אַ טייל פון עמיצן, פון עפּעס זייער גרויסעס, און ער איז צונויפגעבונדן. אוים יתום (יאָסעם) נאָך זיין טאַטן. לייבעטשקע שפּירט, אַז מען האָט אים אָנגערירט. ער וויים אַליין נישט ווער, נאָר עפּעס מיט אַ סך הענט האָט מען אים אָנגערירט.

— מיר גייען באַפרייען די וועלט פון איר ווי, מיר גייען די מענטשהייט באַפרייען... — רעדט דער רעדנער. מאָדנע — די

וועלט האָט אַ וויי. יאָ, לייבעטשקע פילט עס איצט אין וואַלד. אַט גייט מען באַפרייען די וועלט. די גאַנצע וועלט פון איר וויי. ער האָט נאָך קיינמאָל די וועלט נישט געזען.

— אַלע אַרבעטער, אידן, גוים, זיינען אַלע איין אַרבעטער־פאָלק... — זאָגט ווייטער דער רעדנער. — איין ליידנדיק פאָלק...

די אַלע, וואָס שטייען דאָ, זיינען עס פון יענעם פאָלק. מען איז עפּעס נישט ווי אַלע שטעטלדיקע אידן. אוים, און יום־כּפּור (יאָמקיפּער) איז נישט יום־כּפּור, מען שטייט אַזוי אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט. אַנטקעגן אַלעמען.

— און מיר שווערן אונטער דער רויטער פאָן...

לייבעטשקע האָט געזוכט מיט די אויגן. וואו איז דאָ די רויטע פאָן? — מען זעט זי נישט. מסתמא איז זי באַהאַלטן ערגעץ אונטער דער ערד. דאָס איז די וויכטיקסטע, די סודות׳דיקסטע זאַך. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין רויטע פאָן.

נאָכדעם האָט מען געזונגען. שטיל. געפּרעסט און פעסט געזונגען:

איך וויקל דיך איין אין דער פאָן, דער רויטער,
און הייל דיך מיט קושן דיין האַנט!...

לייבעטשקע הערט עס צום ערשטן מאָל. ער האָט געזונגען מיט די אויגן, מיטן קינדערשן האַרץ, מיט די יונג פּראָלעטאַרישע הענט און ביינער.

צו נעילה (נילע) איז מען געקומען צוריק אין שטאָט אַריין. שטיל אין שטאָט. לייבעטשקע איז אַריין אין שול. זיין פעטער, יאָסל־מרדכי (מאָרדכאַי) דער שוסטער, האָט אים דערלאַנגט, אומגעריכט, צוויי פעטש, איינס און דאָס אַנדערע:

— נאָ, שייגעץ, לאָבוס, אויף אַ גאַנצן יום־כּפּור (יאָם־קיפּער) פאַרפאַלן געוואָרן!

עס האָט אים אָפּגעקלונגען אין די אויערן. אין דער צעטומלעניש פון דער ערשטער רגע (רעגע) האָט אים אין די אויערן געקלונגען צוזאַמען מיט די פעטש:

איך וויקל דיך איין אין דער פאָן, דער רויטער,
און הייל דיך מיט קושן די וואונד...

פון דעמאָלסט אָן האָט זיך לייבעטשקע אײַנגעאַנצן אָפּגעריסן פון קרובים (קרויווים). שטום געשטאַנען אין ווינקל ביי דער טאָקאַרניע און געדרייט, געדרייט מיטן פוס די טאָקערײַ. און ווי נאָר אָוונט, איז ער אויפן סקווער פון דער וואַרשעווער גאַס — דאָרט איז דער קליינער בונד. דאָרט ליגט אָפּ לייבעטשקע דער שוואַרצהאָריקער, אין אָפּגעטראָגענעם מאַנטל מיט די אָפּגעריסענע קעשענעס — דער קליינער בונדיסט, און גייט אום מיט די לערנאינגלאַך, און דער־ציילט, און מאַכט מיט די הענט, און קוקט יענע אין די געזיכטער אַריין...

ביז ס'איז געקומען שוין אַזאַ צייט, אַז לייבעטשקע האָט דער־שפּירט, אַז עס דאַרף שוין עפּעס אָנקומען, עס דאַרף שוין עפּעס זיין. עס האָט געשמעקט אויפן סקווער פון וואַרשעווער גאַס מיט עפּעס ט אָ ן . און דאָס איז טאַקע געקומען — אין וואַלד, וואָס ביים וואַרשעווער טראַקט.

עס האָט געברענט די יאַפּאַנישע קריג, די מפּלות (מאַפּאָלעס) זיינען געווען איינע נאָך די אַנדערע. איז געקומען די גרויסע מפּלה אין מאַנדזשוריע. האָט מען דאָ געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג אין וואַלד.

עס איז געווען שבת זיבן אַזייגער פאַרטאָג. פיר הונדערט מענטשן זיינען געקומען אין וואַלד אַריין. מען האָט געציילט איינעם אין איינעם. מען האָט געדאַרפט פאַרבייגיין די געהיימע פּיקעטן און זאָגן דעם פּאַראָל. דעמאָלסט האָט מען געוויזן ווי צו גיין ווייטער. פון קליינעם בונד האָט מען שוין צוגעלאָזן גאַנצע פינף. פאַרשטייט זיך, אַז לייבעטשקע איז שוין דאָרט געווען.

און דאָס גרעסטע, דאָס סודות'דיקסטע (סוידעסדיקסטע), און דאָס הייליקסטע איז געווען — די רויטע פאָן. צום ערשטן מאָל, וואָס ער זעט די רויטע פאָן. אַ גרויסע, אַ זיידענע, און זי איז אַריינ־געשטעקט אין דער ערד. ער האָט אָנגערירט דעם שטעקן, געגלעט די זיידנס. הייסט עס, אַז אויף אַ פאָן שרייבט מען אותיות (אויסיעס): „בונד". אַזוי ווי זיי וואָלטן זיין אָנגעצונדענע. עס שווינדלט פון דעם אין די אויגן. אָט ביי דער פאָן שווערט מען עס. אין איר וויקלט מען עס איין. מיט איר גייט מען אויפן גאַס אַרויס. דאָס

איז די רויטע פאָן. עס האָבן אין אים די ביינער געצאַפּלט. ערשט עס איז געפאַלן אין וואַלד:

— דראַגונער רייטן אַהער...

עס האָט אַ פּלאַטער־געטאָן אין וואַלד. דיביימער האָבן זיך אַ בייג געטאָן.

— חברים, נישט פאַנאַנדערלויפן זיך, העלדיש, צוזאַמען זיין, אויב איינציקוויז, ווערט מען אונז צעשיסן, ווי די הינט... חברים, נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!...

— הוראַ!...

— נידער מיט די הענקער!...

— הוראַ!...

עס הערט זיך אַ טרומייטער אין וואַלד, ווי מען טרומייטערט אויף טרעוואָגע: אין וואַלד גייט דורך אַ ציטער, אַ וואָרעניש אין פרימאָרגנדיקן וואַלד. מען טרומייטערט פון אייניקע זייטן. רייטער אויף פערד באַווייזן זיך צווישן די ביימער, זיי לויפן אַנטקעגן פון אַלע זייטן. דער עולם אין וואַלד האָט זיך ענג צונויפגעטוליעט. די פערד מיט די דראַגונער און פיעכאָטע זיינען שוין אַרום און אַרום.

— שאַשקאַ!... (ציט אַרויס די שווערדן!).

— היפּ!... שאַשקאַ!... היפּ!...

— היפּ!... היפּ!... היפּ!...

און דער אָפיצער שרייט איבערן וואַלד:

— בעיטע, ס'קאָלקאָ אוגאָדנאָ!... (שלאָגט!).

אַרויף אויפן עולם. מען איז געפאַלן איינע אויף די אַנדערע אויפן גראָז. מען האָט געשלאָגן מיט די שווערדן. פאַרבלוטיקטע. און דעמאָלט האָט לייבעטשקע אָפּגעריסן די פאָן פון שטעקן, זי אַריינגעשטעקט אונטערן העמד, צום לייב, איינגעוויקלט זיך. אין דער רגע האָט ער באַקומען מיט אַ שווערד איבער זיין קינדערשער, ביינערדיקער מאָרדע און ער איז פאַרבלוטיקט געפאַלן אין דעם הויפן פון מענטשן.

איז מען אָפּגעלעגן פאַרבלוטיקט. נאָר דער קליינער שימעקל האָט זיך עפּעס אַרויסגעדרייט און אַוועקגעקראָכן אַזוי אויף אַלע פיר, אַ פאַרבלוטיקטער, צווישן די ביימער.

לייבעטשקע האָט געשוויגן וועגן זיין סוד, דאָס הייליקסטע געהיימניש איז ביי אים, ביי זיין לייב. די פאָן מיט די גרויסע מאָדנע אותיות: „ב ו נ ד"...

שפּעטער האָט מען אַלעמען געטריבן אין שטאָט אַריין, אין טורמע אַריין. פאַרבלוטיקטע. געטריבן האָט מען אויך דעם קליינעם לייבעטשקען. ער איז געגאַנגען אַליין צווישן עולם, אַליין אַ קינד. איינגעטוליעט אין זיך. נידעריקער פון אַלעמען. דאָס פּנים פאַר־שמירט אין בלוט, אונטערן האַלז איז נאַס, עס רינט אַראָפּ דאָרט אויפן מאָגערן, קינדערשן לייב. דאָרט אויפן לייב איז די פאָן. דאָ אויף דרויסן בליאַסקען נאָר און סמאַליען די אויגן.

— זאָל זיך נאָר קיינער נישט דערוויסן...

4

אַ פּאָר טעג האָט זיך לייבעטשקע אָפּגעוואַלגערט אין טורמע. קיין איין מאָל פאַר דער צייט זיך נישט אויסגעטאָן. איינגעשפּאַרט, פאַר׳עקשנ׳ט (פאַראַקשנט), צוגעשפּיליעט. מורא געהאַט פאַר די פרעמדע מענטשן, צווישן וועלכע ער איז געזעסן. ביינאַכט האָט זיך אים נאָר גע׳חלומ׳ט, אַז מען שפּיליעט אים פאַנאַנדער, מען טוט אים אויס, מען שלעפּט אַרוים די פאָן... אַזוי איז ער אַ צייט אָפּגעזעסן. נאָכדעם האָט מען אים, אַ קליין אינגל, אַרויסגעלאָזן.

איז לייבעטשקע נישט געלאָפן צום פעטער, נישט צו זיין באַלע־באָס בערל טאָקער. ער איז געלאָפן אויף דער וואַרשעווער גאַס, אויף דער בירזשע, געזוכט מיט די אויגן, קיינעם נישט געפונען. איז ער געקומען צום שניידערישן וועקשטאַט, וואו דוד דער ווייסער האָט געאַרבעט, אַריין אַהין, זיך אומגעקוקט, דודן אַרויסגערופן, אים אָפּגעפירט אינדרויסן אויף אַ זייט, אים געשעפּטשעט מיטן ערשטן גרויסן ציטער און פרייד פון זיינע הויט און ביינער, פון זיינע אַנדער־האַלבן צענדליק יאָר:

— איך האָב, דוד.... איך האָב...

ער האָט די רויטע פאָן געבראַכט.

ד. קאַסעל

מאירקע פון „קליינעם בונד"

1

זינט דער דרייצניאָריקער מאירקע איז געוואָרן אַ מיטגליד פון

קליינעם בונד, האָט ער לחלוטין (לאַכלוטן) אַוועקגעוואָרפן זיינע שפּילן און די אַלע קינדערשע אינסטרומענטן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אַמאָל גאַנצע אָוונטן פאַרנעמען. דאָס ערשטע האָט ער זיך געלאָזט אויפנייען אַ בלוי העמדל פאַר די עטלאַכע קאָפּיקעס, וואָס ער באַ־קומט אַלע וואָך ביים מאָלער, וואוהין ער איז אָנגעקומען אַלס לערנ־יונג. אין דעם בלויען העמדל טוט ער זיך אָן פאַרנאַכט בעת (בעיים) ער ווערט פריי פון דער אַרבעט און גייט צונויפרופן די אַרומיקע באַקאַנטע אינגלאַך, מיט וועלכע ער לאָזט זיך געוויינלאַך אויף דער בירזשע.

דאָרט אויף דער בירזשע, פילט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. דערזעענדיק די יונגע לייט מיט די מיידלאַך, וואָס שפּאַצירן הין און צוריק איבערן טראָטואַר, פאַרטיפט אין שמועסן, פאַרווילט זיך מאירן אויך אַזוי ריידן ווי די גרויסע. איבערהויפּט האָט ער הנאה (האַנאָע) פון דעם געפּיל, וואָס אים ווילט זיך ריידן, אָבער ניט האָבנדיק, אייגנטלאַך, וואָס צו ריידן, דערמאָנט ער זיך אָן איינציקע פראַזן, וועלכע ער הערט הינטער דער טיר פון זיין ברודערס קאַמערל, וואוהין עס פאַרקלייבן זיך אָפט בחורים (באָכערים) מיט מיידלאַך.

— „דער קאַפּיטאַל“, הייבט מאיר אָן צו ריידן, אָנשטעלנדיק דערביי ערנסטע אייגעלאַך, — דער קאַפּיטאַל וועט מוזן אונטער־גיין... ער וועט פאַלן... מחמת (מאַכמעס) דער פּראָלעטאַריאַט וועט מער ניט וועלן האָרעווען אויף די בורזשויעס... אַ קרענק אין זיי. דער פּראָלעטאַריאַט...

נאָר דאָ פאַרגעסט ער זיך, ווי זיין עלטסטער ברודער אברהם (אַווראָם) דריקט זיך אוים אָן ערך (ערעך) וועגן פּראָלעטאַריאַט ביי זיך אין קעמערל, בעת (בעיים) עס קומען צו אים יונגעלייט און מיידלאַך. און ער, מאירקע, שטייט אונטער דער טיר און האָרכט זיך צו. אָבער אַזוי ווי מע מוז דאָך ריידן, מע קאָן דאָך אינמיטן ניט לאָזן, דעררעדט ער שוין מכוח (מעקויאַך) דעם ענין (איניען) זעלבסטשטענדיק, אויף וויפיל עס זאָגט אים אונטער זיין אייגענער פאַרשטאַנד.

— דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך צעטיילן מיטן געלט, מיט די הייזער, מיט אַלץ... און ס'וועט ווערן, פאַרשטייט איר מיך, אַ מין קאָמונע... עס וועט זיין געלעבט!

— מאירל, — האַקט אים איבער איינער פון זיינע חברים

(כאַווײרים), אַ בלײך אינגל מיט הונגעריקע אויגן, — זאָג, וואָס איז דאָס קאָמונע?

— אַלע גלײך! — ענטפערט מאיר קורץ און שאַרף — אַלע גלײך, ניטאָ אָרעם, ניטאָ רײך...

— או־או־או! — ציט דאָס אינגעלע מיט די ליפּן, — אַי, ס׳אַ גוטקייט!...

מאירקע ווערט נאָך צעקאָכט, זײנע אויגעלאַך ווערן אָן די געמאַכטע ערנסטקייט, זײ צינדן זיך אָן מיט פײער, די בעקעלאַך ווערן רויט.

— פאַרשטייט איר, קאָמונע... — לערנט ער זײ ווייטער — אַ־האַ! יעדער באַקומט אַ חלק (כיילעק) פון אַלע גוטע זאַכן. וויל איך נים, עס איך נים; וויל איך טאָרט, עס איך טאָרט; וויל איך מאַנדלען, באָקסער, טײגלאַך, וויפיל איך וויל, און קײנער טאָר מיר אַ האָר ניט פאַרזאָגן, ווייל דאָס איז מײן חלק (כיילעק), פאַרשטייט איר? הײנט בגדים (בגאָדים) — אַלערלײ! שטיוועלאַך... אַ קלייניקייט — קאָמונע... יעדער וועט האָבן זײן חלק (כיילעק).

—און איך אויך? — פרעגט דאָס אינגל מיט די הונגעריקע אויגן.

— אַלע, ווי דען? אַלע!

עס ווערט דערווייל שפּעט. לאַנגזאַם ווערט שיטערער אויף דער בירזשע; וואו ניט וואו שטייט מען אין קופּקעלאַך און מען פאַרענדיקט דעם שמועס. אַ קרעמער הענגט אויף מיט גערויש אַ לאָדן אויף אַ פענצטער. עס דערהערט זיך אַ פייף פון אַ פּאָלי־ציאַנט.

דער לאַנגער טראָטואַר פון דער בירזשע איז שוין כמעט (קימאַט) אינגאַנצן ליידיק. אָט גייען שוין אַוועק די לעצטע מענטשן.

— מאיר, מיר גייען אַהיים? — לייגט פאַר אָן אינגל.

—קומט, — איז ער מסכים (מאַסקים).

אַז דאָס חברה׳לע (כעווורעלע) פאַרקערעווועט זיך אין עק געסל, וואו זײ וואוינען, שטויסט זיך מאיר אָן אויפן עלטערן ברודער, וועלכער קוקט אים אָן מיט כעס (קאַעס) און מורמלט אַרוים צווישן די ציין: — אַזוי שפּעט!... העלד מײנער, ביז האַלבער נאַכט שלעפּט ער זיך אַרום אויף דער בירזשע. וועסט נאָך צייט האָבן שפּעטער, נישקשה...

די דאָזיקע באַמערקונג גיט מאירן אַ שטאָך אין האַרצן, ער פאַרלירט באַלד זיין שטאָלץ, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, און אַ געפאַלע־נער צעשיידט ער זיך מיט זיינע חברים (כאַווייריםְ) און גייט אַריין אין שטוב, פילנדיק אַ האַס צו זיין ברודער.

2

בכלל (ביכלאַל) איז אים דער ברודער אומפאַרשטענדלאַך. ער קאָן ניט באַגרייפן, פאַרוואָס באַגייט ער זיך מיט אים אַזוי בייז. דאַכט זיך, ער, מאיר, איז אַ וואויל אינגל און אַ קלוגער. ער פילט, אַז ער איז אַ קלוגער, און האָט דאָך אַזוי ליב „יענע זאַכן", וועגן וועלכע דער ברודער שושקעט זיך מיט די יונגעלייט און מיידלאַך, נאָר דער ברודער זעט עס עפּעס ניט.

דער האַס צו אברהמען, זיין עלטערן ברודער, גייט אָפּט־מאָל איבער אין אַ מין קלעמעניש. דעמאָלט וואָלט ער צורופן דעם ברודער נאָענט צו זיך, פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אויס׳טענה׳ן (אויסטיינען) זיך מיט אים, דערציילן אים, אַז ער וויים קלאָר פון פראָלעטאַריאַט און פון קאָמונעס און פון קאַפּיטאַל, און איבער־הויפּט אים גורם (גוירעם) זיין, אַז ער, מאיר, איז אַ יונג, וואָס ער האָט קיין שום מורא (מוירע) ניט, ניט פאַר אַ פּאָליציאַנט, ניט פאַר אַ פּריסטאַוו! אַז מען קאָן זיך אויף אים, מאירן, פאַרלאָזן, און אַז מע זאָל האַקן זיין קאָפּ מיט העק, וואָלט ער אויך קיינעם אַ האָר ניט אויסגעזאָגט.

אָבער ער וויים, אַז ער וועט עס קיינמאָל דעם ברודער ניט זאָגן. און טאַקע דערפאַר באַשליסט ער זיך בעסער צו שטיין הינטער דער טיר און האָרכן, וואָס מע רעדט דאָרט אין קעמערל, און דערמיט, וואָס ער וועט דערגיין די סודות (סוידעס) פון גרויסן בונד, וועט שוין זיין אין איין גאַנג אַ נקמה (נעקאָמע) פאַרן ברודער.

— איך וועל טאַקע אַלץ וויסן... — רייצט ער זיך אין געדאַנק מיטן ברודער, — אַלץ וויסן...

מאירקע שטייט הינטער דער טיר און זיין האַרץ וואַקסט פון פאַרגעניגן, הערנדיק אַזויפיל סודות (סוידעס). אָט, למשל (לעמאָשל), רעדט מען איצט פון אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס וועט זיין דעם היינ־טיקן שבת (שאַבעס) אויף דער שענסטער גאַס פון שטאָט. ער הערט,

ווי דער ברודער זאָגט, אַז מען דאַרף ברענגען פּינקטלעך די מאַסע, אַז מע דאַרף צוגרייטן די פאַנען, אַז מע דאַרף זען דורכפירן די דעמאָנסטראַציע שטאָלץ און מוטיק; און ער הערט נאָך פיל אַזוינע ווערטער פון גרויסער באַדייטונג, וואָס ער פאַרשטייט זיי ניט, אָבער דאָס אַרט אים ניט, אַבי ער ווייס איצט אַזאַ גוואַלדיקע נייס, אַז שבת (שאַבעס) וועט זיין אַ דעמאָנסטראַציע.

מיט אייגעלעך פול שמחה (סימכע), אָן אויפגעלעבטער, גייט ער אָפּ פון טיר און לויפט אַרויס. אויף דער גאַס מיידט ער אויס זייער שטוב, גייט אָפּ ווייטער אַ הונדערט טריט, שטעלט זיך צו נעבן אַ פּאַרקן, לייגט אַריין צוויי פינגער אין מויל און נעמט שטאַרק פייפן.

דאָס פייפן דינט אים, אפנים (אַפּאָנעם), פאַר אַ צייכן. וואָרום באַלד לויפן זיך צונויף די חברים (כאַווייירים) זיינע פון קליינעם בונד און מע רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן. מאירקע מאַכט אָן ערנסטע מינע און פירט זיי אַרויס אויף אַ גאָרטן, וואָס דינט זיי פאַר אַ קאָנספּיראַטיוון אָרט צו באַראָטן זיך. אַז אַלע זעצן זיך אוים און עס ווערט שטיל, באַטראַכט זיי מאיר ווידער מיט ערנסטע בליקן און ווענדט זיך צו זיי:

— הערט זיך צו — הייבט ער אָן, נאָכמאַכנדיק דעם טאָן פון זיין עלטערן ברודער — היינטיקן שבת (שאַבעס), — ער וואַרט אַ ווײַלע, דערנאָך רעדט ער ווייטער, — היינטיקן שבת (שאַבעס) וועט זיין אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון גרויסן בונד... דאַרף מען צוגרייטן די מאַסע און די פאַנען...

עטלאַכע אינגלאַך שפּרינגען אויף פון די ערטער און נעמען זיך גיין, ווי סאָלדאַטן, מיט פעסטע טריט. דאָס ווייזן זיי, אַז זיי זיינען בכוח (בעקויאַך) צו גיין אויף דער דעמאָנסטראַציע. אָבער מאיר וואַרפט אויף זיי אַ בייזן בליק פאַר זייער ניט ערנסטקייט, כאָטש אין האַרצן וואָלט זיך אים אויך וועלן טאָן דאָסזעלבע. די אינגלאַך זעצן זיך ווידער, און אַלע באַשטימען, אַז עטלאַכע זאָלן צונויפרופן די מאַסע, און דאָס קליינע אינגל מיט די הונגעריקע אייגעלאַך, וואָס איז אַ גרויסער בירה (בעריע) אויף שניידן, שערן און מאָלן, זאָל פאַרטיק מאַכן די פאָן פון רויטן פּאַפּיר.

נאָך אַזאַ באַשטימונג הייבן זיך אַלע אויף פון די ערטער און מע נעמט שטיפן ווי געהעריק.

— אָבער מע זאָל קיין טרוסן ניט זיין !... — איז זיי מאיר מתרה (מאַסרע) שטיפנדיק.

3.

מיט גרויס שווערקייט דערלעבט קוים מאירקע דעם שבת (שאַבעס).

באַלד אינדערפרי לויפט ער צו זיינע חברים (כאַווײרים), און מאַכנדיק אייניקע פאַראָרדענונגען, לויפט ער גלייך צוריק אַהיים. אין דער היים קאָן ער אָבער לאַנג ניט איינזיצן, און ער לויפט ווידער צו דער חברה׳לע (כעווערעלע) און פון דאָרט ווידער צוריק אַהיים.

אברהם באַמערקט זיין האַוועז, זיין שמייען, אָבער ער זאָגט אים גאָרניט. און יעדעס מאָל ווען מאירקע טרעפט זיך מיטן עלטערן ברודער, טראַכט ער ביי זיך, אַז היינט וועט אברהם זען, וואָס פאַר אַ העלד ער איז, ווי ער וועט זיך ניט שרעקן, ווי ער וועט גיין פאָרויס און זינגען און טראָגן די פאָן. עס מעגן אפילו (אַפילע) אַנלויפן די דראַגונער, וואָס געפינען זיך ביי זיי אין שטאָט, ער האָט פאַר קיינעם קיין מורא (מוירע) ניט.

פונקט צוויי אַזייגער לויפט ער אַ לעצט מאָל צו זיינע חברים (כאַווײרים), וועלכע האָבן זיך שוין אַלע צונויפגעקליבן אויפן גאָרטן. אַלע שטייען מיט אומגעדולד און וואַרטן, אַז דער קאָמאַנדיר זאָל הייסן גיין. אָבער דער קאָמאַנדיר באַטראַכט פריער די פאַרטיקע פאָן, זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן איר, דערנאָך וויקלט ער זי צונויף, לייגט זי אַריין אין בוזים, פון וואַנען עס בלייבט טאָרטשען אַ שטיק שטעקן, און הייסט גיין ניט אַלע מיטאַמאָל.

און דער קליינער בונד רירט זיך אין וועג...

די זון שיינט אַרויס פון אַ ריינעם רואיקן הימל, וואָס הענגט ווי אַ בלויע יאַרמעלקע איבער דער שטאָט. ווייסע געפליגלטע מאָטלי-קעס שוועבן דאָ און דאָרט אין דער לופטן, עס איז היים און שטיל. די אידישע קראָמען זיינען צוגעמאַכט; וואו ניט וואו שטייט אַ פּאָליציאַנט מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און דרימלט. די ווענט פון די הייזער און דער ברוק אָטעמען מיט פייער.

נעענטער צו די רייכע גאַסן איז ניט גאָר שטיל. דאָרט גייען אום יונגעלייט און מיידלאַך גרופּעוויז. אויף די פּנים׳ער (פּענימער)

ביי זיי ליגט עפּעס אַן אַנשטרענגונג און אַן אומרואיקייט. עס איז צו מערקן, אַז עפּעס דאַרף פּאַרקומען.

צווישן די גרויסע בחורים (באַכערים) און מיידלאַך, אויף די טראָטואַרן אינמיטן גאַס, בלאַנדזשעט מאירל אַרום מיט זיין חברה׳לע (כעווערלע) אָפּגעריסענע אינגלאַך, מיט אויפגעהויבענע אַקסלען און מיט לעבעדיקע אויגעלאַך.

נאָר אַט ווערט פּלוצלונג די גאַס פאַרפּלייצט מיט מענטשן, עס דאַכט זיך, אַז זיי שפּרינגען אַרוים פון דער ערד און פון הימל און פאַרדעקן און פאַרשטעלן די לאַנגע, ברייטע, רייכע גאַס. עס זעען זיך קעפּ און קעפּ, און חוץ (כוץ) דעם קלאַנג פון טריט, הערט זיך אַ שאַרך צווישן דעם געדיכטן עולם (אוילעם), אַזוי ווי עמיצער וואָלט כסדר (קעסיידער) אַנגערירט אַ גראָבע סטרונע.

די קליינע חברה (כעוורע) האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן הינטער דער ערשטער ריי, מאירקע האַלט אין בוזים די פאָן און קוקט דערביי אויף אַ בחור (באָכער) מיט גרויסע וואָנצן, וואָס האַלט אויך עפּעס אונטער דער פּאָלע און איז אַרומגערינגלט פון געזונטע בחורים (באָכערים).

אין רעכטן מיטן עולם (אוילעם) האָט עמיצער אָנגעהויבן זינגען הויך און שטאַרק, און הונדערטער שטימען, גראָבע און דינע, ווייכע און האַרטע, בייזע און גוטע, העלפן מיט, און עס דאַכט זיך, אַז די ערד און דער הימל און די לופט זינגען, אַז אַלץ זינגט. דאָס זינגען איז אַזוי מעכטיק, אַז עס כאַפּט שווינדלען אין די אויגן און עס פילט זיך ניט די ערד אונטער די פיס. עס דאַכט זיך, אַז די גרויסע שוואַר-צע פלייצע מיט הונדערטער קעפּ שוועבט אין דער לופטן אונטערן הימל.

מאיר שלעפּט אַרוים די פאָן פון בוזים און מיט זיין דין הענטל האַלט ער זי אין דער הויך, און עס דאַכט זיך אים, אַז ער וואַקסט הויך און ברייט, און אַז ער קאָן דעם גאַנצן עולם (אוילעם) אַרומ-נעמען. אַמאָל גייט ער מיט די אייגענע פיס און אַמאָל טראָגט אים דער אימפּעט און די קראַפט פון דעם אומגעהויערן עולם (אוילעם).

פּלוצלונג שטעלט זיך אָפּ די אומגעהויערע פלייצע מיט די הונדערטער קעפּ, און עס דערהערט זיך אַ געלאַף פון פערד. פון דער ווייטן, נאָר פון ווייטן, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד זעט זיך,

ווי מענטשן אין מיליטערישע קליידער שאָקלען זיך, רייטנדיק אויף פערד, און זיי האַלטן ביקסן אין די הענט. באַלד דערהערט זיך אַ שאָס... צוויי... עס ווערט וואונדערלאַך שטיל אויף אַ רגע (רעגע), נאָכדעם ווערט די אומגעהויערע פּלייצע מיט די הונדערטער קעפּ צעשפּאָלטן אויף איינציקע מענטשן, וועלכע לויפן אין אַלע זייטן מיט מאָדנע און נאָך מאָדנערע אויגן. נאָר דאָ קאָן מען שוין מער גאָרניט פאַרשטיין, מע קאָן נאָר קוקן און ניט פאַרשטיין וואָס מע זעט.

מאירקע געפינט זיך פּלוצלונג אויף עמיצענס אַ פּלייצע, וואָס וואַרפט אים באַלד אַרויף אויף איינעם אַן אַקסל. דערדאָזיקער אַקסל וואַרפט אים מיט איילעניש אַראָפּ אויף עטלאַכע ליגנדיקע מענטשן, פון וועלכע ער קייקלט זיך אַראָפּ אויף דער האַרטער ערד. אין דער רגע (רעגע) וואַקסט אויס ווי פון אונטער דער ערד אַ רויט פּנים (פּאָנים) אין אַ סאָלדאַטישן היטל און גיט אים מיט אַ געפלאָכטענעם קאָנטשיק אַ שמיץ איבערן קאָפּ. עס ווערט אים היים און פייכט אונטער די האָר און ער דערפילט אַ ווייטיק. דער ווייטיק פרעסט צונויף די ברעמען און אים פאַרווילט זיך שרעקלאַך שלאָפן. נאָר אָט טרעט אָפּ דער ווייטיק, די אויגן עפענען זיך. ניט גאָר ווייט פון זיך זעט ער עטלאַכע מענטשן ליגן אַזוי ווי ער אויף דער ערד, און צווישן זיי דערקענט ער חיימלען (כאַימלען), דאָס אינגל מיטן בלייכן פּנים (פּאָנים) און מיט די הונגעריקע אויגן. ער, כאַימל, ליגט אומבאַוועגלאַך און נעבן אים ציט זיך אַ פּאַס רויט בלוט.

עס ווערט שטילער, שטילער. מאירקען דאַכט זיך, אַז ער פאַלט אַראָפּ ערגעץ טיף-טיף און צעשלאָגט זיך דערביי ניט. אָט שלאָפט ער גאָר איין גרינג און זיס.

ער כאַפּט זיך אויף ערשט אויף צומאָרגנס אין שפּיטאָל. אַז ער קוקט זיך גוט אַרום, דערמאָנט ער זיך וואָס נעכטן איז געווען. און עס טוט אים עפּעס הנאה (האַנאָע) די זאַך. ער האָט פיל מאָל געהערט הינטער דער טיר, ווי דער ברודער האָט גערעדט וועגן קרבנות (קאָרבאָנעס), ווי זיי זיינען הייליק און טייער, און מאירקע פילט, אַז ער איז איצט אויך אַ קרבן (קאָרבן)...

אַז דער דאָקטאָר גייט דורך די פּאַלאַטע, קוקט איבער די קראַנ-קע און גייט דערנאָך אַריין מיט שטילע טריט — באַווייזט זיך אויף דער שוועל מאירס טאַטע מיט דער מאַמען און דער עלטע-רער ברודער. טאַטע-מאַמע שטעלן זיך אויס פאַרצאָרנטע נעבן זיין

בעטל. דער ברודער גייט צו צו דער אַנדערער זייט בעטל.

דער עלטערער ברודער נעמט אים אָן פאַר דער האַנט.

— ס'טוט דיר ווי? — פרעגט ער זייער ווייך.

— ניין... — ענטפערט מאירקע און זיינע בעקלאַך רויטלען זיך פון פרייד.

דער טאַטע מיט דער מאַמען שאָקלען מיט די קעפּ.

מאירל וואַרפט אויף זיי אַן אומצופרידענעם בליק. אברהם גיט זיי אַ וואונק זיי זאָלן אַרויסגיין אויף אַ ווײַלע.

איצט איז מאירל אינגאַנצן גליקלאַך. דעם ברודערס האַנט, וואָס האַלט זיינע, ציט ער צו צו זיך און ניט שעמענדיק זיך און מיט שטראַלנדיקע אויגן פרעגט ער:

— אברהם, מע האָט וועמען אַרעסטירט?

— אַרעסטירט עטלאַכע צענדליק מענטשן... — ענטפערט דער עלטערער ברודער ניט באַלד.

— דערצייל, ווי איז געוועזן . . . — לאָזט אים מאירקע ניט אָפּ, האַלטנדיק שטייף זיין האַנט און טראַכטנדיק בעת מעשה (בעאיים מאַיסע): — איך בין פון קליינעם בונד און דו — פון גרויסן!

— דערצייל — בעט ער נאָכאַמאָל, אָבער מיט שטאָלץ. און פון זיינע אייגעלאַך שטראַלט אַרויס אַ העל פייערל.

אַ רגע (רעגע) געפינט זיך אברהם (אַווראָם) אין פאַרלעגנהייט, דערנאָך זעצט ער זיך אויף זיין בעטל, נעמט אים גלעטן אויפן העמד דאָס לייב און הויבט אים אָן דערציילן, ווי אַזוי עס איז אַלץ געשען, ווי אַזוי ער, אברהם, האָט זיך אַרויסגעדרייט, ווי אַזוי מע האָט פאַר־כאַפּט אַ פּאָר פאָנען, און ווי איינע, די גרעסטע, איז געבליבן גאַנץ און געפינט זיך אין זיכערע הענט.

— און עטלאַכע האָט מען דערשאָסן. איינער איז פון . . . קליינעם בונד . . . אַ בלייך אינגעלע...

װיקטאָר הוגאָ

גאַװראָש

דאָס גאַסן־אינגל

אויפֿן בולװאַר־טעמפּל אין פּאַריז האָט יעדערער געקאָנט באַ־געגעגענען אַן עלף־צװעלף־יאָריק אינגל. ער האָט געהאַט אַ טרויעריק פּאַראורעמטע האַרץ, ניט קוקנדיק אויף דעם, װאָס ער האָט גערן געלאַכט װי אַלע קינדער פֿון זײַן עלטער. ער האָט געטראָגן מאַנצבילשע הויזן — ניט דעם טאַטנס, און אַ װײַבערשע קאָפּטע — ניט דער מאַמעס. פֿרעמדע לײַט האָבן פֿון רחמנות (ראַכמאָנעס) װעגן אויסגעפּוצט אים אין די דאָזיקע שמאַטעס. ער האָט, אמת (עמעס), געהאַט אַ פֿאָטער און אַ מוטער. דער פֿאָטער האָט אָבער אויף אים גאָר קיין אַכטונג ניט געגעבן און די מוטער האָט אים ניט ליב גע־האַט. ער האָט געהערט צו יענעם מין אומגליקלאַכע קינדער, װאָס האָבן עלטערן און לעבן ערגער פֿון קײלאַכדיקע יתומים (יעסוימים).

דאָסדאָזיקע אינגל האָט זיך אינערגעץ ניט געפֿילט אַזוי גוט און פֿרײַ, װי אויפֿן גאַס. די שטיינער פֿון ברוק זײַנען, אפֿנים (אַפּאָנעם), ניט אַזוי שטרענג און האַרט געװען, װי דאָס האַרץ פֿון זײַן מוטער.

זײַנע עלטערן האָבן אַן רחמנות (ראַכמאָנעס) אַרויסגעװאָרפֿן אים אויפֿן גאַס.

האָט עס דאָס קינד אָנגענומען פֿאַר גוט.

געהאַט האָט דאָסדאָזיקע פֿלינקע, טומלדיקע יאַטל אַ בלאַסן, קראַנקן אויסזען. אויף זײַן באַװעגלאַכן געזיכט האָט אָבער שטענדיק געשפּילט אַ שמייכל. גאַנצע טעג איז ער אומגעלאָפֿן אַהין, אַהער, געקראָכן אין גריבער, פֿרײלאַך געװען װי אַ קאַץ, אָדער אַ שפּערל, געלאַכט, װען מען האָט אים אויפֿגעװאָרפֿן, אַז ער איז אַ שטיפֿער, אָבער געװען אויסער זיך, װען מע האָט געזידלט. דאָס קינד האָט ניט געהאַט ניט קיין דאַך, ניט קיין ברויט, ניט קיין הײם, ניט קיין ליבע, איז אָבער צופֿרידן געװען, װאָס ס'איז פֿרײַ.

זײַענדיק אַזוי עלנט און פֿאַרװאָרפֿן, פֿלעגט ער דאָך װען ניט װען, אײנמאָל, צי צװײ מאָל אין חודש (כוידעש), זאָגן אַלײן צו זיך: „מע דאַרף גײן צו דער מאַמען". פֿלעגט ער דעמאָלט פֿאַרלאָזן דעם בולװאַר, דעם צירק, די טויערן פֿון סען־מאַרטען און אַראָפּלאָזן זיך

ביז צום ברעג טייך, געגאַנגען איבער די בריקן, אָנגעקומען צו דער פּאַרשטאָט, דערקליבן זיך ביז צום שפּיטאָל סאַלפּעטריער און אַריין אינם הויז, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך אַ צווייענדיקן נומער 50-52.

אין יענער צייט האָבן אינם דאָזיקן הויז געוואוינט אַ היפּש ביסל אָרעמע איינוואוינער, וואָס האָבן, ווי שטענדיק אין פּאַריז, ניט גע־האַט קיין שום שייכות (שייכעס) איינער צום צווייטן. פון אַלע הויז־איינוואוינער איז די סאַמע אומגליקלאַכסטע געווען אַ משפּחה (מישפּאָכע), וואָס איז באַשטאַנען פון פיר מיטגלידער: אַ פאָטער און מוטער מיט צוויי כמעט דערוואַקסענע טעכטער. אַלע פיר האָבן געוואוינט אויפן בוידעם אין איינעם פון די קעמערלאַך.

צו אָט־דער משפּחה (מישפּאָכע) האָט אויך געהערט דער פריי־לאַכער חברה־מאַן (כעווריעמאַן), דער קליינער גאַרוואַש.

ער איז געקומען אַהער, געזען דאָ אָרעמקייט און נויט און ניט באַגעגענט קיין איין וואַרעמען שמייכל — אַ קאַלטע היים און קאַלטע הערצער.

ווען ער פלעגט אַריין, פלעגט מען אים פרעגן:

— פונוואַנען קומסטו אָן?

— פון גאַס.

און ווען ער פלעגט אַוועקגיין, פלעגט מען ביי אים ווידער פרעגן:

— וואוהין גייסטו?

— אויפן גאַס.

— צוליב וואָס קומסטו אַהער? — האָט אים ניט איינמאָל גע־פרעגט די מוטער.

— נו גיי, — פלעגט זי תיכף (טייקעף) צוגעבן, — דו האָסט דאָ ניט וואָס צו טאָן.

דאָסדאָזיקע קינד איז געוואַקסן אָן ליבע, אָט ווי דאָס בלאַסע גראָז, וווּאָס וואַקסט אין פינצטערן קעלער. ער האָט אָבער דערפון ניט געליטן און האָט קיינעם ניט באַשולדיקט. ער האָט אוודאי (אַוואַדע) ניט געוווּסט, ווי אַזוי עס דאַרפן זיין פאָטער און מוטער.

אויף די באַריקאַדן

פּאַריז איז פול געווען מיט אויפשטאַנד.

המונים (האַמוינים) האָבן זיך געזאַמלט אויף די פּלעצער, פאָנען האָבן געפלאַטערט — אומעטום פּלאַקאַטן, געשרייען, גערייץ.

— צום געווער, שטאָט-לײַט!

געווער האָבן שוין אַלע געהאַט — אַרבעטער, האַנטווערקער, קרעמער. פון יאָר 1789 אָן האָט פּאַריז געלעבט ווי אויף אַ ווולקאַן. ס׳איז שווער געווען שלום (שאָלעם) מאַכן צווישן די אינטערעסן פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען. ס׳האָט געזיגט אַמאָל דער, אַמאָל יענער צד (צאַד).

די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, באַנקירן, קרעמער, אינטעליגענטן — אַלע זײַנען שוין געווען בײַ דער מאַכט און אויסגענוצט זי בלויז פאַר זיך.

די אַרבעטער נאָר, וואָס האָבן מיט אַלע כוחות (קויכעס) געלאָזן זיך אויף די באַריקאַדן פאַר פרײַהייט און גערעכטיקייט — האָבן ניט באַקומען ניט קיין פרײַהייט, ניט קיין גערעכטיקייט.

אין יאָר 1848 האָבן די אַרבעטער באַזונדערס שאַרף דערפילט דעם יאָך און אומרעכט פון דער בורזשואַזער הערשאַפט. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, מע זאָל זיי לאָזן נעמען אָנטייל אין דער רעגירונג. בלויז אָנטייל און ניט די גאַנצע מאַכט.

אָבער זיי זײַנען געווען נאָך שוואַך אָרגאַניזירט, און די בורזשוען האָבן געזיגט, דער אויפשטאַנד איז בלויז געווען איינער פון די רעװאָלוציאָנערע פּרוּוון פון פּראָלעטאַריאַט.

גאַוראָש האָט ניט פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר פאַר זײַנע אויגן. ער האָט געפילט, אינסטינקטיוו געפילט, וואו ס׳זײַנען די „זײַניקע“, די אָרעמע, די פרײַנט, און מיט האַס אָפּגעצייכנט יעדן בורזשוי און פאַררעטער.

די אויפשטאַנד-לופט איז אים געווען ביז גאָר צום האַרצן. ער האָט געלעבט, געאָטעמט, ווי אַ פויגל, וואָס האָט באַקומען די פרײַהייט. דער גאַנג פון די המונים (האַמוינים), די אויסגעשרייען, די רעדעס, דאָס איילִיקע באַוואָפענען זיך, דערנאָכדעם די באַריקאַדן — אַלץ האָט אים פאַרכאַפּט; אומעטום איז ער געווען און אומעטום האָט ער אָנטיילגענומען.

ער, דער קליינער גאַוראָש, איז נייטיק געווען די זײַניקע. ווי אַזוי און מיט וואָס וועט ער צוניץ קומען? — דאָס האָט ער ניט געוואוסט. אָבער אויף זיכער געוואוסט — ער וועט צוניץ קומען.

— —

דער זייגער אויפן קלויסטער פון דער הייליקער מערי האָט שוין

דורכגעקלונגען 10, און קיין איינער פון די זעלנערישע פאלקן האט זיך נאך ניט באוויזן אויף צו באקעמפן די באריקאדע. אנזשארלא און קאמבפער האבן מיט קאראבינען אין די הענט זיך אויסגעזעצט אויף די טרעפ פונם פאראד-אריינגאנג ניט ווייט פון דער גרויסער באריקאדע. זיי האבן ניט גערעדט איינער מיטן צווייטן, בלויז איינ־געהערט זיך, אנגעשטרענגט זיך צו כאפן עפעס א טויבן, ווייטן גערויש פון שונאס (סוינעס) טריט.

אינמיטן דעמדאזיקן שווערן שווייגן האט פלוצלונג דורכגעשאלט א קליגענדיקע יונגע שטים: עמיץ האט הויך געזונגען אויפן מאטיוו פון אן אלט פאלק-ליד: „ביי דער שיין פון דער לבנה (לעוואנע)״.

זיי האבן פון שמחה (סימכע) געדריקט איינער דעם צווייטן די הענט.

— ס׳איז גארוואש, — האט געזאגט אנזשארלא.

— ער גיט אונז צו וויסן, — האט באמערקט קאמבפער.

עמיץ האט פלינק געלאזט זיך לויפן איבער דער ליידיקער גאס און בריה׳דיק (בעריעדיק), ווי א קלאון, אריבערגעקראכן איבערן איבערגעקערטן דיליזשאנס. ס׳איז געווען גאווראש. אינעווייניק אין דער באריקאדע האט ער ארויסגערעדט פאראטעמט:

— גיכער, גיט מיר מיין ביקס! זיי גייען!

די גאנצע באריקאדע האט אויפגעציטערט, אלע אירע פארטייִדיקער האבן זיך אלע מיטאמאל א נעם געטאן פארן געווער.

פיר-און-פערציק רעוואלוציאנערן און גארוואש בתוכם (בע־סויכאם) זיינען געשטאנען אין דער גרויסער באריקאדע, די קעפ אינעווייניק, אנידערלייגנדיק די רערן פון די ביקסן אויף די שטיי־נער, וואס זיינען געווען איינגעארדנט ווי שלאג-לעכער.

אין א פאר מינוט ארום האבן זיך פונדערווייטן געלאזט הערן טריט.

מען איז געגאנגען פוס אין פוס — א סך מענטשן.

א שווייגן.

דערנאכדעם דראענדיק אין דער זייט פון די באריקאדן:

— ווער איז דארט?

א געפילדער פונם געווער.

„די פראנצויזישע רעוואלוציע״, — האט הילכיק אויסגעשריען אנזשארלא.

„שיסט“! — האָט מען אָפּגעענטפערט פון דער פינצטער.

אַ שיסעריי...

די רויטע פאַן איז געפאַלן — געפאַלן זיינען אויך אַ פּאָר מענטשן. דער אַלטער מאַבעף איז געווען איינער פון די ערשטע.

וואוקסיקע סאָלדאַטן זיינען געקראָכן אויף דער באַריקאַדע, גע־אַרבעט מיט די שטילן פון די ביקסן און אַן אויפהער געשאָסן.

די סאָלדאַטן האָבן שוין פאַרנומען צוויי־דריטל פון דער באַריקאַדע, אָבער זיי האָבן מורא (מוירע) געהאַט אַריבערקריכן אַריבער איר, געוואוסט אַז מע וועט זיי באַשיסן פון די פענצטער, פון די קעלערס און פון אונטער די טויערן.

ווירקלאַך. די מערהייט פּאַרטיידיקער פון די באַריקאַדן האָט זיך פאַרפעסטיקט הינטער די פענצטער פון די שענקען, אויף די בוידעמס, אין די קעלערס און געהאַלטן גרייט די ביקסן.

נאָר טויטע וועלן זיי זיך אָפּגעבן דעם שונא אין די הענט.

אָבער די סאָלדאַטן זיינען געקראָכן פאָרויס און באַצוואונגען די באַריקאַדע.

— אַוועק פון דער באַריקאַדע! — האָט איינער פון די רעוואָלו־ציאָנערן אויסגעשריען, — אַוועק, אָדער כ'וועל אויפרייסן אַ פאַס מיט פּולווער.

—— וועסט אַליין אומקומען.

— און איר אויך מיט מיר.

דער דרייסטער רעוואָלוציאָנער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פאַס מיט פּולווער פון אויבן אויף דער באַריקאַדע, אויסגעזועצט די דעק און צוגעטראָגן דעם פאַקל צו דער פאַס.

די סאָלדאַטן זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן.

לעבן דער באַריקאַדע זיינען געבליבן בלויז די פּאַרטיידיקער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געאַרבעט, פאַרפעסטיקט די באַרי־קאַדע.

גאַווראָש איז געווען אומעטום — ביים בויען און אין געשלעג, קיין רגע (רעגע) ניט גערוט, אַ מונטערער, אַ דרייסטער.

מיטן פרימאָרגן האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ לויף טאָן אויסשפּירן די געגנט.

איבער די הויפן, פּאַרקנס און דעכער איז ער אָנגעקומען ביז

די שכנה׳ישע (שכײנישע) גאַסן. אומעטום איז שטיל געװען. דאָס מיליטער איז געשטאַנען אינם װײטן עק פון דער פאַרבאַריקאַדירטער גאַס, געװאַרט ביז ס׳װעט טאָג װערן. אין די געסלאַך — קײן לעבעדיקע באַשעפעניש. פונדערװײטנס — בלויז טריט פון די פּאַטרולן.

פּלוצים האָט עפּעס בײ אַ װאַנט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײט פון גאַװראָשן.

אַ האַנט־װעגעלע איז געשטאַנען לעבן װאַנט און אויף דעם — אַ מענטש, קענטיק — שטאַרק שיכור (שיקער).

גאַװראָש האָט באַשלאָסן, אַז דאָס װעגעלע װעט אים צוניץ קומען צוליב דער באַריקאַדע, אויסער דעם איז אים פּראָסט דערעסן געװאָרן אומגײן לײדיק.

ניט לאַנג געטראַכט, אַראָפּגעשלעפּט דעם שיכורן (שיקערן) פון װעגעלע, אָנגעקלעפּט אים אַ צעטעל אויף דער ברוסט: „די פראַנצויזישע רעפּובליק נײטיקט זיך אין דײן װעגעלע" — און אַװעקגעקײקלט די מציאה (מעציע) צו דער באַריקאַדע.

דער טומל און געפּילדער האָט, פאַרשטײט זיך, צוגעצויגן דעם פּאַטרול.

— װאוהין טראָגט דיך דער שד (שעד), שלעפּער דו אײנער?

—האָט אויסגעשריען דער פעלדפעבל.

— פאַרװאָס זידלט איר זיך, בירגער, כ׳האָב דאָך אײך ניט אָנגערופן מיטן נאָמען בורזשוי, — האָט געענטפערט גאַװראָש.

— צילט אָן די ביקסן, — האָט באַפוילן דער פעלדפעבל.

אין דער רגע (רעגע) האָט דאָס װעגעלע אַ לאָז געטאָן זיך אויף אים משוגע׳נערװײז (משוגענערװײז) און איבערגעדרײט אים אין דער לופטען. די ביקס האָט בײ אים אויסגעשאָסן אַלײן פון זיך אין הימל אַרײן.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגעלומפּערטע שיסערײ אין דער אַרומיקער פינצטערניש.

גאַװראָש האָט באַװיזן אַנטלויפן, אַנטרונען געװאָרן און פאַרשװאונדן הינטערן ראָג.

— אַ שאָד דאָס װעגעלע!

אָבער דעם שונא (סוינע) האָט ער אויסגעשפּירט, געװאוסט װאו ער געפינט זיך, איז ער מיט די ידיעות (יעדיעס) אַװעק צו די זײניקע.

די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין עק גאַס, האָבן זיך געגרייט. מע האָט געבראַכט אַרטילעריע. די רעוואָלוציאָנעדן זיינען געגרייט. מע האָט געבראַכט אַרטילעריע. די רעוואָלוציאָנערן זיינען אַרויסגאַנג, סיידן איבער די וואַסער-רערן, איבער די דעכער און דורך די הויפן-לעכער.

אָבער קיינעם איז אַזאַ געדאַנק ניט אַרויף אַפילו אויפן זינען.

אַנזשאָרלאַ האָט באַפוילן אַלעמען פאַרנעמען די ערטער. איינער דאַרף שטיין ביי דער וואַנט, דער צווייטער — צוגעטוליעט צו אַ זייל און דער דריטער — הינטער אַ סטויפּ. אייניקע זעצן זיך אויס אויף די שטיינער, די אַנדערע לייגן זיך אַנידער.

ניט קיין סך איז אויסגעקומען צו וואַרטן.

תיכּף (טייקעף) האָט זיך געלאָזט הערן דאָס גערודער פון גע־שמידטע רעדער.

די ערד האָט געציטערט.

אין גאַס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער האַרמאַט.

— שיסט! — האָט מען אויסגעשריען אויף דער באַריקאַדע, אָבער קיין איין קויל האָט ניט געטראָפן אין ציל.

לאַנגזאַם, ניט געאיילט האָט מען דעם האַרמאַטן-האַלדז אָנגע־שטעלט אַקעגן דער באַריקאַדע.

ס׳האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער שאָס — די האַרמאַטן-קויל איז געבליבן שטעקן אין דעם הויפן ברוכוואַרג, ניט גערירט דעם מיטן פון דער באַריקאַדע.

— געטראָפן! — האָט פריידיק אויסגעשריגן גאַווראָש, וואָס האָט זיך פונקט אין דער רגע (רעגע) באַוויזן אויפן שפּיץ פון דער באַריקאַדע.

און געדאַכט האָט זיך, אַז ער איז געקומען צו פליען צוזאַמען מיט דער האַרמאַטן-קויל.

מע האָט אים אַרומגערינגלט. ער האָט געבראַכט די ידיעה (יעדיע), אַז דאָס מיליטער שטייט אין אַ רינג אַרום זייער קוואַרטאַל. וועגן פרייען אַרויסגאַנג איז אָפּגערעדט — ניטאָ.

— כ׳ראַט אַריינטרעפן אין זיי, ווי ס׳געהער צו זיין, — האָט ער געזאָגט.

אַ ברירה (ברײַרע) האָט מען געהאַט?

די באַריקאַדע האָט פּלוצים אָנגעהויבן שיסן פון אַלע ביקסן.

זיבן אָדער אַכט מאָל נאָכאַנאַנד האָט יעדער פון די רעוואָלוציאָנערן אויסגעשאָסן מיט צאָרנדיקער באַגייסטערונג. די גאַנצע גאַס איז פול געוואָרן מיט רויך, מיט געדיכטן שווערן רויך. און ווען דער-דאָזיקער וואָלקן האָט זיך אָפּגעטראָגן, האָט זיך ארויסגעוויזן אַז צוויי־דריטל אַרטילעריסטן זיינען געלעגן טויט אונטער די רעדער פון די האַרמאַטן־וועגענער. די איבעריקע האָבן ווידער אָנגעלאָדן די האַרמאַטן מיט דערזעלביקער שטרענגער רואיקייט, וואָס פריער.

— ס׳איז גוט, — האָט געזאָגט איינער פון די רעוואָלוציאָנערן,

— מיר אַרבעטן מיט דערפאָלג.

אַנזשאָרלאָ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויסגעזאָגט:

— אויב דער דערפאָלג וועט דויערן נאָך איין פערטל שעה (שאָ), בלייבן מיר מיט ניין קוילן אויף אונז אַלעמען.

דערהערנדיק די ווערטער, האָט גאַווראָש תיקף (טייקעף) אויס־געזוכט אין שענק אַ קאָרב פון בוטלען, אַריבערגעקלעטערט איבער דער באַריקאַדע און אויף יענער זייט, אויף די אויגן פון די זעלנער, גאַנץ רואיק גענומען אויסליידיקן די פּאַטראָנטאַשן פון די נאַציאָ־נאַלע גוואַרדייער, וואָס זיינען דער׳הרג׳עט (דערהאַרגעט) געוואָרן — גענומען אויסשיטן די פּאַטראָנעס זיך אין קאָרב.

— וואָס טוסטו? — שרייען די חברים (כאַווײרים) פון אויבן.

גאַווראָש האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— חברים (כאַווײרים), איך פיל אָן דעם קאָרב.

— זעסטו דען ניט, אַז מע שיסט מיט האַרמאַטן־קוילן?

גאַווראָש האָט געענטפערט:

— זאָל דוכטן, אַז אַ רעגן. ס׳מאַכט ניט אויס!

— קער זיך אום צוריק!

— באַלד, האָט געענטפערט גאַווראָש.

ער האָט געמאַכט איין שפּרונג און איז שוין געווען אינדערמיט גאַס.

ביז צוואַנציק טויטע קערפּערס זיינען געלעגן אויפן ברוק אין פאַרשיידענע ערטער. ביי צוואַנציק גוט אָנגעפּילטע פּאַטראָנטאַשן, וואָס גאַווראָש האָט געזאָלט אויסטרייסלען צוליב די באַריקאַדן־לייט.

די גאַס איז פול געווען מיט אַ מין נעפּלדיקן רויך. באַהאַלטנדיק זיך אין די פאַלדן פונם דאָזיקן וואָלקנדיקן פאָרהאַנג, האָט גאַווראָש, אַ דאַנק זיין קליינעם וואוקס, געהאַט די מעגלאַכקייט אומבאַמערקט

לאָזן זיך גיין ווייט אַהין, אין דער טיף פון גאַס. ער האָט באַוויזן ניט געשטערטערהייט אויסטרייסלען די ערשטע זיבן אָדער אַכט פּאַטראָנטאַשן.

אַמאָל האָט ער געפּויזעט אויפן בויך, אַמאָל געלאָפן אויף אַלע פיר, טראָגנדיק דעם קאָרב אין די ציין, — געדרייט זיך, געגליטשט זיך, געקראָכן פון איין טויטן קערפּער צום צווייטן, אויסליידיקנדיק די קוילן־האַלטערס און פּאַטראָנטאַשן געשיקט און בריה׳דיק (בעריעדיק), ווי אַ מאַלפּע, וואָס שיילט אויס יאָדערן פון נים.

כל־זמן (קאָלזמאָן) ער איז געווען נאָענט צו דער באַריקאַדע האָט מען פון דאָרט מורא (מוירע) געהאַט שרייען און רופן אים צוריק, מורא (מוירע) געהאַט די סאָלדאַטן זאָלן אים ניט באַמערקן.

ביי איינעם פון די דער׳הרג׳עטע (דערהאַרגעטע) קאַפּראַלן האָט גאַווראָש געפונען ניט קיין אָנגעהויבענעם פּאַטראָנטאַש.

— ס׳אַ פיינער כיבוד (קיבעד)! — האָט ער געזאָגט, פאַרשטע־קנדיק דעם פּאַטראָנטאַש צו זיך אין קעשענע.

און פּאַוואָלינקע זיך רוקנדיק פאָרויס האָט ער דערגרייכט צו יענעם אָרט, וואו דער רויך איז געווען שיטערער און דורכזיכטיקער.

די אַרמייאישע שיסער און די מיליציאָנערן, וואָס זיינען גע־שטאַנען הארט ביי אַ וואַנט פון וואַלגער־שטיינער, האָבן באַמערקט און אָנגעהויבן ווייזן איינער דעם צווייטן, אַז דאָרט הינטערן וואָלקן באַוועגט זיך עפּעס אַ באַשעפעניש.

און ווען גאַווראָש האָט גענומען אויסטרייסלען דעם פּאַטראָנ־טאַש פון איינעם אַ סערזשאַנט, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט לעבן אַ טומבע — האָט אַ קויל געטראָפן אינם טויטן קערפּער.

— אָט האָסטו דיר, האָט געזאָגט גאַווראָש, — זיי האָט זיך פאַרגלוסט טויטן מיינע מתים (מייסים)!

די צווייטע קויל איז געפאַלן אויפן ברוק נעבן אים. די דריטע האָט איבערגעקערט זיין קאָרב.

גאַווראָש האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז דאָס שיסן די אַרמייער.

ער איז אויפגעשפּרונגען, געשטעלט זיך אויף די פיס, אויסגע־צויגן זיך, אַ טרייסל געטאָן מיט די האָר, און אַריינשטעכנדיק דעם בליק אין די סאָלדאַטן פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָבן געצילט אין אים, האָט ער גענומען זינגען.

דערנאָכדעם האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָרב זיינעם, צוזאַמענ־געמומען אַלע פּאַטראָנעס ביז איינעם, צונויפגעלייגט זיי ווי פריער, און גייענדיק אַלץ נענטער צום שונא (סוינע), געגומען אויסליידיקן נאָך איין פּאַטראָנטאַש. די פערטע קויל האָט דורכגעפייפט פאַרביי אים... גאַווראָש האָט געזונגען.

אַט אַזוי איז ער געגאַנגען אַ שטיקל צייט.

ס'איז געווען אַן אימה'דיקער (איימעדיקער) און אויסגעצייכנ־טער ספּעקטאַקל. אין גאַווראָשן האָט מען געשאָסן און ער האָט אויסגעלאַכט זיך פון די קוילן. ס'איז געווען קענטיק, אַז ער פרייט זיך פון פולן האַרצן, אָט ווי אַ שפּערל, וואָס פּיקט אין די יעגער.

מע האָט כסדר (קעסיידער) געצילט אין אים און נאָכאַנאַנד ניט געטראָפן.

די נאַציאָנאַלע גוואַרדייער און די אַרמייאישע סאָלדאַטן האָבן געלאַכט, אָנשטעלנדיק אויף אים די ביקסן. ער פלעגט זיך אַנידער־לייגן אויפן בויך, פלעגט אויפשטיין, באַהאַלטן זיך הינטער אַ ראָג, אַרויסשפּרינגען פון דאָרטן, ניט ווערן און ווידער דערשיינען, אַנט־לויפן און אומקערן זיך. אויף דער שיסעריי פלעגט ער ענטפערן מיט פאַרשיידענע הויות (האַווייעס), פאַנאַנדערשפּרייטענדיק די פינגער און צולייגנדיק זיי צו דער נאָז — און דאָך בעת מעשה כסדר (ביים־מייסע קעסיידער) געטאָן זיין אַרבעט: אויפגעקליבן די פּאַטראָנעס און געשאָטן אין קאָרב. די רעוואָלוציאָנערן אויף דער באַריקאַדע האָבן מיט שרעק און אויפרעגונג געקוקט אויף אים און ניט געקאָנט אָפּווענדן דעם בליק.

זיי האָבן געציטערט. און ער האָט געהאַלטן אין איין זינגען. ניט געווען איז ער ענלאַך ניט אויף אַ קינד, ניט אויף אַ מענטשן, גיכער — אויף אַ באַשעפעניש פון אַ צויבער־מעשה (מייסע). ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער קאַרליק, וואָס אים נעמט קיין קויל ניט. אָט־דער קאַרליק, וועגן וועלכן די פאָלקס־מעשה (מייסע) דער־ציילט, אַז ער געפינט זיך שטענדיק צווישן די קעמפער אין יעדער הייסער שלאַכט. די קוילן האָבן זיך געיאָגט נאָך אים, אָבער ער איז געווען פלינקער פון זיי. ער האָט, כלומרשט (קלוימערשט), גע־שפּילט אין באַהעלטעניש מיטן טויט.

אַ רגע (רעגע)—און איין קויל, אַ ריכטיק־געצילטע, אַ מער פאַר־רעטערישע, איידער אַלע איבעריקע — האָט טאָקע דעריאָגט דאָס

העלדישע קינד. די גאַנצע באַריקאַדע האָט אויסגעשריען, ווי איין מענטש, און גאוואָלד האָט זיך תיכף (טייקעף) אויפגעהויבן, אָבער ניט געשטעלט זיך אויף די פיס, נאָר געבליבן זיצן אויפן ברוק. אַ לאַנגער, בלוטיקער שטראָם איז אַוועקגערונען ביי אים איבערן געזיכט, ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט אינדערהייך, אַ קוק געטאָן אין יענער זייט, פון וועלכער מע האָט אין אים געשאָסן און גענומען זינגען.

ער האָט ניט פאַרענדיקט. דערזעלביקער שיסער האָט אים מיט אַ צווייטער קויל איבערגעריסן אויפן האַלבן וואָרט. דאָסמאָל איז ער געפאַלן מיטן פנים (פּאָנים) אַראָפּ און מער שוין קיין ריר זיך ניט געטאָן אַפילו.

אין געפענגעניש — פון נ. מ. מינקאָווסקי

י. פּאַט

איבערנאַכט גרוי געוואָרן

דאָס איז געווען מיט אַ צוויי צענדליק יאָרן צוריק.

מיכאַלעוויטש איז נאָך יונג געווען. ער האָט געהאַט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר און אַ בלאָנדע באָרד. ער איז געווען פאַרשיקט אין אַ ווייטן, קאַלטן דאָרף פון סיביר, וואו דער רוסישער צאַר פלעגט פאַרשיקן די רעוואָלוציאָנערן.

דאָס דאָרף איז געווען ווייט-ווייט, אין אַ שנייאיקן סטעפּ. דאָרטן פלעגן זיין פרעסט פון 40 און 50 גראַד. פיל הונדערטער קילאָמעטער פלעגט מען מוזן פאָרן מיט די סיבירער שליטנס, כדי אַהינצוקומען. נישטאָ קיין באַן, נישטאָ קיין וועג, קיין שטעג. אַ ווייסער מדבר. אַן איינזאַם, אומעטיק, קליין דערפל. די פויערים זיינען האַלב-ווילד, האַלבע געצנדינער. דאָרט וואוינט אין די דאָרפישע כאַטעס אַ הייפל פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן. דאָרטן וואוינט אויך דער בונדיסט מיכאַלעוויטש.

די פויערים האָבן אים ליב געהאַט, זיי האָבן ליב געהאַט צו הערן ווי ער רעדט צו זיי. זיי האָבן געוואוסט, אַז מע האָט אים פאַרשיקט, ווייל ער איז מיט די אָרעמע, מיט די אַרבעטער, ווייל ער איז קעגן די רייכע, קעגן די גענעראַלן, קעגן קייסער. זיי, די פויערים, האָבן פאַר אים קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט ווי:

— נאַש פּאָפּ... (אונזער גלח).

איינמאָל איז אָנגעקומען אין דאָרף אַ טרויעריקע נייס: אין אַ טורמע, וואו עס זיצן פאַרשפּאַרט אַרעסטירטע קאַטאָרזשניקעס, איז פאָרגעקומען אַ שרעקלאַכע זאַך. —

מע' האָט געשמיסן די קאַטאָרזשניקעס...

דאָס איז שרעקלאָך, שוידערלאָך, אַכזריות'דיק. מע קען נישט שווייגן. מען טאָר נישט שווייגן. דאָס איז די שווערסטע באַליידיקונג פאַר דעם מענטשן.

דער ווידערקול פון די שענדלאַכע שמיץ האָט זיך דערקייקלט ביז אין פאַרפרוירענעם דאָרף אַריין. עס האָט ווייגעטאָן, עס האָט פאַרדראָסן. וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען? — מע איז דאָך אַליין אַרעסטירט, פאַרוואָרפן אין עלנטן דאָרף צווישן זאַווערוכע, פראָסט און שניי. אָבער שווייגן קען מען אויך נישט.

האָט מיכאַלעוויטש צונויפגערופן אַלע פאַרשיקטע רעוואָלו־ציאָנערן, און מע האָט זיך באַראַטן, וואָס צו טאָן. איז געבליבן, אַז מיכאַלעוויטש זאָל אָנשרייבן אַ הייסן, אַ פלאַמיקן פּראָטעסט קעגן די שמייסער, קעגן דעם צאַר און זיינע משרתים און אויסדריקן מיט־געפיל די געליטענע, די באַליידיקטע. מע האָט אַזוי געטאָן און דעם פּראָטעסט אָפּגעדרוקט אין עטלאַכע צייטונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס צו דרוקן, ווייל פאַר אַזאַ זאַך האָט אויך געדראָט אַ האַרבע שטראָף.

איז דערגאַנגען די זאַך צום רעגירונגס־באַאַמטן פון יענעם קרייז. ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון באַרימטן רעוואָלוציאָנער מיכאַלעוויטש, דאָס האָט געוויס געטאָן אָט־דער מיט דער בלאָנדער באָרד. ער וועט אים נישט שווייגן. ער וועט אים שוין אָנלערנען פאַר אַזאַ זאַך, פאַר אַזאַ העזה, ער וועט שוין אויסטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס מיכאַלעוויטש זאָל שוין האָבן צו געדענקען, צו קרעכצן און זיפצן.

מיכאַלעוויטש האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט, פאַרנאַכט קומען צו אים זשאַנדאַרן און זאָגן אים, אַז נאָך היינט אינאָוונט, אין עט־לאַכע שעה אַרום וועט מען אים אָוועקפירן פונדאַנען זייער ווייט, אין אַ העק, וואו קיין מענטשלאַכער פוס איז כמעט נאָך נישט געווען.

דאָס איז געווען די נקמה, וואָס דער צאַרישער באַאַמטער האָט צוגעטראַכט. מיכאַלעוויטשן איז די מעשה נישט געפעלן געוואָרן. ווי וועט ער דאָס אינמיטן נאַכט לאָזן זיך מיט אַ שליטן אין די הרי־חושך? — נישט צוגעגרייט, נישט אָנגעקליידט ווי געהעריק, פּלוצלונג. ער וועט אויסגיין אין וועג. ניין, ער וועט נישט גיין!

ער האָט זיך גלייך אויסגעטאָן, זיך אַריינגעלייגט אין בעט. זאָל מען טאָן, וואָס מע וויל. מע וויל אים בכיוון אומברענגען, און קיין פויגל זאָל אַפילו קיין פּיפּס נישט טאָן. ניין, ער וועט מיט גוטן נישט גיין. ער וועט זיך נישט רירן פון בעט.

אין אַ פאָר שעה אַרום זיינען צוגעפאָרן צום הויז זשאַנדאַרן און וועכטער. מיכאַלעוויטש האָט שוין געהערט די גלעקלאַך און די קולות אונטערן פענצטער. ער ליגט. עס אַרט אים ווי די וואַנט. זיינען זיי אַריין אין שטוב:

— נו, הייב זיך אויף, טו זיך אָן...

— ניין...

— קום פאָרן...

— ניין...

— וועט מען דיך נעמען מיט גוואַלד...

— סיידן מיט גוואַלד...

— עס איז אַ באַפעל, אַז מע מוז דיך אַוועקפירן...

— מיר גייט דאָס נישט אָן...

זעען זיי, אַז עס העלפט נישט קיין רייד, גיט דער עלטסטער אַ באַפעל:

— ברידערלאַך, נעמט אים מיט כוח, מיט גוואַלד...

האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו אים מיט גוואַלד.

ניין. ער וועט זיך נישט אָנטאָן, ער וועט זיך בשום אופן נישט אָנטאָן. אָט, אָט־אַזוי, אַ נאַקעטן, זאָלן זיי אים שלעפּן.

— וועסטו, ברודערקע, פאַרפרוירן ווערן, אינדרויסן איז פערציק גראַד...

— נישט אייער דאגה...

טראָגט מען אים אַ נאַקעטן. עס ברענט דער פראָסט. אַז מע טוט אַ גאָס אַביסל וואַסער, ווערט עס פאַרפרוירן פאַלנדיק.

דערווייל האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף פּויערים אַרומגעקליבן אַרום הייזל.

ניין! זיי וועלן נישט לאָזן אַזאַ מערדעריי, ניין, זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן.

— טאָ נאַש פּאַפּ... (דאָס איז אונזער פּאָפּ).

— נאַש באַטקאַ... (אונזער פאָטערל).

און אָט ווערט באַלד אַ בלוטיק געשלעג. קיינער וועט שוין דאָ נישט קענען פאַנאַנדערריידן. דאָ וועלן געוויס פאַלן טויטע.

האָט זיך מיכאַלעוויטש אַ שטעל געטאָן און זיך אָפּגערופן צו די פּויערים:

— ברידערלאַך, באַרעכנט זיך וואָס איר טוט... זיי האָבן ביקסן, רעוואָלווערן... עס וועלן זיין אומזיסטע קרבנות... מילא, איך בין פאַרפאַלן, איך וועל אומקומען אין וועג, אָבער איך וועל שוין זיין דער לעצטער רעוואָלוציאָנער, וועלכן מען וועט אַזוי אַוועקשלעפּן, אַזוי ווי אַ הונט... גייט אַהיים, ברידער, זייט געזונט, איך דאַנק אייך.

די שליטל־גלעקלאַך קלינגען. דער פערד־אָנטרייבער שמייסט שוין די פערד. דער שליטן גליטשט זיך ווי אַ רוח איבער דעם

סיבירער שניי. דער פורמאַן פאַרציט שוין דעם סיבירער ניגון.

נאָר דאָ דערשפירט מיכאַלעוויטש, אַז אים איז עפּעס געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַזוי אָנגענעם, ווי ער וואָלט ליגן אונטער אַ וואַרעמער פערענע. וואָס איז דאָס אַזוינס? ער האָט געהערט, אַז איידער מע ווערט פאַרפרוירן דערשפירט מען אַ וואַרעמקייט אין אַלע גלידער. אָבער ניין. ער פילט אַלץ, ער טראַכט, ער וויים וואו ער געפינט זיך. וואָס זשע איז דאָס פאָרט מיט אים?

אַ—אַ. ער האָט זיך געכאַפּט. ער ליגט איינגעדעקט אין אַ באַרג פוטערלאַך. ער שטעקט אַרוים דעם קאָפּ און ער זעט, אַז איבער אים איז אַ גאַנצער באַרג מיט פויערשע פוטערלאַך.

דאָס איז די מלאכה פון די פויערים. אַז זיי האָבן דערזען, אַז מיכאַלעוויטש לאָזט זיך נישט שלאָגן פאַר אים און אָט־אָט רירט זיך שוין דער שליטן און ער ליגט אַ נאַקעטער, האָבן זיי אַראָפּ־געכאַפּט פון זיך די פוטערלאַך זייערע, אַלע איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן, און אַרויפגעוואָרפן אויף אים, איינס אויף איינס, אַ גאַנצן באַרג, און ער האָט דאָס גאָרנישט געפילט, און דעריבער איז אים אַזוי וואַרעם.

מע איז אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג איז מען פאַרביי־געפאָרן אַ דאָרף איזשמע, וואו עס איז דאָ אַ שפּיטאָל. מע האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט צו בייטן די פערד. מיכאַלעוויטש איז אַריין זיך אָפּרוען אין הויז פון שפּיטאָל.

אַז ער איז פאַרביי דעם שפּיגל, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט זיך נישט דערקענט. אין שפּיגל איז ער געשטאַנען מיט אַ גרויען קאָפּ און גרויער באָרד.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז ער גרוי געוואָרן.

וואָס איז ווייטער געווען? — דאָס איז אַ לאַנגע מעשה. זיין פרייהייט האָט ער צוריק באַקומען, אָבער זיין בלאָנדן קאָפּ — שוין נישט. ער איז שוין פאַרבליבן גרוי.

ב. ווײַנשטיין

דער ערשטער מאַי פּאַראַד אין יאָר 1886

(ערינערונגען)

די אַרבעטער פון ניו־יאָרק האָבן געפּייערט צום ערשטן מאָל דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי.

אַ וואונדערבאַרער פּאַראַד איז עס געווען. דער טאָג איז געווען אַ וואַרימער, אַ שיינער; די זון האָט געשיינט אויף די טויזנטער מאַרשירנדיקע אַרבעטער. פריער זיינען זיי געגאַנגען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון דער איסט־סייד, וואו עס האָבן דאַן געוואוינט די קריסטלאַכע אַרבעטער. די דעמאָנסטראַנטן זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד. שפּעטער האָט זיך דער פּאַראַד פאַרנומען אויף פינפטער עוועניו, וואו ס'האָבן געוואוינט די מיליאָנערן. „אַכט שטונדן אַרבעט, אַכט שטונדן פאַרברענגען, אַכט שטונדן רו", האָבן די מאַרשירנדיקע אַרבעטער אַלע ווײַלע אויסגערופן. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט די מאַרסעליעזע און דער גאַנצער עולם האָט מיטגעזונגען.

די אויפשריפטן, וואָס די דעמאָנסטראַנטן האָבן געטראָגן, זיינען אַלע געווען וועגן אַכט שטונדן אַרבעט. די פינפטע עוועניוקעס האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר.

אָנקומענדיק צום יוניאָן־סקווער האָבן די אַרבעטער אין זייערע יום־טוב'דיקע מלבושים שטאָלץ אַרויפגעמאַרשירט אויפן סקווער, טראָגנדיק די פאָנען פון זייערע יוניאָנס. ס'איז אָבער ניט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע דעמאָנסטראַנטן, וואָס זיינען געקומען. דער יוניאָן־סקווער איז שוין געווען פון פריער פול מיט מענטשן. דער עולם האָט דערײַבער פאַרנומען אויך אַלע אַרומיקע גאַסן. בראָדוויי אַרום סקווער איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. אַלע טראַקס, האָרס־קאַרס (דעמאָלט זיינען געלאָפן קאַרס בלויז מיט פערד) האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

צוויי אַזייגער בײַטאָג האָט זיך געענדיקט יענער גרויסער היסטאָרישער ערשטער מאַי־מיטינג אין ניו־יאָרק. קלאַנגען פון מוזיק, הענט־פּאַטשעריי, גערויש פון טויזנט־קעפּיקן עולם. ווי וואונדערלאַך דאָס האָט אויסגעקוקט! הונדערטער פאָנען פון פאַרשיידענערליי קאָלירן, געמישט מיט רויט, האָבן געפלאַטערט אויף דער פּלאַטפאָרם פון סקווער און פון די פאַרפּוצטע טראָקס, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום און אַרום.

דער הויפּט־רעדנער פון יענעם מיטינג איז געווען הענרי דזשאָרדזש, דער סינגל־טעקסער, וועלכער איז יענעם יאָר געלאָפן אַלס קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פון דער שטאָט ניו־יאָרק אויפן צעטל פון דער „פאַרייניקטער אַרבע־טער פּאַרטיי". עס האָט אויך גערעדט סעמיועל גאָמפּערס פון דער „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר". אָבער מער פון אַלעמען האָט מיטגעריסן דעם עולם סערגעי שעוויטש, דער רעדאַקטאָר פון דער דייטשער „פאָלקס־צייטונג". זיין וואונדערבאַרע סאָציאַליסטישע רעדע אין ענגליש האָט באַגייסטערט דעם גרויסן עולם. דער פרייד־געשריי און די באַגייסטערונג פון די מאַסן האָט אָפּגעהילכט ווייט, ווייט אַרום. יענער טאָג און יענע ערשטע מאַי־דעמאָנ־סטראַציע האָט זיך אַזוי שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך וועל עס קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

ד. עדלשטאַט

וואַכט אויף!

(רעוואָלוציאָנער ליד)

ווי לאַנג, אָ, ווי לאַנג וועט איר בלייבן נאָך שקלאַפן
און טראָגן די שענדלאַכע קייט?
ווי לאַנג וועט איר גלענצנדע רייכטימער שאַפן
פאַר דעם, וואָס באַרויבט אייער ברויט?

ווי לאַנג וועט איר שטיין, אייער רוקן געבויגן,
דערנידעריקט, היימלאָז, פאַרשמאַכט?
עס טאָגט שוין, וואַכט אויף, עפנט אויפעט די אויגן,
דערקענט אייער אייזערנע מאַכט!

קייטן און טראָגן — אַלצדינג מוז פאַלן
אונטער דעם אַרבעטערס שווערד!
מיט דופטיקע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַלן
וועט פרייהייט באַצירן די ערד.

און אַלצדינג וועט לעבן און ליבן און בליען
אין פרייהייטלאַך־גאָלדענעם מאַי.
ברידער, גענוג פאַר טיראַנען צו קניען,
שווערט, אַז איר מוזט ווערן פריי!...

א. ליעסין

הירש לעקערט

זיי האָבן רווישלאָז, אין די שעה׳ן (שאָען) אין די שפּעטע,
פון טורמע, ווי גנבים (גאַנאָווים), אים אַרויסגענומען,
און אונטער שטאַרקער וואַך, פאַרהאַקט אין אַ קאַרעטע,
געפירט, באַגלייט פון רייטער, אין פאַראַד אין שטומען —
געפירט אים פאָרזיכטיק, אין טויטקייט פון באַגינען,
אַז קיינער זאָל זיך אויף די גאַסן ניט געפינען.

און ביזן „מיליטער-פעלד", ערגעץ הינטער שטאָט,
וואו פינצטער האָט דערוואַרט אים שוין דער עשאַפאָט.

און אויפן פעלד איז אַן אַרמיי געווען פאַרבאָרגן,
געשטאַנען אונטער ביקסן מיטן בליק צום תליון (טאַליען),
צו זען דעם שוסטער-יונג דעם אידישן דערוואָרגן,
צום רום צום הערלאַכן פון קייזער און פאָן-וואַליען;

פיר באַטאַליאָנען האָט מען שטיל צונויפגעטריבן,
ווי שטורעמען גאַנץ ווילנע וואָלט מען זיך געקליבן.

אָט קומט שוין די קאַרעטע און ער גייט אַרויס,
ווען הויך אין מזרח־הימל (מיזרעך־הימל) ברעכט די רויטקייט אויס.

דערזעט ער דייטלאַך שוין פאַר זיך דעם עשאַפאָט
און האַרט דערביי די גרוב, פאַר אים געגראָבן פריש;
צעיאָמערט זיך זיין האַרץ, ער מאַכט צוריק אַ טראָט,
און פאַר די אויגן גיט זיך אַלעם ווילד אַ מיש —
ווי ליב דאָס לעבן שמייכלט, ווי די וועלט איז שיין,
ווי ווייניק גוטס געזען און מוז אין גרוב שוין גיין!

נאָר איין מינוט פון שוואַכקייט, ווייטאָגדיק און שווער,
און ווידער שוין דער שטאָלצער רעוואָלוציאָנער.

ער גייט צום עשאַפאָט, צום גורל (גוירל) זיינעם, מונטער,
און הערט דעם פסק (פּסאַק) אין מוט אין ווירדיקן, אין פעסטן,
און לאַכט דעם אָנבאָט פון פאַרראַט מיט האַס אַרונטער,
און נעמט מיט בליקן שפּאָטישע פאַרעכטלאַך מעסטן
דעם שטייפן, אָפּיציעלן, פרום־צעגלאָצטן פנים (פּאָנים)
פון טויט־צעשראָקענעם ראַבינער, דעם קאַזיאָנעם.

אָט בינדט מען אים די הענט, אָט זעט ער שוין די שטריק,
אָט קומט שוין, קומט שוין אָן דער גרויסער אויגנבליק.

ווי טוט ער זיי פאַראַכטן — זיי און זייער שטראָף!
ווי קוקן זיי אויף אים פאַר'חידוש'טע, די קנעכט!
און אָט שוין פאַלט די פעטליע אויף זיין נאַז צום סוף (סאָף),
געוואָרפן פון דעם תליון (טאַליען) אומגעלומפּערט־שלעכט;
טאַ כאַפּט ער, הענט־געבונדן, פלינק זי מיטן קאָפּ
און טרייסלט זי אַליין־שוין אויפן האַלדז אַראָפּ.

און באַלד אין מאָרגן־גרינקייט, הויך אין תליה (טליע) קנופּ,

צעוויגט זיך עלנטדיק אַ בלויער, קאַלטער טרופּ.

אַט ליגט ער שוין אַ ברמינן (באַרמינען) אין גרוב פאַרשאַטן,
און איבער אים דער חייל לויפט אין מאַרש אין גיכן;
עס האָבן טויזנטער סאָלדאַטסקע פיס געטראָטן,
און מיט דער פלאַכער ערד דעם קבר (קייווער) אויסגעגליכן;
און זיכער אַז זיין זכר (זייכער) וועט שוין זיין פאַרגעסן,
צעפאָרן זיך די הענקער פרישטיק אָפּצועסן.

דאָך שפּעטער שוין אַ ווילע, מיט דער זון צוזאַמען,
איז לעקערט אויפגעגאַנגען אין די רויטע פלאַמען.

עס איז אין קבר (קייווער) אין צעטראָטענעם געבליבן
פאַרהוילן נאָר דער מת (מעס), וואָס וועט דאָך באַלד צעפוילן,
ווען הויך אַריבער קבר (קייווער), מיט אַ שיין אַ ליבן,
האָט אויפגעשיינט דער העלד, וואָס ווערט שוין ניט פאַרהוילן;
ער איז פון „מיליטער-פעלד" ליכטיק אויפגעשטאַנען
אין קדושה (קדושע) אָרעאָל, וואָס קען שוין ניט פאַרוויאַנען.

ער האָט זיך איבער די מיליאָנען קנעכט פון צאַר דערהויבן,
און אויפגעוועקט דעם שטאָלץ און אויפגעוועקט דעם גלויבן.

אַן אָרעם געטאָ-קינד פון נידעריקסטן נידער,
אַ לעבן אַזוי קורץ, אַ לעבן אַזוי ביטער,
וואָס האָט אין אונזער גרויסקייט אויפגע׳כשופ׳ט (אויפגעקישעפט) ווידער
דעם איידלסטן ראָמאַנס פון וואונדערלאַכן ריטער —
אַ ראַכע-נעמער פאַרן כבוד (קאָוועד) דעם פאַרשוועכטן
פון קלאַס, וואָס איז געווען דער שפּל׳סטער (שאָפּלסטער) נאָך נעכטן.

אַ פאָרגייער, וואָס האָט, אין ביישפּיל אין דערהויכטן,
אַ גרויסן קעמפער-דור מיט זיין געשטאַלט באַלויכטן.

ד. עדלשטאט

אין קאמף

(רעוואָלוציאָנער ליד)

מיר ווערן געהאסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט,
און אַלצדינג דערפאַר, וואָס מיר ליבן
דאָס אָרימע, שמאַכטנדע פאָלק.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע חיות אונז רייסט.
איר וועט אונזער קערפּער נאָר טויטן,
אָבער נישט אונזער הייליקן גייסט!

דער אינטערנאַציאָנאַל

(הימן)

שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט!
דער גייסט — ער קאָכט, ער רופט צו וואפן,
צום שלאַכט אונז פירן איז ער גרייט.

די וועלט פון גוואַלדטאַטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר, און דאַן —
פון פרייהייט, גלייכהייט אַ גן־עדן
באַשאַפן וועט דער אַרבעטס־מאַן.

דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער
און אַנטשידענער שטרייט!
מיט דעם אינטערנאַציאָנאַל
שטייט אויף איר אַרבעטס־לייט!

ז. ווײַנפּער

די קאָסע און דער סערפּ

די קאָסע בליצט און שווינגט,
דער סערפּ פון זון צעגליט.
מיט שטילע, לײַכטע טריט
קומט אָן די פרייד און זינגט
אַ נײַ און מוטיק ליד.

אַ ליכטיקײַט אויף אַלץ
און אַלעמען צעשפּרייט.
דער שניטער איבער פעלדער גייט
און ברויט און פרוכט און זאַלץ
פאַר אַלעמען פאַרגרייט.

די קאָסע און דער סערפּ —
קלינג-קלאַנג! קלינג-קלאַנג!
מיט הילכיקן געזאַנג
אַרום די פולע קערב, —
קלינג-קלאַנג! קלינג-קלאַנג!

ביסט הונגעריק, קום עס!
דו האָסט דאָך עס פאַרזייט, —
גיי אויף מײַן גרויסע פרייד
און זינג צום גרויסן נס,
וואָס איבער אונז געשייט.

קאָסען היי — דופּרע



קאָנסטרוקציע — פון י. ליכטנשטיין

א. לעיעלעס

ניו-יאָרק

מעטאַל, גראַניט, געררויש, געזאַנג, געפּילדער.
אויטאָמאָבילן, הויך-באַן, טיף-באַן, קאַר.
בורלעסק, גראַטעסק, קאַפּייען, קינאָ-בילדער.
עלעקטריש ליכט אין גרילנצנדן ווירוואַר.
געזיכטער פרעמד און בליקן פיינדלאַך-שטאַר.
קיין שמייכל, קיין גוט-מאָרגן פריינדלאַך-מילדער.
און איינזאַמקייט, און ניט געטרייסטער צער
אין אָט דער דרענגעניש כאַאָטיש-ווילדער.

ש. פרוג

דאָס ליד פון דער אַרבעט

אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן מיט ליבשאַפט און היים!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

געבענטשט זאָלן זיין דער וואַרשטאַט, דאָס שפינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפיקער וועג.

דער סערפּ איז פון שטאָל, דער האַמער פון אייזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זיינען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונזער קראַפט, אונזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלאַך איינציקער טריט.

טאַ לויבט זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן מיט ליבשאַפט און היים!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

קאַרל מאַרקס



די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן אָפּגעשטעמפּלט מיט גאָלד צוויי פאַרשטויבטע פענצטער אויף דער וואַנט פון אַ טאַבאַק־וואַרשטאַט, וואו דער אַלטער האַנס פריטשע האָט, אונטערזינגענדיק אַ פרייהייטס־ליד, גע־אַרבעט צוזאַמען מיט נאָך אַ יונגן אַרבעטער. אויפן וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויסער פּאָרטרעט. דער יונגער אַרבעטער האָט זיך טיף פאַרטראַכט אויפן פּאָרטרעט און אַ זאָג געטאָן:

— אַך, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט עפּעס הערן וועגן אים!

— טייערינקער! — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער. — דאָס איז געווען אַ זעלטענער מענטש, איינער פון די זעלטנסטע מענטשן אויף דער וועלט.

— און איר, האַנס, זייט געווען באַקאַנט מיט אים פּערזענלאַך, געדריקט זיין האַנט און גערופן חבר?

— אָ, טייערער! הונדערטער מאָל זיינען מיר געזעסן צוזאַמען און געשמועסט און פאַרבראַכט ביי אַ גלעזל טיי.

— אַך, ווי גליקלאַך וואָלט איך זיך געפילט! איך וואָלט, דאַכט זיך, פון זינען אַראָפּ פון אַזויפיל גליק, הערן אים, ריידן מיט אים, אָנרירן

זיך צו דער האַנט, וועלכע האָט אָנגעשריבן אַזעלכע ביכער, אַזעלכע גרויסע אמת'ן פאַרן אַרבעטער־קלאַס! אפילו איצטער גייט מיר דורך אַ פרייד־ציטער איבער מיין גאַנצן לייב, ווען איך ריר זיך אָן אָן אייער האַנט און דערמאָן זיך, אַז דידאָזיקע האַנט האָט געדריקט זיין האַנט!

— נו, מיין אַלטע האַנט איז דאָ גאָרניט, — האָט אַ שמייכל געטאָן האַנס. — געניאַליטעט איז ניט קיין אָנשטעקנדיקע קרענק און קלעפּט זיך ניט צו פון אָנרירן זיך מיטן האַנט.

— דערציילט עפּעס וועגן אים! — האָט אָנגעהויבן בעטן דער יונגער אַרבעטער, — דערציילט, ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען, ווי אַזוי האָט ער גערעדט, — דערציילט אַלץ!

— אויב דיר ווילט זיך שוין יאָ אַזוי שטאַרק, טאָ הער מיט קאָפּ. מיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, און איך פלעג אָפט אָפּטראָגן די פאַריכטע שיך צו זיי אַהיים. און דעמאָלט האָבן מיר זיך באַקאָנט. קאַרל איז געווען אַ קוטשעראַווער, אַ פלינקס און אַ לעבעדיקס קינד. מיר האָבן זיך ביידע געלערנט אין איין שול. קאַרל איז געווען דער בעסטער שילער. אַלע האָבן אים ליב געהאַט. ווי, ווי, וואָס פאַר אַ מעשיות ער פלעגט דאָס אונז אָנדערציילן! היינט זיינע לידלאַך, וואָס ער פלעגט שרייבן! אַלע אינגלאַך און מיידלאַך פלעגן זיי זינגען.

איך האָב די שול ניט פאַרענדיקט, ווייל איך האָב געמוזט גיין פאַרדינען. קאַרל אָבער האָט די שול פאַרענדיקט. אַוועקגעפאָרן אין בערלין און אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט.

ס'איז דורך עטלאַכע יאָר, און איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אויף אַ מיטינג. קאַרל מאַרקס איז ניט געווען פון די גרויסע רעדנער. נאָר גערעדט האָט ער דייטלאַך, איינפאַך און צו דער זאַך. זיין רעדע איז קיין איינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַפּלאָדיסמענטן. מע האָט אים אויסגעהערט אין אַ טיפן שווייגן. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין רעדע איז געווען ניט קיין געלונגענע.

נאָר אויף מאָרגן, אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס ס'איז געווען אויפן מיטינג, האָב איך פון אַלע רעדעס פאַרגעדענקט בלויז קאַרל מאַרקס רעדע. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט די איבעריקע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר אין וואַרשטאַט. אַז זיי האָבן אָנגעהויבן צו ריידן וועגן מיטינג, האָבן זיי נאָר געדענקט און באַהאַנדלט די רעדע פון קאַרל מאַרקס. אַזאַ טיפן איינדרוק האָט קאַרל מאַרקס געקאָנט מאַכן מיט זיינע איינפאַכע ווערטער.

אז דער מיטינג האָט זיך געענדיקט, האָב איך שוין געקלערט אוועק־גיין אהיים. איך האָב זיך עפּעס געשעמט און עפּעס ווי מורא געהאַט צוצוגיין צו אַזאַ גרויסן און וויכטיקן מאַן, ווי דאָקטאָר קאַרל מאַרקס. אָבער ער האָט מיך באַמערקט און אַ רוף געטאָן ביים נאָמען: „וואַרט צו אַ ווייַלינקע, האַנס!" און דערנאָך צוגעגאַנגען און דערלאַנגט מיר ביידע הענט, און גלייך מיך פאָרגעשטעלט פאַר די פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג: „אָט דאָס איז מיין טייערער חבר, האַנס פריטשע".

מיר זיינען אַלע אוועק אין אַ רעסטאָראַן צוביסן. איך האָב זיך אַפילו אַביסל אונטערגעשעמט, מורא געהאַט ניט אויסזען ווי אַ נאַר צווישן אַזעלכע קלוגע און געלערנטע מענטשן. נאָר איך בין פונדעסטוועגן מיטגעגאַנגען.

אַך, ווען דו וואָלסט, טייערינקער, געהערט, ווי אַזוי קאַרל מאַרקס האָט מיט זיי גערעדט! ווי אַזוי ער האָט דאָס דערוויזן, אַז די בורזשואַזע אָרדענונג מוז פאַלן!

איינער פון זיי האָט אַלץ געהאַלטן אין איין טענה'ן, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט פון אַן ענדגילטיקער רעוואָלוציע: „נאָר אַ בלוטיקע און באַלדיקע רעוואָלוציע וועט באַפרייען דעם אַרבעטער־קלאַס" — האָט ער געזאָגט.

קאַרל מאַרקס האָט אַ שמייכל געטאָן און רויק געענטפערט:

— יאָ, אַ רעוואָלוציע וועט זיין, זי מוז זיין, ווייל אַנדערש קאָן ניט זיין, אָבער נאָך ניט אַזוי גיך, יאָ, נאָך ניט אַזוי גיך: דער אַרבעטער־קלאַס מוז פריער שאַפן אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע, אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, די רעוואָלוציע זאָל האָבן אַ פעסטן פונדאַמענט און זאָל ניט זיין קיין געביידע אויף זאַמד. נאָר שוועמלאַך וואַקסן אויס פאַר איין נאַכט. אָבער זיי לעבן טאַקע מער ניט ווי איין טאָג. אַ דעמב, פאַרקערט, וואַקסט הונדערטער יאָרן, און דערפאַר אָבער לעבן דעמבעווע וועלדער טויזנטער יאָרן. מיר דאַרפן זיין ענלאַך אויף אַ דעמב און ניט אויף אַ שוואָם.

ווען אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז ער מיט מיר אוועק אין דער רעדאַקציע פון דער „ריינישער צייטונג". דעמאָלט האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז ער איז דער רעדאַקטאָר פון אָט דער צייטונג, און אַז ער שרייבט אין איר אַרטיקלען, אין וועלכע ער פאַרטיידיקט די אַרבעטער און אַלע אונטערדריקטע און פאַלט אָן אויף דער רעגירונג. מיט פאַרוואונדערונג האָב איך געקוקט אויף אים, ווי פון אַ קליין אינגל, מיט

וועלכן מיר האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט, איז אויסגעוואַקסן אַזאַ געלערנטער און געבילדעטער מענטש, און איך האָב זיך אָנגעהויבן שעמען און פילן עפּעס אַ מין פּאַרכטיקייט פאַר אים. נאָר אינגיכן האָט מאַרקס מיט זיין חבר'שן האַלטן זיך מיט מיר פאַרטריבן מיין שעמעוודיקייט און פאַרכטי־קייט, און מיר האָבן, ווי גלייכע חברים, מיט גרויס פאַרגעניגן פאַרבראַכט די צייט אין ערינערונגען פון אונזערע קינדערשע יאָרן.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מיט אים גאַנץ אָפט.

שפּעטער, אַז די רעגירונג האָט פאַרמאַכט די „ריינישע צייטונג" פאַר אירע רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען, איז קאַרל מאַרקס אַרויסגעפאָרן פון דייטשלאַנד אין פראַנקרייך און זיך באַזעצט אין פּאַריז. דאָס איז געווען אין 1843 יאָר.

פון צייט צו צייט פלעג איך באַקומען וועגן אים ידיעות, און דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן באַקומען די צייטונג „פאָרווערטס", אין וועלכער קאַרל מאַרקס און אַנדערע באַוואוסטע שרייבער און רעוואָלוציאָנערן האָבן געשריבן. אינגיכן אָבער האָט די רעגירונג אויך די דאָזיקע צייטונג פאַר־מאַכט און מאַרקסן און נאָך אייניקע זשורנאַליסטן אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

קאַרל מאַרקס האָט זיך באַזעצט אין בריוסעל (בעלגיע).

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן אין אונזער קלוב געקומען אָנקומען בריוו מיט אַ ביטע צו שיקן קאַרל מאַרקס אַדרעס. די בריוו זיינען געווען פון פרידריך ענגעלס, נאָר איך האָב דעמאָלט ניט געוואוסט, ווער ער איז, און מיר האָבן, געוויינלאָך, מאַרקס אַדרעס ניט אויסגעזאָגט, ביז מיר האָבן זיך ניט דערוואוסט, אַז ענגעלס איז מאַרקס אַ חבר.

די מאַטעריעלע לאַגע פון קאַרל מאַרקסן איז דעמאָלט געווען זייער אַ געדריקטע, נאָר קיינער פון אונז האָט ניט געוואוסט. ער האָט ניט ליב געהאַט מע זאָל וועגן דעם וויסן. נאָר ענגעלס, דערוויסנדיק זיך זיין אַדרעס, האָט אים אַרויסגעשיקט אַביסל געלט, וועלכע איז אים גאַנץ גוט צונויץ געקומען.

אין 1847 יאָר האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט. נאָר דאָס איז שוין פאָרגעקומען אין לאָנדאָן.

אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך דעמאָלט געפירט אַן אַגי־טאַציע פאַר שאַפן אַ צווישנפעלקערלאַכע פאַראייניקונג פון אַלע אַרבעטער, דאָס הייסט, אַן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, און קאַרל מאַרקסן האָט מען

איינגעלאדן אויסארבעטן די פּראָגראַם פון אָט־דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין לאָנדאָן איז צונויפגערופן געוואָרן אַ קאָנגרעס (צוזאַמענפאָר) אויף צו באַטראַכטן די פּראָגראַם, וואָס מאַרקס האָט אויסגעאַרבעט. מיינע חברים האָבן מיך דעלעגירט אַהין צו באַטייליקן זיך אין דעם קאָנגרעס. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, טייערינקער, קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך ניט פאַרגעסן די צען טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן קאָנגרעס!

קאַרל מאַרקס האָט געלייענט די פּראָגראַם, וואָס איז דערנאָך אָפּגע־דרוקט געוואָרן אונטערן נאָמען „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט". מאַרקס איז געווען פול מיט באַגייסטערונג. מיר אַלע זיינען געזעסן ווי פאַר־כישוף'טע. טרערן האָבן זיך געקייקלט ביי מיר פון די אויגן פון אַנטציקונג. און ניט נאָר ביי מיר אַליין. און אַז ער האָט פאַרענדיקט לייענען די לעצטע שורה: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!", האָט אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן גענומען טרייסלען די שויבן. מיר האָבן גע־פּאַטשט ביז משוגע צו ווערן. איך בין ניט בכוח געווען צו באַהערשן מיין אַנטציקונג און האָב זיך אַ וואָרף געטאָן מאַרקסן אויפן האַלז און היים גענומען אים קושן.

מאַרקס האָט דאָס ניט ליב געהאַט און פלעגט זיך שטענדיק פילן ניט גוט, ווען מע האָט אים אָפּגעגעבן כבוד.

קאַרל מאַרקס האָט אונז אין יענעם טאָג באַוויזן ווער ער איז און וואָס ער איז. אַלע אַרבעטער פון אַלע לענדער דאַרפן זיך פאַראייניקן און דערהויפּט — פאַראייניקן. און אַז מיר זיינען זיך איינאָוונט פאַנאַנדער־געגאַנגען פון קאָנגרעס, האָבן מיר נאָר געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם, אַז די אַרבעטער מוזן זיך פאַראייניקן.

געווען זיינען דאָרטן אויך אייניקע היציקע קעפּ אָן אַ קאָפּ געדולד, וואָס האָבן זיך געקאָכט און גע'טענה'ט, אַז מע מוז שוין אַרויספירן די אַרבעטער אין שלאַכט און טאַקע שוין מאַכן אַ רעוואָלוציע.

נאָר מאַרקס איז געווען צו קלוג און האָט צו גוט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט „מאַכן אַ רעוואָלוציע", וואָס הייסט צונעמען די מאַכט ביי איין קלאַס, ביי דער בורזשואַזיע, און איבערגעבן זי אַ צווייטן קלאַס, דעם פּראָ־לעטאַריאַט. און ער האָט דעריבער געהאַלטן, אַז ס'איז זייער שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז אַ קליין הייפעלע ניט קיין אָרגאַניזירטע אַרבעטער זאָלן צעקלאַפּן אין אָן אָפענעם שלאַכט אַן אָרגאַניזירטן פיינט, גוט באַוואָפנטע, געמושטירטע און דיסציפּלינירטע גרויסע מאַסן אַרמייען פון די קאַפּיטאַ־ליסטן און זיך דערשלאָגן צו עפּעס. ווער עס מיינט אַזוי, הייסט, אַז ער

האָט אַ קנאַפּע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס איז אַזוינס רעוואָלוציע.

דער אַלטער האַנס איז אַנטשווּיגן געוואָרן. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך אויסגעלאָשן און די גאָלדענע פענצטער אויפן וואַנט זיינען פאַרשוואונדן. אין ווארשטאַט איז געוואָרן שטיל.

דער אַלטער האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און מיט אַ באַזונדער ליבע פאַר־קוקט זיך אויפן קליינעם פּאָרטרעט, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש.

— דו, טייערער, — האָט דער אַלטער איבערגעריסן די שטילקייט, — האָסט געהערט וועגן אינטערנאַציאָנאַל. אָט אויף דער קאַרטע איז מאַרקס אַראָפּגענומען אַקוראַט דעמאָלט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרן.

מאַרקס האָט די גאַנצע צייט זיינע אָפּגעגעבן דעם אינטערנאַציאָנאַל. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע מיטינגען. געווען פאָרזיצער אויף די מיטינגען און אויסגעאַרבעט פּראָגראַמען און פאָדערונגען.

די לעצטע יאָרן פלעג איך זיך זייער אָפט זען מיט מאַרקסן.

— איך מוז פאַרענדיקן מיין בוך „קאַפּיטאַל“, — האָט מיר איינמאָל מאַרקס געזאָגט אויפן שפּאַציר. — קיין מער וויכטיקערע זאַך פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, האַלט איך, האָב איך ניט געטאָן, און אויב איך וועל מיין ווערק ניט פאַרענדיקן, וועט קיין אַנדערער פאַר מיר די אַרבעט ניט אָפּטאָן. און צוליב דעם אַליין ווילט זיך מיר אַזוי לעבן, ווי שמערצלאַך עס זאָל מיר נישט זיין יעדער אָטעם מיינער.

איך דאַרף דיר זאָגן, אַז די לעצטע יאָרן זיינע האָב איך אים געזען כמעט שטענדיק אַ קראַנקן, אין בעט. און קראַנקערהייט האָט ער זיך פאַרנומען מיט שרייבן זיין „קאַפּיטאַל“. אָבער דער טויט האָט איבערגע־ריסן זיין אַרבעט (דעם 14טן מערץ, 1883).

נאָך זיין טויט האָט זיין בעסטער חבר און פריינד ענגעלס געבראַכט אין אָרדענונג דעם צווייטן און דריטן באַנד „קאַפּיטאַל“.

דו ווייסט גאָרניט, טייערער, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַרן אַרבע־טער־קלאַס, וואָס ענגעלס האָט זיך גענומען פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. קיין אַנדערער וואָלט דאָס ניט געווען בכוח צו טאָן. מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען אַזוי ווי אַ צווילינג. אייניקע חברים פלעגן זיי אין די אויגן רופן: „דער צווילינג“. אָבער ניט מאַרקס און ניט ענגעלס האָבן זיך קיינמאָל ניט געפונען באַליידיקט פון דעם.

מאַרקס גוטע פריינד האָבן זיך געקליבן שטעלן אים אַ דענקמאָל פון בראָנזע. נאָר דאַרף דען מאַרקס אַ דענקמאָל? זיין שאַפונג איז אים דער

בעסטער דענקמאָל. און כל־זמן עס וועט זיך פירן דער גרויסער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונם אַרבעטער קלאַס, וועט שטענדיק, שטענדיק ביי יעדערן אין האַרצן לעבן דער נאָמען פונם גרויסן מענטשן און גרויסן, גרויסן חבר — קאַרל מאַרקס.

א. רייזען

די וואַנט

(רעוואָלוציאָנער בילד)

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט.
מיר שטייען ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט העק און מיט האַמערס און אייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
פאַרשטעלט אונז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פון פריילאַכן טאָג אונז אַ פינצטערע נאַכט. —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל טרעפט וועמען אין קאָפּ, —
די איבעריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מען לויפט נישט אַוועק: —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער. —
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צוליגן פעסטער זיין האַנט!
מיר וועלן די הויכע, די פינצטערע וואַנט —
צעברעכן, צעברעכן!

נפתלי גראָס

דאָס ליד פון סאַקאָ און וואַנזעטי

סאַקאָ איז געווען א שוסטער,
וואַנזעטי האָט געהאַנדלט מיט פיש;
מע האָט זיי אַריינגעזעצט ביידן
מיט מאַדייראָס אין געפענגעניש.

מאַדייראָס איז געווען אַ מערדער,
האָט גע׳הרג׳עט און געשענדט;
אַז ווי איז געווען צו יענעם,
וואָס איז אים אַריין אין די הענט.

סאַקאָ און וואַנזעטי
האָבן נישט גע׳הרג׳עט, נישט גערויבט;
זייער חטא — וואָס זיי האָבן אַנדערש
ווי די האַרן פון לאַנד געגלויבט.

זיי האָבן גע׳חלום׳ט פון פרייהייט —
דער טויט — אַ פייער אין וועג, —
זיי זיינען געגאַנגען, געגאַנגען
מיט אַן אָפענער ברוסט און אָן שרעק.

סאַקאָ און וואַנזעטי —
צוויי קינדער פון דער נויט,
זיי האָבן מיט שוויים פון פנים
פאַרדינט זייער שטיקל ברויט.

דער תליון האָט צוגענומען,
דאָס, וואָס דעם טויט האָט געהערט;
וואַנזעטי און סאַקאָ געהערן
די לעבעדיקע אויף דר׳ערד.

דערמאָנענדיק זיי ביידן —
געבענטשט זאָל זייער נאָמען זיין,
דאָס האַרץ גייט אויף פון פריידן
מיט טעג פון לויטער שיין.

פון דעם לאַנד פון זון און בלויען —
דאָס לעבן אַ ראָד און סע ראָלט,
האָט זיי דאָס גרויע מזל
פאַרוואָרפן אין לאַנד פון גאָלד.

אין לאַנד פון גאָלדענע געצן,
אין לאַנד פון שקלאַף און האַר;
פאַר די האַרן גאָלדענע געצן,
פאַר די שקלאַפן — טויט און צער.

פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי
די קינדער פון דער נויט;
זיי לעבן מיט די, וואָס לעבן
אַ לעבן פון קאַמף און טויט.

און מיט די אייביקע, די גערעכטע,
צוזאַמען ביי איין טיש
זיצן — סאַקאָ דער שוסטער,
און וואַנזעטי: וואָס האָט געהאַנדלט מיט פיש.

ב. ר אָ ב ע ר ט ס

סאַקאָ און וואַנזעטי

עס איז געווען אינם יאָר 1918. אייראָפּע איז שוין געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון די שרעקלאַכע קרבנות און די רואינירטע היימען. אָבער אַמעריקע האָט זיך ערשט געהאַט צעוואָרעמט. אַלערליי מעשות וועגן דייטשער אכזריות און ברוטאַליטעט, וועלכע אייראָפּע האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרוואָרפן, זיינען אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע און

פארצוקערט געוואָרן אלס ראיעלע סחורה. אמעריקע איז געווען פאַר׳שיכור׳ט פון קריגס־וויין און מלחמה־בראנפן. מלחמה־לידער, האס־געזאנגען האָבן פארהילכט די לופט. יעדער איינער האָט מיט בלוט און געלט געדראפט דינען דעם גאָט מאָלאָך, אזוי האָבן געוואָלט די באנקירן און מוניציע־מאַכער. אונזער געלערנטער פּראָפעסאָר ווילסאָן, דער פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, האָט געהאַלטן גאָלדענע רעדעס, און איינגערעדט דעם אמעריקאנער עולם, אז מיר פירן מלחמה כדי צו ענדיקן מלחמות אויף אייביק, אָדער מיר שלאָגן זיך כדי צו פארזיכערן, אז בלויז דעמאָקראטישע פאָלקס רעגירונגען זאָלן הערשן איבער דער וועלט, אָדער מיר ווילן שלום אָן זיגער און באזיגטע, און ענלאכע פיין־קלינגענדיקע פראזן זיינען באנוצט געוואָרן כדי צו פארפירן די מאסן, און זיי באגייסטערן פאר דער זינלאָזער און ברוטאַלער מלחמה.

אָבער נישט אַלע האָבן זיך געלאָזט פארפירן פון די גלאַטע זיסע רײדעלאך פונם זילבער־צונגיקן וואודראָ ווילסאָן. עס האָבן זיך געפונען גענוג ליכטיקע גייסטער, וועלכע האָבן געזען דעם ברוטאַלן אמת אונטער די „מענטשלאַכע״ פראזן, און זיי האָבן אגיטירט און אויפגעקלערט די ארבעטער דעם אמתן כאראקטער פון דער מלחמה. איינער פון זיי איז געווען דער גרויסער גייסט פון די סאָציאַליסטן — יודזשין וויקטאָר דעבס, אזעלכע זיינען געווען די פירער און מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער יוניאָן — די אינדוסטריעלע ארבעטער (איי דאָבליו דאָבליו), אנארכיסטן און אנדערע ראדיקאַלן.

עס האָבן זיך געפונען אסך איינגעוואנדערטע ארבעטער, וועלכע זיינען אוועק פון די לענדער פון זייער געבורט צוליב דער סאָלדאטשינע און רעגירונגס טעראָר. זיי האָבן ניט געקאָנט פארליידן די נייע רעאקציאָנערע כוואַליע. זיי האָבן ניט געקאָנט רואיק צוזען ווי די ארבעטער לאָזן זיך פארפירן און פארנארן פון די רייכע. זיי האָבן אָנגעהויבן אגיטירן קעגן דער מלחמה. זיי האָבן אויך אויפגעקלערט די ארבעטער, אז איצט איז די צייט אויסצוקעמפן בעסערע ארבעטס־באדינגונגען. איינער פון די קעמפער איז געווען אנדריי סאַלסעדאָ, אן איטאַליענער. ער האָט אגיטירט צווישן די איטאַליענישע מאסן קעגן דעם זינלאָזן בלוט פארגיסן. ער האָט גערעדט קעגן דעם בלוטיקן קרייץ־צוג פון די אמעריקאנער סאָלדאטן, וועלכער וועט לאָזן נאָך טויזנטער מענטשן אויפן שלאַכט־פעלד, מער טרערן, מער אלמנות מיט יתומים. ער ווערט ארעסטירט און געפייניקט און גע־מוטשעט פון די געהיים־אַגענטן. איינמאָל ביי אזא אונטערזוכונג, וואו

מ׳האָט געוואָלט אַז ער זאָל אַרויסגעבן חברים קעמפּער, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, פֿאַלט ער אַראָפּ פֿון פּערצנטן שטאָק פֿון דער פּאָליציי־געביידע אין ניו־יאָרק. זיין טויט מאַכט אַ רושם צווישן די ראַדיקאַלע אַרבעטער, און צוויי מוטיקע קעמפּער, וועלכע האָבן אָנגעפֿירט ראַדיקאַלע טעטיגקייט און סטרייקס צווישן די אַרבעטער אַרום באָסטאָן, נעמען זיך אויספֿאָרשן די סיבות און אומשטענדן פֿון סאַלסעדאָס טויט. זיי ווייזן אָן מיט מאַטעריאַלן, אַז סאַלסעדאָ איז נאָכדעם ווי מ׳האָט אים געמוטשעט, פּשוט אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, ווייל טויטע שווייגן.

די פּאָליציי הייבט אָן זוכן מיטלען ווי אַזוי צו פּאַקן די צוויי אומדערשראָקענע קעמפּער. אָבער ווי אַזוי? דאָס זיינען דאָך ערלאַכע, קרישטאָל־ריינע מענטשן. זיי אַרבעטן שווער, און אין זייער פֿרייער צייט גיבן זיי פֿאַרשטעלונגען צו זאַמלען שטיצע פֿאַר סטרייקער אָדער פֿאַר פּאָליטיש פֿאַרפֿאָלגטע. אמת, זיי זיינען איטאַליענער, פֿרעמדע. סאַקאָ, פֿון אַ דאָרף אין דרום איטאַליע, און וואַנזעטי, פֿון אַ שטעטל אין צפֿון־איטאַליע. אָבער דאָס איז דאָך נישט קיין פֿאַרברעכן. זיי האָבן זיך נישט געשטעלט צום מיליטער, אָבער ס׳איז דאָך שוין נאָך דער מלחמה. זיי זיינען אַנאַרכיסטן, אָבער פֿילאָזאָפֿישע. וואָס טוט מען? מען זוכט עפּעס אַ פֿאַרברעכן, פֿאַר וועלכן זיי צו משפּטן, און מ׳געפֿינט. ניט ווייט פֿון וואַנזעטיס הויז ווערט באַגאַנגען אַ רויב־מאָרד. מ׳אַרעסטירט זיי. קיין באַווייזן זיינען ניטאָ. זיי זיינען געווען מיילן ווייט פֿון דעם אָרט פֿון פֿאַרברעכן. קיין געלט האָט מען ביי זיי ניט געפֿונען. און בכלל איז סאַקאָ אַ גוטער, שטילער שוסטער און וואַנזעטי אַ רואיקער פֿיש־הענדלער. קעגן אַלע דערוואַרטונגען ווערן זיי פֿאַר׳משפּט צו שטאַרבן אויפֿן עלעקטרישן שטול. זיי זיינען פֿרעמדע, איטאַליענער, און נאָך אַנאַרכיסטן דערצו. די אַריסטאָקראַטישע באָסטאָן און יענקיש־פּאַטריאָטישע מאַסאַטשוזעטס האָרף אַזעלכע נישט.

עס הייבט זיך אָן אַ קאַמף פֿאַר זייער באַפֿרייאונג. אַלע סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלן און ליבעראַלן אָרגאַניזירן קאָמיטעטן, מ׳זאַמלט געלט, מ׳שטעלט אָן די בעסטע לאַיערס, אָבער באָסטאָן זאָגט זיך אָפּ צו געבן די מאַרטירער אַ נייעם פּראָצעס. די אומשולד פֿון די צוויי פֿאַר׳משפּט׳ע איז אַזוי זיכער, אַז אין אַלע לענדער פֿון דער וועלט ווערן געהאַלטן פֿאַרזאַמלונגען, געלערנטע שיקן מאַניפֿעסטן און ביטעס צו גאָווערנאָר פֿולער פֿון מאַסאַטשוזעטס, בעטנדיק אַ נייעם פּראָצעס, מ׳ווענדט זיך צו די העכסטע ריכטער פֿון לאַנד, אָבער אומזיסט. דער גאָווערנאָר, דער פֿאַר־

טרעטער פון די זאטע עקספּלואטאטאָרס, האָט באַשלאָסן אַז זיי מוזן שטאַרבן. גאַנץ אַמעריקע איז אויפגעטרייסלט. סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און סתם ראַדיקאַלן זיינען עולה רגל קיין באָסטאָן, פּרואוון זען דעם גאָווערנאָר, אָבער קיין זאַך קאָן נישט בייטן די עקשנות פון גאָווערנאָר.

אַ טאָג פאַרן טויט האָבן סאַקאָ און וואַנזעטי געשריבן אַ בריוו צו די אַרבעטער:

— בלויז צוויי פון אונז וועלן שטאַרבן, אָבער אונזער קאַמף אויף דער גאַנצער וועלט וועט לעבן!

אין זיין לעצטן בריוו, וואָס סאַקאָ האָט געשריבן צו זיין זון, זאָגט ער צו אים:

— געדענק שטענדיק און העלף די שוואַכערע, וואָס דאַרפן הילף, העלף די אונטערדריקטע, וועלכע זיינען דיינע בעסטע פריינט. זיי זיינען דיינע חברים, וואָס קעמפן און שטאַרבן, ווי דיין טאַטע און וואַנזעטי, פאַר דער פרייהייט פון דיין קלאַס.

דעם 22־טן אויגוסט, 1927, נאָך צוועלף ביינאַכט, זיינען זיי ביידע העלדיש געשטאָרבן אויפן עלעקטרישן שטול.

די אַרבעטער געדענקן זיי אַלס העראָאישע מאַרטירער.

מלחמה

יעקב אַדלער

* *
*

מיר ווועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן —
די פעלדער די ברייטע — זיי שטייען אין גריבער
צעגראָבן.
מיר ווועלן קיין שאָף און קיין רינד אויפן פעלד מער
ניט האָבן —
די פעלדער — זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים
און ראָבן...
די ביימער — זיי שטייען באַלאָדן מיט עפּל
און באַרן —
זיי ווועלן אַזוי אויף די צווייגן פאַרפוילן,
פאַרדאַרן...
די אינגסטע, די קרעפטיקסטע מענטשן — זיי שטייען
אין פלאַקער —
ניטאָ, ווער ס'זאָל זייען און פלאַנצן און פירן
דעם אַקער.
די פעלדער — זיי זיינען פאַרנומען מיט מתים
און ראָבן —
מיר ווועלן קיין קאָרן, קיין ווייץ און קיין גערשטן
ניט האָבן...

י. פרידמאַן

איך געזעגן זיך מיט דער מאַמען

(זכרונות פון אַ אידישן סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי)

מיט רויטע אויגן פירט מיך מיין מאַמע צו דער באַן.

אינדערהיים האָט זי זיך געהאַט גוט אויסגעוויינט, ביז דער קוואַל פון טרערן האָט זיך ביי איר אויסגעטריקנט. זי האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט, אַז זי וועט זיך פאַרהאַלטן רואיק, האָב איך איינגעוויליקט זי זאָל מיט מיר פאָרן קיין פילאַדעלפיע, פונוואַנען מען האָט מיך געזאָלט אָפּשיקן אין קעמפּ.

אין וואַגאָן זיצן מיר ביים פענצטער, איינס אַנקעגן אַנדערן. מיר קוקן זיך איין ווי די באַן טראָגט זיך איבער וואַלד און פעלד, פאַרביי שטעטלאַך. מיר רעדן ניט איינס צום אַנדערן, און דאָס טוט מיר באמת הנאה: אַז מען רעדט, וויינט מען.

די „לאָקאַל באָארד", וואו איך באַדאַרף זיך מעלדן, איז באַלאַגערט. די גאַנצע גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן.

איך לאָז מיין מאַמען שטיין אינדרויסן. מיט מיינע עלנבויגנס שטופּ איך זיך דורך אַ וועג צום אַריינגאַנג.

אַ פאַרשוויצטער קום איך צו צו איינעם, וואָס טיילט אויס די רעקרוטן זייערע פּאַפּירן.

איך שטיי און וואַרט אויף מיין ריי. אין האַנט האַלט איך דאָס קאַרטל, וואָס מען האָט מיר צוגעשיקט פון וואַשינגטאָן, אַז מען רופט מיך צו מיליטער־דינסט. איך גיב דעם מאַן דאָס קאַרטל, ער קוקט אַריין אין דעם, קוקט אויף מיר, גייט צו צו אַ טיש, נעמט עטלעכע פּאַפּירן און גיט מיר צוויי פון זיי. מיט אַ שמייכל זאָגט ער מיר, איך זאָל וואַרטן אינדרויסן, מען וועט אונז באַלד אויסשטעלן און פירן צום וואָקזאַל.

איך האָב די לעצטע מינוטן פאַר מיין אָפּפאָר געוואָלט פאַרבלייבן אַליין מיט מיין מאַמען. איך פרעג דעם באַאַמטן:

— קענט איר מיר, כ'בעט אייך, זאָגן, פון וועלכן וואָקזאַל מיר פאָרן אַוועק?

— פון נאָרד פילאַדעלפיע, — ענטפערט ער מיר און איז שוין באַשעפטיקט מיט אַן אַנדערן.

איך לאָז זיך גיין צו דער טיר. מען שטופּט מיר אַריין אַ פּעקל עסן אין דער האַנט. אַ רייך־געקליידטע דאַמע גיט מיר אַ וואָלענעם סוועטער מיט צוויי פּאָר זאָקן פון דעמזעלביקן ברוינעם קאָליר. איך באַדאַנק איילנדיק און לויף אַרויס צו מיין מאַמען.

זי שטייט און קוקט מיט צעשראָקענע אויגן אויף דעם גרויסן עולם. אין דער קורצער ווײַלע, וואָס איך בין געווען פון איר אַוועק

און האָב געוואָרט אויף מיינע פּאַפּירן, איז איר פּנים נאָך מער בלאַס געוואָרן...

דער פרימאָרגן איז אַ קאַלטער. דער הימל, פול מיט וואָלקנס, באַהאַלט הינטער זיך די זון, וואָס שפּאַרט זיך און וויל אונז באַשיינען.

דער עולם, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט ביים וואָקזאַל, איז אַ סך גרעסער ווי ביי דער „לאָקאַל באָארד". עס זעט אויס ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט אונז געקומען באַגלייטן. מאַמעס האַלטן זייערע קינדער אויף די הענט און העצקען זיי צום טאַקט פון דער מוזיק, וואָס שפּילט פּאַטריאָטישע לידלאַך.

אָפיצירן לויפן אַרום, זוכן אימיצן. פּאָליציילייט אויף פערד טרייבן דעם עולם צוריק אויף די טראָטואַרן, — מען דאַרף מאַכן פּלאַץ פאַר די טויזנטער רעקרוטן, וואָס קומען אַלץ אָן אין באַגלייטונג פון מוזיק. קינדער וויינען, ווייבער חלש'ן פון ענגשאַפט. פאַלט ווער אום, ווערט ער צעטראָטן פון טויזנטער פיס. באַאַמטע פון „רויטן קרייץ" טיילן אויס די רעקרוטן שאָקאָלאַד און פרוכט. אַלע ווילדע הערט זיך אַ ווילד אויסגעשריי פון דער מאַסע: הוראַ! הוראַ! עס פאַרהילכט די אויערן... טאַטעס און מאַמעס האַלטן אַרומגענומען זייערע זין, זאָגן זיי אָן, זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף זיך, זאָלן שרייבן אַלע טאָג.

די „באָיס" שטייען מיט די פּעקלאַך אין די הענט און קוקן אויף דעם גרויסן עולם. אַלץ קוקט אויס אַזוי מאָדנע... אַ חלום. מיידלאַך געזעגענען זיך מיט זייערע „באָיס" און שרייען זיי נאָך:

— דאָנ'ט פאָרגעט, האָני, ברינג מי דהי קאַיזערס העד פאָר אַ סואוועניר.

איך קוק זיך גוט איין אין די פּנים'ער פון די רעקרוטן. אַ סך זיינען פריילאַך און אַ סך זיינען טרויעריק. זיי לאַכן און וויינען. איך ווער נערוועז פון דעם טומל. און אָט דערזע איך ווי ס'קומען די רעקרוטן פון מיין „לאָקאַל באָארד".

מיין האַרץ הייבט אָן שטאַרקער קלאַפּן. איך דערפיל, אַז עפּעס טוט מיר דאָרט ווי: איך פאַר טאַקע אַוועק... פון דעם שפּאַס איז געוואָרן אַן ערנסט.

איך שטרענג אָן מיינע לעצטע כחות זיך אַביסל צו מענטשלען. איך היט זיך, אַז מיין מאַמע זאָל ניט דערזען אַ טרויער אויף מיין

פנים. טרעף איך זיך צוזאַמען מיט אירע בליקן, שמייכל איך צו איר, אָבער אינעווייניק אין האַרצן וויין איך.

אַפּיצירן פּייפן מיט זייערע קליינע פּייפלאַך און שרייען צו אונז, מיר זאָלן אַריינגיין אין די וואַגאָנען. מען הייבט אָן זיך געזעגענען. מען האַלדזט זיך, מען קושט זיך, מען וויינט. עס באַווייזן זיך טויזנטער ווייסע טיכעלאַך, מען ווישט די אויגן, די נעז, און ווידער די אויגן. די מענטשן האַלטן שוין די טיכעלאַך אין די הענט, כדי צו פאַרשפּאָרן אַלעמאָל צו קריכן אין זייערע קעשענעס אָדער האַנט־טאַשן.

איך געזעגן זיך צוערשט מיט עטלאַכע פריינד, וואָס זיינען געקומען מיך באַגלייטן. איך טו אַ קוק אויף מיין מאַמען, זי האַלט זיך קוים אויף די פיס. מיר איז זייער שווער זיך צו געזעגענען מיט איר... איך וואָלט איצט געוואָלט האָבן עטלאַכע טויזנט פריינד, כדי איך זאָל וואָס שפּעטער זיך דאַרפן געזעגענען מיט מיין מאַמען. איך זע ווי זי האַלט איין אירע טרערן, מיט אירע לעצטע כחות מידט זי זיך צו פאַרבלייבן רואיק.

איך נעם זי אַרום. איך האָב מורא אַרויסצורעדן אַ וואָרט: איך פיל, אַז קוים עפן איך דאָס מויל, וועל איך זיך צעוויינען... אַ ווײַלע האַלטן מיר זיך אַרומגענומען, מיר קושן זיך. זייער שטיל זאָג איך:

— זיי געזונט, מאַמע.

די ווערטער האָבן אַפילו מיינע ליפּן ניט אָנגערירט. זי ענטפערט מיר ניט. איר שווייגן איז אָנגעפילט מיט ווייטיק, מיט צער... זי איז זיכער ביי זיך, אַז קיינעמס ווייטיק איז ניט אַזוי גרויס ווי אירער. זי האַלט מיך פעסט אַרומגענומען מיט אירע בלייכע, צאַרטע הענט, וואָס ציטערן אַזש פאַר שרעק... זי דריקט מיך שטאַרק צו איר האַרץ, קושט מיך אָן אויפהער און רעדט ניט קיין וואָרט. זי שווייגט. איר שווייגן רייסט מיר אַרויס אַ שטיק פון מיין נשמה...

עס דערהערט זיך נאָכאַמאָל דאָס פּייפן און דאָס שרייען, מיר זאָלן אַריין אין די וואַגאָנען. איך קוש מיין מאַמען און וויל זיך פון איר באַפרייען. דריקט זי מיך נאָך שטאַרקער צו צו זיך און פּלאַצט אַרויס אין אַ ביטער געוויין... איר קול שניידט דורך אַלע הערצער, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט. מיט איר געשריי שרייט זי איבער אַלע אָרקעסטערס, וואָס שפּילן אויף זייערע מעשענע כלים. זי קלאָגט: וואוהין נעמט איר מיין קינד? איר פירט אים צו דער

שחיטה!...

דער גאַנצער עולם וויינט, קוקנדיק אויף מיין מאַמען.

איך שטיי אַ פאַרשטיינערטער. עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער גאַנצער עולם איז געקומען צו מיין לויה און מ׳באַקלאָגט מיך, דעם טויטן... איך ווייס ניט און קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס איך וויין נישט. איך בין טרויעריק. מיין מאַמעס קולות שניידן מיך דורך און דורך און מיינע אויגן זיינען טרוקן. די טרערן, אַנשטאָט זיי זאָלן זיך גיסן פון מיינע אויגן, רינען זיי גאָר אין האַלדז אַריין, און איך שלינג זיי, איך וואָרג זיך מיט זיי.

איך הער דעם לעצטן רוף: אין די וואַגאָנען! איך נעם נאָך־אַמאָל אַרום מיין מאַמען און בעט זיך ביי איר:

— מאַמע, איך בעט דיך, טו מיר צוליב און הער אויף וויינען און קלאָגן. דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דיין וויינען קען מיר גאָר־נישט העלפן.

איך מאַך נאָס מיט מיינע טרערן מיין מאַמעס הענט, וואָס גלעטן מיין פּנים. איך האָב מיינע טרערן ניט געפילט ווען זיי האָבן זיך געקייקלט אויף מיינע באַקן. איך האָב זיי ערשט דערזען, ווען זיי זיינען פון מיינע באַקן אַראָפּגערונען אויף מיין מאַמעס הענט. פּלוצלונג פּלאַץ איך אַרויס אין אַ ביטער געוויין און מיר וויינען שוין ביידע, איך און מיין מאַמע. מיר דריקן שטאַרק צו אונזערע פּנים׳ער איינס צום אַנדערן, אונזערע טרערן מישן זיך אויס.

איך שטופּ זיך צו צו אַ פענצטער און שטעק אַרויס מיין קאָפּ. מיין מאַמע דערזעט מיך, זי וויל צוגיין נענטער צו מיר. פּאָליציי לאָזט ניט. מיר זיינען איצט אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן — פרעמדע...

זי שטייט און שאָקלט שוואַך מיטן קאָפּ. זי וויינט נישט מער, זי האָט שוין מער קיין כח נישט... איך זע ווי זי כליפּעט. איך האָב אויף איר מער רחמנות ווי אויף זיך. איך שריי צו איר: „גוד באַי, מאַמע!" איך לאָז צו איר און טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן. איך בין ווייט פון איר און איך בין זיכער, אַז זי זעט ניט מיינע טרערן. זי הערט נאָר מיין שרייען און מיין לאַכן. איך וויל פאַר־גרינגערן איר ווייטיק.

לאַנגזאַם באַוועגט זי מיט איר האַנט און זאָגט שטיל:

— גוד באַי, גוד באַי.

דער צוג הייבט זיך אָן רירן, די מוזיק שפּילט שטאַרקער, דער עולם אויפן וואָקזאַל און די רעקרוטן פון די וואַגאָנען שרייען מיט משונה'דיקע קולות: „גוד באַי, גוד באַי!" דער צוג הייבט אָן גיין אַביסל שנעלער, לאָזט איבער נאָך זיך אַ שוואַרצן, געדיכטן רויך מיט גרויע פלעקן. מיט מיינע לעצטע כחות שפּאַר איך אַרויס אַ האַלבן קערפּער דורכן פענצטער, נאָכאַמאָל אַ קוק צו טאָן אויף מיין מאַמען. איך שריי צו איר, אָבער זי הערט מיך שוין ניט. זי שטייט ווי אַ צעטומלטע און קוקט מיט אירע געשוואָלענע רויטע אויגן אויף דעם צוג, וואָס טראָגט מיך אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פון איר, ביז מיר פאַרשווינדן.

ש. ראַסין

מע טרייבט...

מחנות'ווייז סאָלדאַטן
טרייבט מען דורך פאַרביי,
זין צוויי מיט אַ טאַטן
צוזאַמען אַלע דריי.
פוס אין פוס גלייך טרעטן,
איינס און צוויי און דריי,
צוויי זין מיט אַ טאַטן
טרייבט מען דורך פאַרביי.

מחנות'ווייז סאָלדאַטן,
גרויע און מיט בערד,
פירן נאָך האַרמאַטן,
רייטנדיק אויף פערד.

פאַרנט מוזיקאַנטן
שפּילן שטאָלץ אַ מאַרש,
אַ ניגון אַ באַקאַנטן,
שאַגאָם, שאַגאָם, מאַרש!

עס שפּילן מוזיקאַנטן,
עס פּויקט און פּויקט דער פּויק,
נאָך דעם מאַרש באַקאַנטן
טראָט נאָך טראָט זיך לייגט.

נאָר די קעפּ געבויגן,
דאָס פּנים — מיד און בלאָס —
טויזנט פּייכטע אויגן
באַגלייטן זיי אין גאָס.

עס גייען נאָך די ווייבער
מיט אַ יאָמעריי,
עס פּויקט און פּויקט דער פּייקל:
איין, און צוויי, און דריי.

עס פּויקט און פּויקט דער פּויקער
איינס, און איינס און צוויי, —
אַ מאַמע מיט אַ זויג-קינד
באַגלייט זיי מיט געוויין...

קענען וואָס און וועמען,
פֿאַר וועמעס האָב און גוטס,
טרייבט מען זיי ווי לעמער
פֿאַרגיסן זייער בלוט?

איך קוק און קען ניט שטילן —
מע טרייבט זיי און מע נויט:
קעגן זייער ווילן
אויף פּיין, אויף מאָרד, אויף טויט...

י. פרידמאַן

ביינאַכט

קיין טראַנשייען זיינען ניטאָ. מיר ליגן אויף אונזערע בייכער, אויסגעצויגן אויף דער בלאָטיקער ערד. אונזערע אויגן זיינען אָנגעשטרענגט צו „זיי" — די פּיינט...

מיט אונזערע לאָפּעטעס האָבן מיר טיפער געמאַכט אונזערע

גריבער, וואָס זייערע גראַנאַטן האָבן אויסגעריסן, און מיר ליגן אין זיי.

די נאַכט איז אַ פינצטערע. איינער זעט ניט דעם צווייטן. מיר הערן נאָר דאָס קרעכצן און וויינען פון די פאַרוואונדעטע. אפילו די, וואָס זיינען ניט פאַרוואונדעט, קרעכצן אויך. מיר האָבן מורא פאַר די קוילן, וואָס זיי שיסן צו אונז אַריבער אין די מיליאָנען. לעבן מיר ליגט אַן איטאַליענער. ער האָט פאַר זיך אויסגעגראָבן אַ טיפע גרוב, כמעט ביזן האַלדז. איך קוק צו אים, אָבער איך קען אים נישט זען. איך האָב פלוצלונג מורא געקראָגן צו ליגן אַליין. איך האָב געוואָלט זיין נאָענט צו אימיצן: אינצווייען איז אַביסל גרינגער, דער פחד פאַר דער פינצטערניש איז נישט אַזוי גרויס, און מען קען אין דער שטיל ריידן, און דאָס פאַרטרייבט אַביסל דעם שרעק. איך קריך צו אים צו און איך זע אים נישט. איך רוף זיין נאָמען: טאָני, טאָני, וועהער אַר יו? וואו ביסטו? — ער ענטפערט מיר שטיל, און איך זיץ שוין לעבן אים.

— ווי פילסטו זיך, ברודער? — פרעג איך אים.

— נאָ גוד, — ענטפערט ער מיר, און זיין קול ציטערט. — אַי העוו פעינס אָל אָווער מאַי באָדי (איך האָב שמערצן אין מיין גאַנצן קערפּער).

— האָסט מורא? — פרעג איך אים שטיל.

— יעס, איך האָב מורא. איך פיל זיך שלעכט, מיין האַרץ טוט מיר וויי. פּליז, גיב מיר אַ טרונק וואַסער, — בעט ער זיך ביי מיר.

— האָסט ניט קיין וואַסער? — פרעג איך אים פאַרוואונדערט.

— ניין, — ענטפערט ער מיר, קוים וואָס ער רעדט, — איך האָב אַלץ אויסגעטרונקען.

איך הייב זיך אָן שלאָגן מיט דער דעה, צי איך זאָל אים געבן וואַסער אָדער ניט. וואָס וועט זיין, אַז מען וועט אונז מאָרגן ניט קענען צוברענגען קיין וואַסער אַהער? ווי מעג איך אַוועקגעבן מיין לעצט ביסל וואַסער? אויפן שלאַכט-פעלד איז דאָך דאָס טייערער פון עסן. מיר קענען דאָך דאָ אויסגיין, ווען עס זאָל אויספעלן אַ טרונק וואַסער. באַלד אָבער פאַלט מיר איין: ווי קען איך אים אָפּזאָגן?...

איך רוק אים אַריין אין די הענט מיין פלאַש מיט וואַסער. ער כאַפּט זי אַרום און טרינקט. איך פיל, אַז ער טרינקט אַביסל צו

לאַנג. איך האָב מורא, אפשר טרינקט ער אויס אינגאַנצן, גיב איך אַ שטאַרקן שלעפּ די פלאַש פון זיין מויל. ער בעט זיך ביי מיר, איך זאָל איבערליגן די נאַכט מיט אים אין גרוב, אָבער איך וויל ניט. זי איז שמאָל און טיף. ווען עס פאַלט אַריין אַ גראַנאַט אַהין, אין דער ענגשאַפט, מוז מען צעריסן ווערן אויף שטיקלאַך.

— קום אין מיין גרוב, — זאָג איך אים, — זי איז ברייטער, זי איז באַקוועמער. מיר קענען נאָך מיט אונזערע לאָפּעטקעס אויסגראָבן אַביסל טיפער, וועט אונז גאָר זיין גוט צו ליגן.

ער קריכט אַרויס. איך פיל, אַז זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך, און מיר ליגן שוין ביידע אין מיין גרוב.

„זייער" אַרטילעריע האָט אָנגעהויבן פויקן. די גראַנאַטן פאַלן נאָענט פון אונז. מיר זינקען מיט אונזערע קעפּ טיף אין דער בלאָטע. איך בויג זיך נאָך טיפער אַרונטער און ער נאָך טיפער. יעדער איינער וויל אָפּהיטן נאָר זיין אייגן לעבן.

אונזערע שונאים הייבן אָן שיסן מיט עלעקטרישע ראַקעטן. דער פראָנט ווערט ליכטיק אויף אַ פּאָר מינוט. זיי זוכן אונז, זיי ווילן אויסגעפינען וואו מיר ליגן. ביים שיין פון דעם שונא׳ס ליכט דערזע איך מיין שכן, דעם איטאַליענער. ער זיצט איינגעדרייט אינדרייען; זיינע אויגן זיינען איבערגעשראָקן; זיין פּנים איז אויסגעשמירט אין בלאָטע. פון ביימאָג ביז איצט האָט ער זיך שטאַרק פאַרענדערט; ער לייגט פלוצלונג אַרויף זיינע הענט אויפן האַרץ, שעפּטשעט מיט די ליפּן אַ תפילה צו גאָט... ער רעדט צו מיר:

— איך האָב מורא, אַז מיר וועלן פון דעם פראָנט קיין לעבעדיקע נישט אַרויס...

איך ענטפער אים ניט. ער רעדט ווייטער. איך הער ניט וואָס ער רעדט. איך טראַכט: אפשר איז ער גערעכט, מיר וועלן פון דאַנען קיין לעבעדיקע נישט אַרויס...

אַ שוויים באַגיסט מיך. אַ מורא באַפאַלט מיך. דאָס וואַרטן אויפן טויט איז נאָך ערגער ווי דער טויט אַליין. אַז מען ווערט געטראָפן פון אַ גראַנאַט, ווערט מען באַפרייט פון דעם מאַטערניש, אָבער דאָס וואַרטן... אָ, דאָס מאַכט אונז גרוי און אַלט, און בעת מיר ליגן דאָ און וואַרטן אויפן טויט, בעטן מיר ביי גאָט, ער זאָל אונז שענקען דאָס לעבן. קיינער פון אונז וויל נישט שטאַרבן...

מיר ליגן אויף דער נאַסער ערד, מיר וואַלגערן זיך אין שמוץ

און אין עיפוש... די לייז פרעסן אונז לעבעדיקערהייט; מיר הונגערן, מיר שלאָפן ניט זיבן-אַכט מעת-לעת נאָכאַנאַנד. קומט צופליען אַ גראַנאַט פון ז י י, רייסט עס אונז אָפּ לונג און לעבער. און כל זמן מיר זשיפּען נאָך, ווילן מיר ניט שטאַרבן. פאַרקערט, דאָס לעבן ווערט אונז נאָך טייערער. מען קען עס גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבן, ווי שטאַרק עס ווילט זיך דאָ לעבן אויפן שלאַכט-פעלד. מיר ווילן דאָ ניט שטאַרבן, ווייל מיר זעען ווי מיאוס און עקלהאַפט דער סאָלדאַט שטאַרבט אויפן שלאַכט-פעלד.

ער רופט: „מאַמע!“... נישטאָ קיין מאַמע. ער רופט מיט זיינע לעצטע כחות נאָך הילף, און ווען די הילף קומט, איז ער שוין טויט. מען שטאַרבט עלנט, קיינער הערט זיך ניט צו צו אונזערע לעצטע געשרייען. קיינעם אַרט ניט אונזער וויינען און קלאָגן. יעדער איינער איז פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם „איך“. מיר ווילן ניט שטאַרבן אויפן שלאַכט-פעלד, אַז ווילדע פייגל זאָלן מיט זייערע שנאָבלען אויספּיקן אונזערע לייבער...

ניין, ניין, איך וויל דאָ ניט שטאַרבן! טראַכט איך ווייטער. איך האָב געזען, ווי אַ גרויסער אויסגעדאַרטער שוואַרצער הונט האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום אַ געפאַלענעם, טויטן סאָלדאַט. ער האָט געשמעקט זיין קערפּער. דאָס איז געווען אַ מלחמה-הונט, פון ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט אַהער, אַ הונגעריקער, און האָט געריסן שטיקער פון דעם טויטן קערפּער און געפרעסן.

אַלץ קען טרעפן אויפן שלאַכט-פעלד. עס פּאַסירן אַזעלכע זאַכן, וואָס קיין מענטשלאַכער מוח קען עס זיך ניט פאָרשטעלן, וואָס קיין מענטשלאַכער געדאַנק קען עס גאָר ניט באַגרייפן, סיידן מען זעט עס אַליין מיט די אייגענע אויגן.

איך ליג אין מיין „קבר“ און לעב נאָכאַמאָל איבער די שוידער־לאַכע פּאַסירונגען, און עס רייסט זיך אַרויס אַ שווערער זיפץ פון מיין האַרץ, צוזאַמען מיט אַ קללה אויף די מענטשלאַכע בעסטיעס, וואָס האָבן געבראַכט צו אַ מלחמה.

נאָענט פון אונז ליגן אַ פּאָר טויטע. זען קען מען זיי ניט — עס איז שטאָק-פינצטער; נאָר איך ווייס וואו זיי ליגן. פאַרנאַכט האָב איך געזען, ווי זיי האָבן זיך געמוטשעט מיטן טויט, ביז דער מלאך-המות האָט זיי באַפרייט פון זייערע יסורים.

מיר קריכן צו זיי צו, מיר ציען אראָפּ די אויבער־מאַנטלען פון זיי און מיר דעקן זיך צו.

„זיי" דאַרטן טראַסקען און פויקן. עס בליצט און עס דונערט, די ערד טרייסלט זיך אונטער אונז. מיר טוליען זיך איינס צום צווייטן. דאָס בייזע פייפן און עקספּלאָדירן פון די גראַנאַטן וואַרפט אויף אונז אַרויף אַ פּחד, מיר ווערן פאַרצווייפלט, מיר קריצן מיט די ציין. איך פיל, אַז אָט־אָט פּלאַצט מיין מוח, אַז איך גיי אַרונטער פון זינען... איך גיב זיך אַליין צוויי שטאַרקע קולאַקעס אין פּנים אַריין — אפשר וועט דער ווייטיק פאַרטרייבן דעם שרעק פאַר „זיי". איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אַ סך סאָלדאַטן זיינען משוגע געוואָרן פאַר מורא, און איך וויל ניט זיין איינער פון יענע; איך וויל ניט משוגע ווערן.

אונזער אַרטילעריע האָט גענומען אַריבערשיקן גראַנאַטן צו זיי. איבער אונזערע קעפּ פליען קאַנאַנען־קוילן, און דאָס האָט אונז אַביסל באַרואיקט.

איך ליג און קוק אויפן הימל: פון שוואַרץ איז ער געוואָרן בלוי. עס האָט גענומען ווערן ליכטיקער. דער גאַנצער פראָנט איז איינגעטונקען אין אַ טומאַן. איך שטרענג שטאַרק אָן מיינע אויגן, זע איך אין דער ברייט אַ לאַנגע ליניע מיט סילועטן: דאָס זיינען אונזערע, זיי דרייען מיט די קעפּ, זייערע אייזערנע היטלען זיינען באַדעקט מיט אַ ווייסן שוים, מיט טוי. די טויטע ליגן אין פאַרשיידענע פּאָזיציעס. מיר העלפן די פאַרוואונדעטע, פאַרבינדן זייערע וואונדן. זיי וויינען און קלאָגן, אַז עס טוט אַזוי ווי... אַ גאַנצע נאַכט האָט פון זיי גערונען דאָס בלוט. איך קוק אויף זיי און טראַכט: ניט איינעם פון זיי וועט מען נאָך היינט אָפּשניידן אַ פוס, אַ האַנט. איך בין זיי מקנא: קריפּלס דאַרף מען דאָ ניט האָבן; זיי וועט מען אַהיים שיקן — און איך?... ווי לאַנג וועל איך זיך נאָך אַזוי מוטשען?...

איך שטאַרב רייכערן אַ סיגאַרעטל. אַ גאַנצע נאַכט ניט גערייכערט. מ'טאָר ניט, מ'האָט מורא, אַז דער שונא וועט דערזען אַ שטיקל פייער. ס'איז נאָך טונקל, אָבער איך קען שוין ניט אויסהאַלטן און איך שטעל זיך איין. איך לעב דאָך נאָר מיט ניסים. איך וואַרף אַריבער מיין רעגן־מאַנטל איבער מיין קאָפּ און פאַררייכער. איך צי דעם רויך און וואַרג זיך מיט אים. איך וויל וואָס

גיכער אויסרייכערן. איך וויל ניט, אַז אימיצער פון אונזערע זאָל מיך פּאַקן. איך שלעפּ אַרונטער דעם רעגן־מאַנטל פון מיין קאָפּ און ווישׁ אָפּ דעם שווייס פון פּנים. מיר וואַרטן אויף באַפעלן, דערווײַלע ווערן געטראָפן עטלאַכע פון אונזערע. איך הער זייערע געשרייען: העלפט! העלפט! „אַי עם הוירט!„ (איך בין פאַרוואונדעט).

דער איטאַליענער צלמ׳ט זיך און רעוועט ווי אַן אָקס אומ־פאַרשטענדלאַכע ווערטער. איך דערשרעק זיך פאַר אים: מיר ווייזט זיך אויס, אַז ער איז משוגע געוואָרן...

מיטן אָנקומען פון דעם מאָרגן האָבן זיי אונז אויסגעפונען. זיי רייסן פון אונז שטיקער אָן אַן אויפהער. די גראַנאַטן רייסן אויף די ערד, אַ באַרג מיט ערד הייבט זיך אויף אין דער הייך און מיר ווערן פאַרשאָטן. און ווער ס׳איז ניט שטאַרק גענוג אַרויסצוקריכן, דער ווערט דערשטיקט. אַ גראַנאַט פאַלט לעבן אונזער גרוב. איך הער דעם טראַסק און ווער פאַרשאָטן מיט ערד. איך שריי: מ אַ מ ע!... מיין מוח אַרבעט, איך פאַרליר זיך ניט, כאָטש איך בין פאַרצווייפלט. מיט מיינע לעצטע כחות האַלט איך איין דעם אָטעם און קריך אַרויס. איך זוך מיין שכן, אָבער איך זע אים ניט. איך וויש אויס די בלאָטע פון מיינע אויגן, דערזע איך אים אַ דריי יאַרד אַוועק פון מיר — עס האָט אים אַוועקגעטראָגן.

ער קרעכצט... איך רוק זיך צו צו אים און פרעג:

— ביסט פאַרוואונדעט?

ער ענטפערט ניט, נאָר ער קרעכצט. זיין פּנים איז געל, פאַר־קרימט, זיינע אויגן קען ער ניט האַלטן אָפן. איך זע ווי ער מוטשעט זיך זיי צו האַלטן אָפן, ער עפנט זיי און זיי פאַלן צוריק צו. איך וויל אויסגעפינען, וואו ער איז פאַרוואונדעט, כדי צו העלפן אים פאַרבינדן די וואונד. איך הייב אָן אַרונטערצושאַרן די ערד פון אים. איך נעם אָן צוויי גרויסע הויפנס נאַסע, רויטע ערד. איך טו שנעל אַ צי אַרונטער פון אים זיין מאַנטל, און עס שלעפּט זיך מיט זיין רעכטע האַנט... זיין בלוט קאָכט און שפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן... מיינע קליידער, מיין פּנים ווערן רויט פון זיין בלוט...

פלוצלונג עפנט ער זיינע אויגן און פרעגט שוואַך:

— וואו בין איך געטראָפן, אין האַנט אָדער אין פוס?

זיין גאַנצער קערפּער איז אים אָפּגעשטאָרבן. ער פילט שוין ניט קיין ווייטיק און ווייסט ניט וואו עס האָט אים געטראָפן.

מיין חבר איז געלעגן אַרום פערציק יאַרד אַוועק פון מיר. נעכטן פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געזען. מיר האָבן געוואוסט איינער פון צווייטן, וואו מיר האָבן זיך איינגעגראָבן. ער האָט געזען ווי אַ גראַנאַט האָט עקספּלאָדירט דאָרט, וואו איך בין געלעגן, איז ער אונטער אַ רעגן פון קוילן צו מיר צוגעלאָפן און אָן אָטעם האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— דו לעבסט?

— איך לעב נאָך דערווייל, — האָב איך אים געענטפערט, — אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אים? — ווייז איך אים אויף דעם איטאַליענער, וואָס האָט שוין געהאַט גע׳גוסס׳ט.

מיר קענען אים איצט גאָרניט העלפן. די קוילן פליען צווישן אונז, אַזוי ווי היישעריקן. מיין חבר פרעגט אים עפּעס, און יענער — קוים וואָס ער רעדט אַרויס „מאַ“... ער קען קוים באַוועגן מיט דער צונג. איך זע ווי זיין פנים הייבט אָן שוויצן. איך כאַפּ מיין קאַנטין וואַסער און שטופּ עס אים אַריין אין מויל. איך גיס און עס גיסט זיך צוריק אַרויס; ער קען שוין ניט שלינגען... איך זע ווי זיין צונג פירט אַ פאַרצווייפלטן קאַמף מיט זיינע ציין, וואָס האָבן פאַר אים פאַרשלאָסן דעם וועג. איך וואָלט איצט געוואָלט מיט געוואַלט אויפרייסן זיין מויל און הערן זיינע לעצטע ווערטער.

ער איז אויסגעגאַנגען. ער האָט זיך ניט געמוטשעט, ער האָט ניט געפילט קיין ווייטיק, ער האָט אפילו ניט געכאָרכלט אַזוי ווי די אַנדערע וואָס שטאַרבן. זיין פנים איז געווען רואיק, אַ קליין ביסל פאַרקרימט. מיר האָבן אים צוגעדעקט מיט זיין מאַנטל. מיר זיינען אַריינגעקראָכן אין גרוב און געוואַרט אויף דעם שרעקלאַכן באַפעל, אויף דעם באַפעל, וואָס מאַכט אונז משוגע — „אַוועק די טאַפּ!“...

דריי סאָלדאַטן

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרהוילענע טריט,
די טראַנשייען פאַרלאָזט,
און אין פעלד זיך געלאָזט,
אויף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער טונקעלער נאַכט.

וואַלקנס רונד, וואַלקנס הויך,
ערד און הימל און רויך;
שווערד געשאַרפט, קויל געגרייט,
און פון אומרו באַגלייט, — —
זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרבאַרגענע טריט.

קוקט דער טויט פון דער זייט,
ס'איז דער שונא ניט ווייט,
שאַ, די קניען געבויגט,
און אויף דר'ערד זיך געלייגט,
אויף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער טונקעלער נאַכט.

טיאַך און טיאַך, מיטאַמאָל,
צי פון באַרג, צי פון טאָל,
טוען שאָטנס אַ שפּרונג,
גיבן מעסערס אַ קלונג, — — —
אָן אַ רוף, אָן געשריי,
אַלע דריי ליגן זיי.

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרהוילענע טריט,
זיך געלאָזט אינם וועג,
און אויף אייביק אַוועק,
אויף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער פינצטערער נאַכט.

י. פרידמאן

אַ ציג מעקעט

דאָס מעקען פון אַ ציג וואַרפט אויף מיר אָן אַ שרעק. זי יאָמערט און שרייט מיט פאַרצווייפלטע קולות, פונקט אַזוי ווי מיר שרייען, ווען מיר ווערן פאַרצווייפלט. איך שטעל אָן מיינע אויערן און הער זיך איין, פונוואַנען די געשרייען טראָגן זיך. איך זע אַ שטיבל עטלאַכע מעטער אַוועק פון דעם אָרט, וואו איך ליג. דאָס מעקען ציט מיך צו זיך. איך פיל, אַז איך וועל זיך ניט באַרואיקן, ביז איך וועל נישט זען די ציג, וואָס וויינט אַזוי הארצרייסנדיק. איך האָב דאָך שוין אין מיין לעבן געהערט ווי ציגן מעקען און בעקען, אָבער אַזוי וויינען און רעווען האָב איך נאָך ניט געהערט. איך זאָג צו מיין חבר:

— הערסט, אַ ציג וויינט... אויפן שלאַכטפעלד וויינען אַלע...

אויף אַלע פיר הייב איך אָן צו קריכן אַהין, צו דער שטומער באַשע־פעניש. מיין חבר בעט זיך ביי מיר:

— פאָלג מיך, גיי ניט אַהין. דו שטעלסט איין דיין לעבן.

ווי נאַריש עס איז אָבער צו טראַכטן פון לעבן, אַז איך געפין זיך דאָ. איך הער זיך ניט צו צו אים. איך זאָג אים, אַז איך וועל באַלד זיין צוריק און איך קריך פון אים אַוועק.

אויפן וועג פאַלן קוילן נאָענט פון מיר. אַזוי ווי די בינען פליען זיי פאַרביי מיינע אויערן. איך צי זיך אויס אויפן בויך און די קוילן פאַלן אָן אויפהער. זאָל עס מעגלאַך זיין, אַז זיי האָבן מיך דערזען?... איצט קאָן איך שוין נישט צוריקקריכן צו מיין גרוב און אויך ניט אַהין פונוואַנען עס הערט זיך דאָס מעקען פון דער ציג. איך קוק אין דער זייט וואו מיין חבר געפינט זיך. ער שרייט עפּעס אַריבער צו מיר. פאַר גרויס אויפרעגונג הער איך ניט, וואָס ער שרייט. עס טוט מיר שוין באַנג פאַרוואָס איך האָב אים ניט געפאָלגט...

די קולות פון דער ציג הילכן אָפּ שטאַרק אויפן פרייען פעלד. מיט אַנגסטן רוק איך זיך אויף מיין בויך, ווי אַ שלאַנג, און קריך צו צום הויז.

דאָס הויז האָט נאָר דריי ווענט, די פערטע איז אינגאַנצן איינגעפאַלן. איך גיי אַריין אינעווייניק, דערזע איך שטיין אַ ראָבע ציג, צוגעבונדן מיט אַ דיקער שטריק צו אַ הילצערן בעט. דאָס בעט איז איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף. די ציג האַלט זיך קוים אויף אירע דאַרע פיס און אַ הויכער ביין שטעקט אַרויס פון איר רוקן. אירע אויגן זיינען פייכט...

ווען זי האָט מיך דערזען, איז זי שטיל געבליבן. זי האָט אויסגעדרייט צו מיר איר קאָפּ און שוואַך, זייער שטיל האָט זי אַרויסגעקרעכצט: בע־בע. לעבן איר איז געשטאַנען אַ האַלבער עמער מילך. אין אַ ווינקל איז גע־שטאַנען אַ פּעסל מיט וואַסער. איך געפין אַ כלי, שעפּ אָן אַביסל וואַסער און גיב דער ציג צו טרינקען. מיט דעם וואַסער, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין דער כלי, האָב איך באַגאָסן איר קאָפּ. איך האָב זי אַביסל אָפּגעפרישט.

אויף דער ערד קאַטשען זיך פעדערן און פליען איבער דער שטוב. אַ הילצערנע שאַפע ליגט איבערגעקערט און טעפלאַך וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

איך גיי אַרויס אויף דער גאַס. די ציג זעט מיך ניט מער. הייבט זי ווידער אָן רעווען. איך דריי זיך אַרום דעם הויז און ביי דער טיר דערזע איך אַ טויטן — אַ ציווילער מאַן ליגט אויפן בויך. עס גיט מיר אַ שטאַרקן שווינדל פאַר די אויגן. איך בין צוגעוואוינט נאָר צו טויטע סאָלדאַטן.

ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו דער טויטער ליגט, דערזע איך אַ גרויסע גרוב. איך קוק אַריין אינעווייניק. איך דערזע דאָרט אַ גאַנצע פאַמיליע. זיי דערשרעקן זיך פאַר מיר, זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין אַמערי־קאַנער סאָלדאַט. איך זאָג צו זיי אין דייטש:

— שרעקט זיך ניט, איך בין אַן אַמעריקאַנער.

און ווי איך האָב נאָר אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אַמעריקאַנער", האָט זיך אַ פרייד אויסגעשפּרייט אויף זייערע אויסגעמוטשעטע פּנים'ער.

איך קוק זיך צו ווי זיי ליגן, איינער אָנגעשפּאַרט אויפן צווייטן, און פרירן. עס איז סוף אָקטאָבער און עס איז שוין גוט קאַלט. איך שטיי ביים גראָבן און רעד צו זיי אַרונטער:

—פון ווען אָן ליגט איר דאָ? — פרעג איך זיי.

אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר 30 ענטפערט מיר, אַז זיי ליגן דאָ פון נעכטן אָן. ווען זיי האָבן דערהערט דאָס שיסן פון אונזער אַרטילעריע, זיינען זיי אַרונטערגעלאָפן אין קעלער. דאָרט האָבן זיי דערהערט, אַז דאָס הויז פאַלט איין, ווייל אונזער אַרטילעריע האָט געטראָפן גלייך אין הויז אַריין. דער שונא איז געלעגן אין דעם גראָבן און האָט געשאָסן מיט מאַשין־ביקסן. שפּעטער, ווען ער איז געווען געצוואונגען פונדאַנען צו אַנטלויפן, זיינען זיי אַרויסגעקראָכן פון קעלער און זיך באַהאַלטן אין דעם גראָבן.

— ווער איז ער? — פרעג איך און ווייז אָן מיט דער האַנט אויף דעם טויטן.

— דאָס איז מיין ברודער, — ענטפערט זי מיר.

א וואָלקן באדעקט איר פּנים.

איך זיץ ביים גראָבן און הער זיך איין צו אירע רייד. פלוצלונג פאַלט א קויל נאָענט פון אונז און איך ליג שוין אין גראָבן גלייך מיט זיי. איך קוק זיך צו צו די צוויי יונגע קינדער, וואָס ליגן דאָ, א אינגל פון א יאָר צוועלף און א מיידל פון א יאָר ניין. זייערע פּנים'ער דריקן אוים געבעט, אזוי ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן ביי מיר: „האָב אויף אונז רחמנות. ראַטעווע אונז!"

איך לייג אריין מיין האַנט אין קעשענע און געפין דאָרט א פּאַרדאַרט קיכל. איך צעברעך עס אויף צוויי טייל און טייל זיי איין. זיי כאַפּן די שטיקלאַך קיכל און קוויקן זיך. די פרוי באַדאַנקט מיר.

אין גראָבן ליגט אויך אַן אַלטע פרוי פון עטלאַכע־און־אכציק יאָר. איר פּנים איז געל און צעקנייטשט. אירע הענט זיינען באַדעקט מיט בלויע אָדערן. ארום איר מויל איז שוואַרץ־בלוי. זי ליגט און ציטערט. די יונגע פרוי דערציילט מיר, אַז די אַלטע איז איר עלטער־באָבע. זי איז אַ קראַנקע און קען זיך ניט רירן פון אָרט.

* * *

ניין אַזייגער אינדערפרי קריגן מיר א באַפעל צו אַוואַנסירן. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר דאַרפן אַוואַנסירן אזוי, אַז אונזער אַרטילעריע זאָל זיך ניט לאָזן הערן מיט צוויי־דריי שעה פריער איבער אונזערע קעפּ.

אויפן וועג קומען אונז אַן אַנטקעגן גאַנצע מחנות מענטשן, מענער, פרויען און קינדער. זיי לויפן ווי טשערעדעס צעשראָקענע שעפעלאַך. א סך פון זיי זיינען צעבלוטיקט. זיי לויפן פון די שטעטלאַך ארום.

עס דערטראָגט זיך דער ריח פון גאַז. מיר טוען שנעל אָן אונזערע גאַז־מאַסקעס. אָבער זיי, די אָרימע מענער, פרויען און קינדער זיינען אינגאַנצן אומבאַשיצט, זיי שרייען, זיי וויינען, פאַלן צו דער ערד, טרינקען זיך אָן מיט גאַז. זיי ברעכן מיט בלוט, זייערע פּנים'ער אויפגעלאָפן און זיי ווערן דערשטיקט.

א בלאַסע פרוי מיט צעשויבערטע האָר לויפט צו צו מיר. זי וויינט און קלאָגט פאַר מיר: „וואו איז א דאָקטאָר?"... זי האַלט א קינד אויף די הענט, א מיידעלע מיט א קאָפּ בלאָנדע לאָקן.

— צו וואָס דאַרפסטו א דאָקטאָר? — פרעג איך זי.

—עפּעס איז מיט מיין קינד, — וויינט זי פאַר מיר.

זי דערציילט מיר, אַז די גאַנצע נאַכט איז זי מיטן קינד געלעגן אין קעלער. זיי האָבן דערפילט דעם גאַז, וואָס דער שונא האָט אַריבערגעשאָסן.

איך באַטראַכט דאָס קינד און זאָג איר:

— דיין קינד איז טויט.

זי שרייט מיט פאַרצווייפלטע קולות:

— וואו איז דער דאָקטאָר? ראַטעוועט מיין קינד!...

איך מוז גיין ווייטער. אין איילעניש זאָג איך צו איר:

— פאָלגט מיך און גייט אוועק פונדאַנען.

איך ווייז איר אָן, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג זי זאָל גיין. דאָרט וועט זי זיין אויסער געפאַר. זי לויפט אוועק פון מיר, ווי אַ משוגע'נע, און האַלט אין איין שרייען:

— אַ דאָקטאָר! אַ דאָקטאָר!

די גאַסן זיינען שוואַרץ פון די אַלע מענטשן, וואָס קומען אונז אַנטקעגן. זיי לויפן דערשראָקענע, זיי זיינען האַלב-משוגע. אַז עס קומט צופליען אַ קויל, ציען זיי זיך אויס אויף דער ערד און שרייען ארויס אומפאַרשטענדלאַכע ווערטער. זיי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט, אַז ווען מען הערט דאָס בייזע פייפן פון אַ קויל, דאַרף מען זיך וואַרפן אויף דער ערד. אַמאָל העלפט עס און אַמאָל ניט. זיי הייבן זיך אויף פון דער ערד און לויפן ווייטער. אַלע ווילן אַנטלויפן פון טויט.

עס קומט אַנטקעגן אַ טשערעדע פון זעקס-און-צוואַנציק ווייסע שעפעלאַך. דער פאַסטוך טראָגט דאָס אינגסטע שעפעלע אויף די הענט. ס'איז זייער שוואַך און ס'קען ניט גיין. דער פאַסטוך דערציילט מיר, אַז דריי מעת-לעת איז ער מיט די שעפעלאַך געלעגן באַהאַלטן אין אַ קעלער. ער האָט מורא געהאַט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן ניט צונעמען די שעפעלאַך. זיי נעמען צו אַלץ, וואָס זיי טרעפן אונטער דער האַנט. ער וויינט פאַר מיר:

— איך און מיינע שעפעלאַך זיינען הונגעריק. דעם ערשטן טאָג, וואָס מיר זיינען געלעגן אין קעלער, האָבן מיר נאָך געהאַט עפּעס צו עסן. איך האָב פאַרזאָרגט. איצט אָבער — ס'איז שוין צוויי מעת-לעת, אַז מיר האָבן מער ווי אַביסל וואַסער ניט פאַרזוכט.

איך הער זיך צו צו זייער בעקען און מעקען. זייערע קולות מישן זיך אויס מיט די מענטשלאַכע קולות. זיי דערמאָנען מיך אָן דער ראַבער ציג.

א. רייזען

מלחמה

„אָ, מאַמע, כ׳וויל אַביסל מילך,
ס׳איז טרוקן מיר מיין גומען“...
— מיין קינד — אַ בייזער פאַסטוך האָט
די אַלע קי פאַרנומען.

טאָ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ ביס,
דעם הונגער מיר צו שטילן! —
— ניטאָ, מיין קינד, אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן.



אין ריי נאָך ברויט (מלחמה־בילד) פון נ. מ. מינקאָווסקי

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

„טאַ, וואו־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונז עסן קריגן?"
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

דער טאַטע איז אויך איצט אין פעלד —
דו הערסט מיין קינד אַ ברומען?
ער איז אַוועק, ער איז ניטאָ,
ער וועט שוין קיינמאָל קומען.

ו. גאַרשין

אויפן שלאַכט־פעלד

1

איך געדענק, ווי מיר זיינען געלאָפן איבערן וואַלד, ווי די קוילן האָבן געהודזשעט, ווי די צווייגעלעך האָבן זיך געבראָכן, געטראָפן פון די קוילן, ווי מיר האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די געדיכטע קוסטעס. מ'האָט געשאָסן אַלץ אָפטער און אָפטער. דורך די ביימער, ביים ראַנד פון וואַלד, האָט עפּעס אַ רויטס געפינקלט, באַוועגט זיך. סידאָראָוו, אַ יונגער סאָלדאַט, האָט זיך פלוצלונג אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד און שווייגנדיק געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע דער־שראָקענע אויגן. פון זיין מויל האָט גערונען בלוט.

יאָ, איך געדענק דאָס אַלץ גוט. איך געדענק אויך, ווי איך האָב צווישן די געדיכטע קוסטעס שוין גאָר ביים ברעג וואַלד דערזען — אים. דאָס איז געווען אַ ריזיקער דיקער טערק. איך האָב זיך אָבער אַ לאָז געטאָן גלייך צו אים, כאָטש איך בין געווען שוואַך און מאָגער. עפּעס האָט אַ קלאַפּ געטאָן, עפּעס איז דורכגעפלויגן לעבן מיר, ס'האָט געקלונגען אין די אויערן. „דאָס האָט מען געשאָסן אויף מיר," — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. און יענער האָט מיט אַ שרעק־לאַכן געשריי זיך צוגעשפּאַרט מיטן רוקן צום געדיכטן קוסט. ער וואָלט זיך געקאָנט באַהאַלטן פון יענער זייט, נאָר פאַר שרעק האָט

ער גאַרנישט פאַרשטאַנען און איז אַלץ געקראָכן אויף די שטעכיקע צווייגן. מיט איין קלאַפּ האָב איך אים אַרויסגעשלאָגן די ביקס פון דער האַנט, מיטן אַנדערן האָב איך ערגעץ אַריינגעשטעקט מיין שפּיז. עפּעס האָט אַנגעהויבן ברומען, אַ טיפער קרעכץ. נאָכדעם האָב איך זיך געלאָזט ווייטער. אונזערע האָבן געשריען „הוראַ“, געפאַלן, געשאָסן. איך געדענק, אַז איך האָב אויך עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן — דעמאָלט בין איך שוין געווען אויף אַ פרייען פּלאַץ, הינטערן וואַלד. מיטאַמאָל האָט מען אַנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו שרייען: „הוראַ“, און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווייטער. דאָס הייסט, ניט מיר, נאָר אונזערע, ווייל איך בין געבליבן הינטער אַלעמען. איך האָב עפּעס גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז... און פּלוצלונג איז אַלצדינג געוואָרן שטיל: מ'האָט ניט געהערט קיין שיסעריי, ניט קיין געשרייען. דאָס האָב איך אויך ניט געקאָנט פאַר־שטיין. איך האָב ניט געהערט גאָרניט און נאָר געזען עפּעס בלאָעס: אַפּנים דעם הימל. נאָכדעם איז אַלצדינג פאַרשוואונדן.

איך ליג אויפן בויך און זע פאַר זיך נאָר אַ קליין שטיקל ערד. עטלעכע גרעזעלאַך, אַ מוראַשקע קריכט און שלעפּט עפּעס, אַ פּאָר טרוקענע צווייגעלאַך. דאָס אַלץ זע איך נאָר מיט איין אויג, ווייל דאָס צווייטע איז פאַרדעקט מיטן צווייגל, אויף וועלכן ס'ליגט מיין קאָפּ. מיר איז זייער ניט באַקוועם צו ליגן אַזוי, און איך וויל זיך אַ הייב טאָן, נאָר איך פאַרשטיי ניט, פאַרוואָס קאָן איך זיך ניט רירן. די צייט גייט. איך הער ווי אַ גריל טשירקעט ערגעץ אין גראָז, אַ בינעלע זשומעט. ענדלעך שטרענג איך זיך אָן, באַפריי די רעכטע האַנט און, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט ביידע הענט אָן דער ערד, פּרואוו איך זיך שטעלן אויף די קני.

אַ שאַרפער ווייטיק שניידט דורך מיין גאַנצן קערפּער פון די קני ביזן קאָפּ, און איך פאַל אַנידער. ווייטער פינצטער — און מער גאָר־נישט.

איך הייב זיך אונטער און זעץ זיך. דאָס איז זייער שווער, ווען ביידע פיס זיינען איבערגעבראָכן. עטלעכע מאָל פּרואוו איך זיך זעצן — און קאָן ניט. ענדלעך זעץ איך זיך אויף. פאַר גרויס ווייטיק באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן.

הויך איבער מיר אַ שטיקל בלוי־שוואַרצער הימל, וואו עס ברענט

איין גרויסער שטערן און עטלאַכע קלייניגקע. אַרום און אַרום — עפּעס הויכס, טונקלס. דאָס זיינען קוסטעס. איך ליג צווישן די קוסטעס: מ׳האָט מיך ניט געפונען!

איך פיל, ווי די וואָרצלען פון די האָר רירן זיך אויף מיין קאָפּ.

ווי קום איך אָבער צו די קוסטעס, אַז דערשאָסן האָט מען מיך דאָרט, אויפן פרייען פּלאַץ? אפשר איך בין שוין אַ פאַרוואונדעטער צוגעקראָכן אַהער, ניט ווויסנדיק, וואָס ס׳טוט זיך מיט מיר. און מערקווירדיק! איצט קאָן איך זיך ניט רירן, און דעמאָלט האָב איך זיך נאָך געקאָנט דערשלעפּן ביז די דאָזיקע קוסטעס. און אפשר האָב איך נאָך דעמאָלט געהאַט נאָר איין וואונד, און די צווייטע קויל האָט מיך שוין געטראָפן דאָ.

מאַט־ראָזע פלעקן האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַרום מיר. דער גרויסער שטערן איז געוואָרן בלאַסער, די עטלאַכע קלייניגקע זיינען פאַרשוואונדן, דאָס גייט אויף די לבנה. ווי גוט עס איז איצט אינ־דערהיים!

עפּעס הער איך מאָדנע קולות... אַזוי ווי אימיצער קרעכצט. יאָ, מען קרעכצט. אפשר ליגט דאָ אימיצער, אַ פאַרלאָזענער ווי איך, מיט איבערגעבראָכענע פיס, אָדער מיט אַ קויל אין בויך? ניין, דאָס קרעכצן הערט זיך אַזוי נאָענט, און אַרום מיר איז ניטאָ, דאַכט זיך, קיינער... גאָט אין הימל, דאָס קרעכץ איך דאָך אַליין! אַזוי שטיל, טרויעריק; טוט מיר טאַקע אַזוי וויי? מסתמא יאָ, נאָר איך פיל ניט דעם ווייטיק; דער קאָפּ איז ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. בעסער זיך ווידער לייגן און אַנטשלאָפן ווערן, שלאָפן, שלאָפן... צי וועל איך אָבער ווען אויפוואַכן? דאָס איז אַלץ איינס.

אין דער מינוט, ווען איך וויל זיך לייגן, שפּרייט זיך אויס אַ ברייטער פּאַס לבנה־ליכט אויף דעם אָרט, וואו איך געפין זיך, און איך זע ניט ווייט, אַן ערך פינף טריט פון מיר, ליגט עפּעס אַ גרויס און אַ טונקלס. ערטערווייז פינקלט אויף אים דאָס ליכט פון דער לבנה: דאָס זיינען די קנעפּלאַך, אָדער דאָס געווער. אפשר אַ טויטער, אָדער אַ פאַרוואונדעטער.

אַלץ איינס; איך לייג זיך.

ניין, ס׳קאָן ניט זיין. אונזערע זיינען ניט אַוועק. זיי זיינען דאָ, זיי האָבן פאַריאָגט די טערקן און זיינען געבליבן אויף דער פּאָזיציע. פאַרוואָס־זשע הערט מען ניט ריידן. פאַרוואָס ברענען ניט קיין

פייערס? מסתמא הער איך ניט, ווייל איך בין צו שוואַך. זיי זייַנען געווים דאָ.

„ראַטעווע! ראַטעווע!"...

ווילדע, הייזעריקע געשרייען רייסן זיך אַרויס פון מיין ברוסט, און קיין ענטפער איז ניטאָ. הילכיק קלינגען זיי אין דער נאַכטיקער לופט. אָבער אַלץ שווייגט אַרום און אַרום. נאָר די גרילן טשירקען ווי פריער, אָן אַן אויפהער. די לבנה קוקט אויף מיר רחמנות'דיק מיט איר קיילאַכדיקן פנים.

ווען ער וואָלט געווען אַ פאַרוואונדעטער, וואָלט ער זיך אויפֿגעכאַפּט פון אַזאַ געשריי. דאָס איז אַ טויטער. אונזערער אָדער אַ טערק? אַך, גאָט! ס'איז דען ניט אַלץ איינס?... דער שלאָף לאָזט זיך אַראָפּ אויף מיינע מידע אויגן.

2

ס'איז אָבער הייס. די זון באַקט. איך עפן די אויגן, זע די אייגענע קוסטעס, דעם אייגענעם הימל. יאָ, ס'איז אַ טערק, אַ טויטער. ווי גרויס ער איז! איך קען אים, דאָס איז דער זעלביקער...

פאַרוואָס האָב איך אים געטויט?

אָט ליגט ער אַ טויטער, אַ פאַרבלוטיקטער. צוליב וואָס האָט אים זיין מזל געבראַכט אַהער? ווער איז ער? אפשר האָט ער ערגעץ, ווי איך, אַן אַלטע מוטער. לאַנגע אָוונטן וועט זי זיצן ביי דער טיר פון איר אָרים הייזל און קוקן צום וויַיטן צפון: אפשר גייט איר טייערער זון, איר טרייסט און איר איינציקע שטיצע אויף דער עלטער?...

און איך? איך וואָלט זיך אַפילו געביטן מיט אים. ווי גליקלאַך ער איז: ער הערט ניט קיין זאַך, ער פילט ניט דעם ווייטיק פון די וואונדן, ניט דעם טויטלאַכן פיין, ניט דער דאָרשט... אויצ זיין מונדירזע איך אַ גרויסע שוואַרצע לאַך, אַרום דער לאַך — בלוט. דאָס האָב איך געטאָן.

איך האָב דאָס ניט געוואָלט. איך האָב קיינעם ניט געוואונטשן קיין בייז, ווען איך בין געגאַנגען אויף דער מלחמה. אַז איך וועל אויך דאַרפן טויטן מענטשן, איז מיר ניט געקומען אויפן געדאַנק. איך האָב זיך נאָר אויסגעמאָלט, ווי איך וועל אויסשטעלן מיין

ברוסט אַנטקעגן די קוילן. און איך בין געגאַנגען און האָב אויס־געשטעלט.

בין איך דען שולדיק, וואָס איך האָב אים געטויט? אין וואָס באַשטייט מיין שולד? פאַרוואָס פייניקט מיך דער דאָרשט? דאָרשט! ווער פאַרשטייט דען דאָס וואָרט? ווען מיר האָבן ביי אַ שרעקלאַכער פערציק־גראַדיקער היץ מאַרשירט איבער רומעניע צו פופציק וויאָרסט אַ טאָג, האָב איך ניט געפילט דאָס, וואָס איך פיל איצט. אָך, ווען אימיצער זאָל נאָר קומען!

גאָט, מיין גאָט! ביי אים איז דאָך צוגעבונדן אַ גרויסע פלאַש. מסתמא איז אין איר דאָ וואַסער! ווי קום איך אָבער צו איר? איך וועל קריכן, פויזן, זאָל זיין, וואָס ס'זאָל זיין! איך מוז צוקומען אַהינצו.

איך קריך. די פיס שלעפּן זיך נאָך, די אָפּגעשוואַכטע הענט קאָנען קוים אונטערהאַלטן דעם אומבאַוועגלאַכן קערפּער. ביז דעם טויטן איז ניט מער ווי אַ פּאָר קלאַפטער; נאָר פאַר מיר איז דאָס ערגער ווי צענדליקער וויאָרסט. פונדעסטוועגן מוז מען קריכן. אין האַלדז ברענט, בראָט, ווי מיט פייער. אָן וואַסער וועל איך גיכער שטאַרבן. פונדעסטוועגן, אפשר...

און איך קריך. די פיס טשעפּען זיך אָן דער ערד, יעדער ריר מאַכט דעם ווייטיק נאָך שמערצלאַכער. איך שריי, שריי און קריך דאָך. אָט איז ער שוין. אָט איז די פלאַש... ס'איז דאָ וואַסער — אַ סך וואַסער! מער ווי אַ האַלבע פלאַש. אָ! וואַסער וועט מיר קלעקן אויף לאַנג... ביזן טויט!

דו ראַטעוועסט מיך, מיין קרבן!... איך האָב גענומען אָפּבינדן די פלאַש, אָנגעשפּאַרט דעם גוף אויף איין האַנט. פּלוצלונג האָב איך פאַרלאָרן דאָס גלייכגעוויכט און געפאַלן מיט פּנים אויף דער ברוסט פון מיין רעטער. פון אים האָט זיך שוין געטראָגן אַ שטאַרקער ריח פון פוילקייט.

איך האָב געטרונקען. דאָס וואַסער איז געווען וואַרעם, אָבער ניט פאַרדאָרבן. און געווען איז אַ סך. איך וועל נאָך לעבן עטלאַכע טעג.

נו, און ווייטער? אויב איך וועל איבערלעבן נאָך פינף־זעקס טעג, וואָס וועט זיין דערפון? אונזערע זיינען אַוועק, קיין ווער איז אין דער געגנט ניטאָ. אַלץ איינס — שטאַרבן. איך האָב נאָר פאַר־

לענגערט די גסיסה פון דריי טעג אויף זיבן.

ניין, מ׳טאָר ניט פאַרלירן דעם מוט. איך וועל זיך האַלטן ביזן סוף, ביז די לעצטע כוחות. אויב מ׳וועט מיך געפינען, בין איך דאָך געראַטעוועט. מעגלאַך, אַז די ביינער זיינען גאַנץ, מ׳וועט מיך היילן, איך וועל זען די היים, די מאַמען, מאַשען...

זאָלן זיי בעסער ניט געוואָר ווערן דעם אמת! זאָלן זיי מיינען, אַז איך בין געשטאָרבן מיטאַמאָל. וואָס וועלן זיי פילן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב זיך געמאַטערט צוויי, דריי, פיר טעג!

דער קאָפּ דרייט זיך. מיין וועג צום שכן האָט מיך שטאַרק פאַרמאַטערט. און דער שרעקלאַכער ריח! ווי שאַרף ער איז געוואָרן... וואָס וועט זיין מיט אים מאָרגן אָדער איבערמאָרגן? איך ליג דאָ נאָר, ווייל איך האָב ניט קיין כוח זיך אָפּצורוקען. לאָמיר זיך נאָר אָפּרוען, וועל איך אַריבערקריכן צום פריערדיקן אָרט. דער ווינט בלאָזט פון דאָרטן, וועט ער אַוועקטראָגן דעם שרעקלאַכן גערוך.

איך ליג אָן כוחות. די זון ברענט דאָס פּנים און די הענט. ס׳זאָל שוין כאָטש קומען די נאַכט; דאָס וועט, דאַכט זיך, שוין זיין די צווייטע.

די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך מיר און איך הער אויף עפּעס פילן..

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך אין מיליטערישן שפּיטאָל. לעבן מיר שטייען דאָקטוירים, באַרעמהערציקע שוועסטער, און אַחוץ דעם זע איך דעם באַקאַנטן פּנים פון אַ באַרימטן פּעטערבורגער פּראָפעסאָר, וועלכער שטייט אַריבערגעבויגן איבער מיינע פּיס. זיינע הענט זיינען פאַרבלוטיקט. ער טוט עפּעס מיט מיינע פיס און נאָכדעם זאָגט ער צו מיר:

— נו, ס׳איז נאָך אייער גליק, יונגערמאַן! איר וועט בלייבן לעבן! איין פוס האָב איך געמוזט אָפּשניידן; נאָר דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט!... קאָנט איר ריידן?

אברהם רייזען

דעם ברודערס קוילן

קיינמאָל איז נאָך דייווידסאָנען ניט אָנגעקומען אזוי גרינג צו באַקומען אַרבעט אין אַמעריקע ווי דאָס מאָל. אַריין אין דעם אָפּיס פון דער גרויסער אַמוניציע־פאַבריק, האָט מען אים שטרענג, אָבער אָן זייטיקע באַמערקונגען און פראַגן אָנגענומען. אים איז אַפילו געווען פאַרשפּאָרט צו דערציילן זיין יחוס, אַז ער איז אַ שלאָסער פון פּראָפעסיע. די הויפּט־שאלה איז נאָר געווען פון וועלכן לאַנד ער איז אַ געבוירענער. דאָ האָט ער געענטפערט, אַז ער איז שוין אַן אַמעריקאַנער „סיטיזען“ און געוויזן די פּאַפּירן... עס האָט קענטיק אַביסל געשטערט, וואָס ער שטאַמט פון אַ שטעטל אין גאַליציע, דאָס האָט ער באַמערקט אָן דער נאָז פון דעם מענעדזשער, וואָס האָט די פּאַפּירן דורכגעקוקט. אָבער אויך דערויף האָט מען קיין באַמערקונג ניט געמאַכט. דערפאַר האָט מען זיך וועגן פּרייז ניט געדונגען. דער פּרייז איז געווען גאָר אַ גוטער. אַרבעטנדיק אין די בעסטע יוניאָן־שעפּער האָט ער נאָך קיינמאָל אַזעלכע „וויידזשעס“ ניט באַקומען און איז טיף אין הארצן דאַנקבאַר געווען, ניט וויסנדיק אַליין וועמען, וואָס ענדלעך וועט ער מאַכן אַ שיין לעבן. ער האָט זיך שוין געגנוג אָנגעמוטשעט, דאָ אַרבעטנדיק פאַר קליינע ווייִדזשעס און דאָ אַרומ־דרייענדיק זיך גאָר אָן אַרבעט.

די שטאָט, וואו די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען, איז געווען ניט באַזונדערס גרויס. אָבער זי איז געוואַקסן פון וואָך צו וואָך. אַדאַנק די אַמוניציע־פאַבריקן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אַלע טאָג טויזנטער געצייג פאַרן טויט, איז די שטאָט אַלץ לעבעדיקער געוואָרן. דייווידסאָן פלעגט אינדערפרי, פאָרנדיק אין פאַבריק און פאַרנאַכט צוריקפאָרנדיק פון דער אַרבעט, קוים קריגן אַ פּלאַץ אין קאַר.

דער דאָזיקער מענטשן־געדראַנג אין די קארס האָט אים דערמאָנט דאָס גרויסע ניו־יאָרק און עס האָט אים אָנגענומען ווי אַ שטאָלץ!...

און אָפט האָט ער געטראַכט, אַז אויב די מלחמה וועט לאַנג אָנהאַלטן, וועט די דאָזיקע קליינע שטאָט אַריבעריאָגן ניו־יאָרק. אזוי האָט ער אויך געהערט רעדן צווישן די אַרבעטער.

און צוזאמען מיט דער שטאָט איז געוואַקסן די פאַבריק. אַרבעטער זיינען געשטאַנען און צוגעבויט אַלץ נייע געביידעס אזוי, אַז אין פאַרלויף

פון עטלאַכע מאָנאַטן איז דאָס גאַנצע שטיק פעלד, וואָס האָט זיך פריער געפונען אַ ליידיק, פאַרבויט געוואָרן מיט אַ קייט פאַבריקן.

אויבן אינדערהייך, אונטערן דאַך פון די פאַבריקן, איז ברייט און לאַנג געהאַנגען אַ שילד מיט פשוט'ע שוואַרצע ווערטער, וואָס האָבן אויסגע־רעכנט די אַלערליי מינים געוועזן, וואָס די דאָזיקע פאַבריקן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן. דייווידסאָן האָט דאָס געשריבענע אויפן שילד ערשט דורכ־געלייענט אין אַ צייט אַרום, ווייל די ערשטע צייט פלעגט ער אָן קיין שום באַאָבאַכטונגען, גלייך אַריינגיין אין פאַבריק. און וואָס גייען אים אָן די אַלע נעמען? ער אַליין אַרבעט ביי די קוילן פאַר די ביקסן. די קוילן זיינען אַלע ווי איינע. איין מאָס! אָבער פיל האָט ער ניט געטראַכט וועגן זיי. אָפטמאָל האָט ער גאָר פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע קוילן דינען פאַר דעם צו לעבערן מענטשלאַכע קעפּ און הערצער, און אוועקלייגן אַ לעבעדיקן יונגנמאַן אויף טויט. שפּעטער האָבן ביי אים די קוילן באַקו־מען דאָס אויסזען פון שפּילצייג פאַר קליינע קינדער...

ערשט אין אַ צייט אַרום, אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו פון דער היים, וואו מען לאָזט אים וויסן, אַז זיין אייגענער ברודער איז אַוועק אין קריג, האָבן ביי אים די קוילן באַקומען אַן אויסזען ווי לאַכנדיקע באַשע־פעניש. און איינמאָל, אַז ער האָט אַ קויל גענומען אין האַנט, איז עס ווי מיט אַ געלעכטער פון האַנט אַרויסגעשפּרונגען און זיך צערעדט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס אָן, דייווידסאָן, צו דיין ברודער?

דייווידסאָן האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט גענומען צוריק די קויל, האָט עס באַטראַכט און זיך פעסט איבערצייגט, אַז אָט־די קויל וועט זיכער טרעפן דעם ברודער.

האָט ער גענומען די קויל און אומקוקנדיק זיך, צי קיינער זעט ניט, באַהאַלטן זי אין טאַש.

און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט געראַטעוועט זיין ברודער פון אַ זיכערן טויט.

אָבער נאָכדעם האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן מאָדנע מינים קוילן. איין קויל האָט ער חושד געווען, אַז זי וועט אַריינדרינגען דעם ברודער אין אויג. ער האָט עס דערקענט נאָך איר מאָדנעם, באַהאַלטענעם שמייכל. נו, געוויס וועט דייווידסאָן ניט דערלאָזן אַזאַ זאַך...

מיט שרעק האָט ער זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און די דאָזיקע קויל ווידער אַריינגעלייגט אין טאַש. איצט איז ער שוין גאָר רואיק: ווידער געראַטעוועט דעם ברודער. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און זיך גענומען

פעסטער צו דער אַרבעט. פאַרן אַוועקגיין האָט זיך ווידער געוויזן אַ קויל, וואָס האָט אויסגעזען פּונקט צוגעפּאַסט פאַרן ברודערס רעכטער האַנט... ער איז זיכער, אַז די קויל וועט גלייך אַריין אין אָרעם. אַט־דאָ־אָ.

נאַטירלאַך וועט ער עס ניט דערלאָזן. און דייווידסאָן האָט אויך די קויל באַהאַלטן טיף אין טאַש. פון דער אַרבעט איז ער שוין ניט געפאָרן גלייך אויף זיין וואוינונג, ווי ער האָט געטאָן אַלע טאָג. ער האָט אינמיטן וועג אַראָפּגעשטיגן ביי אַ שענק, בגנבה אַריין אינעווייניק, און געבעטן אַ גלעזל ברענדי.

אויסטרינקענדיק דאָס גלעזל ברענדי האָט ער זיך דערפילט מוטיקער. האָט ער אַריינגעלייגט די האַנט אין טאַש און זיך געשפּילט דאָרטן מיט די דריי קוילן...

אויף מאָרגן אָבער האָבן זיך ביי דער אַרבעט ווידער גענומען ווייזן פאַרדעכטיקטע קוילן... איינע האָט מיט אַזאַ מין באַהאַלטענער דרויאונג געקוקט אויף דייווידסאָנען, אַז ער האָט זי גלייך צוגעכאַפּט און אַריינגע־לייגט טיף אין טאַש.

דערפילט זיך אַ ווײַלע גרינגער, האָט אָבער גלייך אַ צווייטע און נאָכדעם אַ דריטע און אַ פערטע דאָסזעלביקע אויסזען באַקומען. אַ מאָדנע זאַך, ער הייבט אָן דערקענען יעדע קויל, וואָס דאַרף אַריינפאַלן אין זיין ברודערס קערפּער...

און ער האָט די אַלע קוילן אַרויסגעכאַפּט און איטלאָכס מאָל געטאָן אַ שמייכל.

שפּעטער אָבער האָט ער שוין ניט געקענט אויף זיכער אונטערשיידן וועלכע קויל וועט יאָ טרעפן דעם ברודער און וועלכע ניט — און ער האָט געמוזט אויסכאַפּן צו צוויי, צו דריי מיטאַמאָל.

דאַן האָט ער נאָך דער אַרבעט געטרונקען ט אָ פּ ע ל ע גלעזער ברענדי.

און נאָך שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז אָט־דער גאַנצער אויבער־שטער פּאַך קוילן איז זייער אַ פאַרדעכטיקטער. עפּעס קוקן די אַלע אויבערשטע קוילן, ווי זיי וואָלטן זיכער געווען, אַז נאָר זיי וועלן טרעפן אין דעם ברודער. און דייווידסאָן האָט געשיקט אַראָפּגעכאַפּט דעם גאַנצן אויבערשטן פּאַך.

זיין טאַש איז מיטאַמאָל פול געוואָרן.

ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און, דערזעענדיק דעם פאָרמאַן פון דער אָפּטיילונג, האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך גע־נומען ווידער צו די קוילן.

איצט וועט ער שוין מער ניט נעמען. די איבעריקע קוילן גייען אים שוין ניט אָן... דער ברודערס קוילן האָט ער אַלע צוגענומען.

נאָר וואָס איז דער מער מיט דעם צווייטן פּאַך?... עפּעס קוקן זיי אים אָן מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק. אָט בלויז דעם פּאַך קוילן וועט ער נאָך אַראָפּכאַפּן און זיין ברודער וועט ניצול ווערן פון טויט.

אָבער דאָן איז שוין שפּעט געווען.

דער פאָרמאַן איז צו אים צוגעגאַנגען, האָט אים געטאַפּט די טאַשן און אַרויסנעמענדיק פון דאָרט אַ הויפן קוילן האָט ער אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— צו וואָס נעמט איר עס די קוילן? — און באַלד איז דער פאָרמאַן נאָך שטרענגער געוואָרן:

— צו וואָס גנב'עט איר די קוילן?...

איז שוין דייווידסאָן בייז געוואָרן און זיך אָנגערופן:

— איך בעט אייך, זייט העפלאַכער... איך גנב'ע ניט...

— וואָס דען טוט איר עס?

— הם... — איז דייווידסאָן צעמישט געוואָרן — עס זיינען דאָ געוויסע קוילן, וואָס טויגן ניט...

— אַלע טויגן! — האָט דער פאָרמאַן אויסגעשריען.

און באַטראַכטנדיק די קוילן אין האַנט האָט ער צוגעגעבן:

— וואָס הייסט זיי טויגן ניט?... וואָס זייט איר אַן אינספּעקטאָר?

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע קוילן וועלן...

— אָך, לאָזט צורו... — איז דער פאָרמאַן בייז געוואָרן און האָט אַריינגעשאָטן צוריק די קוילן אין קאַסטן.

דאָן האָט דייווידסאָן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. האָט אָנגעקוקט דעם גרויסן קאַסטן, וואו עס זיינען געלעגן דעם ברודערס קוילן און האָט שוין זיי צוריק ניט געקענט באַקומען... איצט איז זיין ברודער פאַרלאָרן...

פאָרנדיק פון דער אַרבעט, איז ער ווידער אַראָפּגעשטיגן ביים זעלביקן שענק. ער האָט געמוזט אויסטרינקען דריי גלעזלאַך בראַנדי. אַנדערש האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן. אָבער די דריי גלעזלאַך האָבן ניט געהאָלפן.

דער געדאַנק, אַז ער האָט אין פאַבריק איבערגעלאָזט אין קאַסטן דעם ברודערס קוילן, האָט אים ניט געגעבן קיין רו. ער איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון שענק און האָט זיך געלאָזן צו דער פאַבריק... דאָרטן אָבער האָבן אים די דעטעקטיווס פאַרשטעלט דעם וועג און איינער האָט שטרענג געפרעגט:

— וואוהין?

דאן האט דייווידסאן מיט בלוט-פארגאסענע אויגן אויסגעשריען:

— איך האב דא געלאזן מיין ברודערס קוילן... לאזט מיך אריין!... איך מוז ראטעווען מיין ברודער...

א דעטעקטיוו האט א פייף געטאן. עס איז אונטערגעלאפן א פאליציי-מאן.

— נעמט אים אין פאליציי-הויז אדער אין דול-הויז, ווי איר פאר-שטייט...

דער פאליציימאן האט דייווידסאנען גענומען אונטערן האנט און אים אוועקגעפירט.

אויפן וועג האט ער אים געפרעגט:

— האסטו געוואלט די פאבריק אויפרייסן?...

— א, ניין!... האט זיך דייווידסאן דערוואכט — אויפרייסן די פאבריק, ניט. איך האב נאר געוואלט מיין ברודערס קוילן ארויסבא-קומען. איך האב זיי אליין געמאכט... איר פארשטייט? אליין געמאכט... פארן ברודער...

און דייווידסאן האט זיך צעלאכט מיט יענעם געלעכטער, מיט וועלכן עס לאכן אלע די יעניקע, וועמעס הערצער עס פרעסט א שווערע חרטה...

דער פאליציימאן האט זיך פארטראכט:

— וואוהין פירט מען אים? אין „סטיישאן“, צי אין דולהויז? א שווערע פראבלעם.

אויף וויסטע וועגן — מינקאווסקי

פאַרטריבענע פון זייערע היימען מינקאָווסקי



געיאָגטע מינקאָווסקי



יודזשין וויקטאָר דעבס

נ פ ת ל י ג ר אָ ס

דעבס און די וועלט-מלחמה

1. מ ל ח מ ה

יאָרן קומען, יאָרן גייען.

אַ סך יאָרן זיינען אַוועק זינט דעבס האָט אָנגעהויבן זיין גרויסע אַרבעט. פיל זיינען געוועזן די, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, רייד פאַר גערעכטיקייט און פאַר פרידן. נאָר הונדערט מאָל אַזויפיל מענטשן זיינען זיך געגאַנגען זייער וועג פון אומרעכט און פון שלעכטס.

און די רייכע זיינען זיך געגאַנגען זייער וועג. פון דעם בלוטיקן שווייס פון די אַרבעטער זאַמלען די רייכע געלט און פאַרמעגנס און פירן אַ צעלאָזן לעבן. און די אַרבעטער — זיי אַליין גלויבן וואָס מען האָט זיי איינגערעדט, אַז אַלץ דאַרף זיין ווי עס איז.

אין דעם יאָר 1900, פאַר די פּרעזידענט-וואַלן אין לאַנד, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט דעבסן פאַר פּרעזידענט-קאַנדידאַט. נאָר ווייניק מענטשן האָבן דעמאָלט געשטימט פאַר דעבסן. אין 1904 איז דעבס ווידער געווען פּרעזידענט-קאַנדידאַט.

פיר מאָל איז דעבס געווען קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. יעדעס מאָל איז געוואַקסן די צאָל, וואָס האָט געשטימט פאַר אים. פיר מאָל האָבן די אַרבעטער און דאָס גאַנצע אַמעריקאַנישע פאָלק געהאַט די געלעגנהייט אויסצוקלייבן אַ מענטשן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אַוועקגעגעבן די אַרבעטער. זיי אָבער האָבן יעדעס מאָל אויסגעקליבן אַן אַנדערן; און אַלעמאָל אַזאַ מענטשן, וואָס האָט געבראַכט אויף זיי הונגער און מלחמה.

אין דעם יאָר 1912 איז דעבס צום פערטן מאָל, און צום לעצטן מאָל, געווען קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. אָבער אויך דאָס מאָל איז ער דורכגעפאַלן און אַנשטאָט דעבסן האָט מען אויסגעקליבן דעם פּראָפעסאָר וואודראָ ווילסאָן.

ווילסאָן איז געווען אַ שטילער מענטש און ער האָט ליב געהאַט שלום. ער האָט אַפילו אַליין געשריבן וועגן די גרויזאַמקייטן פון מלחמה. נאָר, היט אייך פאַר אַ פּראָפעסאָר, וואָס פאַרבייט די געזעלשאַפט פון סטודענטן אויף דער געזעלשאַפט פון פּאָליטיקער! נאָך ליבערשט פון שלום האָט ווילסאָן ליב געהאַט ווילסאָנען — זיך אַליין. אין דער צייט, וואָס ער האָט געשריבן וועגן די גרויזאַמקייטן פון מלחמה, האָט ער פאַרגרעסערט די אַרמיי און האָט געבויט נייע קריגשיפן.

און אין אַלע לענדער אין אייראָפּע האָבן די פּאָליטיקאַנער און די באַנקירן אויך אַזוי געהאַנדלט:

זיי האָבן גערעדט פון שלום און האָבן זיך געגרייט צו מלחמה. איין לאַנד האָט זיך געגרייט צו באַרויבן דאָס צווייטע לאַנד. ענגלאַנד האָט געפּלאַנט צו באַפאַלן פראַנקרייך, פראַנקרייך — רוסלאַנד, רוסלאַנד — טערקיי, טערקיי — איטאַליע, און אַזוי כסדר אַ חד-גדיא (כאַדגאַדיע), — אַ לאַנד אויף אַ לאַנד, איין לאַנד אויפן אַנדערן, ביז — סע האָט אויסגעבראָכן די מלחמה אינמיטן זומער 1914.

גאַנץ אייראָפּע איז געוואָרן אַ מלחמה-פעלד. אַ מלחמה-משוגעת האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. ווי ווילדע וועלף האָט מען זיך געוואָרפן איינער אויפן אַנדערן מיט גיפטיקער שנאה. לענדער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאַכט-פעלדער. מיליאָנען יונגע מענטשן האָבן זיך געקוילעט, געשאָסן, געשטאָכן און פאַרקריפּלט איינס דאָס אַנדערע. און ווער ס'האָט געהאַט מזל און איז געבליבן לעבן —

איז אָבער מאָראַליש פאַרקריפּלט געוואָרן אויף זיין גאַנצן לעבן.

אין יאָר 1917 איז אויך אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה. פּרעזידענט ווילסאָן, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעדט פון שלום, האָט אַריינגעשלעפּט דאָס לאַנד אין דעם בלוטיקן באָד. אַמעריקע האָט געהאַט אַ סך אורזאַכן און טעמים (טיימים), פאַרוואָס זי האָט דערקלערט קריג.

אין דער אמת'ן אָבער איז קיינמאָל ניטאָ קיין אורזאַך און קיין טעם (טאַם) פאַר פירן מלחמה. ס'איז נישטאָ קיין זאַך, וואָס קאָן באַרעכטיקן מלחמה. מלחמה איז אַ ווילדע משוגעת. מלחמה מיינט טויט. מלחמה מיינט אומגליק אפילו פאַר די, וואָס בלייבן לעבן, אַפילו פאַר די וואָס געווינען.

מע נעמט יונגע מענטשן און — מע מאַכט זיי פאַר מערדער. מע נעמט לערער און לערערנס און — מע מאַכט זיי פאַר ליגנער. וואָרים אין דער אמת'ן וויל נישט קיין פאָלק קיין מלחמה. מע נעמט יונגע מענטשן און מע רייסט זיי אַוועק פון זייערע פאַמיליעס, פון זייערע נאָענטע, מענער — פון זייערע פרויען, חתנים — פון זייערע כלות.

און די אַלע יונגע מענטשן רייצט מען אויף, מע רעדט זיי איין ווילדע ליגנס. און ווער ס'וויל פאָרט נישט גיין אין מלחמה אַריין — דערשיסט מען אים ווי אַ משוגע'נעם הונט, אָדער מע וואַרפט אים אַריין אין געפענגעניש, ווי ער וואָלט זיין אַ פאַרברעכער.

אין 1917 זיינען די תפיסות אין לאַנד געווען איבערגעפילט מיט טויזנטער יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין מלחמה אַריין, הרג'ענען און אַליין גע'הרג'עט צו ווערן.

פאַר דעבסן איז דאָס געווען איבער דער מאָס. ער האָט דאָס נישט געקאָנט צוזען און שווייגן. ער איז דעמאָלט געווען אַלט און שוואַך. פאַר אים וואָלט שוין צייט געווען, אַז ער זאָל זיך אויך אַמאָל אָפּרוען. דעבס אָבער האָט נישט געטראַכט פון קיין רו. ער האָט אויפגענומען אַ קאַמף — דעם קאַמף קעגן מלחמה.

2. דער קאַמף קעגן מלחמה

פול מיט פרישע כוחות האָט זיך דעבס אַריינגעוואָרפן אין דעם קאַמף קעגן מלחמה. ער האָט באַשלאָסן צו עפענען די מענטשן

זייערע אויגן. ער רעדט צו די מערדער פון זייערע אייגענע קינדער. ער רעדט צו די פּאָליטישענס און רעדט צו די יונגעליים. זאָלן די יונגעליים נאָר נישט גיין אין מלחמה אַריין. עס איז אַ גרעסערע העלדישקייט זיך אָפּצוזאָגן פון צו גיין הרג'ענען, איידער גיין און גע'הרג'עט ווערן.

אין קענטאָן, אַהייאָ, האָט דאָס געטראָפן. דעבס האָט דאָרטן גערעדט פאַר אַן עולם אַרבעטער. ער האָט גערעדט קעגן מלחמה און פאַר שלום.

„איך וואָלט ליבערשט וועלן זיין טויזנטמאָל אַ פרייער מענטש אין תפיסה, איידער אַ ליגנער און אַ פאַרדאַרבער — אין גאַס!"

אַזוי האָט גערעדט דעבס. ער האָט אויך געזאָגט, אַז בשעת סע קומט צו מלחמה פרעגט מען קיינמאָל נישט דאָס פאָלק, צי עס וויל מלחמה, אָדער ניט. די שטאַרקע, די רייכע זיינען אַלעמאָל די, וואָס דערקלערן מלחמה. זיי אַליין גייען זיך נישט שלאָגן. זיי אַליין היטן זיך פאַרן טויט. זיי שיקן זייערע אַרבעטער אין מלחמה, זיי זאָלן זיך שלאָגן פאַר זייערטוועגן. זיי פאַרלירן קיינמאָל גאָרנישט ניט, און געווינען — געווינען זיי אַלץ.

— מיר ווילן נישט קיין מלחמה. מיר ווילן נישט הרג'ענען די מענטשן פון אַנדערע לענדער. מיר טראָגן נישט קיין האַס און קיין שנאה אויף מענטשן פון אַנדערע לענדער. מיר קריגן זיך נישט מיט זיי און זיי קריגן זיך נישט מיט אונז. די רעגירער — זיי רופן אונז פאַררעטער. פאַר זאָגן דעם אמת און פאַר פאָדערן גערעכטיקייט — פאַרשפאַרן זיי אונז אין געפענגענישן. זאָלן זיי. נאָר ווען נישט די אַלע מענטשן פאַר אונז, וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו גיין אין די געפענגענישן פאַר דעם אמת און פאַר זייערע איבערצייגונגען — וואָלטן מיר איצט נאָך מסתמא געלעבט אין די וויסטעניש, אין דזשאָנגלס.

אַזוי האָט דעמאָלט גערעדט דעבס. צווישן עולם איז געווען אַ שפּיאָן. ער האָט די אַלע רייד פאַרשריבן און האָט דאָס איבערגעגעבן דער פּאָליציי. מע האָט דעבסן אַרעסטירט. צוויי חדשים שפּעטער האָט מען אים גע'משפט.

די אָנקלאָגע איז געווען אַ שטאַרקע. דער שפּיאָן האָט פאַר־געלייענט דעבסעס רעדע. דעבס האָט די רייד ניט פאַרלייקנט. ער האָט נאָך פאַרן פּראָצעס געוואוסט, אַז מע וועט אים פאַר'משפט'ן.

דאָס האָט אים אָבער נישט געשראָקן. ער האָט זיך געהאַלטן רואיק. אַז ער האָט באַקומען דאָס לעצטע וואָרט, האָט ער צוגעגעבן, אַז די אַלע רייד, וואָס מע האָט דאָ פאָרגעלייענט, זיינען אמת. ער האָט פיינט מלחמה און פאַראַכט זי. מלחמה איז אַ זאַך פאַר ווילדע באַרבאַרן.

— איך האָב געזאָגט און זאָג: כל־זמן ס׳איז פאַראַן אַן אונטער־דריקטער קלאַס — בין איך אין דעם קלאַס; כל־זמן איינער איז געפאַנגען — בין איך נישט פריי.

יודזשין דעבס איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף 10 יאָר תפיסה.

איידער דעבס האָט געדאַרפט אוועקגיין זיצן, האָבן די אַרבעטער אין טערהאָט געוואָלט מאַכן פאַר אים אַ פאַראַד. נאָר דעבס האָט געבעטן, מע זאָל דאָס נישט טאָן. ס׳איז נישט קיין צייט פאַר פאַראַדן. אפשר, אַז ער וועט צוריקקומען — דעמאָלט, נאָר נישט איצט.

אַז ער איז אָבער געקומען צו דער באַן, וואָס האָט אים געדאַרפט אוועקפירן אין תפיסה אַריין, זיינען געווען אַרום צוויי הונדערט פריינד. זיי זיינען געקומען אים באַגלייטן. און איינער, אַ געזונטער מאַינער, האָט אויסגערופן:

— דזשין, מיר זיינען מיט דיר! איך שווער, אַז מיר זיינען מיט דיר ביזן לעצטן מענטשן!

דער צוג איז אָנגעקומען. דעבס איז אַרויף אויף די טרעפ פון וואַגאָן. אַ פולמען־טרעגער האָט אים סאַלוטירט. דעבס האָט גע־ענטפערט אויף דער באַגריסונג און האָט אַראָפּגענומען זיין הוט. אין איין רגע האָבן אַלע באַגלייטער אַראָפּגענומען די היט. ביי אַ סך האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. אַ מיידל האָט זיך דורכגעשטופט צו דעבסן און אים דערלאַנגט אַ רויז. דער צוג האָט זיך גענומען רירן.

דער צוג האָט געפירט דעבסן אין תפיסה אַריין.

י. פרידמאן

אן אויסלענדער איז ביליק

אויפן פרייען פעלד שטייען אויסגעשטעלט פלויטן פון שטעכיקן דראט. דער קארפאראל הייסט מיר לויפן פארויס און איבערשניידן די דראטן מיט א שארפער שער. לויפנדיק זע איך, אז פון די אנדערע סקוואדן (א גרופע פון אכט סאלדאטן) לויפן אויך סאלדאטן. עס לויפן א פאליאק, א רוס און אן איטאליענער. מען שיקט אויסלענדער. אן אויסלענדער איז ביליקער פון א „יענקי“...

איך לויף צו די שטעכיקע דראטן און עס פארדריסט מיך. שטארק געוואונדערט אויף מיין קארפאראל האב איך זיך ניט, ווייל איך קען אים זייער גוט: ער איז אן אירלענדער און האט פיינט אידן. ניט איינמאל האב איך אים געהערט רעדן צו זיינע קאמעראדן וועגן אונז אידן: די „שינים“ זיינען „נא גוד“... אין קעמפ פלעג איך אזעלכע באליידיקונגען ניט פארשווייגן, אבער דא מוז מען אפווישן די ליפן און מאכן א שווייג. מענטשלאכע לעבנס זיינען דא זייער ביליק. פאר א ווארט, וואס זאל אים ניט געפעלן, קען ער מיר אריינשיסן א קויל אין קאפ, און ס'וועט זיין פארפאלן. אהיים צו מיין מאמען וועט מען שרייבן: „דיין זון איז גע'הרג'עט געווארן אין שלאכט“.

מיט אונזערע שערן האקן מיר איבער די דראטן, מיר מאכן א פרייען וועג פאר די הונדערטער טויזנטער סאלדאטן, וואס גייען הינטער אונז. פלוצלונג הער איך ווי מיין קארפאראל שרייט צו מיר: „מעיק איט סנעפי, אר איל טעיק עי שאט עט יו“ (מאך עס שנעלער, אניט וועל איך דיך דערשיסן).

איך ווער א פארציטערטער. וואו בין איך דא אריינגעפאלן? איך בין איצט אין געפאר פון ביידע זייטן. איך בין צווישן צוויי פייערן — פארנט די דייטשן און הינטן מיין אייגענער קארפאראל. אין מח פאלט מיר איין א געדאנק, איך זאל זיך צו אים שוין ווארפן מיט מיין ביקס און מיטן באיאנעט אים איינשניידן דעם גארגל... איך ביים מיינע ליפן און שווייג.

מיט א ביטער הארץ, מיט שנאה צו דער גאנצער וועלט, באזונדערס צו מיין קארפאראל, גיי איך אלץ ווייטער און ווייטער. די דייטשן שיסן צו אונז פון אלע זייטן און זיי טרעפן. איך זע ווי מיין קארפאראל פאלט.

ער שרייט פארצווייפלט: העלפט! העלפט! איך האָב דערפילט מיטאמאָל ווי אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון הארצן...

מיין הארץ איז פול מיט נקמה. איך וויל צוגיין צו אים און אַריינשרייען אים אין פּנים אַריין: — שטאַרב דו הונט! אַזעלכע באַשעפענישן ווי דו דאַרפן נישט לעבן. אַזעלכע ברואים׳לאַך טוען סיי־ווי־סיי נישט קיין גוטס דער וועלט. ער ליגט מיר גוט אין די ביינער, אָט־דער שונא־ישראל. קיין אַנדער וואָרט ווי „דזשו בעסטאַרד", אָדער „שיני", האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט פאַר אַ אידישן סאָלדאַט. איצט קוק איך אויף אים מיט שנאה און זע ווי ער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און שרייט מיט פאַרצווייפלטע קולות: „העלף, ברודער, העלף!"

איך לויף אים פאַרביי, נאָר עפּעס אַ געהיימע קראַפט שטעלט מיך אָפּ און מיין געוויסן הייסט מיר, איך זאָל צו אים צוגיין... איך לויף צו אים צו. ער רעוועט ווי אַן אָקס. ער בעט זיך ביי מיר: „העלף מיר, ברודער לעבן!" איך זעץ זיך אַוועק לעבן אים. איך דערזע, אַז זיין האַנט איז אינגאַנצן איבערגעהאַקט. זי האַלט זיך ניט מער ווי אויף אַ שטיקל הויט. איך רייס אויף זיין באַנדאַזשיר־מאַטעריאַל און זייער פאַרזיכטיק, איך זאָל אים נישט ווי טאָן, וויקל אים איך אַרום די האַנט. איך נעם אים דערנאָך אויף דער פּלייצע און טראָג אים צו אַן ערשטער־הילף־סטאַנציע.

אויפן וועג פרעג איך אים: ווייסטו ווער איך בין?

שוואַך ענטפערט ער מיר, קוים וואָס איך הער זיינע ווערטער: „יאָ, איך דערקען דיך", — און ער ווערט אַנטשוויגן. איך טראָג אים און איך רעד צו זיך אַליין: דאָס בין איך דער „דוירטי דזשו", דער „שיני־סאָלדזשער", וועמען דו האָסט אַזוי שטאַרק פיינט. מיט עטלאַכע מינוט פריער האָסטו מיך געוואָלט שיסן און איצט טראָג איך דיך אויף מיין פּלייצע. איך וויל ראַטעווען דיין לעבן.

איך גיי אָפּ אין שוויים. דער וועג איז בלאָטיק און ער איז שווער. מיינע פיס וואַקלען זיך פון דער שווערער משא. איך לאָז זיך אַרונטער אויף די קני און פאָרזיכטיק לייג איך אים אַוועק אויף דער ערד. איך רעד צו אים. ער ענטפערט נישט. איך טאָרע אים עטלאַכע מאָל. ער איז טויט.

אַ מלחמה - מעשה

אין צייט פון מלחמה האָט ער זיך געשלאָגן צו מאַכן די וועלט „זיכער פאַר דעמאָקראַטיע" (צו מאַכן רייכער די געלט־זעק פון לאַנד).

פאַר זיין העלדישקייט האָט מען אים באַהאַנגען מיט מעדאַלן. ער איז געוואָרן אַ מיוחס (מעיוכעס) ביים קאַפּיטאַליסט.

אצינד, נאָך דער מלחמה, איז ער עלנט, אָן ברויט און פאַרגעסן.

י. פרידמאַן

נאָכווייען פון דער מלחמה

איך גיי אַרונטער צו דער סאָבוויי. איך לאָז זיך פאָרן צו אַ רעגירונג־שפּיטאָל, וואו ס׳ליגן נאָר מלחמה־קאַליקעס. דאָרט ליגט מיינער אַ חבר, וואָס איז אויך געווען אין פראַנקרייך. מ׳האָט אים צוריק געבראַכט פון דאָרטן אָן אַ פוס.

ווען מען קומט צו צום שפּיטאָל, זעט מען אַרויס שפּיצן פון עטלאַכע הויכע שיין־באַפאַרבטע מויערן. דער שפּיטאָל שטייט אויף אַ הויכן באַרג. דער באַרג איז איינגעטונקען אין גראָז און בלומען. אַ הויכער אייזערנער פאַרקאָן צאַמט אַרום דעם שפּיטאָל.ביים טויער שטייט אַ וועכטער. ווער עס וויל אַהין אַריינגיין, מוז ווייזן אַ פּאַס. אינדרויסן קוקן אויס די שיין־באַפאַרבטע הויכע מויערן, אַרומגערינגלטע מיט גראָז און בלומען, אַזוי ווי מיליאָנערן וואָלטן דאָרט געוואוינט.

איך גיי אַריין אין דעם קאָרידאָר פון הויז נומער איינס. איך זע ווי קראַנקן־שוועסטער און דאָקטוירים קומען אַרויס פון פאַרשיידענע טירן און פאַרשליסן זיי נאָך זיך אויף אַ שלאָס. איך וואונדער זיך: פאַרוואָס פאַרשליסן זיי די טירן? דאָ איז דאָך אַ שפּיטאָל, נישט קיין תּפיסה. דאָ ליגן דאָך נישט קיין אַרעסטאַנטן, נאָר קראַנקע סאָלדאַטן, און קראַנקע וועלן דאָך נישט אַנטלויפן!

איך הער ווי מען שליסט אויף אַ טיר, און עס קומט אַריין אַ הויכער ברייטביינערדיקער מאַן. זיין פּנים איז שטאַרק אויסגעצויגן, זיין אָפּגעגאָלטער קאָפּ איז שפּיציק, זיינע אויגן שטאַרצן אַרויס און זיינע שוואַרצאַפּל רוען נישט. אויף דער לינקער זייט שטערן זיצט ביי אים אַ גוליע, ווי אַ פויסט די גרייס. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ גרוי לייוונט העמד, מיט אַ שלאָף־כאַלאַט פון דעם זעלבן גרויען קאָליר. ער טראָגט שטעק־שיך. צוויי געזונטע יונגען, אָנגעטאָן אין ווייסע רעקלאַך, גייען פון ביידע זייטן און האַלטן אים אונטער די הענט, אַזוי ווי אונטערפירער. ער גייט שטאָלץ און דרייט מיט זיין גרויסן געשוואָלענעם קאָפּ אַהין און אַהער. זיינע אויגן זוכן אימיצן. ער גייט פאַרביי די „שוועסטער“. זי זאָגט צו אים:

— העלאָו, דזשאָן! ווי אַזוי פילסטו זיך היינט?

ער בלייבט שטיין און דרייט אויס צו איר דעם קאָפּ. זיין אויס־געצויגן בלאַס פּנים בלאָזט זיך בייז אָן, זיינע אויגן קערן זיך איבער און מיט געצויגענע ווערטער ענטפערט ער איר מיט זיין באַסאָוון קול:

— אַי דאָנ'ט לאַיק יו. אַי'ל נעווער קאַם טו סי יו עגעין. (איך האָב דיך נישט האָלט. איך וועל מער קיינמאָל נישט קומען דיך זען).

מיט אַ שמייכל אויף איר פּנים ענטפערט זי אים:

— אָלראַיט, דזשאָן.

און זיינע וועכטער פירן אים אַריין צום ציין־דאָקטאָר.

איך הער ווי איינער שרייט מיט זיינע לעצטע כחות:

— לעט גאָ אָוו מי! (לאָזט מיך אָפּ!)

איך לויף צו דעם אָרט, פונוואַנען עס טראָגן זיך די פאַר־צווייפלטע געשרייען. איך דערזע אַ שטול־וועגעלע, וואָס רוקט זיך אויף צוויי רעדער. אויף דער ערד לעבן דעם וועגעלע ליגט אַ מאַן, אָנגעטאָן אין אַ נאַכט־העמד. אַ נידעריקער, אַן אויסגעדאַרטער. זיינע הענט און פּיס זיינען אַזוי דין ווי ביי אַן אויסגעדאַרט אינגל פון צוועלף יאָר. זיינע גרויע אויגן זיינען האַלב פאַרלאָפן מיט בלוט און איבערגעשראָקן. מיט זיינע פּיס קען ער נישט באַוועגן. זיי זיינען געליימט. ער פאָכט מיט זיינע אויסגעדאַרטע הענט צו די צוויי דינער, וואָס מוטשען זיך מיט אים און ווילן אים אַרויפלייגן אויף דעם וועגעלע. ער איז איינגעטונקען אין שוויים. פון זיין מויל זעצט אַ שוים. ער ליאַרעמט, ער שרייט:

— ניקס, ניקס, אַי עם עי פּעיליור! (איך בין אַ דורכפאַל).

די „שוועסטער" בעט זיך ביי אים:

— זיי אַ גוט אינגל... דער דאָקטאָר וויל דיך באַטראַכטן.

ער שרייט אָבער:

— ניקס, ניקס, אַי העד ענאַף אָוו יו, יו מוירדערערס! (איך האָב שוין פון אייך געהאַט גענוג, איר מערדער).

אַ געזונטער בויאַן קומט צולויפן מיט אַ גרוים ליילאַך. מען בינדט דעם קראַנקן אַרום די הענט. ער שרייט און קלאָגט און אויף די זייטיקע מענטשן וואַרפט עס אָן אַ גרויל.

איך שטיי אַ דערשראָקענער, מיין גאַנצער קערפּער ציטערט, טרערן גיסן זיך פון מיינע אויגן ווי פון אַ קוואַל. דאָס זיינען די

נאָכווייען פון דער מלחמה.

מיט געוואַלט וואַרפן זיי אים אַריין אין דעם וועגעלע, שלעפּן אים אַריין אין אַ צימער און פאַרשליסן די טיר הינטער זיך. איך שטיי ווי אַ פאַרגליווערטער און קוק מיט גרויסע אויגן אויף דער פאַרשלאָסענער טיר, און הער זיינע געשרייען:

— ניקס, ניקס, אַי עם עי פעיליור, יו מוירדערערס!

אַ צעבראָכענער, לויף איך אַרויס פון דעם הויז נומער איינס. איך לאָז זיך לויפן צו דעם הויז נומער צוויי. דאָרט ליגט מיין חבר. איך בלייב שטיין צווישן ביידע מויערן, וואָס זיינען אַרומגעצוימט מיט הויכע אייזערנע שטאַכעטן.

אין דעם הויף דרייען זיך עטלאַכע צענדליק יונגע מענטשן. זיי גייען אום אַהין און צוריק. איינער קוקט נישט אויף דעם אַנדערן. זיי ריידן נישט איינער צום צווייטן. זייערע קעפּ זיינען געבויגן און זייערע אויגן קוקן אַרונטער אויף דער ערד. זיי גייען מיט גיכע טריט אַהין און צוריק, אַזוי ווי ווילדע חיות, וואָס מען האַלט אין אַ שטייג. אַלעמאָל לויפט צו אַן אַנדערער צו די שטאַכעטן, כאַפּט אָן די אייזערנע שטאַנגען און קוקט מיט שטעכיקע אויגן אויף די פאַרבייגייער. עס דוכט זיך ווי זייערע אויגן פרעגן: צוליב וואָס און צוליב וועמען האָט איר אונז געשיקט אין מלחמה משוגע צו ווערן?

איך קוק אויף זיי און איך קוק אויף די וועכטער, וואָס זיינען אָנגעטאָן אין ווייסע רעקלאַך. זיי דרייען זיך אַרום צווישן די אומגליקלאַכע און גיבן אַכטונג, אַז איין חיה זאָל די צווייטע נישט פאַרצוקן.

איך גיי אַריין צו מיין חבר. ער דערזעט מיך, שפּרינגט ער צו מיר צו, אונטערגעשפּאַרט אויף צוויי נייע הילצערנע קוליעס. זיין פּנים שטראַלט פון גליק, וואָס איך בין געקומען אין שפּיטאָל געוואויר ווערן וואָס ער מאַכט. ער כאַפּט זיך מיט מיר אַרום. מיר קושן זיך. דערנאָך העלף איך אים זיך זעצן אויף זיין בעט. איך זעץ זיך אויף אַן אייזערן בענקל, וואָס שטייט לעבן בעט. איך פרעג אים אויס:

— ווי אַזוי פילסטו זיך? וואָס מאַכסטו?

ער ענטפערטע:

— איך בין אַלראַיט.

מיט פרייד זאָגט ער מיר אָן די בשורה, אַז היינט האָט מען

אים געגומען אַ מאָס אויף זיין פוס. די רעגירונג מאַכט אים אַ הילצערנעם פוס. ס׳וועט אים גאָרנישט קאָסטן. די דאָקטוירים האָבן אים צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אים מאַכן אַזאַ פוס, אַז קיינער וועט נישט דערקענען, אַז דער פוס איז נישט זיין אייגענער.

איך קוק אויף די אייזערנע בעטן. איך קוק זיך גוט איין אין די קראַנקע, וואָס ליגן אין זיי און צאַפּלען זיך. צונויפגעקאָרטשעטע ליגן זיי אונטער די קאָלדרעס. ס׳זעען זיך נאָר אַרויס זייערע אויסגעצערטע געזיכטער, וואָס זיינען געלער פון געלן וואַקס.

איך גיב זיי אַלעמען אָראַנזשן און עפּל, וואָס איך האָב פאַר זיי געקויפט איידער איך בין אַריין אין שפּיטאָל. זיי באַדאַנקען מיך. זייערע רייד קומען פון זייערע מיילער, אַזוי ווי אַ ווידער-קול. זייערע ליפּן באַוועגן זיך נישט. ווען איך הער די ווערטער: „טהענקיו, בראַדער, טהענקיו", ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער מתיםריידן.

פלוצלונג הייבט מיר אָן שווינדלען אין קאָפּ. איך פיל, אַז אָט-אָט ברעך איך צוזאַמען. איך דריק שטאַרק מיין חבר׳ס האַנט און איך זאָג צו אים:

— פריינד, איך מוז דיך פאַרלאָזן, איך קען דאָ אַ מינוט לענגער נישט פאַרבלייבן.

ער בעט זיך ביי מיר:

— פאַרוואָס פאַרלאָזטו מיך שוין? מיר האָבן נאָך גאָרנישט גערעדט. האָסט דאָך מיר נאָך אַפילו נישט דערציילט, ווי עס גייט דיר. איך האָב דאָך מיט דיר אַזויפיל צו ריידן...

— איך וועל קומען צו דיר אַן אַנדער מאָל, — זאָג איך צו אים, — דערווייל זיי געזונט.

און צו די האַלב-טויטע שריי איך אויס מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— גוד באַי, באַיס!

און איך לויף אַרויס פון שפּיטאָל.

שפּעט ביינאַכט קום איך אַהיים, אַן אַנגעמאַרדעוועטער, אַ צעבראָכענער. מיט שטילע טריט גיי איך אַריין אין מיין צימער און טו זיך שנעל אויס. איך לייג זיך אַריין אין בעט. איך קאָן אָבער נישט איינשלאָפן. פאַר מיינע אויגן שטייען די אַלע בילדער, וואָס איך האָב היינט געזען. איך הער זייער וויינען און קרעכצן. איך גיי אַרונטער פון בעט, זעץ זיך ביים פענצטער און קוק אַרויס. די גאַנצע שטאָט איז איינגעהילט אין אַ רואיקן פאַרטאָגיקן שלאָף.

אלע שלאפן געשמאק. איך הער דאס שווערע סאפען פון מיינע טאטע־מאמע, שוועסטער און ברודער. און איך בין זיי מקנא. איך בין מקנא אלע מענטשן, וואס זיינען דארט, אין יענעם שרעקלאכן גיהנום, נישט געווען. די סאלדאטן, וואס האבן דערלעבט פון דארטן אהיים צו קומען, זיינען ניט מער דיזעלבע וואס פריער. די מלחמה האט יעדערן פון אונז פארוואונדעט, — וועמען דעם קערפער, וועמען דעם גייסט.

אלע נאכט ליג איך אויף מיין געלעגער מיט צוגעמאכטע אויגן און זע פאר זיך דאס שלאכטפעלד. איך זע ווי מיר לויפן אלע ווי פאר׳סמ׳טע מייז. מיר בעטן מיט פארצווייפלטע קולות, אז דער מלאך־המות זאל ביי אונז נישט אוועקנעמען אונזער לעבן. איך טראכט, פארוואס האבן מיר אלע זיך אזוי דערשראקן פארן טויט? דער טויט באפרייט דאך פון אלע יסורים... און פון מיינע צוגעמאכטע אויגן גיסן זיך ימים הייסע טרערן. איך וויין אויף דעם דור, וואס מען האט אומגעבראכט...

וואס די וועלט־מלחמה האט אפגעקאסט

קריפלס.



פארוואונדעטע.

געפאלענע אויף די שלאכטפעלדער.

צעשטערט אייגנטום.

מלחמה־אויסגאבן.

באַוואפנונג — די לאַסט פון דער וועלט



אברהם רייזען

דאָס נייע ליד

און זאָל ווי ווייט
נאָך זיין די צייט
פון ליבע און פון שלום, —
דאָך קומען וועט,
צי פרי, צי שפּעט,
די צייט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליד
פון ליבע, פריד,
די מעכטיקע געזאַנגען —
און יעדער טאָן
פון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפגעגאַנגען!

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט —
פול האָפנונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט — אין לופט
אַ שטימע רופט:
צו מוט און קראַפט און לעבן!...

דאס אידישע קינד אין דער אלטער היים

י. קאפעלאוו

מיין רבי און זיין באהעלפער

א

פינף יאר בין איך אלט געווען, ווען מען האט מיך אפגעגעבן אין חדר.

אלע אידישע טאטעס — רייך אדער ארים, געלערנטע אדער פראסטע מענטשן, באלמעלאכעס אדער שיינע באלעבאטים — אלע האבן אפגעגעבן זייערע אינגלאך אויפן פינפטן יאר אין חדר. פאר־בליבן אין חדר איז מען שוין, ווי וועמען גאט האט געהאלפן. ווער עס האט געקאנט — ביז א יאר אכצן.

מיין באבע פלעגט טענה'ן צו מיר:

— דו ווייסט, זונעלע, אז דו וועסט קענען לערנען, וועט מען דיר געבן גאר א פיינע כלה, מיט קעסט, מיט נדן; און טאטע־מאמע וועט מען אפגליקן...

גערעדט האט זי דאס צו מיר, נאך איידער מען האט מיך אין חדר אפגעגעבן, און איך האב קיין ברעקל באגריף ניט געהאט, וואס עס באדייטן אירע רייד.

דער טאג, וואס מען האט אפגעגעבן א קינד אין חדר, איז געווען א יום־טוב. דאס אינגעלע האט מען איינגעוויקלט אין א טלית (טאלעס) און אויף די הענט געטראגן אין חדר, מען האט אים געוויזן דעם אלף־בית — אין גרויסע בוכשטאבן אנגעקלעפט אויף א ברעטל — און בעת ער האט זיך איינגעקוקט, איז געפאלן פון אויבן געלט, צוקערקעס און אנדערע גוטע זאכן.

— דאס ווארפן די גוטע מלאכים, וועלכע האבן זייער האלט

חדר־אינגלאַך, — פלעגט מען דעם אינגל איינריידן.

מען האָט געמאַכט אַ סעודה (סודע) אין חדר, מכבד (מעכאַבעד) געווען דעם רבי'ן און די חברים מיט בראַנפן, טאָרט און צוקער־לעקאַך. אָבער די אמת'ע סעודה איז געווען אין דער היים, וואו מען האָט געפּראַוועט אַ וואַרמעס פאַר קרובים און נאָענטע גוטע פריינד, און דער העלד פון טאָג האָט געקראָגן מתנות און גוטע זאַכן.

ב

מיין ערשטער מלמד איז געווען אַ הויכער איד מיט אַ ברייטן גוטן, נאַרעשעוואַטן פּנים. ער האָט געטראָגן אַ שפּיציקע יאַרמולקע אויף דער פּאַטילניצע. די יאַרמולקע האָט צוגעדעקט אַ גרויסן קאָלטון. אין חדר איז דער רבי געזעסן שטענדיק אין אַ זשופּיצע. דער וואָלענער, ברייטער אַרבע־כּנפות (אַרבע־קאַנפעס) האָט צוגעדעקט זיין אָפענעם בוזים. די ציצית האָבן דערגרייכט כּמעט ביז צו דער ערד. ער פלעגט גאַנץ אָפט אויף זיי אַרויפטרעטן און כאַפּן זיי אַלע ווײַלע קושן. ער איז געווען אַ גוטער, אַ מענטש אָן אַ גאַל;

קיינמאָל ניט בייז געווען, ניט געשריען. ער איז געווען מער אַ חבר צו די קינדער איידער אַ רבי. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער; זיי האָבן זיך געהאַלטן פּאָרוויז אָן זיינע ציצית און גע־שפּילט מיט אים אין פערדלאַך.

אויף דעם אלף־בית האָט ער געטייט מיט אַ גרויסן ביינערנעם טייטל. ער האָט שטענדיק געשמייכלט און איטלאַכן אינגעלע גע־רופן: זונעניו, — זעסט, זונעניו, דעם קאַראַמיסל, ווי ביי אַ וואַסער־טרעגער? דאָס איז אַן אלף. זאָג־זשע, זונעניו: אַלף, אַלף, אַלף!

דער „ב" איז געווען אַ קלייטעלע מיט אַן אָפן טירעלע; דער „ג" — מיט אַ בייטעלע אונטן; דער „ד" — אַ העקעלע; דער „ה" איז דאָס, וואָס „פערד עסן"; „ו" איז אַ שטעקעלע מיט אַ סוק אויבן; „ז" — אַ שטעקעלע מיט אַ קעפּעלע; „ח" — אַן אושאַק אויף דער טיר; „ט" — טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ, ווי מען זינגט, און „י" איז אַ יוד.... אַ איד, אַט ווי איך, ווי דו; אַ וואוילער אות (אָס), אַ קליינינקער אָבער זייער אַ וואוילינקער...

ער האָט געהאַט אויך נעמען פאַר די איבעריקע אותיות (אייסיעס), — טשיקאַווע נעמען, ווי אַ „לאַנגע האַלדז", אַ „קרומער רוקן". מיר האָבן געלאַכט, אָבער די אותיות גוט געדענקט.

תלמידים זיינען געווען ביי אַ צוואַנציק, און דער רבי האָט פּשוט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרמוטשען אַ אינגל מיט צופיל לערנען. דורך דעם ערשטן זמן האָט ער אויסגעלערנט די אינגלאַך דעם אלף־בית; אַ גרעסערער — שעפּטשען אַ סדור, און גאָר אַ וואויל אינגל — דאַווענען. ער פלעגט זיך ניט קוואַפּען צו האַלטן דעם תלמיד ביי זיך לענגער, איידער אַ זמן, העכסטנס — צוויי.

דער רבי האָט געהאַט אַ באַהעלפער, וועלכער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די קינדער און פירן זיי אין און פון חדר. זומער האָט ער אונז געטראָגן, ווי אַ באַראַן, אויף די פלייצעס; ווינטער — געפירט אונז אויף אַ שליטעלע.

דער באַהעלפער האָט אויך געדאַרפט ברענגען אונז די וואַרע־מעסן פון דער היים. און דאָ פלעגט ער זיך פאַרפלאַנטערן און אָנטאָן צרות... קודם פלעגט ער פאַרבייטן — ניט געדענקען אַקוראַט וואָסער טעפּעלע געהערט דעם און וואָסער — יענעם; פלעגט אָפּגעבן אַ רייכנס וואַרימעס אַן אָרים אינגל, און פאַרקערט. דער רייכער אינגל פלעגט זיך בריקען, בייזערן: ניט געוואוינט געווען,

אפנים, צו אן אָרימן מאַלצייט. אַן אַנדערש מאָל פּלעגט דער באַ־העלפער גאָר פאַרגעסן אַן אַ אינגל און אים זיין וואַרימעס גאָרניט ברענגען. די גרעסטע צרה אָבער איז געווען, וואָס ער פלעגט אָנ־מאַכן שאלות (שאַילעס) — פלעגט אַרויפשטעלן אַ הייסן מילכיקן קרופּניק אין אַ ליימענעם טעפּל אויף אַ הייס געבראָטנס אין אַ פאַרצעלייען שיסעלע — און דער דין האָט כמעט שטענדיק גע׳פּסקנ׳ט (געפּאַסקנט) טריף. „ביידע טריף", פלעגט ער זאָגן. די אינגלאַך פלעגן זיין הונגעריק, וויינען, שרייען. אַמאָל פלעגט דער באַהעלפער אַוועקלויפן און קויפן אַ פּאָר אייער־בייגל פאַר זיין אייגן געלט און צעטיילן די הונגעריקע אינגלאַך. דער רבי פלעגט זאָגן:

— אייזל, פערדישער קאָפּ, בהמה דו איינער! פון די פּאָר גילדן אַ זמן, וואָס דו קריגסט ביי אַ אינגל, וועט דאָך דיר דער קאָפּ ניט סטייען. דו וועסט דאָך אַפילו אויף אַ פּאָר שטיוול צום ווינטער־צו ניט אָפּשפּאָרן..

יענער פלעגט זיך אָפּזיפצן, אַריינרוקן ביידע הענט אין די געדיכטע שוואַרצע האָר פון קאָפּ און נעמען קראַצן זיך, גיך און מיט גרויס חשק, פלעגט זיך מיט דער פּאָלע אָפּווישן דאָס פאַר־שוויצטע פּנים — און דערביי איז דאָס געבליבן.

מיר פלעגן לאַכן פון דעם באַהעלפערס מאָדנע הויות (האַוואַיעס), וואָס ער פלעגט מאַכן. ער האָט געקאָנט קונציק פייפן און נאָכמאַכן פייגעלאַך. מיר פלעגן אויף אים רחמנות האָבן, ווען ער פלעגט זיך צעוויינען... סיי דער רבי, סיי דער באַהעלפער זיינען געווען גוטע, און איך האָב קיין שווערן עול (אָל) פון חדר ניט געוואוסט.

ביי מיין ערשטן רבי׳ן האָב איך אָפּגעלערנט נאָר איין זמן — ער האָט אַליין געזאָגט דעם טאַטן, אַז מען מעג מיט מיר אָנהייבן לערנען חומש און אַז ער קען דאָס ניט.

מענדעלע מוכר־ספרים

הערשעלע

(פון בוך „ווינטשפינגערל")

אין שטוב איז הערשעלע געווען שטיל, קיין פּאַרע זאָל מען פון אים ניט הערן; אָקעגן־זשע אָבער אין דרויסן — אַ פייער, אַ שפּירט,

איין קונדעס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט אַלע אינגלאַך און אַרויסגעוויזן זיין גרויס בריה'שאַפט (בעריעשאַפט) אין שטיינער וואַרפן, כאַפן אַ ציג פאַר די הערנער און זעצן זיך אויף איר רייטנדיק.

איינמאָל אינדערפרי, אַז דער מאַמען איז מיט בויכווייטיק אָנגעקומען צו נעמען אין קלייטל אויף באָרג פעפער, צימערינג און מעל, נעמט זיך אונזער הערשעלע שטילערהייט אַראָפ צו ביסלאַך פון דידאָזיקע זאַכן — און אַוועק, שאַ, קיטש אַהין, אויפן פרייען גראָז, אויפן לײדיקן פלאַץ הינטער דער שטוב. ער זיצט זיך דאָרט לעבן פליט, פאָרעט זיך מיט דעם פעפער, צימערינג, מעל צו מאַכן דערפון רפואות (רעפועס), וואַסערלאַך, טראָפנס אין די פלעשלאַך. פאַרטיק מיט די רפואות (רעפועס), טראַכט ער ביי זיך: אַצינד וואו נעמט מען עפעס אַ קראַנקן צו באַווייזן די גרויסע קונץ אין דאָקטאָריע? און ווי ער זיצט זיך אַזוי און טראַכט, דערזעט ער פונדערווייטנס, ווי משה־יאָסי, אַ פאַרוואָרלאָזטער יתום (יאָסעם), אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, פאָרט אויף אַ שטעקן רייטנדיק און אַרבעט, נעבאַך, פאַר אַלע, גאָר אַ שרעק: פאַר דעם פורמאַן, אויך פאַר דעם פערדל און פאַר דעם וואָגן. ער שמייסט דעם שטעקן, אָנטרייבנדיק אים מיט אַ געשריי: וויאָ! וויאָ! ער הייבט פיסלאַך, פוצט אוים דאָס בייכל, פאַרוואַרפנדיק אַהינטער דאָס קעפל, הירזשעט ווי אַ פערד, שפרינגט האָץ־האָץ און לויפט גאַלאָפ; ער פויקט מיט דער האַנט אויף די אָנגעפוישטע באַקן, פון דער זייט אַ קלאַפ, פון יענער זייט אַ קלאַפ, כריפעט, סקריפעט און מאַכט אויף אַלערליי קולות (קוילעס): טראַ־טראַם־טראַראַם! כיפ־סיפ! ווי אַ קלאַפעריי און אַ סקריפ פון רעדער. ער יאָגט לעבעדיק, קנאַקענדיק־טשאַקענדיק, פייפנדיק גלייך צו הערשעלען, און, צוקומענדיק נאָענט, טוט ער אַ הירזשע, דערנאָך אַ געשריי: טפררררו! אויסלאָזנדיק מיט אַ צענגאָרנדיקן כ־כ־כ־איפ־סיפ, און שפרינגט אַראָפ פונם שטעקן.

— סויסע־סאָסי, מוישע־יאָסי, סו־סילסט, דו ווילסט, סיין־סראַנק, זיין קראַנק?

— סיין, ניין! — ענטפערט מוישע־יאָסי אָפ אויך אויף דעם אייגענעם לשון (לאָשן) טאַקע, סאָל־סאָט, זאָל גאָט, סיטן־היטן.

— זאָג יאָ, נאַרעלע, טאַקע אָן קאַטאָוועס. גענוג דייטש! — מאַכט הערשעלע, — לאָמיר ריידן פראָסט אידיש, זאָג־זשע יאָ,

נאַרעלע, וואָס קען עס דיך אַרן? דו זיין קראַנק, און איך וועל דיר געבן רפואות (רעפועס)!... נו, דו ווילסט?

— איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסן.

— עסן?... עסן, מוישע-יאָסעלע, האָב איך ניט, נאָר צוזאָגן אויף שפּעטער אַמאָל, יאָ, זאָג איך צו. נאָ דיר מיין האַנט. נו, ועסטו שוין זיין קראַנק, נאַרעלע?

— איך בין דאָך אָבער געזונט, הערשעלע.

— נישקשה (נישקאָשע), נאַרעלע, איך וועל דיך מאַכן קראַנק. איך וועל דיר טאָן אַ דראַפּעלע, אַ קליין דראַפּעלע אונטן אויפן פּוס. זעסטו, אָט מיט דעם טשוואָק.

אַזוי רעדט הערשעלע איין דעם חבר (כאַווער) און נעמט פון דער פליודערן-קעשענע אַרויס אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק.

— עס וועט דאָך אָבער ווי טאָן, הערשעלע!

— גאָר אַ קליין דראַפּעלע, מוישע-יאָסיניו, עס וועט ווי טאָן אַ ווײַלע און באַלד טאַקע אויפהערן. איך וועל דאָך דיך היילן, איך מיין דאָך דיין טובה (טויווע). וואָס דען? דיין טובה, נאַרעלע, מיין איך דאָך... און דו ווילסט עס ניט פאַרשטיין.

— גיב-זשע מיר, אויב יאָ אַזוי, באַלד טאַקע עסן. אַי, בין איך הונגעריק, הערשעלע!

— אַ גראָם אַביסל! — מאַכט הערשעלע, אַן'ברוגז-נדיק (אַנברויגעזנדיק) זיך קלאָמפּערשט, — גיי דיר, גיי! איך וויל אים היילן, טאָן אַ טובה (טויווע), און ער עסן! פרעסן!...

אויף דעמדאָזיקן שמועס קומען אָן עטלאַכע ווייסע הברה'ניקעס (כעווורעניקעס), זיי קוועלן גאָר אָן פון הערשעלעס אַפּטייקל און פון דעם איינפאַל זיינעם. נעמען זיך שטאַרק צו מוישע-יאָסין, איינצו-שמועסן אים מיט גוטע רייד:

— מוישע-יאָסיניו, דו נאַרעלע איינער! אַבי מע מאַכט דיך נאָר קראַנק, וועט מען דיר דערנאָך, נישקשה(נישקאָשע), שוין אונטעררוקן עפּעס קייען. דו פאַרשטייסט?

מוישע-יאָסי שטרעקט אויס דעם פוס, די איינגלאָך האַלטן אים גוט פון ביידע זייטן, און הערשעלע נעמט זיך צו דער פּיאַטע זיינער מיט דעם טשוואָק. פריער מאַכט ער אים פאַמעלאָך אַ קליין דראַ-פּעלע, מוישע-יאָסי פאַרבייסט די ליפּן און שווייגט; דערנאָך גייט ער אים אַריין אַביסל טיפער מיטן טשוואָק, מוישע-יאָסי מאַכט:

אײ־אײ־אײ! — חברה (כעװרע) טרײסט אים: נישקשה (נישקאָשע), לאָז זיך, נאַרעלע, לאָז! מע װיל דאָך דיר געבן אַ רפואה (רעפוע)..

— שאַ, שאַ, סויסע־סאָסי, מוישע־יאָסי! — נעמט אים אונזער הערשעלע אײן אויף קונדעס־דײטש מיט אַ פרײלאַך האַרץ, — סי סאַקע, די מכה (מאַקע) דיר האָב איך שוין געמאַכט. אַצינד באַקומסטו פון מיר סרוע, א רפואה (רעפוע).

הערשעלע נעמט אַ פלעשעלע און גיסט זײנע טראָפּנס אויף מוישע־יאָסיס פרישער װאונד. ער פאַרקרימט זיך, נעבאַך, אַ שרעק, שרײט: עס ברענט!

מוישע־יאָסי האָט טאַקע געהאַט רעכט, געװואוסט, נעבאַך, װאָס ער שרײט. די טראָפּנס זײנען געװען צו שטאַרק פעפערדיק און געברענט װי פײער.

די קונדײסים האָבן געכאַפּט אַ ציטער און זיך צעלאָפן. הערשעלע איז אויך אַנטלאָפן אַביסל אין דער זײט און זיך געשטעלט קוקן פון דאָרט אויף זײן חולה (כוילע). אַ היפּשע צײט האָט ער, נעבאַך, זיך געװאַלגערט אויף דער ערד, דערנאָך איז ער װי ס'איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג זיך געלאָזט גײן זײן װעג, הינקענדיק שטאַרק אויף דעם רעכטן פוס. געקומען איז ער געזונט און אַװעקגעגאַנגען קראַנק. ער איז געקומען הונגעריק, נאָר לעבעדיק, פרײלאַך, הנאה (האַנאָע) האָבנדיק פון דער ליכטיקער װעלט, פונם שײנעם פרימאָרגן — און האָט, פאַר גרוים גוטסקײט צו אים, באַקומען א מכה (מאַקע)!...

מוישע־יאָסי איז אַװעקגעלעגן אַ היפּשע צײט מיט אַ פוס געשװאָלן װי אַ באַרג און אויסגעקרענקט די טובה (טױװע) הערשעלעס. אַז דידאָזיקע מעשה (מאַיסע) איז אָנגעקומען צו הערשעלעס טאַטן, האָט ער אים גוט מכבד (מעכאַבעד) געװען, אַז ער זאָל געדענקען, און װי אַ טאַטע דעם זון געזאָגט מוסר (מוסער) אַזױ:

— שקאָץ אײנער! טובות (טױװעס) װילסטו טאָן? מאַך בעסער יענעם ניט קראַנק, און פאַרשפּאָר, שקאָץ אײנער, דערנאָך אים צו הײלן, צו טאָן אים טובות (טױװעס). װאַרט נאָר, װאַרט, דו װעסט בײ מיר האָבן טובות (טױװעס)! אַ צענטן װעסטו פאַרזאָגן...

— בין איך דען אײנער? — טענה'עט (טײנעט) דער זון

וויינענדיק און וויל די שולד אַרויפלייגן אויך אויף אַנדערע. — פאַר־וואָס מעגן יענע... יענע?

— שאַ, שקאַץ! — טוט דער טאַטע בייז אַ קוק. — יענע זיינען אויך אַזוינע שקצים ווי דו, דו הערסט, הערשל! מע איז מוחל (מויכעל) דיר און דיין גלייכן אייערע שיינע טובות!...

י. ל. פּרץ

קינדער־יאָרן

א

... פון געבוירנהייט אָן האָב איך פיינט געהאַט זיסע זאַכן. אין מויל אַריין נישט גענומען. „איך וויל, מע זאָל מיך האַלטן פאַר קלוג", האָט מען זיך געררייצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן מכל המינים (מיקאָל האַמינים) גוטע זאַכן: ווייסן לעקאַך, האָניק־לעקאַך, טאָרטן, פּרעגלען איינגעמאַכטס... פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר קראַנקע אין הקדש (העקדעש). אַלע אייניקלאַך פאַרדאַרבן זיך פון צייט צו צייט די מעגעלאַך. מע באַקומט און מע גנבֿ'עט אַביסל צו; איך איינער — אָן אויסנאַם. איך עס נישט ביז היינט.

מאַכט זיך מיין אינגערן ברודערס ברית.

קומען אָרימעלייט אויף לעקאַך און בראַנפן. פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטל־שטוב. רעכטס — די מאַמע די קינפּעטאָרן, אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט.

איז געווען ביי אונז אַ סאַרווער, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ „כּלב שבכלבים" (קעלעוו־שעביקלאָווים), אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. געווען איז ער, איך זע אים פאַר מיינע אויגן, אַן אויסטערליש הויכער, אַ דאַרער און אַ ווייסער. אָרימעלייט האָט ער פיינט געהאַט שנאת מות (סינאַס מאָוועס). טראָגט דער רשע (ראָשע) פון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקאַך צו די באַלע־באַטים אַריין, איבער דער מיטל־שטוב. און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקאַך און דערלאַנג

דעם בלאסן מיידל... דער טאַטע — איך האָב נישט געוואוסט דער־פון, — איז געשטאַנען אין טיר פון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אינדערהויך האָט ער געזען; וואָס איך האָב מיטן לעקאַך אינ־דערנידער געטאָן — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע ביים טיש, פאַרקלאָגט ער מיך פאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט עסט מכלומרשט (מיקלוימערשט) נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקאַך פון טאַץ!

קומט אַריין די דינסט מיטן יויך, — געהערט האָט זי, אַפּנים הינטער דער טיר, — און פאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקאַך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן. די אויגן ווערן אים פייכטלאַך. און ער הייבט זיך אויף און גייט אַפּ אין צווייטן צימער אַריין. פיל איך מיך שולדיק, וואָס איך האָב נישט דערציילט, וויל נאָכגיין און איבער־בעטן, — איך קאָן נישט.

ב

אַ פרעמדן אַרויפליינגן אויף מיר אַ האַנט וואָלט מיין טאַטע געוויס קיינעם נישט געלאָזט. פון דעם ווייסט ר' בערישל און די רביצין (רעבעצן), וואָס זיצט שטענדיק ביים אויוון, טוט עפּעס, פאַרקוקט אין די תלמידים און פאַרהערט אינם לערנען.

איבער דער רביצין, אויפן גזימס פון אויוון, ליגט שטענדיק אויסגעצויגן די קאַץ, אַ גרויסע, אַ פוילע...

טרעפט זיך אָבער, אַז די רביצין דרימלט איין ביים שטריקן אַ זאָק, אפשר איינגעוויגט פון גמרא־ניגון (גמאָרע־ניגן), און פאַרלירט די קנויל, גיט שוין די קאַץ, וואָס האָט דערויף געלאָקערט, אַ שפּרונג אַראָפּ פון גזימס צו דער קנויל און הייבט זיך אָן מיט דער קנויל צו שפּילן, ווי מיט אַ מויז, און פאַריאָגט זי ביז אונטערן בעט...

מיר פּלאַצן אוים מיט אַ געלעכטער. די רביצין כאַפּט זיך אויף, דער רבי ווערט בייז...

פאַר אַזאַ געלעכטער (איך פלעג לאַכן צום שטאַרקסטן) האָט ער

מיך שוין איינמאָל געוואָלט ערנסט שלאָגן. איז אָבער פונקט אריינ־געקומען דער טאַטע... די סצענע בייט זיך מיטאַמאָל.

— אַ, ר׳ יודל! וואָס מאַכט איר, ר׳ יודל? זעצט אייך, ר׳ יודל...

די רביצין פרעגט: וואָס ריוועלע מאַכט. און דער טאַטע ווענדט זיך גלייך צו מיר און פרעגט:

— וואָס שוויצסטו אַזוי, לייבעלע?

— וואָס הייסט?—פאַרכאַפּט דער רבי, אוים מורא (מוירע), איך זאָל נישט פאַרציילן:—ווי הייסט, די תורה הקדושה (טוירע האַקדוישע), ברוך השם (באָרוך האַשעם), וואַרעמט... און אַ זומער־טאָג...

באַקומט דער טאַטע אַן איינפאַל און זאָגט צום רבין:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ בערישל? לאָזט יעדן טאָג אַרוים די קינדער פאַר דער טיר אויף אַ שעה (שאָ)!

גלייך אַ דונער וואָלט אין בערישלען אַריינגעשלאָגן...

גלאָצט ער אוים אַ פּאָר אויגן און הייבט אָן שטאַמלען:

— וואָס רעדט איר? ווי הייסט? זיי זאָלן זיך שפּילן אין ליים?

מען האָט געזאָלט ארויפציען אַ נייעם שטאָק, האָט מען אָפּגע־לייגט ליים פאַרן הויז.

— פאַרוואָס נישט? — ענטפערט דער טאַטע צוריק.

גיט זיך ר׳ בערישל האַלב אונטער:

— מילא (מיילע), בנוגע (בענויגייע) צו אייער לייבישלען... אַז איר ווילט...

— איך אויך! איך אויך! — רופט זיך אָן מיין גליד־שוועסטער־קינד, יחזקאל (יעכעזקל)...

— פאַר ר׳ מרדכין (רעב מאָרדכען) בין א י ך אייך ערב (אָרעוו)! — רופט זיך אָן דער טאַטע. יחזקאלס פאָטער האָט גע־הייסן מרדכי (מאָרדכע).

מיר צוויי באַקומען רשות (רעשוס) און גייען טאָג־טעגלאַך אַרוים אויף אַ שעה פאַר דער טיר, צום באַרג, צום ליים, זיך געשפּילט, געגראָבן (ערגעץ אַ לאָפּאַטע באַקומען), טאָלן, גריבער געמאַכט, אַ פעסטונג געבויט.

און די אַרבעט איז אונז שפּעטער צוניץ געקומען אַ מצוה (מיצווע) צו טאָן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איינגעלייגט די זאַמאָשצער פעסטונג. די מויערן האָט מען צעשאָסן און געדונגען

אַרבעטער אַראָפּצעשיטן די וואַלן אין די פּאָסן אַריין. געצאָלט האָט מען פון קלאַפּטער. האָבן זיך אויך עטלאַכע אידן צו דער אַרבעט געשטעלט. אַלטע צעבראָכענע אידן, וואָס האָבן שוין צו עפּעס אַנדערש ניט געטויגט. נאָענט צום חדר (כיידער) איז עס געוועזן, פלעגן מיר אויף דער שעה לויפן אויפן וואַל אַרויף און אַרבעטן פאַר די אַלטע לייט.

ג

אַ „קאַלטע" מומע האָב איך געהאַט, — אַ הויכע מאָגערע אידענע, אַ בלאַסע, אַ קרענקלאַכע. שרייט שטענדיק: „אוי, מיינע כוחות!" טרינקט אַלץ איניינעם מאַנדלמילך פאַרן האַלדז און באַקט שטענדיק קעז-קוכן (דאָס איינציקע פון זיסקייטן, וואָס איך האָב ליב) און עסט... און באַהאַלט אים אויף אַ הויכער שאַנק, די קינדער זאָלן זיך חלילה (כאָלילע) די מעגעלאַך נישט פאַרדאַרבן.

און איך, אוים ליבשאַפט צו קעז-קוכן, איר להכעיס (לעהאַכעס) און גלאַט אַ קונץ צו באַווייזן — שפּרינג אונטער, כאַפּ זיך אָן אָן גזימס פון דער שאַנק, שלעפּ שטיקער און פאַרדאַרב מיר ווירקלאַך דעם מאָגן.

און עס קומט דער אַלטער בייזער דאָקטאָר און פאַרשרייבט מיר עפּעס ביטערס און געזאַלצנס אין אַ פלעשעלע — אַ ווייסע פליסיקייט. און איך, אַז מע ווענדט זיך נאָר אָפּ פון מיר, גים אוים די מיקסטור, גים אַריין אַביסל מילך מיט וואַסער און נעם אַלע שעה אַן עס-לעפל — און בעט מיר יעדעס מאָל אוים אַן אַנדער מתנה (מאַטאָנע) און פאַרקרים מיך דערביי, גלייך איך שלינג גאָט ווייס וואָס...

קוים ווער איך געזונט — דער דאָקטאָר וואוינט צו אונז פענצטער קעגן פענצטער — וואַרט איך אים אָפּ ביים פענצטער. און ווי ער באַווייזט זיך, שטרעק איך אים אַרוים די צונג. כאַפּט ער אַ שטעקן און לויפט צו אונז אַרויף, מיר מקיים פּסק (מעקאַיעם פּסאָק) זיין. און אין שטוב בין איך אַליין... אָט לויפט ער שוין אויף די טרעפּ... ריים איך אויף אַ גרויסע רויטע שאַפע אין שטוב, שפּרינג אַריין און טרעף מיט איין פוס אין אַ טאָפּ אייער אַריין...

אברהם רייזען

ווען עסט די מאַמע?

ליבעלע ווייס ניט, ווי אַזוי דער געדאַנק איז צו אים געקומען. נאָר איינמאָל גיט ער זיך אַ כאַפּ:

— וואָס איז דאָס? ער זעט קיינמאָל נישט, אַז די מאַמע זאָל עסן...

ניין! מסתמא איז ער אַ נאַר, מע וועט פון אים לאַכן... וואָס הייסט, זי עסט ניט! פאַרוואָס זאָל זי עפּעס ניט עסן? אין שטוב איז דאָך שטענדיק דאָ ברויט און אוגערקעס און רעטאָך. און אינ־דערפרי קאָכט מען קאַרטאָפל און אַמאָל אַ קרופּניק. ביינאַכט, איידער מע גייט שלאָפן, עסט מען וועטשערע. אין דער וועטשערע ליגט אַמאָל אריין די מאַמע אַ שטיקל פלייש און גיט עס אַוועק דעם טאַטן, כאָטש בעסער וואָלט געווען, אַז די מאַמע זאָל דאָס שטיקעלע פלייש אויפעסן, אָדער, נאָך בעסער, זיי זאָלן זיך עס טיילן: דעם טאַטן אַ שטיקעלע און דער מאַמען אַ שטיקעלע. די קינדער דאַרפן טאַקע אין דער וואָכן ניט עסן קיין פלייש. שבת — יאָ. שבת גיט מען שוין אַלעמען צו שטיקלאַך פלייש...

שאַ... — גיט ער זיך אַ כאַפּ... — און שבת עסט דען די מאַמע?

— אָבער דער געדאַנק איז אים איינגעפאַלן ערשט מאָנטיק. ביז שבת איז אַזוי לאַנג צו וואַרטן... ער מוז זען, ווען עסט זי...

און לייבעלע באַשליסט, אַז ער וועט פון היינט אָן אָנהייבן היטן די מאַמען.

ער מוז זי זען אַמאָל עסן...

לייבעלע האָט די מאַמען אַזוי ליב. זי איז אַזאַ גוטע. אינ־דערפרי, אין חדר גיט זי אים „מיט" אַלע טאָג ברויט מיט אַ קאָפּיקע מזומן, ער זאָל עפּעס קויפן צום ברויט. אָבער לייבעלע איז טאַקע נישט קיין נאַר. ברויט אַליין, אַז מע טונקט עס אין זאַלץ און מע פאַרטרינקט עס מיט וואַסער, איז דאָך אויך גוט, און די קאָפּיקעס קלייבט ער טאַקע... אַז עס וועט קומען פאַר פּסח, וועט ער קויפן אַ היטעלע...

אָבער ווען עסט פאָרט די מאַמע?...

אינדערפרי, אַז ער שטייט אויף, זעט ער, ווי די מאַמע שטייט

ביים אויוון און רוקט איין טעפל אַריין, דעם אַנדערן אַרויס. די מאַמע איז אַזאַ בריה! און „ווילקעס" האָט זי אַלערליי; פאַרן גרויסן טאָפּ האָט זי אַ גרויסע ווילקע, פאַרן קליינעם — אַ קליינע, און פאַרן מיטלסטן טאָפּ — אַ מיטלסטע ווילקע... אַז זי נעמט אַרויס אַ טאָפּ, באַטראַכט זי עס און בלאָזט אָפּ דעם שוים און שטעלט אַריין צוריק... וואָס קאָכט זי אין די טעפּ?... איין טאָפּ, ווייס ער שוין, איז הייסע וואַסער אַליין. „אַ שטוב", — זאָגט די מאַמע, — „ברויך האָבן הייסע וואַסער..." דער צווייטער טאָפּ איז אַוואַדע מיט קאַרטאָפל, וואָס אויב זיי זיינען צעשניטענע און מיט וואַסער, הייסט עס: „פיש-קאַרטאָפל"... קיין פיש איז דאָרטן ניטאָ. פיש עסט מען דאָך נישט אין דער וואָכן... „פיש", — זאָגט די מאַמע, — „איז פייער און פלאַם!"... אָבער פיש-קאַרטאָפל אָן פיש איז אויך גוט... די מאַמע איז אַ גרויסע בריה, דאָס ווייס ער יאָ...

אָבער פאַרוואָס עסט זי ניט?...

זי דערלאַנגט בלויז דאָס עסן! זי אָבער ווען עסט? ער וועט זי איצט היטן...

ער שטעלט זיך דאַוונען. לייבעלע איז שוין אַ בחור פון זיבן יאָר און מוז שוין דאַוונען... אָבער ער קוקט אַלץ צום אויוון, וואו די מאַמע שטייט... ער מוז זי היטן: אפשר וועט ער זי כאַפּן, ווי אַזוי זי עסט. אויסער, וואָס דאָס וואָלט פאַר אים אַ שמחה געווען, וואָלט דאָס פאַר אים אויך געווען אַ וואונדער: די מאַמע עסט!

ער האָט זי קיינמאָל נישט געזען עסן...

אָבער עס איז דאָך אוממעגלאַך! ווערט ער בייז אויף זיך אַליין. זי מוז דאָך עסן. אַז מע עסט ניט, קען מען דאָך ניט לעבן....

נאָר אָט האָט ער אָפּגעדאַוונט... די מאַמע רופט זיך אָן:

— שוין, לייבעלע, אָפּגעדאַוונט?

— יאָ, — זאָגט לייבעלע טרויעריק, קוקנדיק דער מאַמען אין די שוואַרצע גוטע אויגן אַריין...

— נו, וועל איך דיר געבן עסן, וועסטו גיין אין חדר.

— מאַמע... — רופט זיך אָן לייבעלע.

— וואָס איז?

— דו האָסט שוין געגעסן...

— וואָס פרעגסטו עפּעס, — וואונדערט זיך די מאַמע און גלעט אים איבערן קעפּל.

— איך וויל וויסן... — בעט זיך לייבעלע, ניט נאָך זיין שטייגער...

— אַנטקעגן וואָס פרעגסטו עס? — וואונדערט זיך די מאַמע נאָך מער...

— איך... וויל... ניין, איך קיינמאָל ניט געזען... — נאָר ער האַקט זיך אָפּ און אַנקוקנדיק דער מאַמעס בלאַס פּנים מיט די איינגעפאַלענע באַקן, צעוויינט ער זיך...

די מאַמע ווערט גערירט, זי גלעט אים איבער ביידע בעקלאַך און ענטפערט אים מיט אַ שמייכעלע:

— נאַרעלע, איך האָב שוין געגעסן... איך עס, ווען קיינער זעט ניט...

לייבעלע ווערט אויפגעלעבט... הייסט עס, זי עסט יאָ, נאָר דעמאָלט, ווען קיינער זעט ניט...

און ער באַשליסט, אַז ערשט איצט וועט ער זי נעמען היטן און באַפּן זי עסנדיק.

ער מוז זען, ווי זיין ליבע גוטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט און זעט אַלעמען צו, ווי אַזוי זי עסט אַליין אַמאָל....

דעמזעלבן אָוונט האָט זיך לייבעלע געלייגט שלאָפן פריער ווי אַלעמאָל. געזאָגט האָט ער, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי, אָבער אויסן איז ער געווען אויפצוכאַפּן זיך אינדערפרי און פון בעט אַרויס זען, וואָס טוט די מאַמע אינדערפרי...

די גאַנצע נאַכט האָט ער געשלאָפן אומרואיק, מורא האָבנדיק ניט צו פאַרשלאָפן דער מאַמעס אויפשטיין. די מאַמע שטייט דאָך אויף אַזוי פרי, פריער פאַרן טאַטן אפילו. אַלע שעה האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געהיט דער מאַמעס בעט. ערשט ווען די הענער האָבן גענומען קרייען, האָט ער געזען, ווי אַזוי די מאַמע וועקט זיך, שטעלט זיך אויף, קוקט אַרום אין פענצטער און קריכט אַרויס פון בעט...

אַרויסגייענדיק פון בעט, גייט זי צו צו זיין בעט... ער דערשרעקט זיך און מאַכט צו פעסט די אויגן, זי זאָל ניט זען, אַז ער שלאָפט ניט און היט זי.

די מאַמע דעקט אים בעסער צו און מורמלט שטיל: „שלאָף, מיין זון, קאַלט!“ און זי הייבט זיך אָן אָנצוטאָן...

אַז זי איז שוין אָנגעטאָן, וואַשט זי די הענט און דאָס פּנים און

זאָגט ברכות מיט אַ זיסן אומעטיקן ניגון... לייבעלע איז פֿון דעם ניגון זייער גערירט. אַזאַ שיינער ניגון! נאָך שענער ווי דער טאַטע דאַוונט! נאָר די ברכות דויערן ניט לאַנג.

ווייבערשע ברכות! — טראַכט לייבעלע — אַזוינע קורצע! און עס טוט ווי באַנג, וואָס זיין גוטע מאַמע האָט אַזוי ווייניק צו „זאָגן“. דער טאַטע, אַז ער שטייט אויף, זאָגט ער אַזוי פֿיל... זאָגט און זאָגט נאָכאַנאַנד... אָבער וואָלט זי כאָטש געגעסן, וואָלט אים שוין נישט געאַרט!...

און לייבעלע פֿאָלגט נאָך מיט די אויגן יעדן באַוועגונג פֿון דער מאַמען...

אָט נעמט זי זיך הייצן דעם אויוון. די האָלץ לייגט זי נאָך אַריין פֿאַרן שלאָף. איצט לייגט זי נאָר צו קליינע העלצעלאַך, צינדט אָן אַ שוועבעלע, וואָס זי נעמט אַראָפּ פֿון קוימען, און אַזוי ווי לייבעלעס בעטל איז פּונקט קעגן אויוון, זעט ער, ווי דאָס פֿייער ברענט פּאַמעלאַך און אָן חשק.

די מאַמע הייבט אָן צו בלאָזן אין אויוון אַריין. נאָך יעדן בלאָז גיט זי אַ הוסט און נאָך יעדן הוסט קומט אַ שווערער לאַנגער זיפֿץ...

לייבעלען שניידט דער מאַמעס זיפֿץ ווי מיט אַ מעסער דאָס האַרץ... ער שרייט שיר פֿאַר רחמנות נישט אויס: מאַמע!

ער האַלט זיך אָבער איין. מע דאַרף צוקוקן ווייטער.

לייבעלע זעט, ווי דאָס פֿייער אין אויוון ברענט שוין העלער, פֿרייער און לוסטיקער. דאָס מאַכט אים אויך פֿריילאַכער... ער וואָלט איצט אַזוי געוואָלט אויפֿשטיין און זעצן זיך ביים אויוון! עס איז אַזוי שיין... נאָר די מאַמע וועט זיך וואונדערן און וועט אים פֿרעגן: וואָס עפּעס אַזוי פֿרי? — אַלע שלאָפֿן נאָך...

און אָט זעט ער, ווי די מאַמע נעמט די צוויי עמער מיטן קאַראָמיסלע, טוט אָן דעם קאַראָמיסלע אויף די דאַרע אַקסלען אירע, הענגט אויף זיי די עמער און רוקט זיך שטיל אַרויס פֿון שטוב...

— אַ טייערע מאַמע! — וויינט לייבעלעס האַרץ. — אַלץ זי — פֿאַרוואָס העלפֿט מען איר נישט!

אָ, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער, וועט ער איר ניט לאָזן גיין נאָך וואַסער...

און ער ליגט אין בעט און טראַכט וועגן זיין ליבער מאַמען, וואָס האָרעוועט אַזוי פֿיל, און עסן עסט זי גאָרנישט...

אָבער עסן מוז מען דאָך! קען ער זיך ניט באַרואיקן. אפשר זאָל ער זאָגן, אַז ער איז קראַנק און היינט ניט גיין אין חדר... אַ גאַנצן טאָג וועט ער זיצן אין שטוב און היטן די מאַמען און וועט אפשר דערזען, ווי אַזוי זי עסט, כאָטש איינמאָל... עס וואָלט פון אים אַזאַ זאָרג אַראָפּ...

די מאַמע קומט באַלד צוריק מיט די צוויי עמער וואַסער, זעצט זיך צו טאַקע אויף זיין בעטל און סאַפּעט שווער. לייבעלע מאַכט זיך, ווי ער שלאָפט שטאַרק, און כראָפּעט אפילו... ענדלאַך שטייט די מאַמע אויף, גיסט אָן עטלאַכע טעפּ מיט וואַסער און שטעלט זיי איינציקווייז אַריין אין אויוון...

דורך די קליינע פענצטערלאַך רייסט זיך שוין אַריין דער שיין פון נייעם האַרבסט-טאָג, אַן אומעטיקער און אַ שווער-פאַרטראַכטער... די צוועלף-יעריקע שוועסטערל, וואָס שלאָפט אין צווייטן ווינקל ביים פענצטער, וועקט זיך שוין, זעצט זיך אויף און מיט צעפּודלטע האָר שפּרינגט זי פּלוצים אַראָפּ פון בעט אין איין העמד, אַ באָרוועסע, און שטעלט זיך אינמיטן שטוב...

לייבעלע קוקט אויף דער שוועסטער, מיט וועלכער ער איז נישט בשלום צוליב געוויסע סיבות. דערצו איז ער אויף איר בייז, וואָס זי איז שוין אויפגעשטאַנען און זי וועט אים שטערן צו היטן די מאַמען...

נאָר אָט כאַפּט זיך שוין אויף דער טאַטע. דער טאַטע טוט זיך באַלד אָן, וואַשט זיך און הייבט אָן צו זאָגן און זאָגן... אָבער אָן אַ ניגון, נאָר אַזוי — אַ מין מאָלן מיט דער צונג... לייבעלען געפעלט עס ניט: דער מאַמעס ברכות זיינען שענער געווען; די מאַמע זאָגט עפּעס אַלץ אויף אידיש... „דערבאַרעמדיקער גאָט, האַרציקער טאַטע"... לייבעלע האָט עס ליבער...

נאָר אָט איז שוין דער טאַטע אויף פּאַרטיק. אָן אַ וואָרט דער מאַמען צו זאָגן, גייט ער אוועק דאַווענען...

די מאַמע ברומט אים צו:

— קום, זלמן, פריער, דער אָנבייסן וועט קאַליע ווערן...

— גוט! — ברומט אַרויס דער טאַטע, פאַרמאַכנדיק די טיר.

לייבעלען, פון ניט שלאָפן רואיק די נאַכט, באַפאַלט ענדלאַך אַ מידיקייט. ער שטרענגט זיך אָן נאָך צו ליגן. ער באַשליסט בלויז איינמאָל צוצומאַכן די אויגן... אָבער ער ווערט איינגעשלאָפן...

אַז ער הייבט זיך אויף, איז שטאַרק שפּעט...

די מאַמע רופט אים שוין צו:

— שטיי אויף, לייבעלע, צייט אין חדר גיין...

— אוי! — גיט ער זיך אַ כאַפּ, קוקט אָן דער מאַמען, ווי זי שטייט ביים אויוון און קאָכט אָנבייסן...

ער האָט פאַרשפּעטיקט — ניט איינגעהיט...

ער טוט זיך שנעל אָן און נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון דער מאַמען.

אָט קומט שוין דער טאַטע פון דאַוונען. די מאַמע הייסט זיך וואַשן... זי שלעפּט טעפּ פון אויוון... איינעם אַריין, דעם אַנדערן אַרויס... אין אויוון קומט פאַר אַ גאַנצע באַוועגונג. מאַנכע טעפּ שווימען אַרוים מיט אַ ווילדן סאָרט שוים, מאַנכע לויפן איבער די ברעגעס און דאָס איבערגעלאָפענע זידט און קאָכט מיט גרויס גרימ־צאָרן... מאַנכע זיינען שוין האַלב אויסגעזאָדן און אומזיסט הייבן זיי זיך, דעם אייבערשטן ברעג קענען זיי ניט דערלאַנגען...

— נו, וואָס געדויערט עס אַזוי? — ברומט דער טאַטע....

און די מאַמע הייבט זיך אָן צוצואיילן... זי דערלאַנגט דעם באַליבטן מאכל — פיש־קאַרטאָפל, און זי גיט צו מיט אַ גוטן שמייכעלע:

— די פיש איז אין טייך!...

און גייט אַוועק ווידער צום אויוון...

מיין גאָט! — וויינט אין לייבעלען דאָס האַרץ... — אַזוינע גוטע פיש־קאַרטאָפל! פאַרוואָס עסט ניט די מאַמע?

— און אפשר האָט זי שוין געגעסן, אָט דעמאָלט, ווען איך בין איינגעדרעמלט, — טראַכט לייבעלע און מאַכט זיך פאַרוואורפן, וואָס ער האָט ניט געקענט זיך איינהאַלטן און האָט פאַרשלאָפן.

און דער געדאַנק פלאָגט אים נאָך שטאַרקער: — ווען עסט די מאַמע?

ער נעמט זיך ווידער פאַר צו כאַפּן זי אַמאָל עסן...

אין מיטן וואָך איז טאַקע אוממעגלעך, — איז ער זיך מיאש (מעיאָעש) פון כאַפּן זי עסן אין מיטן וואָך... — אָבער שבת — מוז ער זי זען עסן!

ער וויל אַזוי זען, ווי אַזוי עסט די מאַמע?

„איך עס, ווען קיינער זעט ניט!“ — קלינגט אים דער דאַמאָלס־

דיקער ענטפער...

אָבער זי האָט דערביי עפּעס מאָדנע געשמייכלט... דער דאָזיקער שמייכל שוועבט אים פאַר די אויגן און שרעקט אים. עס איז עפּעס ניט גלאַט...

— ווען עסט די מאַמע?

אברהם רייזען

מיינע ערשטע האָנאָראַרן

מיין ערשטער האָנאָראַר איז געווען ניט באַזונדערס גרויס: א צווייער פאַר אַ ליד.

דערפאַר אָבער איז דער צווייער געווען זיכער, ווארום ניט פון אַ רעדאַקציע האָב איך דעם צווייער באַקומען, נאָר פון מיין באָבען...

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צען־עלף.

מיין טאַטע האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז איך שרייב.

— לידער! — האָט ער געזאָגט — זאָלן שרייבן גרעסערע מענטשן פאַר דיר, עלטערע אידן...

מילא, ער לאָזט ניט, לאָזט ער ניט... נתפעל (ניספּאָעל) פון אַזעלכע זאַכן ווערט מען ניט. און אַז דער טאַטע לאָזט ניט גיין אין וואַלד אַריין, גיי איך דען ניט? און אַז ער לאָזט ניט, למשל, ווינטער קראַצן די פאַרפרויר־רענע שויב, קראַץ איך דען ניט?... מ׳גיט זיך אַן עצה.

קריך איך אַרויף ווינטער אינאָווענט אויפן אויוון און גיט מיט גראַמען.

וואָס טוט מען אָבער — מען מוז זיי דאָך אימיצן ווייזן. וועמען־זשע קאָן איך פּאָרט פאַרלייענען אַ ליד? דעם טאַטן — אוממעגלאַך; די מאַמע איז אַ פאַרטראָגענע אידענע, כאָטש זייער אַ גוטע; די עלטערע שוועסטער פאַרשטייט זיך יאָ אַביסל אויף אַזוינע זאַכן, בין איך אָבער מיט דער שוועסטער שטענדיק ברוגז, דאָ צעקריגט מען זיך פאַר אַ צו־נאָמען, וואָס איך גיב איר, דאָ פאַר אַ מסירה׳לע (מעסירעלע), און אַמאָל טאָקע פאַר אַ גרעסער שטיק חלה.

בלייבט מיר פּאָרט די באָבע. מיין באָבע איז אפילו שוין אַן אַלטע אידענע, אָבער זייער אַ וועלטלאַכע. און דער עיקר — זי האָט פּרנסה (פּאַרנאָסע). שטענדיק איז זי אויפגערוימט.

טראָג איך יעדעס נייע ליד דער באָבען. נאַטירלאַך, אינאָווענט, ווען

זי קומט פון קראָם. וואוינען וואוינט די באָבע די צווייטע שטוב פון אונז אין אַ קעמערל ביי איר עלטערן זון, אַ גרויסער למדן (לאַמדן), אָבער זייער אַ בייזער איד.

גיי איך אַריין אין קעמערל, די באָבע זיצט ביים טישעלע און שטריקט אַ זאָק. דער זיידע, כלומרשט אַ בייזער, אָבער באמת זייער אַ גוטער, זיצט אויף דעם אויווּעלע, וואָס איז ספּעציעל צוגעבויט געוואָרן פאַר אים צום גרויסן אויוון, און קוקט אַריין אין אַ ספר.

איך שטיי לעבן דער באָבען און דערוועג זיך ניט זאָגן אַ וואָרט וועגן מיין ליד, ביז זי וועט אַליין ניט פרעגן.

ענדלאַך פרעגט זי גוטמוטיק:

— נו, וואָס שווייגסטו? זאָג עפּעס.

מיט הארצקלאַפעניש נעם איך אַרויס פון קעשענע דאָס שטיקל פּאַפּיר, פאַרשריבן דורך און דורך מיט גראַמען, און האַלט עס אַזוי אַ ווײַלע, ביז איך קריג מוט און זאָג:

— אַ ליד געמאַכט... איינער אַליין...

— גאַנץ פיין! — לויבט די באָבע נאָך איידער וואָס ווען — אדרבא (אַדראַבע) לאָמיך הערן.

פון דער באָבעס גוטן טאָן באַקום איך שטאַרק מוט און הייב אָן לייענען:

פאַר אַ גראָשן געלט
ענדיקט זיך די וועלט...

די באָבע איז שוין צופרידן. די ערשטע צוויי צײַלן געפעלן איר שטאַרק, זי קאָן זיך ניט איינהאַלטן און ווענדט זיך צום אייווּעלע, וואו דער זיידע זיצט, ווי ניט אים מיינט מען.

— דו הערסט, מאָשע — מאָשע, דו הערסט, וואָס זאָגסטו אויף זיין קעפּעלע?

נאָר דער זיידע איז ניט צופרידן, ער האַלט ניט דערפון און ברומט אַרויס:

— ער וואָלט בעסער געלערנט גוט, איידער אַזוינע נאַרישקייטן.

די באָבע אָבער מוטיקט מיך און זאָגט:

— אָט הער דעם אַלטן, וואָס ער רעדט... ס'איז זייער שיין. וואָס מ'קען איז גוט.

און זי גיט מיר אַ קאָפּיקע, זאָגנדיק, אַז איך וועל איר ברענגען אַ נײַ ליד, באַקום איך ווידער אַ קאָפּיקע.

נאַטירלאַך, הייסט זי מיר פון דעם געלט מאַכן אַ תכלית (טאַכלעס), איך זאָל זאַמלען, הייסט עס...

אַ קאָפּיקע איז אַ מטבע (מאַטבייע). מאַך איך נאָך און נאָך אַ לידל און נאָך אַ לידל — דריי לידער מיטאַמאָל — איך ווער אַליין נתפּעל (ניספּאָעל) פון מיין פּרוכטבאַרקייט. איך מאַך אַ חשבון (כעזשבן), אַז איך זאָל אין לויף פון אַ יאָר מאַכן דריי לידלאַך אַ טאָג, קאָן איך נתעשר (ניסאַשער) ווערן. און די לידלאַך אַליין זיינען דאָך אויך עפּעס ווערט... אמת, דער טאַטע האַלט ניט פון זיי. דער זיידע ברומט אויך אומצופרידן, נאָר ווער דאַרף זיי אַלע, אַז איך האָב די באָבען, וועלכע צאָלט במזומנים פאַר יעדן ליד?

איך בין אַ גליקלאַכער, באַזאָרגטער מענטש.

גייען אָבער אַריבער צוויי וואָכן און עס גייט ניט אַרויס קיין איין ליד. איך ווער שטאַרק פאַרצווייפלט. גאָט מיינער, ברום איך פאַר ווייטיק, ניט שוין־זשע וועל איך שוין מער קיין לידער נישט מאַכן, וואָס טויג דאַן מיין לעבן?

איך האָב אפילו פון דעם אַליין, וואָס עס מאַכן זיך ניט קיין לידער, אַ ליד געוואָלט מאַכן:

איר מעגט אייך, ברידער, לאַכן
איך קאָן קיין ליד ניט מאַכן...

נאָר איך האָב אַזאַ שרעקלאַכן סוד מורא געהאַט צו אַנטפּלעקן. צו וואָס זאָל מען וויסן פון מיין אומגליק?

פאַרגאַנגען דריי וואָכן אָן אַ ליד, פרעגט מיך די באָבע:

— נו, פאַרוואָס ברענגסטו ניט קיין לידער?

איך ווער רויט פאַר שאַנד, איך פיל, אַז איך פאַרליר דאָס גאַנצע אָנזען ביי דער באָבען. איך נעם זיך פּעסט. איך מוז מאַכן אַ ליד.

אויף מאָרגן קלער איך אַ גאַנצן טאָג. איך פיל, אַז דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּרונגען: עס גייט גאָרנישט אַרויס. אַ ליד אָבער מוז איך דאָך דער באָבען ברענגען, ווען ניט בין איך פאַרלאָרן, איך האָב שוין לאַנג קיין קאָפּיקע ניט אָנגעזען...

און פּלוצלונג פאַלט מיר איין אַ ווילדע אידייע.

איך נעם אַ ביכל לידער, וואָס געפינט זיך ביי אונז, קלייב אויס פון דאָרט דאָס שענסטע ליד, שרייב איבער און טראָג צו דער באָבען.

דאָס האַרץ קלאַפּט, ווער וויים, צי וועט מען מיך ניט כאַפּן.

איך לייען עס דורך פאר מיין באבען. מיין קול ציטערט און דאס גאנצע ליד קומט ארויס נעפלדיק.

די באבע הערט אויס, צעגענעצט זיך און זאגט:

— דאס ליד געפעלט מיר עפעס ניט. ביסט, זונעניו, קאליע געווארן...

איך ווער שטארק פארשעמט: סטייטש? א געדרוקט ליד... פארוואס זאל איך ליידן פאר יענעמס ליד? — און איך שים ארויס:

— דאס ליד איז גארניט מיינס.

די באבע קוקט מיך אן פארוואונדערט און בייזערט זיך:

— וואס הייסט ניט דיינס? וואס פלוידערסטו... גיי, גיי ביסט א נאריש אינגל...

אז מ'קאן א ליד אויך גנב'ענען, דאס קאן מיין באבע ניט פארשטיין. איך וויל עס איר ניט דערקלערן. איך באשלים, אז עס איז בעסער זיין א נאר איידער גנב'ענען לידער. איך גיי ארויס פון דער באבען אן האנאראר, אן כבוד, און נעם אויף זיך לידער קיינמאל, קיינמאל ניט צו גנב'ענען.

און גאט האט מיר שטענדיק געהאלפן!...

אין הויף פון א קליין שטעטל — שאגאל

י. קרעפּלאַק

קאַשטאַן

האָט איר געלייענט שלום-עליכם׳ס מעשה וועגן אַ אידישן הונט „ראַבטשיק״? ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַזאַ קהל׳שער (קאַהאַלשער) אידישער הונט, אָבער גאָר פון אַ גאַנץ אַנדער טבע (טעווע).

„קאַשטאַן״ האָט מען אים גערופן. — אַ געלער, אויסגעפּאַשעטער הונט ווי אַ קאַלב, און שטאַרק ווי אַן עקסל.

ביי אונז אין שטעטל איז אויך געווען שלום-עליכמס גאַנצע קאַפּעליע קצב׳ישע (קאַצאַווישע) הינט: דער שוואַרצער „זשוק״ אַן דעם וויידל, דער רויטער מאַכנאַטער „רודעק״, דער קליינער עזות׳-דיקער (אַזעסדיקער) „צוציק״ און די אַלע אַנדערע הינט, וואָס פלעגן זיך אַרומדרייען אַרום די יאַטקעס בייטאָג און ביינאַכט איבערן פּוסטן מאַרק.

דאָס זיינען אַלץ געווען הינט מיט הינטישע אונטערטעניקע כאַראַקטערס. מיר, אינגלאַך, האָבן געקאָנט מאַכן מיט זיי, וואָס מיר האָבן געוואָלט: צווינגען זיך שטעלן „סמירנאָ״ אויף די הינטערשטע פיס; אונז אָפּגעבן „טשעסט״ מיט איין לאַפּע, אָנבלאָזן אין אַן אויער, אָדער גאָר צוקוועטשן דעם וויידל . . .

אָבער מיט קיין איינעם פון זיי האָבן מיר ניט געפירט קיין חברשאַפט; חבר זיינען מיר נאָר געווען מיט קאַשטאַנען, כאָטש ער פלעגט זיך ניט שטעלן „סמירנאָ״, זיך ניט לאָזן בלאָזן אין אויער, און וועגן צוקוועטשן דעם וויידל איז שוין אָפּגערעדט.

ער איז געווען אַ שטאָלצער הונט, אַ פּערזענלאַכקייט, מיט אַ מויל ציינער, וואָס ער פלעגט ביי זיין יעדער אומצופרידנקייט אַזוי אַרויסווייזן, אַז מען האָט געמוזט האָבן דרך-ארץ (דערעך-ערעץ).

קאַשטאַנען האָבן מיר ליב געהאַט. וועגן קאַשטאַנען האָבן די עלטערע אינגלאַך דערציילט מעשות: אַז ער האָט אַרויסגעשלעפּט פאַרן קליידל אַ מיידעלע פון טייך; אַז ביי נאַטע דעם פאַכטער האָט ער געראַטעוועט אַ פערד פון וועלף, און דער עיקר, ער האָט ביי דעם רבי׳ן, „ר׳ בערציק קניפּ״ אָפּגעריסן אַ פּאָלע און אים אויף

טויט איבערגעשראָקן . . . אמת, דאָס געשמיסענע אינגל, וואָס האָט קאַשטאַנען אָנגערייצט, איז ווידער געשמיסן געוואָרן, און קאַשטאַנען האָבן ר׳ בערציקס קרובים אַ פּאָר טעג אַרומגעזוכט, אָבער קאַשטאַן איז געוואָרן אונזער העלד און אונזער חבר.

קאַשטאַן איז טאַקע געווען אונזערער אַ קינדערשער הונט. אויב ער פלעגט ניט דערלאָזן מאַכן קיין קונצן מיט זיך, האָט ער אָבער גוטמוטיק געלאָזט פירן אויף זיך אונזערע קליינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך. ער פלעגט זיך שטיין רואיק, גוטמוטיק, און לאָזן זיי אַרויפזעצן זיך אויפן רוקן; פון צייט צו צייט אומדרייען דעם קאָפּ, אַ קוק טאָן, וואו האַלט עס דאָרט אין דער וועלט, צי עס זיצט שוין, און פּאַוואָליע זיך דורכשפּאַצירן מיטן קינד.

ער איז אויך געווען אַ אידישער הונט. אַ חזיר פלעגט ער אַ גאַס ניט אַדורך לאָזן. פלעגט ער נאָר דערזען אַ חזיר, פלעגט ער זיך אַ וואָרף טאָן ווי אַ וואָלף, זיך איינבייסן אין אַן אויער און אַזוי באַ־גלייטן דעם קוויטשענדיקן חזיר ביז די גויאישער גאַסן.

די „מעשטשאַניעס" האָבן אים דעריבער שטענדיק געוואָלט פאַרסמען (פאַרסאַמען). ניט איינמאָל האָבן שקצים (שקאָצים) אים אונטערגעוואָרפן ברויט מיט גיפטיקע קאַשטאַנעס, פעטע קאָטלעטן מיט צעשטויסן גלאָז . . . נאָר שטענדיק פלעגט עס קאַשטאַן דער־שמעקן און זיך ניט צורירן.

קאַשטאַן איז געווען אַ הונט פאַר זיך. קיין באַלעבאָס האָט ער ניט געהאַט און ניט געוואָלט האָבן. איז געקומען אַ אינגל זיך באַרימען, אַז ער האָט „איינגענאַדזשעט" קאַשטאַנען, אַז איצט איז שוין קאַשטאַן זיין הונט, און ער קאָן אים אָנרייצן אויף וועמען ער וויל, אַז ער האַלט אים אין שטוב און גיט אים פון „פייגל־מילך"... האָבן מיר געוואוסט, אַז עס איז ניט אויף לאַנגע יאָר. כמעט יעדעס אינגל פון אונז האָט עס פּרובירט. אין עטלאַכע טעג אַרום האָבן מיר געהאַט זיך צו רייצן מיטן אינגל: וואו איז קאַשטאַן? וואָס הערט זיך מיט דיין פייגל־מילך?

אין דער אמתן: וואָס האָט געקענט צובינדן קאַשטאַנען צו אַ באַלעבאָס, אַז הארט הינטערן שטעטל האָט גערוישט דער ברעג־לאַזער, צעוואַקסענער וואַלד, וואו האָזן זיינען געשפּרונגען איבער פּאָליאַנעס, און געצויגן האָבן זיך ברייטע פעלדער, וואו פעטע

קוראָפּאַטקעס זיינען געלעגן פאַרשטעקט מיט די קעפּלאַך אין פוכקן
שניי און ווי געוואַרט נאָר, אַז קאַשטאַן זאָל קומען און זיי אַ כאַפּ
טאָן מיט די ציינער.

ב.

אַלע הינט האָט זיך געלעבט ביי אונז אין שטעטל גוט און פריי.
זיי פלעגן קיינעם ניט טשעפּען און קיינער האָט זיי ניט געטשעפּעט.
אָבער ניט שטענדיק זיינען זיי געווען זיכער. פון צייט צו צייט
פלעגן זיך אַראָפּלאָזן פון דער גרויסער שטאָט צו אונז אין שטעטל
הינטשלעגער, אָדער ווי מיר פלעגן זיי רופן „ראַקאַרעס", אָדער
„היצליעס". אין אַזעלכע טעג פלעגן מיר גלייך באַגינען דערהערן
די יללה (יעלאָלע) פון די געכאַפּטע און צוגעשטיקטע הינט. אַרויס־
קוקנדיק פון פענצטער, פלעגן מיר דערזען, ווי ס'גייען צוויי הינט־
שלעגער, יעדערער ביי איין זייט טראָטואַר מיט פּעטליעס אויף
לאַנגע שטעקנס. און זיי גייען זיך אַזוי שטיל, געלאַסן, גנבהדיק.
און ס'איז נאָר געווען זיך צו וואונדערן: אַזעלכע לאַנגע שטעקנס,
און זיי זעען זיך גאָרניט אָן; די היצליעס האַלטן די שטעקנס עפּעס
פון דער זייט, פון הינטן, אַז זיי מערקן זיך גאָרניט.
לויפט אַ הונט פראַנק און פריי אַנטקעגן; ער מיינט גאָרניט.
ער ווייס גאָרניט . . . און פלוצלונג אַ פייף, און די טויטן־פּעטליע
וואַרגט אים שוין, דערשטיקט אין אים דעם אָטעם . . . .
אַנדערע הינט כאַפּן זיך אין דער לעצטער רגע. גיט זיך דעם
הינטשלעגער ניט איין צו פאַרציען די פּעטליע אויפן האַלדז, אָבער
פאַר אַ פּיסל האָט ער אים זיכער... און דער הונט שטעלט זיך
אַנטקעגן, ער ראַנגלט זיך פאַרן לעבן; ער רייסט זיך, וויל זיך מיט
וואָוט וואַרפן אויפן הינטשלעגער; אָבער זיינע ציין טרעפן נאָר אָן
דעם געשמידטן ברעג פון לאַנגן שטעקן. מענטשן שטעלן זיך אָפּ
קוקן אויף דעם הונטס ראַנגלעריי — גיט אים דער ראַקאַר אַ הייב
פאַר דעם איינגעקרעמפּעוועטן פּיסל אויפן הויכן שטעקן אין דער
לופטן און אַ טראַסק אָן ברוק, אַ הייב אין דער לופטן און אַ טראַסק
אָן ברוק . . .
אויף אונז, קינדער, פלעגט דאָס אָנקומען פון די הינטשלעגער

אָנוואָרפֿן אַ מורא. די מאַמעס פּלעגן אונדז סטראַשען מיט די ראַקאַרעס, מיט די היצליעס, פּונקט ווי מיטן אוריאַדניק. ביי אונדז אין די אויגן האָט אַ הינטשלעגער אויסגעזען, ווי אַ מלאך־המות (מאַלאַך־האַמאָוועס). מיר האָבן געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אַ היצעל קאָן איינעם פֿון אונדז קינדער, אויך זיך אַזוי גרינג אַ הייב טאָן אַ פֿאַרצוויגענעם אין דער לופֿטן און אַ טראַסק אָן דר׳ערד, און אַ טראַסק אָן דר׳ערד...

ווידער האָבן מיר זיך געשראָקן פֿאַר קאַשטאַנען, טאָמער פֿאַלט קאַשטאַן אַריין. מיר האָבן געוואוסט, אַז די שקצים (שקאָצים) האָבן אָנגעבאָטן די הינטשלעגער צו כאַפּן קאַשטאַנען און אַז זיי זוכן אים אַרום. אָבער געוויינטלאַך, פֿלעגט קאַשטאַן ווי דערשמעקן, ווען די ראַקאַרעס פֿלעגן נאָר אַריין אין שטעטל, און גלייך נעלם ווערן אין וואַלד.

איינמאָל האָט זיך טאַקע ביי אונדז איבער די חדרים צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז די הינטשלעגער האָבן געכאַפּט קאַשטאַנען אויפֿן מאַרק. ווען מען איז פֿון אונזער חדר געקומען צו לויפֿן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קאַשטאַן איז אַדורכגעשפּרונגען דורך דער פֿעטליע, ווי ער וואָלט זיך נאָר אַ רייץ געטאָן מיט די היצליעס. די צוויי הינטשלעגער זיינען געשטאַנען מיט עטלאַכע שקצים און עפּעס געטענהט (געטיינעט). אַ פּאָר אינגלאַך האָבן באַגייסטערט דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז פֿאָרגעקומען. אַלע אונזערע האָבן קאַשטאַנען געריימט אין הימל אַריין.

— קאַשטאַן איז אַ וואָלף! — האָט גע׳טענה׳ט דער רירעוודיקער בערעלע כייקלס.

— ווען קאַשטאַן קאָן קלעטערן, איז ער שטאַרקער פֿון אַ בער! האָט דער צעגאָסענער וועלוועלע חיה־רייצעס זיך גערעדט געלאַסן.

— פֿון וואַנען ווייסטו, אַז קאַשטאַן קאָן ניט קלעטערן? — האָט זיך דער היציקער פֿישעלע אָנגענומען פֿאַר קאַשטאַנס כבוד (קאָוועד). — אין שטאָט האָט ער ניט וואו צו קלעטערן, אָבער אין וואַלד קלעטערט ער אויף סאָסנעס . . .

ס׳האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. מיר האָבן דערזען די הינטשלעגער און די שקצים לאַכן צווישן זיך אויפֿן קול. דער העכערער הינטשלעגער, דער עלטערער, שטשירעט מיט די ציין ווי אַ הונט,

און דער נידעריקער, מיט די געלע פּליאַמעס אויפן פּנים, טרייסלט זיך פון געלעכטער . . .

— זעסט דעם הויכן דאַרן היצעל? — האָט אונז דערציילט פישעלע. — דאָס עסט ער נאָר כאַרטן, דערפאַר איז ער אַזוי דאַר . . .

— און וואָס עסט דער געלער, דער גראָבער? — האָט געפרעגט בערעלע חייקלס.

— מסתמא (מיסטאָמע) מאַפּסן, — האָט פישעלע לאַנג ניט געקלערט.

מיר האָבן דערזען ווי די ראַקאָרעס זעגענען זיך מיט די שקצים. און דער עלטערער דרייט זיך נאָכאַמאָל אום צו די שקצים, שטשירעט די ציין און רופט פון דער ווייטן:

— מי יעהאָ זלאַפּאַיעם . . . (מיר וועלן אים שוין כאַפּן!)

— כ׳קאָן זיך שווערן, אַז דאָס מיינט מען קאַשטאַנען, — האָט אַ זאָג געטאָן דודקע דעם שמידס.

ג.

ס׳איז געווען אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק אינדערפרי. גלייך באַגינען האָבן מיר דערהערט שרעקלאַכע, באַנומענע קולות פון הינטן אויפן גאַס. פון אַלע הייזער זיינען מיר אינגלאַך אַרויס. מיר זעען די זעלביקע צוויי הינטשלעגער שלעפּן שוין צוויי הינט אויף די פּעטליעס. די הינט האָבן זיך איינגעגעסן מיט די ציין אין די שטעקנס. כאַר־כלען משונע, און די היצליעס — אַלע מאָל אַ הייב אין דער לופטן און אַ טראַסק אָן דער צוגעפראָרענער ערד . . .

אָבער פאַרוואונדערט זיינען מיר געוואָרן און ניט געקענט פאַר־שטיין, ווען מיר האָבן דערזען, אַז אַ הונט, אַ לעבעדיקער הונט, אַ ווייסער מיט געלע לאַטעס, גייט זיך נאָך טריי די הינטשלעגער. צוערשט האָבן מיר געמיינט, אַז מע ציט אים אויך אויף אַ פּעטליע; מיר זעען אָבער, אַז ער גייט זיך פראַנק און פריי, מיטן אייגענעם ווילן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הונט? — האָבן מיר געפרעגט איינער דעם אַנדערן.

— זעסט דאָך, אַז ס׳איז אַ פרעמדער הונט.

— וואָס פאַר אַ הונט. ס׳איז אַ צויג... — האָט זיך אָפּגערופן

מיט פאַראַכטונג דודל דעם שמידס, דער גרעסטער הינטקענער צווישן אונזערע אינגלאַך.

דעם גאַנצן האַלבן טאָג, ביזן סוף לערנען, האָבן מיר גערעדט וועגן דעם אין חדר. מיר האָבן דאָס ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קאָן דאָס זיין, אַז ראַקאַרעס זאָלן זען אַ הונט און אים ניט אַרויפציען אויפן פעטליע, און אַז אַ הונט זאָל גאָר נאָכלויפן אַ הינטשלעגער מיטן אייגענעם ווילן.

נאָך האַלבן טאָג, ווען מען האָט אונז אָפּגעלאָזט אַהיים, האָבן מיר זיך, ווי שטענדיק, צונויפגעקליבן ביים טייך — גליטשן זיך אויף אונזערע אַליין־געמאַכטע גליטש־שיכלאַך מיט אונטערגעשמידטע דראָטן פון אַלטע פאַראַסאָלן.

פלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אַ מהומה (מעהומע) צווישן אונז. חיימקע, רייצע דער אַלמנהס, איז געקומען צופליען מיטן היטל אין האַנט, ווי אַ פאַר׳סמ׳טער:

— די היצליעס האָבן קאַשטאַנען געכאַפּט!

— ווער? ווי אַזוי? האָבן מיר אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

— געכאַפּט און אַוועקגעפירט צום „וויגאָן“.

— האָסט אַליין געזען? — האָט מען נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבן.

— אַליין געזען; קאַשטאַן איז צוגעלאָפן צו דער צויג, האָבן אים די היצליעס געכאַפּט און אַוועקגעפירט צום „וויגאָן“.

דער „וויגאָן“ איז געווען אַ וויסט בלאָטיק פעלד. אַפילו זומער־צייט איז עס געווען מאָגער באַוואָקסן; און פלעגט פאַרקריכן אַהין אַ פערד אָדער אַ בהמה (בעהיימע) פון די אַרומיקע לאַנקעס, זיינען זיי געווען פאַרפאַלענע: זיי פלעגן איינזינקען אין זומפּ. שטענדיק פלעגט דאָרטן בולקען און קלינגען, ווי די ערד וואָלט געזויגן מיט אַ סך מיילער. פון וויסטן זומפּ פלעגן אַרויסשטאַרצן סקעלעטן מיט צעבראָכענע ריפּן. צו דער טרוקענער זייט האָט פון בלאָטע אַרויס־געשטעקט אַ האַלב־צעפאַלענער פאַרקאַן. אַנטקעגן, איבערן וועג, האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פאַרלאָזענער מאָהילניק מיט אַ קליינער שטיינערנער „טיפליע“. סיי זומער, סיי ווינטער, פלעגן שטענדיק אומפליען גאַלקעס איבערן וויגאָן, טרייסלען מיט די געשפּריצטע לאַנגע ווידלען און מיט זייער וויסטן קוויטשיקן געשריי אָנוואַרפן

אַ מרה־שחורה (מאָרע־שכוירע). אַהין פֿלעגן דאָס די הינטשלעגער ברענגען צושלעפּן די געכאַפּטע האַלב־דערשטיקטע הינט און דאָרטן זיי אָפּשינדן די פֿעל. ווינטער האָט עס גאָר אויסגעקוקט וויסט און פֿאַרלאָזן.

ווי אַ מחנה (מאַכנע) שפּערלאַך זיינען מיר אָנגעלאָפֿן אויפֿן צו־געפֿראָרענעם וויגאָן. מיר האָבן דערזען הינט צוגעבונדן צום האַלב־צעפֿאַלענעם פֿאַרקאַן, די צוויי היצליעס און זייער צויג. מיר האָבן אויך גלייך דערזען קאַשטאַנען. ער איז געלעגן אויף אַלע פֿיר מיטן פּנים צו אונז, מיט אַ שטריק פֿאַרצויגן אַרום האַלדז, מיט אַן אַרויס־געשטעקטער צונג, און געאָטעמט מיט די זייטן. דערזען אונז, האָט ער זיך געוואָלט אויפֿשטעלן, אָבער איין פֿוס איז אים געווען איינגע־קרמעמפּעוועט, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן אויף אַלע דריי, אַ ביל גע־טאָן און צוריק אַנידערגעפֿאַלן.

דער ערשטער האָט אונז דער אינגערער ראַקער דערזען; ער האָט אויף אונז אָנגעוויזן דעם עלטערן און אַ געשריי געטאָן: „זשידזשי!" ביי אונז האָט דער אָטעם פֿאַרכאַפּט. מיר האָבן דערזען, ווי דער אינגערער נעמט אַ דראָנג אין האַנט און גייט צו אומשולדיק צו אַ שוואַרצן הונט און דערלאַנגט אים פֿון הינטן אַ שפּאַלט איבערן מוח... ביים שוואַרצן הונט איז עפּעס ווי אַ פֿרעמדע זאַך דורכגעלאָפֿן אונטערן פֿעל. פֿון זיך אַליין האָט ביי אים יעדעס פּיצעלע גענומען ציטערן און ער איז גלייך געזונקען אויף אַלע פֿיר.

צי האָט דער הינטשלעגער געמיינט אונז אָפּסטראַשן, צי ניט. נאָר באַלד האָט ער אַרויסגענומען אַ בלאַנק מעסער, אים אַ פֿאָך גע־טאָן אויף דער זון, ס'האָט אַ שפּיל געטאָן אַן „עזעלע", און מיט איין מאָך האָט ער אים אַריינגעשטאָכן דעם הונט אין האַלדז אַריין.

און דאָ שטייט נאָך די צויג, לאַסטשעט זיך צום עלטערן און דרייט מיטן ווידל.

— מיר'ן קאַשטאַנען אָפּקויפֿן, — האָט אַ געשריי געטאָן דיאָדקע דעם גביר'ס (גווירס).

— אַלע, דאָס גאַנצע געלט אַהער! — האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ טומל.

אויסער חיימקע דער אַלמנהס, האָבן אַלע געגעבן; האָבן זיך אַלע אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן: „גיסט, צי ניט!"

וואָס, וואָס? גיב געלט פאַר קאַשטאַנען. האָסט דאָך אַליין אָנגעזאָגט.

מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַן אָרימער, אָבער אַ בעל-גאוה (באַל-גייווע). וואָלט ער כאָטש געזאָגט, אַז ער האָט ניט, נאָר ניין, ער גיט ניט...

מיר האָבן אים שיר ניט צעריסן, אַ ברוגזער (ברויגעזער) איז ער אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט.

דיאָדקע דעם גבירס האָט געהאַלטן דאָס געלט אין ביידע הויפּנס, די אַלע קופּערנע קאָפּיקעס, דרייערס, און דידקעס, וואָס מען האָט צוזאַמענגעקליבן, און אַ פרעג געטאָן:

— ווער גייט צום ראָקאָר אָפּקויפן קאַשטאַנען?

אַלע האָבן געשוויגן, אַלע האָבן מורא געהאַט צו גיין און ער אַליין אויך.

— איכ׳ל גיין, — האָט זיך אַרויסגערופן חיימקע דער אַלמנהס.

— קענסט גויאיש? — האָט אים גענומען אויספרעגן דודל דעם שמידס — ווי וועסטו זאָגן?

— וואָס איז דיין דאגה?

— טאָמער קענסטו ניט?

— טאָ גיי אַליין! — איז ער אָפּגעטראָטען אָן אַ זייט.

— גיי, גיי... צום ראָקאָר, — האָבן מיר זיך אַלע געמוזט בעטן ביי אים אַ היפּשע ווײַלע, ביז וואַנען ער האָט זיך איבערגעבעטן.

— זאָלסט ניט פאַרגעסן אָנהייבן מיט „פּאַניע", „פּאַניע היצעל" זאָלסטו אים זאָגן... — האָט אים נאָכגעשריען דודל דעם שמידס.

ד.

מיט איינגעגעסענע אויגן האָבן מיר געקוקט, ווי חיימקע דער אַלמנהס דערנענטערט זיך פּאַוואָליע צו די הינטשלעגער. דער עלטערער האָט זיך צו אים אומגעקערט און אים אַ רוף געטאָן מיטן פינגער, ער זאָל צוגיין גיכער.

מיר האָבן זיך דערשראָקן, אונז איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, טאָמער וויל ער אים פאַרנאַרן, און אָט-אָט וועט ער אַ כאַפּ טאָן אַ שטעקן און פאַרוואַרפן אים אַ פּעטליע אויפן האַלדז.

— גיי ניט. גיי ניט!—האָבן אַנדערע אינגלאַך אָנגעהויבן שרייען.

חיימקע האָט זיך אָבער גאָרניט צוגעהערט. ער איז דרייסט צו, און מיר האָבן דערזען, ווי ער ווייזט דעם דאָרן הויכן היצעל דאָס געלט. דער הינטשלעגער בייגט זיך צו, נעמט דאָס געלט, ציילט עס אויפן האַנט און לייגט אַריין אין קעשענע. מיר האָבן מיט פרייד אָפּגעצויגן דעם אָטעם: „צוגענומען דאָס געלט, קאַשטאַן איז אונ־זערער . . .“

אָבער גלייך האָט זיך אונז אָפּגעריסן אין האַרצן. מיר זעען ווי ער דרייט אום חיימקען פאַר די פּלייצעס, ווייזט אים אָן אויף אונז און חיימקע לויפט. מיר זיינען אים געלאָפן אַנטקעגן:

— וואָס האָט ער געזאָגט? ער גיט אָפּ קאַשטאַנען?

— ער האָט געזאָגט „יעשטשע“, ער וויל נאָך געלט, וועט ער אָפּלאָזן קאַשטאַנען.

די גאַנצע מורא פאַרן הינטשלעגער איז ביי אונז אַוועק, וויבאַלד מען קען צו אים צוגיין, און ער דינגט זיך, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן?

— געלט, ווער האָט געלט? — האָט מען זיך ווידער אָנגע־הויבן טומלען.

מיר האָבן אָבער מער קיינער קיין געלט ניט געהאַט; איז ביי אונז געבליבן, מיר זאָלן צוגיין אַלע, ער זאָל אונז אָפּגעבן קאַשטאַנען אָדער דאָס געלט.

מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די הינטשלעגער; זיי זיינען געשטאַנען, געוואָרט אויף אונז און עפּעס געלאַכט.

— פּאַניע היצעל, ניעמאַ פּעניענדזי... — האָט אָנגעהויבן דודל דעם שמידס. ערשט מיר זעען, אַז דער אינגערער כאַפּט אַ שטעקן און גיט זיך אַ לאָז אויף אונז.

אויף אַלע פיס זיינען מיר זיך צעלאָפן, צעשאָטן איבערן צוגע־פאָרענעם פעלד און אויפן וועג; דערפילט, אַז ער יאָגט אונז שוין ניט, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס האָסטו אים אַוועקגעגעבן דאָס געלט, — האָבן זיך עטלאַכע גלייך אָרויפגעוואָרפן אויף חיימקען דער אַלמנהס.

— איר האָט דאָך געהייסן . . .

— פרעמד געלט אַרט אים דען? — האָט פישעלע זיך געהיצט.

— כ׳וועל דיר באַלד אָפּגעבן, ווילסט?... — האָט חיימקע פאַר־קוועטשט אַ פּויסט.

— וואָס רייסט איר זיך? וואָס וועט זיין מיט קאַשטאַנען? — האָט זיך אַריינגעמישט וועלוועל.

— לאָמיר זיי פאַרוואַרפן מיט גרודעס און מיט שטיינער! — האָט זיך פישל צעהיצט און אָפּגעריסן אַ שטיק פאַרפראָרענע ערד.

ווי סאָלדאַטן האָבן מיר זיך צעשפּרייט איבערן וויסטן וויגאָן און איבערן וועג. מיר האָבן אָנגעהויבן האָגלען אויף די הינטשלעגער מיט האַרטע קוילן שניי, מיט שטיקער פאַרפראָרענע ערד און שטיי־נער פון וועג.

די הינטשלעגער מיט דער צויג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונז. דער צויג האָבן מיר גלייך אונטערגעהאַקט אַ פוס מיט אַ שטיין. די היצליעס האָבן זיך געיאָגט ווי נאָכן ווינט. זיי האָבן ניט געקענט כאַפּן קיין איינעם פון אונז.

מיר האָבן אַלע מיט אונזערע גאַנצע כוחות געהאָגלט אויף זיי און ניט דערלאָזט קיין איינעם פון אונז כאַפּן. אָט, אָט, דוכט זיך האַלט שוין אַ הינטשלעגער איינעם פון אונז, אָבער באַלד באַ־געגנט ער אַ שטורעם פון שטיינער, שטיקער אייז, אָדער גאָר אַ צי פאַרן פּעלצל פון הינטן און ער וואַרפט זיך אין אַן אַנדער זייט.

נאָר איין חיימקע דער אַלמנהס האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט. מיר האָבן דאָס געזען און אין האַרצן געטראַכט: וואַרט, מיר וועלן זיך מיט דיר אָפּרעכענען!

ביסלאַכוויז זיינען מיר געוואָרן מידער, די היצליעס האָבן שוין קיין אַכט ניט געלייגט אויף די שטיינער, וואָס זיי כאַפּן, און זיך גלייך געוואָרפן נאָך איינציקע פון אונז. און פלוצלונג, ווען דער אינגערער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ טייל אינגלאַך און דער עלטע־רער היצל נאָך אונז, האָבן מיר דערהערט אַ שרעקלאַכן געשריי. מיר האָבן זיך אַליין ניט געגלויבט: מיר זעען — קאַשטאַנען — אַ פרייען און ווי ער בייסט זיך איין פון הינטן ביים עלטערן היצעל אין פיס....

ביים פאַרקאָן איז געשטאַנען חיימקע דער אַלמנהס און גע־האַלטן אין אָפּבינדן נאָך אַ הונט.

אבראהם רייזען

די נייע לאַטע

יאַנקעלע איז אַ אינגעלע פון זיבן יאָר. נאָר זען זעט ער אויס ווי צען יאָר. אָבער דערין איז ניט ער נעבאך שולדיק, נאָר די איבעריגענייטע קאַפּאָטקעלע זיינע. זי עלטערט אים פאַר דער צייט. זי איז אויף אים זייער ברייט און לאַנג. בשעת מע האָט זי איבערגענייט פאַר אים, האָט די מאַמע בדעה געהאַט, עס זאָל קלעקן אויף עטלאַכע יאָר, ווייל דאָס קינד האַלט אין וואַקסן. אויך דאָס היטעלע זייִנס איז אַן אַלטס און אַ גרויס, — פון טאַטנס קאָפּ, — און ער זעט אין זיי אויס עלטער אויף שטאַרקע דריי יאָר. דער טאַטע זיינער, ווען ער איז אין גוטן הומאָר, רופט אים „באַלעבעסעלע"... און יאַנקעלע איז צופרידן.

ניט גוט איז אָבער מיט יאַנקעלעס הייזעלאַך. זיי זיינען געווען זייער קורץ. די לעצטע צייט זיינען די „קאַלאָשעס" פון זיי צעפליקט געוואָרן און ביי יאַנקעלען האָט זיך נעבאך די הוילע קני ארויסגעזען. די מאַמע האָט דורכן ווינטער ניט איינמאָל דערמאָנט איר חייקלען:

— וואָס וועט זיין, חייקל, מיט אַ פּאָר הייזעלאַך פאַר יאַנקעלען?

— די זיינען דאָך שוין צעברעקלט געוואָרן.

און חייקל פלעגט אַ קוק טאָן אויף יאַנקעלען, אים הייסן באַווייזן. יאַנקעלע פלעגט אויפדעקן די פּאָלעס און אויסשטעלן די פיסלאַך, דער טאַטע פלעגט מיט גרויס מבינות באַטראַכטן די „ריסן" אין די הייזלאַך און פלעגט ענטפערן:

— מע דאַרף זען מאַכן...

און אַ גאַנץ ווינטער האָט מען אַלץ געזען צו מאַכן... עס איז אָבער אַ שווערער ווינטער געווען, מע האָט זעלטן אַ מזומנעם גראָשן אין שטוב געזען, און מע האָט ניט געמאַכט.

נאָך פּורים האָט יאַנקעלע שטאַרק גענומען מאָנען:

— מאַמע, ניי מיר הייזעלאַך... מאַמע!

און די מאַמע האָט פאַרזיכערט, אַז ווי מע וועט נאָר אָפּבאַקן מצה, איז די ערשטע זאַך יאַנקעלען מאַכן הייזעלאַך.

און דער טאַטע האָט אויך געזאָגט, אַז ווי נאָר די מצה וועט זיין אין שטוב, וועט מען גיין אין קראָם און נעמען פאַר אַלע קינדער סחורה

און פאר יאנקעלען אויף הייזעלאך און אפשר א היטעלע וועט מען אים אויך קויפן...

מע האט מצה קוים אפגעבאקט. עס איז געבליבן א וואך צו פסח און אין שטוב איז קיין גראשן ניטא. חייקל האט אפגעלייגט גיין אין קראם אויף נאך פסח.

— נאך פסח וועט זיך אם ירצה השם (מירצעשעם) ווייזן ארבעט!

— האט ער מיט בטחון געזאגט. חייקל האט געהאט א מלאכה אין האנט

— א מאלער איז ער געווען — און בטחון אין הארצן...

— וויל הייזעלאך! — האט יאנקעלע זיך געוואָרפן מיט א געוויין א פאר טעג פאר פסח.

— נו, יאנקעלע, וויינען טאר מען ניט! אין ווינקעלע שטייט דער בעזעם... — האט חייקל געסטראשעט.

דער בעזעם איז אפילו געווען אן אלטער; די ריטלאך — צעדארטע, און יאנקעלע איז געווען מסופק, צי וועט די עלטערע שוועסטער, וואס היט דעם בעזעם ווי דאס אויג פון קאפ, לאזן רירן א ריטעלע — דאך איז ער באלד שטיל געווארן.

אויף מארגן האט ער אבער זיך נאך שטארקער פאנאדערגעוויינט:

— ניי מיר הייזעלאך, מאמע! האסט דאך צוגעזאגט!

און יאנקעלע האט אפגעדעקט די פאלעס און וויינענדיק אנגעוויזן.

— זע, זע, צעריסן!.... איך שעם זיך.

— וואלסטו אפשר זען צו קריגן עפעס אויף הייזלאך... — האט די מאמע זיך געווענדעט צו חייקלען.

— אפשר גיין גנב'ענען!? — האט חייקל איראניזירט.

— ווייסטו גאר וואס, יאנקעלע? — האט די מאמע פלוצים ווי דערוואכט — איך וועל דיר לייגן אויף די הייזעלאך לאטעס, אז עס וועט זיין שענער ווי נייע...

— טאקע? — האט יאנקעלע מיט ליכטיקע אייגלאך געפרעגט.

— אויף נאמנות. מיין קינד... וועסט זען. באלד וועל איך ארויס־נעמען דעם קאסטן פון אונטערן בעט. דארטן ליגט ביי מיר אודאי א האלב ארשין קארט, פיינע, אין „קעסטעלאך“!

— אין קעסטעלאך! — האט יאנקעלע זיך נאך מער דערפרייט.

שוין לאנג, אז ער האט חשק צו אזא סארט בגד, נאר ער האט גאר קיינמאל ניט געהאט קיין העזה צו טראכטן פון אזא גליק.

און די מאמע האט ארויסגענומען דעם קאסטן פון אונטערן בעט

און זיך גענומען זוכן דאָס שטיקל קאָרט אין „קעסטעלאַך". זי האָט עס געפונען און געוויזן חייקלען און יאַנקעלען.

— אַן אַנטיק אין דער וועלט! — האָט חייקל אויסגעשריען, כדי אָפּצו־נאַרן נאָך מער יאַנקעלען, — עס וועט זיין גאָר רייך, גאָר רייך. — האָט ער געדריקט די ווערטער און געזשמורעט מיט די אויגן צום ווייב.

און יאַנקעלע איז געווען אויפן זיבעטן הימל. דאָס שטיקל סחורה האָט אים אַנטציקט. ער האָט זיך גענומען ציילן די קעסטעלאַך.

— איינס... צוויי... דריי... פיר... אוי, סאַראַ פולע קעסטעלאַך!

— היינט ביינאַכט, יאַנקעלע, וועל איך דיר פאַרריכטן, בשעת דו וועסט שלאָפן.

— עס וועט זיין שיין! — האָט יאַנקעלע מיט אַ שיינענדיק פּנים גע־זאָגט האַלטנדיק דאָס שטיקל סחורה.

— מאַמע, וואו האָסטו דאָס גענומען?

— עס ליגט שוין ביי מיר לאַנג. איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן.

* * *

ביינאַכט האָט יאַנקעלע אויסגעטאָן די הייזעלאַך, זיך געלייגט אין בעט און די מאַמע האָט זיך גענומען צו דער רעפּאַראַציע... איר שטערן האָט זיך געקנייטשט, די אויגן האָבן געגלאָצט און דער מוח האָט גע־אַרבעט...

יאַנקעלע איז געלעגן אין בעט און האָט ניט געקענט איינשלאָפן. אַלע ווייל האָט ער פון בעטל געפרעגט:

— נו, מאַמע, באַלד...

— שלאָף, שלאָף, מיין קינד, עס וועט נאָך געדויערן.

נאָר שווער איז יאַנקעלען געווען איינצושלאָפן. דאָרטן ביים טיש זיצט די מאַמע איבער זיינע הייזעלאַך, וועלכע דאַרפן מגולגל ווערן אין עפּעס אַזוינס, וואָס זיין מוח׳ל קען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלן... און די רעיונות האָבן אים שלאָפן ניט געלאָזט.

אויף מאָרגן פרי, ערב פּסח, האָט די מאַמע יאַנקעלען געוועקט:

— שטיי אויף, מיין זון! איך האָב דיר פאַרטיק געמאַכט די הייזעלאַך.

— וואָסערע הייזעלאַך? — האָט זיך יאַנקעלע רייבנדיק די פאַר־שלאָפענע אייגעלאַך געפרעגט.

— דיינע הייזעלאַך פאַרריכט.

אַז ער האָט די אייגעלאַך גוט אויסגעריבן און זיך גוט אויסגעקראַצט די רעכטע און לינקע זייט פּלייצע, איז ער ערשט געקומען צו זיך און זיך

דערמאָנט אָן דעם נעבכטיקן האַלבן אַרשין קאָרט אין די „קעסטעלאַך" און זיין פּנים'ל האָט גענומען שיינען.

— שיין עפּעס? האַ, מאַמע? — האָט ער אויסגעשטעלט זיינע אייגעלאַך...

— אַן אַנטיק! — האָט די מאַמע געשמייכלט — נאַ טו אָן. —

יאַנקעלע האָט אויף גיך זיי אָנגעטאָן און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן מיט אַן ערנסט פּנים'ל.

— אַזוי ווי נייע! — האָט ער אויסגעשריען טאַפּנדיק די צוויי גרויסע לאַטעס, וואָס אויף יעדער „קאַלאָשע".

— נאָך שענער! — האָט די מוטער ביטער געשמייכלט.

— טאַקע שענער! — האָט יאַנקעלע איינגעוויליקט. — מאַמע — האָט ער צום סוף באַמערקט — אָט די לאַטע איז אַ שענערע פאַר דער אַנדערער — זי איז אַ קיילאַכדיקע, אַזוי ווי אַ ראָד...

— די אַנדערע איז אויך שיין, מיין זון... האָט די מאַמע אים געטרייסט.

ער האָט זיך פאַרזיכטיק איינגעוואַשן, ער זאָל חלילה ניט פאַרשפּריצן די קיילאַכדיקע לאַטע. עס האָט זיך אים אָבער ניט איינגעגעבן, די אמת'ע שיינע קיילאַכדיקע לאַטע האָט זיך אַביסעלע פאַרשפּריצט און יאַנקעלע האָט אַביסל צער דערפון געהאַט...!

באַלד האָט זיך אָבער אויסגעטריקנט, ווייל יאַנקעלע האָט זיך געשטעלט לעבן קוימען, וועלכן מ'האָט געברענט אויף פּסח און ער איז ווידער פריילאַך געוואָרן.

ער האָט אָנגעטאָן די קאַפּאָטקעלע און — אוי וויי — ווידער אַ צער — די קאַפּאָטקעלע איז לאַנג און זי פאַרשטעלט אַזעלכע צוויי שיינע לאַטעס! אַז ער וועט אַרויסגיין אויפן גאַס שפּילן, וועלן די אינגלאַך גאָרניט זען...

— מאַמע, — האָט ער זיך געקלאָגט, — די קאַפּאָטע איז אַ לאַנגע — עס זעט זיך ניט די לאַטע אַרויס...

— ס'אַ דאגה, מיין זון, — האָט די מאַמע מיט אַ זיפץ אים געטרייסט, — אַז מע זעט ניט איז נאָך בעסער...

— איך וויל ניט, וויל ניט!... — האָט ער זיך קאַפּריזנע געוואָרפן, — שנייד מיר אונטער די קאַפּאָטקעלע.

— שפּעטער, מיין זון, — האָט די אָרימע מוטער אים פאַרשפּראָכן, —

עס אָפּ פריער דעם חמץ (כאָמעץ), באַלד וועט מען דאַרפן טראָגן אויפן בוידעם.

אַז ער האָט אָפּגעגעסן אָנבייסן און איז אַרויס שפּילן אויפן הויף, וועלכן די פרילינג־זון האָט שוין אַביסל אונטערגעטריקנט, האָט ער גלייך געפונען אַ קאַמפּאַניע אינגעלאַך, אַלע אין נייע בגדים׳לאַך.

— דיר, יאַנקעלע, האָט מען גאָרניט גענייט אויף פּסח? — האָט אים אַ אינגעלע געפרעגט.

יאַנקעלע האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר מיט שטאָלץ פאַרקאַטשעט די קאַפּאָטקעלע און געוויזן די צוויי נייע לאַטעס.

די אינגעלאַך האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר, וואָס? — איז יאַנקעלע אין כעס געוואָרן, און פאַר פאַרדראָס וואָס זיי שאַצן ניט אָפּ די שיינקייט פון די לאַטעס, שיר וויינען ניט אָנגעהויבן.

— כי־כי־כי — נייע לאַטעס... כי־כי־כי!...

— אַוועקט! — האָט ער אויפגעהויבן אַ שטיקל בלאָטע און אַ וואָרף געטאָן פאַר כעס — אַוועקט!... און מיט פאַרדראָס איז ער אַליין אַוועק.

אונטערשניידן דאָס קאַפּאָטקעלע האָט שוין יאַנקעלע ניט געוואָלט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז נייע לאַטעס זיינען ניט אַזאַ גרויס גליק ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט...

א. קאַצאָוויטש

ישיבה־יאָרן

א

איך ווער אַ ישיבה־בחור

אויף מאָרגן נאָך פּסח האָט די מאַמע איינגעבונדן אין אַ פּעקעלע מיינע צוויי העמדער און צוויי פּאָר זאָקן, און אין אַ צווייט פּעקעלע אַביסל מצה, עטלאַכע געקאָכטע אייער מיט אַביסל זאַלץ. מיר געזעגנען זיך, אויסגעוויינט זיך גוט, און דער טאַטע פירט מיך קיין מינסק לערנען. מיר דאַרפן גיין צופוס אַ וויאָרסט אַכציק. ערשט אויפן פערטן טאָג זיינען מיר געקומען צום פעטער לייבן קיין פּאָדלאַנקע, צוואַנציק וויאָרסט פון מינסק.

דער פעטער לייבע איז דער מאמעס אינגסטער ברודער. ער איז א רייכער באלעבאָס, האלט א גרויסע קרעטשמע אויף דעם וועג, וואָס גייט פון ווילנע קיין מינסק, דערצו האָט ער פיל לאַנד צו באַארבעטן און האלט פיל קי און פערד. ער האָט נאָר צוויי מיידלאך. די עלטערע איז פערצן יאָר אַלט, און דער פעטער וויל מיין ברודער מרדכי'ן פאַר אַן איידעם. מיר טרעפן דאָ טאַקע דעם ברודער. דער פעטער נעמט אים פון מינסק אויף אַלע ימים־טובים.

דער טאַטע איז אַוועק צוריק אהיים, און מרדכי נעמט מיך קיין מינסק. ער לערנט אין דער גרעסטער ישיבה, אין בלומקעס קלויז. ער עסט אויך טעג, אָבער ער האָט שטענדיק געגעלט, וואָס דער פעטער לייבע גיט אים. מיך האָט מען אָפּגעגעבן אין א קליינער ישיבה, צו ר' איסר'ן. נעכטיקן פלעג איך ביי מרדכי'ן. אינדערפרי, נאָכן אָנבייסן, גיי איך אַוועק אין דער ישיבה אויף א גאַנצן טאָג. אין מיין ישיבה האָבן געלערנט מער פון הונדערט און פופציק ישיבה־בחורים, גרויסע און קליינע. איך בין געווען דער קלענסטער. דער טומל איז פאַר מיר אומדערטרעגלאך; דאָס זיצן א גאַנצן טאָג און לערנען גמרא האָט מיר מיין קאָפּ פאַרדולט, און ניט־איינמאָל האָט געטראָפן, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן איבער דער גמרא. צו לאַנגע שטונדן און צו שווער דאָס לערנען. אַלע טאָג ווייזט דער ראש־ישיבה (ראָש־יעשיווע), פיל גמרא מען זאָל צוגרייטן ביז מאָרגן, און אויף מאָרגן, ווען עס קומט צום לערנען, ווערט אין דער ישיבה שטיל: דער ראש־ישיבה שטעלט זיך אינמיטן, ער רופט אַרויס איינעם און הייסט זאָגן. אַלע זיצן און הערן, ווי יענער זאָגט, און דער ראש־ישיבה מאַכט נאָר באַמערקונגען און דערקלערונגען און פאַררעכט, וואו מען פאַרשטייט ניט ריכטיק, און אויב איינער ווייס ניט די גמרא, האָט ער גרויסע בזיונות (ביזיוינעס).

גאַנץ שווער קומט מיר אָן צוצוגרייטן א בלאַט גמרא, ווי מען רופט עס „דאָס לייענען". אַמאָל העלפט מיר אַרויס מרדכי; דאָס קומט אָבער אויס שפעט ביינאַכט, ווייל אין זייער ישיבה איז איינגעפירט, אַז איינער מוז זיצן און לערנען ביז האַלבער נאַכט און א צווייטער פון האַלבער נאַכט ביז טאָג. און אַמאָל, ווען עס קומט אויס מרדכי'ן צו זיצן די צווייטע האַלבע נאַכט, וועקט ער מיך אויף און זעצט זיך לערנען מיט מיר. מיינע אויגן קלעפּן זיך, איך גענעץ און הער ניט, וואָס איך רייד, ביז ער גיט מיר א פּאַטש, אַז פונקען שיטן זיך מיר פון די אויגן.

ב

צרות פון טעג

אַלע „טעג" האָב איך ווייט פון דער ישיבה, און די מערסטע אין רייכע הייזער, וואו מען גיט מיר עסן אין קיך. אייניקע מאָל האָבן מיט מיר פּשוט אומגליקן געטראָפן אויף מיינע טעג.

שבת האָב איך געהאַט אין טאַטערשער גאַס, זייער ווייט צו גיין. איינמאָל צו שלוש־סעודות (שאַלעסודעס) האָט דער באַלעבאָס געזאָגט זייער לאַנגע זמירות. עס איז געוואָרן וואָלקנדיק, עס האָט גענומען דונערן און בליצן, און ווען מיר האָבן אָפּגעבענטשט, איז שוין פינצטערלאַך געווען. איך שטיי אויף פון טיש און וואַרט, פיליכט וועט מען מיר הייסן דאָ נעכטיקן. זיי זאָגן אָבער גאָרניט. איך וויל זיך בעטן נעכטיקן דאָ, נאָר איך שעם זיך. איך זאָג מיט אַ האַלב מויל: „אַ גוטע וואָך!" און גיי אַרויס פון שטוב. איך פאַנג אָן צו לויפן. אין גאַס זעט מען קיינעם ניט. עס פאַנגט אָן צו גיסן אַ רעגן, טאַקע אַן אמת'ער מבול (מאַבל). אין איין מינוט בין איך שוין אינגאַנצן נאַס. איך לויף און וויין. יעדער בליץ פאַרבלענדט מיינע אויגן, און באַלד ווערט פינצטער, אַז איך זע ניט וואוהין צו לויפן; און באַלד דערלאַנגט אַ זעץ אַ דונער, אַז איך ווער פאַרציטערט. איך לויף מיט מיינע לעצטע כוחות, נאָר עס געדויערט עפּעס צו לאַנג. איך קוק זיך איין און באַמערק, אַז איך האָב ניט קיין הייזער אַרום זיך. איך פאַרשטיי, אַז אין דער פינצטער בין איך געלאָפן ניט אין דעם ריכטיקן וועג. פון ווייטן דערזע איך ליכט פון אַ הויז, לויף איך אַהין און בין געקומען צום בריסקער וואָקזאַל. דאָ בין איך אַריינגעגאַנגען צו אַ אידן. האָבן זיי מיר אויסגעטאָן מיינע נאַסע קליידער, אויסגעדרייט זיי און געלאָזן טריקענען; אָנגעטאָן מיר אַ טרוקן העמד, געגעבן אַ הייסע גלאָז טיי און געלייגט שלאָפן.

איין טאָג האָב איך געהאַט ביי אַ נגיד (נאָגעד), וואָס וואוינט טיף אין אַ גרויסן הויף צווישןביימער; און צום גאַס וואוינט אַ פּריץ (פּאָרעץ). אויף אַ קייט שטייט אַ הונט, ווי אַ בער די גרייס. ווען איך גיי דורך דעם הויף, טוט דער הונט אַ שפּרונג און אַ ברום, אַזוי ווי אַ לייב, אַז אין האַרצן רייסט זיך ביי מיר אָפּ. איינמאָל גיי איך עסן וואָרעמעס. דער גאַנצער הויף איז פאַרהאַנגען מיט קליידער, וואָס מען לופטערט. איך גיי צווישן די קליידער. פּלוצלונג דערהער איך אַ ברום פון דעם הונט, אַ

כאַפּ פּאַרן פּוס, און איך ליג שוין אויף דער ערד אָן לשון (לאָשן). איך וויל שרייען, נאָר איך קען ניט: צו שטאַרק דערשראָקן זיך. דער הונט שלעפּט מיך ארוים אין גאַס, און דאָ ערשט פאַנג איך אָן צו שרייען מיט ווילדע קולות (קוילעס). מען נעמט מיך אַריין צו אַ אידן אין הויז. די פּוס איז נאָר אַביסל צעביסן, דערפאַר אָבער זיינען מיינע הייזלאַך צעפּליקט. מען בינדט מיך אַרום מיין וואונד, מען ציט צונויף מיט אַ פאָדים די הייזלאַך, און איך גיי קוים אַ לעבעדיקער צוריק אין דער ישיבה, ניט קיין געגעסענער. דריי טעג האָב איך געקרענקט, און אויף דעם „טאָג", וואו דער הונט איז, בין איך מער ניט געגאַנגען עסן; געבליבן אָן אַ טאָג, און דערצו נאָך מיט צעריסענע הויזן.

אין קורצן גערעדט האָב איך דעם זומער זייער פיל געליטן. פיל מאָל פלעג איך אין אַ ווינקעלע גוט אויסוויינען זיך, דערמאָנענדיק זיך אויף דער היים און בענקענדיק נאָך די קינדערשע יאָרן, ווען איך האָב געלעבט פריי ווי אַ פויגל.

אברהם רייזען



רייזעלע

א.

עס איז זומער געווען. דורך די קליינע, מיט שטויב פאַרצויגענע

שייבעלאַך האָבן זיך די שטראַלן פון דער זון ווי מיט געוואַלד אַריינ־געשפּאַרט אין שטיבעלע און זיי זיינען געפאַלן אויף רייזעלעס פּנים׳ל. רייזעלע, וואָס איז דעם גאַנצן פרימאָרגן געזעסן פאַרטרויערט, האָט זיך פון דעם זיסן ליכט דערמונטערט און עס האָט זי געצויגן אויף דער גאַס... נאָר וואָס וועט זי דאָרט טאָן? שפּילן זיך האָט זי ניט מיט וועמען; אַלע מיידלאַך אין אירע יאָרן גייען אין פיינע קליידעלאַך, און זי האָט אַפילו קיין שיך ניט. אַלע שעמען זיך מיט איר. איין חבר׳טע האָט זי נאָר — די מאַמע!... זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע... אַלץ פאָלגט זי איר, די גוטע מאַמע. אַפילו אַז זי הוסט זיך פאַנאַנדער, קומענדיק אַהיים פון מאַרק, און רייזעלע בעט, זי זאָל אויפהערן, פאָלגט זי אויך. נאָר ביינאַכט העלפט ניט איר בעטן. היינט ביינאַכט האָט זי אַזוי געהוסט... רייזעלע האָט איר צוויי מאָל וואַסער דערלאַנגט, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן... וואָס הוסט אַזוי די מאַמע? זי זאָגט — דאָס איז אַ פעלער, נאָר מען קאָן דערמיט אויסלעבן די יאָרן; איר מאַמע — די באָבע — איז אויך אַזוי געווען און האָט אויסגעלעבט די יאָרן... „אוי, גאָט, זאָל די מאַמע לעבן!“ — צעוויינט זיך אין רייזעלען דאָס קליינע הערצעלע. דער מאַמעס בלאַס פּנים מאָלט זיך איר און עס ציט זי צו איר... דאָס ענגע שטיבעלע ווערט איר נאָך ענגער... „אין מאַרק!“ — בליצט איר דורכן קליינעם קעפּל: — „צו דער מאַמען“... און אַ באָרוועסע, אין אַן אַלט צעריסן קליידעלע, לויפט זי גלייך אַוועק אַהינצו.

— נו, וואָס ביסטו געקומען, רייזעלע? — פרעגט זי די מאַמע מיט ליבשאַפט.

— אַזוי זיך, מאַמע... אומעטיק... — ענטפערט רייזעלע ווי שעמעוודיק.

— נו, נו, קיין בייז ניט, — טרייסט זי די מאַמע, — שטיי זיך דאָ; קיין געלט לייזט זיך סיי־ווי־סיי ניט.

אַ זיצערן פון קעגניבער פאַרלאָזט איר בענקל און גייט צו צו זיי. זי באַטראַכט רייזעלען און זאָגט:

— דו ווייסט, כיענע, אַז דיין רייזעלע וואַקסט, אָן עין־הרע?

— זאָל נאָר אַזוי איר מזל וואַקסן! — זיפצט אָפּ כיענע, קוקנדיק אויף איר קליין, האַר טעכטערל.

— וואָס מיינסטו, — רעדט ווייטער די זיצערן, — נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר — באַלד האַרף זי שוין אַ חתן. די יאָרן לויפן... ווי לאַנג

בין איך געווען אַזאַ מיידעלע! דאַכט זיך נעכטן!... אַ גאַנץ שיין מיידל! — ענדיקט די זיצערן, באַטראַכטנדיק רייזעלעס בלאַס פּנימ'ל מיט די טיפע שוואַרצע אייגעלאַך און אירע געקרייזלטע הערעלאַך, וואָס פאַלן אַראָפּ אין לאָקן אויפן ברייטן שטערנדל.

רייזעלע קען ניט פאַרטראָגן דער זיצערנס בליקן. אויף איר בלייכן פּנימ'ל באַווייזן זיך אַ פּאָר רויטלאַכע פלעקן, און זי ווערט נאָך שענער.

די זיצערן לויבט ווייטער: גאָר אַ שיין מיידל!

— זאָל זי האָבן נאָר אַזאַ שיין מזל, ווי שיין זי איז! — זיפצט אָפּ כיענע. — איר טאַטע זאָל פאַר איר זיין אַ גוטער בעטער, רבונו-של-עולם!

— אוודאי! — ענטפערט די זיצערן. — ווער דען, אַז ניט „ער"? פונדעסטוועגן, כיענע, האָסטו אַליין געדאַרפט עפּעס אָנהייבן זאָרגן פאַר איר. עס איז קיין תכלית ניט...

— נו, וואָס זאָל איך טאָן? — זיפצט די מוטער: — איך זאָל זי שטעלן מיט אַ קויש עפּל? איך אַליין ליז גאָרנישט.

— וואָס עפּעס מיט אַ קויש עפּל? — זאָגט די זיצערן. — גיב זי בעסער אַוועק אויף אַ „שטעל"... קיין יחוס איז היינטיקע צייטן ניטאָ...

כיענע מיט רייזעלען האָבן זיך איבערגעקוקט. ביידנס געזיכטער האָט אַ טויטלאַכע בלאַסקייט באַדעקט, און זיי האָבן שטרענג אַ קוק געטאָן אויף דער זיצערן, ווי זיי וואָלטן איר פאַרגעוואָרפן:

— מערדערן! צעשיידן ווילסטו אונז!...

רייזעלע איז שוין פון דער מאַמען ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט געוואַרט, ביז עס איז פינצטער געוואָרן, און זיי זיינען ביידע אַהיים געגאַנגען; אויפן וועג האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט. מינוטנווייז פלעגט רייזעלע אָננעמען דער מאַמען פאַרן קלייד, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס זיך געשראָקן...

ב.

אַז זיי זיינען געקומען אין שטיבעלע, איז שוין פינצטער געווען; רייזעלע האָט אָנגעצונדן פייער און האָט זיך דערשראָקן: איבער דער מאַמעס געל דאַר פּנים האָבן זיך געקייקלט צוויי גרויסע טרערן.

— מאַמע, דו ווייסטו! — האָט זי מיט שרעק אויסגעשריען, צוטוליענדיק זיך צו איר.

— וואָס דען, מיין טאָכטער, לאָכן זאָל איך?... „זי" איז דען ניט גערעכט? ווײ צו מיר! דו ביסט שוין אַ מיידל פון צוועלף יאָר און האָסט אַפילו קיין פּאָר שיך ניט, קיין העמד אויפן לייב. און איך בין קראַנק, איין גאָט ווייס, ווי אַזוי איך שטיי אויפן מאַרק... וואָס וועט זיין דער סוף?...

— נו, וואָס זאָל איך טאָן? — האָט רייזעלע געפרעגט. — אַז איך וואָלט געקאָנט פאַרדינען געלט, וואָלט איך זיך געמאַכט אַ קליידל מיט שיך און דיר וואָלט איך אויך געמאַכט אויף יום-טוב אַ שיין קליידל...

די מוטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק מיט פולע בליקן אויף איר טעכטערל; נאָכדעם האָט זי שטיל געפרעגט:

— דו, רייזעלע, וואָלסט וועלן פאַרדינען געלט?

— אָהאָ! — האָט רייזעלע זיך דערמונטערט. — איך וואָלט נאָר געוואוסט ווי אַזוי! איך וואָלט גאָר וועלן זיין אַ שניידערן. לאה שרהס, וואָס וואוינט אַנטקעגן אונז, איז אויך אַ שניידערן, און זי פאַרדינט אַזוי פיל געלט! אַלע שבת זע איך זי שפּאַצירן אין אַזאַ שיין קליידל!... אַפילו אין מיטן וואָך גייט זי אין אַ היטעלע. נאָר איך וואָלט קיין היטעלע ניט געטראָגן; איך וואָלט בעסער געקויפט דיר אַ נייעם פּאַרוק, דיינער האָט זיך שוין גאָר צעריסן...

— ניין, מיין טאָכטער, — האָט איר די מוטער איבערגעשלאָגן, — אַ שניידערן איז ניט פאַר דיר; ביז וואַנען דו וועסט אָנהייבן נעמען געלט, וועט געדויערן דריי יאָר און קיין קליידל וועסטו אַלץ ניט קאָנען מאַכן. ביים אָנקומען דאַרף מען נאָך געבן דער באַלע־באָסטע צען רובל פאַרן אויסלערנען זיך.

— טאָ ווי־זשע פאַרדינט מען געלט? — האָט רייזעלע אומעטיק געפרעגט.

— דו האָסט דאָך געהערט, וואָס „זי" האָט געזאָגט...

רייזעלעס בלייך פּנים'ל איז בלייכער געוואָרן; אין אירע טיפע אייגעלאַך איז אומגעשוואומען אַ שרעק.

— און דיך לאָזן אַליין, ביינאַכט זאָלסטו אַפילו ניט האָבן, ווער עס זאָל דיר אַביסל קאַלט וואַסער דערלאַנגען?

די מוטער האָט גאַרנישט ניט געענטפערט — נאָר צוויי טרערן

זיינען אראָפּגערונען פון אירע מאַטע אויגן אויף רייזעלעס פּנים...

— נו, מאַמע, וויין ניט, — האָט רייזעלע זי געבעטן, — דו וועסט דאָך מיך אָפּגעבן צו אַ גוטער באַלעבאָסטע, וועט זי מיר לאָזן אַלע נאַכט גיין צו דיר שלאָפן...

— ניין, מיין טאָכטער, קיין גוטע באַלעבאָסטעס זיינען ניטאָ; אַז זיי צאָלן געלט, ווילן זיי האָבן אַ נוץ בייטאָג און ביינאַכט.

— און זיי האָבן גאָר קיין רחמנות ניט?.... — האָט רייזעלע דערשראָקן געפרעגט.

די מוטער האָט אויף דער פראַגע ניט געענטפערט; זאָגן זיכער „ניין" — האָט זי ניט געוואָלט איבערשרעקן איר איינציק ליב קינד, וועלכע וועט געוויס שוין מוזן צו זיי אַריינפאַלן; און זאָגן „יאָ" — האָט איר די צונג ניט געדינט: וויפיל באַלעבאָסטעס זי האָט געקענט, זיינען אַלע בייזע געווען. — און זי האָט געשוויגן...

ג.

אין אַכט טאָג אַרום איז רייזעלע אָנגעקומען אויף אַן אָרט.

— דו זאָלסט נאָר זיין אַ בריה, — האָט איר די מאַדאַם געלערנט. — אַ בריה האָבן אַלע ליב. און דו זאָלסט פאָלגן, וואָס מען וועט דיר הייסן. אַלעמען דאַרפסטו פאָלגן, אפילו דער קעכן, וועט דיר דאָ זיין גוט.

רייזעלע האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף דער גרויסער, גראָבער מאַדאַם. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָן דאָ זיין „גוט", אַז אָט די גרויסע, גראָבע מאַדאַם וועט איר געבן עסן, וועט איר זאָגן: „גיי לייג זיך שלאָפן!" אַז אָט די מאַדאַם וועט איר „הייסן" טאָן אַן אַרבעט און זי וועט קיינמאָל ניט זאָגן: „מיין קינד", „מיין טאָכטער"; אַפילו „רייזעלע" וועט זי ניט זאָגן; זי וועט איר שטענדיק רופן „דו".

— ניין! דו ביסט אַ ליגנערן, אַ שלעכטע! — האָט רייזעלע די ערשטע נאַכט געקלערט, ליגנדיק אויפן בעטל אין קיך — „גוט קען דאָ מיר ניט זיין; גוט איז דאָרטן אין דעם קליינעם שטיבעלע, לעבן דער קראַנקער מאַמען. דאָ איז פאַר מיר אַ געפענגעניש... ביינאַכט וועט די מאַמע דאָרט הוסטן און איך וועל דאָ דאַרפן אַרבעטן... און אויף וואָס דאַרף „זי" מיך, אָט די גראָבע, גרויסע באַלעבאָסטע?

זי הוסט דען, ווי מיין מאַמע, וואָס?... זי איז דאָך אַזאַ געזונטע... און טאַמער וואָלט זי אַמאָל אַ הוסט געטאָן — האָט זי אַזוי פיל מענטשן, וואָס וואָלטן איר אַפילו וויין דערלאַנגט. און דאָרט ליגט מיין מאַמע אַליין און הוסט, הוסט, בעט זיך: „רייזעלע, רייזעלע, אַביסל וואַסער!.... רייזעלע, אַביסל וואַסער!“...

און רייזעלע האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט פון בעטל, צוגעגאַנגען צום פענצטער, געזוכט מיט די אייגעלאַך יענץ קליינע שטיבעלע — וואו איר מאַמע ליגט אַליין און רופט זי...

— מאַמע, מאַמע, טייערע מאַמע! — האָט רייזעלע ניט אויס־געהאַלטן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, איינגעבוירענדיק דאָס קעפּעלע אין קישן...

י ו נ ה ר אָ ז ע נ פ ע ל ד

ד ע ר ג נ ב

א.

י אָ ס ל אַ ר ב ע ט.

— הונטס קאָפּ! קעצענער מוח! — שרייט מאיר דער סטאָליער אויף זיין לערנאינגל, וואָס שטייט אויף די קני און קלייעט אונטער אַן אַלטער עטאַזשערקע אַ ניי פיסל! — ניט אַזוי!

יאָסל, דאָס לערנאינגל, בלייבט אַ מינוט שטיין מיטן פּענזל אין האַנט און קוקט זיך איין אויף דעם אָרט, וואו ער דאַרף קלייען. די אויערן זיינען בייַ אים אָנגעשפּיצט צו הערן, וואָס דער באַלעבאָס וועט אים ווייטער זאָגן.

— וויסטער קאַליקע! — שרייט ווידער מאיר. — דו שמירסט אויס איינגאַנצן די עטאַזשערקע מיט קליי! נעם ניט אַזויפיל!... ס'וועט זיין לויז, אַ שמאַטקעלע נעם!

יאָסל וואַרפט אַריין דעם פּענזל אין קליי, געפינט אַ שטיקל שמאַטע און ווישט אַרום דעם צאַפּן.

שרייט שוין מאיר, ער איז צופיל. רייסט יאָסל אָפּ אַ שטיקל, שמירט קרעכצנדיק ווידער אָן מיט קליי און לאָזט אַריין אין לאָך. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף און קלאַפּט אויבן צו מיט אַ האַמער.

— וויש אָפּ גיכער! — שרייט מאיר, אָנווייזנדיק אראָפּ מיטן פינגער, וואו עס האָט ארויסגעשפּריצט קליי.

יאָסל שטעלט זיך אויף די קני און ווישט אָפּ דאָס פּיסל מיט דער פּאָלע פונם רעקל.

— אַזוי, — זאָגט מאיר, — מאָלאָדיעץ! — און גיט אים אַ פּאַטש איבער דער פּלייצע.

די צוויי ווייכע ווערטער און דער פּאַטש איבער דער פּלייצע האָבן אויף יאָסלען אַ שטאַרקן רושם געמאַכט. זייער זעלטן הערט ער פון דעם באַלעבאָס אַ ווייך וואָרט, און דעמאָלט, ווען ער הערט עס, וואָלט ער פאַר אים ער ווייס אַליין ניט וואָס געטאָן, אין פייער אַריין געלאָפן. אים פּייניקט דאָס געוויסן, פאַרוואָס ער קען ניט אַרבעטן, פאַרוואָס ער קען דעם באַלעבאָס ניט צופרידנשטעלן. ער ווערט אויף זיך שטאַרק בייז: פאַרוואָס דאַרף זיך דער באַלעבאָס מיט אים אָפּעסן דאָס האַרץ? און אים דאַכט זיך, אַז ער האָט טאַקע אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, אַז ער פאַרשטייט גאָרניט, אַז ער וועט קיינ־מאָל, קיינמאָל זיך ניט אויסלערנען די אַרבעט; ער וועט בלייבן אַ קאַליקע, אַ וויסטער קאַליקע...

— נו, וואָס שטייסטו, וואָס? — דערהערט ער דעם באַלעבאָס קול.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום וואַרשטאַט און געכאַפּט הובלען אַ ברעטל. הובלענדיק כאַפּט ער אַלעמאָל אַ קוק צו די אַרבעטער; קענטיק איז, אַז ער איז זיי מקנא, וואָס זיי זיינען שוין „אַרבעטער"; יענע מאַטערן זיך גאָרניט אַזוי ווי ער — טראַכט ער... ס'אַראַ לאַנגע סטרוזשקעס ביי זיי פליט אַרויס! איז ער זיי מקנא... ביי אים וויל גאָר דער הובל ניט נעמען... ער באַטראַכט דעם הובל פון אַלע זייטן, שלעפּט פון אינעווייניק די פאַר'עקשנ'טע סטרוזשקעס, דערנאָך טאַפּט ער די שאַרף פונם הובל און פאַרקלערט זיך טיף: טעמפּ?.. שאַרף.... שאַרף... טעמפּ... ער פירט מיטן פינגער הין און צוריק. ער ווייס ניט, אָן וואָס דערקענט מען, צי איז דער הובל שאַרף אָדער טעמפּ, און דאָס טאַפּן געפעלט אים שטאַרק, — דאָס איז שוין מעשה אַרבעטער. און אים פאַרגלוסט זיך צוגיין צום שאַרפשטיין און אים אויסשאַרפן... וואָס, ער קען ניט?... אַ מציאה.... מיט איין האַנט דרייט מען און מיט דער צווייטער שאַרפט מען...

— אויף וואָס האָסטו זיך דאָרטן פאַרטראַכט ? — דערהערט ער ווידער דעם באַלעבאָס קול.

ער דערשרעקט זיך, הייבט אָן גיך צו אַרבעטן און פאַרגעסט שוין גאָר צו טראַכטן, צי איז שאַרף דער הובל אָדער ניט. ער פילט דעם באַלעבאָס אויגן אויף דער פלייצע, וויל ער, אַז יענער זאָל זיין צופרידן פון אים.

— רב מאיר! — רופט זיך פלוצלונג אָן אַן אַרבעטער, — ביי אונז איז קיין פימס ניטאָ, און איך וועל זיך באַלד שטעלן פאַליטורן.

— ניטאָ קיין פימס? נו, דאַרף מען שיקן. גיב אַ שפרונג! — זאָגט ער צו יאָסלען, אַרויסנעמענדיק דאָס בייטעלע פון קעשענע.

יאָסל איז אָן אַ היטל, מיט באָרוועסע פיס אויף די הייסע שטיינער, ווי אַ פייל פון בויגן געלאָפן, האַלטנדיק די מטבע אין מויל און אונטערפייפנדיק. אַ פאָר מאָל האָט ער געכאַפט אַ שטויס אין ברוסט אַריין פון די פאַרבייגייער, נאָר ער האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט און איז ווייטער אָן אַן אָטעם געלאָפן, וואַרפנדיק מיט די הענט און אונטערשפרינגענדיק ווי אַ יונג פערדל; און לויפנדיק האָט ער דאָך ניט פאַרגעסן וואַרפן אַ שטיינדל אויף אַ הונט, וואָס איז אים אָנגעלאָפן אַנטקעגן. צוריקוועגס האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויפן שטיקל פימס און אים האָט זיך דאָסמאָל געדאַכט, אַז דער קרעמער האָט אים ווינציק געגעבן. אים האָט דאָס שטאַרק געאַרט. ער וואָלט געוואָלט ברענגען וואָס מער. ווען ער זאָל האָבן ביי זיך אַ קאָפּיקע אָדער צוויי, וואָלט ער דערלייגט און וואָלט געבראַכט אַ סך, אַ גרויס שטיק פימס; דער באַלעבאָס וואָלט אים געזאָגט „מאָלאָדיעץ“ און אפשר נאָך אַ גלעט געטאָן אין באַק...

— וואָס האָסטו פאַרגעסן? — האָט אים דער באַלעבאָס געפרעגט, ווען ער איז אַריינגעקומען; אים איז גאָר אויפן געדאַנק ניט געקומען, יאָסל זאָל שוין זיין צוריק. נאָר דערזעענדיק דעם פימס ביי אים אין די הענט, האָט ער שמייכלענדיק אויסגעשריען: „טפו — זאָלסטו ווערן! ס'איז אַ שד, ניט קיין אינגל!“

יאָסלען האָט אַזש אַ קיצל געגעבן אינעווייניק; אים זיינען די ווערטער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און עטלאַכע מאָל האָט זיך ביי אים איבערגע'חזר'ט: — „אַ שד, ניט קיין אינגל!“ און יעדעס מאָל, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, האָט דאָס גאַנצע קלייענדיקע פנים זיינס אויפגעלעבט און אַ שמייכל האָט זיך צעשפרייט איבער זיינע ליפן.

ב.

יאָסל שפּילט זיך מיטן קינד.

ווען ער לייגט אַוועק די אַרבעט, שפּילט ער זיך מיטן באַלעבאָס דריי־יאָריקן אינגל; חוץ וואָס מען צווינגט דאָס אים צו טאָן, האָט ער דערצו שטאַרק אַליין חשק. דאָ האָט ער די מעגלאַכקייט צו שפּילן; ער האַווקעט ווי אַ הינטל, מיאַוקעט ווי אַ קאַץ, מעקעט ווי אַ קעלבעלע, מרוקעט ווי אַ קו און קוואָקעט ווי אַ הון, אַז זי וויל זיך לייגן. און ווען דעם קינד ווערט דאָס צוגעגעסן, שפּרינגט ער אַרום און הייבט אָן טאַנצן אויף אַלע פיר, פאַרשפּרינגט ערגעץ און באַהאַלט זיך און לאָזט פון דאָרטן אַרויס מאָדנע קולות. דאָס קינד זוכט אים! און מיטאַמאָל שפּרינגט ער אַרויס פון זיין באַ־העלטעניש. דאָס קינד לאָזט אַרויס אַ געשריי פון שרעק מיט פרייד צוזאַמען. ער כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, זעצט דאָס ביי זיך אַנידער אויף די קני, און דאָ הייבט זיך ביי אים אָן אַ נייס: „זאָג, ווי אַזוי הייסט דער טאַטע?“ — און איידער נאָך דאָס קינד ענטפערט אים, פאַרכאַפּט ער אַפּריער: „זאָג מאיר!“ ער האָט זייער ליב זאָגן דעם באַלעבאָס נאָמען: דער נאָמען איז ביי אים ווי אַ מין הייליקייט, דערפאַר וואָס ער רופט אים קיינמאָל ביים נאָמען ניט, נאָר „באַלעבאָס“.

— און ווי אַזוי הייסט די מאַמע? — פרעגט ער ווייטער.

— די מאַמע? — פרעגט דאָס קינד פאַרקלערט.

דאָ כאַפּט ער זיך שוין ניט אַזוי גיך און לאָזט אַביסל דעם קינד קלערן, כאָטש די באַלעבאָסטע רופט ער אויך קיינמאָל ניט ביים נאָמען, שטייט זי אָבער ביי אים אַ סך נידעריקער פונם באַלעבאָס.

— זאָג רחל! דער טאַטע — מאיר, די מאַמע — רחל, דער טאַטע מאיר...

אָט אַזוי קען ער אָפּזיצן אַ שטיק צייט, ביז דאָס קינד ווערט מיד אים נאָכצוזאָגן. דאַן ווערט אויף עטלאַכע מינוט שטיל. ביידע, יאָסל מיטן קינד, פאַרטראַכטן זיך טרויעריק. דאָס קינד הייבט אָן ציען אין שטוב אַריין, יאָסלען גיט אַ קלאַפּ דאָס האַרץ: ער האָט מורא בלייבן אַליין אין דעם האַלב־פינצטערן וואַרשטאַט.

— יאַנקעלע, ווילסט, איך וועל דיר מאַכן אַ פּערדעלע?
— אַ פּערדעלע?
— יאָ, אַ פּערדעלע, איך מאַכן אַ שיין פּערדעלע!
— נו, מאַך שוין, — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און נעמט דאָך ניט אַראָפּ די אייגעלעך פון דער טיר, וואָס פירט אין שטוב אַריין.
— איך מאַכן אַ שיין פּערדעלע, — שרייט אוים יאָסל נאָכאַמאָל און הייבט אָן זוכן אַ ברעטל, — אַ שיינס, ס'וועט האָבן אַ ווידעלע.
— פיסעלאַך?
— פיסעלאַך אויך, וואָס דען?
ער כאַפּט אַ שטיקל ברעטל און הייבט אָן שניצן. דאָס קינד קוקט אים אין די הענט אַריין.
— נו, גיב מיר שוין פּערדעלע!
— אַ, דו, אַזוי גיך?
דאָס קינד הייבט אָן מאַכן פּיסקעס און לאָזט זיך אין שטוב.
— יאַנקעלע, וואוהין זשע גייסטו?
דאָס קינד ענטפערט ניט און קייקלט זיך אַריין אין שטוב, פאַלנדיק איבער שטיקלאַך האָלץ.
— איך האָב דיך שוין פיינט! — מורמלט פאַר זיך יאָסל, אים בייז נאָכקוקנדיק. — אַ פּייג האָסטו ביי מיר, ניט קיין פּערדעלע — אוים!...

ג.

יאָסל שטייט אויף פאַרטאָג. דער טעות. יאָסלס פּסק.

יאָסל איז אַן עלנטער. זיין נשמה דאַרשט נאָך אַ ווייך וואָרט. ער איז אַזוי גליקלאַך, ווען דער באַלעבאָס וואַרפט אויף אים אַ פריינטלאַכן קוק, ווען ער זאָגט אים: „מאָלאָדיעץ!“ דעמאָלט ווערט יאָסלען וואַרימער און ליכטיקער אויף דער נשמה.
כדי צו פאַרדינען דעם באַלעבאָס אַ גוט וואָרט, האָט ער איינמאָל באַשלאָסן אויפצושטיין גאַנץ פרי, פריער נאָך ווי דער באַלעבאָס אַליין, און זיך נעמען צו דער אַרבעט.
ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק צום פענצטער געוואָרפן... פינצטער... דערפרייט ער זיך שטאַרק. ער טוט זיך אויף גיך אָן און

לאָזט זיך מיט אויסגעשטרעקטע הענט גיין אין קיך נאָכן לעמפּל. אָט טאַפּט ער אָן עפּעס שטעכעדיקס... אַ זעג... און דאָס?... עס פאַלט עפּעס, עס הערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ, און פּלוצים, ווי פון דער נאַכט אַרויס, דערהערט ער אַ בייז קול: „וואָס טוסטו דאָרט!?"
ער בלייבט פאַרגליווערט, ענטפערט אין אַ מינוט אַרום: „איך... איך..."
— וואָס „איך", „איך"? הונטס קאָפּ דו! וואָס דרייסטו זיך אַרום!!!?
— איך האָב געוואָלט.... איך וויל!...
— אין דער ערד מיטן קאָפּ! פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?!
ער וויל זאָגן, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. נאָר עפּעס שעמט ער זיך... ער שטייט, האָט שוין מורא אַ טריט צו טאָן... דער קאָפּ זיינער איז אויסגעדרייט אַהין, פון וואַנען דער קול גייט. ער וואַרט, דער באַלעבאָס זאָל אים ווידער פרעגן; איצט וואָלט ער שוין געזאָגט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. ער הערט שוין אָבער גאָרניט, און די שטילקייט ווערט נאָך געדיכטער און דריקנדיקער ווי פריער, און דאָס האַרץ זיינס ווערט אויך באַדריקט, ווי פאַר וויינען... ער דערפילט זיך אַזוי עלנט... דאָס האַרץ קלאַפּט... ער האָט מורא.... די שאַפע אָן טירלאַך איז אָנגעשטאָפּט מיט נאַכט אינעווייניק...
ער מאַכט זיך אָבער האַרץ און לאָזט זיך ווייטער גיין.
— וואָס פאַר אַ רוחות טראָגן אים דאָרטן אַרום?
— גיי נאָר, טו אַ קוק. — הערט ער דער באַלעבאָסטעס קול.
עס עפנט זיך איין טיר, די צווייטע, און אָט באַווייזט זיך אין דער פינצטערניש עפּעס אַ ווייס שטיק...
— ווער איז דאָרט?
יאָסל האָט מורא צו ענטפערן.
— יאָסל?
— איך... — רעדט ער קוים אַרויס.
— וואו ביסטו דאָרט ערגעץ?
— אָט בין איך, — ענטפערט ער שטיל.
— וואָס טוסטו דאָרט?
כאָטש ער האָט שוין אָנגעוואָרן אינגאַנצן דעם חשק צו דער אַרבעט, דאָך ענטפערט ער:

— איך בין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט.

— וואָס, צו דער אַרבעט? ! — האָט מאיר אויסגעשריען. — צו דער אַרבעט איצט?... דריי אַ זייגער צו דער אַרבעט? דו גנב דו! אַהערצו גיי!!

— וואָס, צו דער אַרבעט איז ער אויפגעשטאַנען? — פרעגט אויך די באַלעבאָסטע פאַרוואונדערט.

— אַזאַ גנב! צו דער אַרבעט, זאָגט ער, איז ער אויפגעשטאַנען! אַזאַ מין הונטס קאָפּ! וואָס זאָגסטו, ער וויל פאַרדרייען... אַהער־צו גיי!

— דער הובל וואָס פעלט, — רעדט ווידער די באַלעבאָסטע פון שלאָפצימער אַרויס, — מוז אויך זיין זיין אַרבעט.

ציַ ער איז אַ גנב? נו, נו! איך ווייס שוין פון לאַנג! אַ... אַזאַ מין... נו, גיי האַלט אַזעלכעס אין שטוב, לאָז אַזעלכעס איבער אַ ווערקשטוב! ער קאָן אַרויסטראָגן וואָס ס'איז דאָ. מען דאַרף אַ סך? ער לייגט אַריין אַ שטיקל געצייג אין קעשענע און טראָגט דאָס אַרויס... מ'דאַרף זיך אומקוקן, כ'ווייס? — אפשר פעלט שוין עפּעס... ער שטייט נאָך, ער וואַרט, איך זאָל צו אים צוגיין! וואָס שטייסטו דאָרט? אַהערצו גיי!

— ער וועט איבערנאַכט ניט אַנטלויפן!

— ניין, אַז ער איז אַן עקשן, בין איך נאָך אַ גרעסערער!

אַ פּאָר מינוט שטיל. עס הערט זיך נאָך יאָסלס איינגעהאַלטן געוויין.

— מאיר, פאָלג מיך, גיי שלאָפן!

ווידער שטיל.

מאיר באַרעכנט ענדלאַך, אַז ביינאַכט איז טאַקע ניט כדאי צו מאַכן געשעפטן, און לאָזט זיך מיט כעס צוריק אין שלאָפצימער, וואַרפט זיך אַריין אין בעט מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגן וועט ער זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען...

יאָסל איז געבליבן זיצן ביים קאָמאָד און געוואַרט אויף זיין פּסק־דין...



אַ פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע

פון אַרמין

שלום אַש

אין דער לערע

א

דער בלינדער לייב האָט זיך דערמאָנט אָן זיין זון, אַז מע דאַרף פון אים מאַכן אַ לייט. געשען איז עס ניט פון זיך, נאָר דערמאָנט האָט אים אָן זיינע פליכטן, אַלס פאָטער, דער עלטסטער מייסטער פון דער חברה (כעווּרע) שוסטער, בעריש כוואַט, וואָס אַמאָל האָט נאָך ביי אים דער בלינדער לייב אַליין געלערנט זיין מלאכה (מעלאָכע). בעריש כוואַט האָט אָנגעטראָפן לייבן טאַקע אין דער חברה (כעוורע) שוסטער, אַמאָל, שבת צונאַכטס, צו מעריב (מייִרעוו). כאָטש דער בלינדער לייב האָט די מלאכה (מעלאָכע) שוסטעריי אַוועקגעוואָרפן, דאָך אין חברה שוסטער איז ער נאָך געקומען דאַווענען און גערעכנט זיך פאַר אַ זייעריקן. האָט אים דאָרטן דער אַלטער מייסטער בעריש כוואַט מוסר (מוסער) געזאָגט אַזוי:

— וואָס וועט פון דיין יונג דער סוף (סאָף) זיין? דו לאָזט אים

אַרומלויפֿן פּוסט און פּאַס, ער וועט דאָך אויסוואַקסן אַ גנבֿ (גאַנעוו).

— וואָס טוט מען מיט אים, ר׳ (רעב) בעריש ? אַז דער יונג וויל ניט אין חדר (כיידער) גיין ?

— גיב אים צו אַ באַלמעלאָכע, ווי דער טאַטע דיינער האָט דיך אָפּגעגעבן. איך געדענק, ווען דער טאַטע דיינער, זעליק דער פֿורמאַן, האָט דיך געבראַכט צו מיר אַ זונטיק אינדערפֿרי. אוי, ביסטו געווען אַ חבֿרה׳מאַן (כעוורע־מאַן), האָסטו ניט געוואָלט די דראַטווע דרייען.

— האָט איר מיטן רימען אַרונטערגעלאָזט, אַז איך האָב נאָך צו געדענקען ביזן הייַנטיקן טאָג, — לאַכט דער בלינדער לייב מיט דעם לעבעדיקן אויג און מיט דעם טויטן אויג.

— ברענג אים צו מיר. אַזוי ווי איך האָב פֿונם טאַטן געמאַכט אַ לייַט, אַזוי וועל איך פֿון דעם זון, מיט גאָטס הילף.

— אויף ווי לאַנג ? — פֿרעגט לייב.

— אַזוי לאַנג ווי דו ביסט געווען. ווי אַלט איז ער איצט, דער יונג, זיבן יאָר ? ער וועט זייַן ביי מיר ביז ער וועט אַלט ווערן עלף, צוועלף יאָר, ביז ער וועט זיך גוט די מלאכה (מעלאָכע) אויסלערנען. איך וועל אים געבן צו עסן, אַ נאַכט־לעגער, אַ קאַפּאָטע מאַכן אויף יום־טובֿ (יאָנטעוו). דערנאָך, אַז ער וועט זיך אויסלערנען די מלאכה (מעלאָכע) וועל איך אים צאָלן דאָס ערשטע יאָר פֿינף רובל, דערנאָך וועט ער קריגן גאַנצע צען. דו ווייסט דאָך, אַז מיר האַלטן אַ פֿרעמד קינד גוט, קענסט דאָך מייַן אַלטע. אייגענע האָט זי ניט, אָבער צו פֿרעמדע איז זי ווי אַ מוטער.

— יאָ, איך געדענק דאָבשע די מייסטערן. איך געדענק אירע קנייפּן גוט. שטיקער פֿלייש האָט זי פֿון די הענט אַרויסגענומען. אונטער דער טיר אַרויסגעשלעפּט אין דער קעלט און וואַסערדיקן באָרשטש צו זופּן געגעבן. אַיי, ר׳ בעריש, האָט איר אַ אידענע.

— נו גט׳ן (געטן) וועל איך מיך מיט איר ניט צוליב אַ לערן־ייִנגל — האָט דער אַלטער ר׳ בעריש געלאַכט — געקנייפּט האָט זי דיך, אמת (עמעס), אָבער קיין מענטש ביסטו נאָך אַלץ ניט געוואָרן. נו, קום צו שרה חנה׳לען אין שענקל אַריין, וועלן מיר דאָרט דאָס איבעריקע אָפּריידן.

ביי שרה־חנה׳לען (סאָרע־כאַנעלען), וואו מע האָט געקאָנט קריגן אַ הייס גלעזל בראַנפֿן מיט היימישע קיכלאַך און הערינג צו פֿאַרבייסן, האָט דער בלינדער לייב פֿאַרקויפֿט זייַן זון אויף גאַנצע זעקס

יאָר צו „דאָבשע דער מייסטערן" אין די הענט אַריין. ער האָט גענומען אַ רובל האַנטגעגעלט אויפן ערשטן זמן (זמאַן), ווען דער יונג וועט אין זעקס יאָר אַרום אָנהייבן געלט קריגן. ביים גלעזל האָט דער אַלטער בעריש גע'טענה'ט (געטיינעט).

— נאָר ער זאָל מיר ניט אַנטלויפן און הערן דעם מייסטער און די מייסטערן, אַ גאַנג גיין, וואו מע דאַרף. זאָג אים אָן, דו הערסט?

— האָט ניט קיין מורא (מוירע), ר' בעריש, ער וועט שוין ניט אַנטלויפן. איך וועל אים שוין ביי די אויערן צוריקברענגען.

ב

צו מאָרגנס אינדערפרי איז געווען אַ שיינער רייפער זומערטאָג, די טעג פאַר ראש-השנה (ראָשעשאָנע), ווען די עפּל און די באַרן זיינען רייף אויף דיביימער און בעטן זיך נאָר מע זאָל זיי אָפּפליקן און אויפעסן. אין אַזאַ טאָג האָט לייב גענומען מאָטקען און געפירט אים ביי דער האַנט צו בעריש דעם שוסטער „אויף דער לער".

אין שטוב האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער ריח (רייאַך) פון פאַרפוילטע לעדער, וואָס האָט ערגעץ-וואו אין די ווינקעלאַך פון דעם שטיבל געשימלט זייט יאָרן, צייט בעריש איז אַ שוסטער. די מייסטערן איז ניט געווען. בעריש, אַרומגערינגלט מיט אַ דריי-פיר געזעלן און לערן-אינגלאַך, איז געזעסן איינגעהויקערט אַרום דעם קליינעם טישל און געקלאַפּט אַ זויל אויפן שטיין.

— דאָס איז ער, דער בחור (באָכער) מיינער, — זאָגט לייב.

דער אַלטער ר' בעריש האָט אויפגעהויבן זיינע געדיכטע, הויכע ברעמען, אַרופגערוקט די ברילן (אין וועלכע די גלעזער זיינען געווען צעשפּאָלטן), האָט געוואָרפן אויפן יונג אַן אויג און האָט גערופן אין אַ ווינקל אַריין:

— דאָבשע, דאָבשע, קום נאָר אַרויף. אַ נייער לערן-אינגל.

באַלד איז פון הינטער אַ בעט פון שוואַרצן קעלער אַרויסגעקומען עפּעס אַ הויכס, אַ דאַרס, איבערגעהאַנגען מיט שמאַטעס, טיכער, פאַטשיילעס, ווי אין די גרעסטע פרעסט.

— וועמע'נס איז דאָס? — האָט זי פאַרקייעט מיט אַ הוסטל.

— עס איז לייבס, — האָט דער מייסטער געוואָרפן מיט דער האַנט אויפן בלינדן לייב.

זי האָט זיך אומגעדרייט צו לייבן און אים אָנגעקוקט אַ ווייַלע.

דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— זיין אַ לייט ווי דער טאַטע זיינער. האָט געגעבן אַ מאַך מיטן קאָפּ, ווי אַ ציג, און אַ שאָקל־צו מיטן האַנט, און איז געגאַנגען אין איר ווינקל אַריין.

— איך לאָז אייך אים דאָ איבער, ר׳ בעריש, איר זאָלט זיין צו אים ווי אַ טאַטע. איר מעגט טאָן מיט אים, וואָס איר ווילט: שלאָגן אים, אַז ער וועט ניט פּאָלגן. איר גיט אים עסן, מעגט איר אים שלאָגן. — הערסטו? — האָט ער געזאָגט צום יונג — זאָלסט האָרכן דעם מייסטער און די מייסטערן, אַז ניט וועל איך דיך טויטן, דו הערסט?

מאָטקע האָט געשוויגן, און דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען.

בעריש האָט אים זיך געהייסן זעצן און געגעבן אים אַ שנור מיט אַ שטיק וואַקס, ער זאָל דרייען די דראַטווע. מאָטקע האָט עס גענומען אין האַנט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן דערמיט, האָט ער זיך געשפּילט מיטן פאָדעם און מיט גרויסע אויגן אַרומגעקוקט זיך אין שטיבל: דערזען די צוויי הויכע בעטן, וואָס שלינגען איין דאָס גאַנצע שטיבל, אָנגעלייגט מיט בעטגעוואַנט ביז אין האַלבן באַלקן, געקוקט אויף די פאַרשטויבטע בילדלאַך, וואָס הענגען פאַר די בעטן, אויף די פּאָליצעס, וואָס זיינען אָנגעלייגט מיט כאָלעוועס, אַלטע שטיוול, שטיבלעטן און שטיקער לעדער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט טשיקאַווע, אין דער נייער היים, וואָס אהער האָט מען אים אַריינגעגעבן אויף גאַנצע זעקס יאָר, געקוקט אויף זיינע חברים (כאַוויירים), די צוויי אינגלאַך מיט דעם געזעל, אַן אַלטן גוי, וועלכע האַקן פאָדעשוועס. ביי די בענקלאַך וויקלט זיך לעדער אין וואַסער, און דאָס גיט פון זיך אַ ריח (רייאַך). ער האָט געקוקט אויף די פענצטערלאַך, ווי זיי זיינען פאַרקאָוועט אין שפּינוועבס און באַלייגט מיט מאָסן, מיט פאָרמעס און שנירן, און פון דרויסן קריכט די זון און גנב׳עט (גאַנוועט) זיך אין פענצטערל און וויל אין שטיבל אַריין און דאָס שפּינוועבס לאָזט ניט.

ג

באַלד האָט ער דערפילט אַ שטופּ אין אַ זייט. ער קוקט זיך אום: נעבן אים איז אויסגעוואַקסן די מייסטערן, ווי אַ שוואַרץ געשטאַלט און פון אירע פיס איז אַרויסגעקראָכן אַ שוואַרצער קאָטער

מיט גלאַנצנדיקע אויגן און באַלעקט זיך מיטן רויטן צינגל.

— נאַ, ברענג וואַסער, — האָט זי אים געשטופּט די קאַן אין דער האַנט אַריין.

מאַטקע האָט זיך דערפריייט. אַלץ איז אים דאָ געפעלן און ניי געווען. ער האָט געכאַפּט די קאַן, געגאַנגען צום פּומפּל, געבראַכט אַ קאַן מיט וואַסער. די מייסטערן האָט אים געוויזן דאָס טונדל, ער האָט אַנגעגאָסן, ווידער געלאָפן, און עס האָט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז ער שוין צוריק געווען.

ווידער האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, געדרייט די דראַטווע, וואָס ער האָט ניט געקאָנט האַלטן אין דער האַנט צוליב דעם שטיקל וואַקס. האָט ער זיך ווידער אומגעקוקט אין שטיבל. איצט האָט אים פאַראינטערעסירט דער שוואַרצער קאָטער, וואָס איז אָנגעבונדן מיט אַ לאַנג שטריקל ביים בעט, און דרייט זיך צווישן די פיס פון דער מייסטערן, וואו זי גייט, גייט ער מיט, און עס דאַכט זיך מאַטקען, אַז די מייסטערן מיט דעם קאָטער זיינען צונויפגעוואַקסן און עס קאָן שוין ניט איינס אָן צווייטן זיין.

באַלד דערפילט ער ווידער אַ שטופּ אין אַ זייט:

— נאַ, צעהאַק מיר האָלץ — האָט זי אים געגעבן דאָס האַק־מעסער אין דער האַנט.

מיט גרויס חשק (כיישעק) האָט זיך מאַטקע גענומען דאָס האָלץ צעהאַקן. ער איז שוין געוואוינט געווען פון דער היים, עס איז אים אייגנטלאַך דאָ געפעלן. עס איז אַלץ ניי געווען. נאָר ער האָט געקוקט אויפן קאָטער און האָט גרויס חשק (כיישעק) געהאַט דעם קאָטער דעם עק אָפּצוהאַקן.

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויפן קליינעם בענקל און ווידער געצויגן דעם שנור דורך דעם וואַקס. ער האָט זיך ווידער אומגעקוקט אין שטיבל. די מייסטערן האָט געמאַכט פייער, אַוועק־געזעצט זיך אין שוואַרצן ווינקל ביים קיכל און איינגעשלאָפן. דער קאָטער איז אַרויפגעקראָכן אויף איר שויס און איז אויך איינגע־שלאָפן. אין דער שטוב הערט זיך דאָס רעגלמעסיקע קלאַפּן פון העמערל אויף דער זויל; דער מייסטער זיצט איבער אַ שטיוול, אַלע זיצן איינגעבויגן און פאַרטאָן אין דער אַרבעט. דער זייגער קלאַפּט טיק־טאַק. און באַלד איז מאַטקען דאָס גאַנצע שטיבל מיט דעם מייסטער, מיט דער מייסטערן און מיטן קאָטער אַזוי פאַר'מיאוס'ט

(פּאַרמיעסט) און לאַנגווייליק געוואָרן, אַז ער האָט געוואָלט אַרויס־לויפן. ער האָט געבענקט נאָך דער גאַס, געקוקט אויפן פענצטערל און דערזען, ווי די זון קריכט פון דרויסן אויפן צווייטן זייט פענצ־טערל און וויל זיך אַריינקריגן אין שטיבל אַריין און קאָן ניט. איז אים עפּעס אומעטיק געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און אַרויסלויפן דורך דער טיר, נאָר ער האָט עפּעס אַן אינערלאַכע אימה (איימע) געהאַט, האָט ער זיך איינגעהאַלטן. ער האָט שוין אָבער ניט געקאָנט איינזיצן, געוואָרפן זיך אויפן בענקל, ניט געוואָלט מער דרייען דראַטווע אין וואַקס. עס איז אים מיאוס (מיעס) געוואָרן. ער איז בייז געווען אויפן קאָטער און געטראַכט ביי זיך: איצט איז די ריכטיקע צייט, ווען ער שלאָפט אַזוי, דעם עק אים אָפּצוהאַקן מיטן האַקמעסער.

ער האָט זיך אומגעקוקט און געזוכט דאָס האַקמעסער. ער האָט עס דערזען אין ווינקל, וואו ער האָט געהאַקט האָלץ. ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען דאָס האַקמעסער. דער מייסטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער אַרבעט און געפרעגט אים: — וואָס גייסטו טאָן?

מאָטקע האָט געהאַלטן דאָס האַקמעסער אין דער האַנט און געשוויגן.

ד

פון דעם מייסטערס רייד האָט זיך די מייסטערן אויפגעכאַפּט אינייִנעם מיטן קאָטער און אַרומגעקוקט זיך פאַרוואונדערט אין שטוב אינייִנעם מיטן קאָטער, און באַלעקט זיך מיטן צינגל. פּלוצלונג האָט זי זיך אָן עפּעס דערמאָנט, צוגעגאַנגען צו אַ קאָמאָד, אַרויסגענומען קליינגעלט און געגעבן מאָטקען, ער זאָל ברענגען פון געוועלבל אַ ברויט מיט צוויי הערינג.

מאָטקע האָט גענומען דאָס געלט אין האַנט אַריין און איז אַרויס אין גאַס. ער האָט געוואוסט, אַז צוריקקומען וועט ער שוין ניט. עס האָט אים נאָר באַנג געטאָן, וואָס ער האָט דעם קאָטער דעם עק ניט אָפּגעהאַקט מיטן האַקמעסער. נאָר ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט עס טאָן אַמאָל.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס. די זון האָט אים אַרומגעכאַפּט און זיך דערפרייט מיט אים, וואָס זי דערזעט אים אויף איר ליכטיקער

שיין. דאָס געלט האָט אים געבריט אין דער האַנט. ער האָט זיך ערשט פאַר גדולה (גדולע) לויפן געלאָזט. ער איז אָנגעקומען אין מאַרקל און דערפילט דעם ריח (רייאַך) פון די עפל און די פרישע באַרן, און עס איז אים גוט געווען. ער איז אדורכגעגאַנגען די בעקעריי, האָבן אים אָנגעשמעקט די פריש געבאַקענע ברייטלאַך און זעמל, איז ער אַריינגעגאַנגען און אָנגעקויפט זיך פולע קעשענעס מיט זעמל און אָנגעהויבן באַלד צו עסן. פון דערווייטנס האָט ער דערזען ווי פייגעלע זיצט איינגעמויערט אַרום אירע קוישן, טונען און זעק מיט אויבסטן אינמיטן מאַרק. איז ער צו צו איר און אַרויס־געכאַפּט פון דער מולטער עטלאַכע באַרן.

אַז פייגעלע האָט אים דערזען, האָט זי זיך די הענט געבראָכן און אַ גוואַלד געמאַכט:

— וואָס טוסטו דאָ אין מאַרק אינמיטן העלן טאָג? ביסט אַנט־לאָפן פון מייסטער? דער טאַטע דיינער וועט דאָך דיך ממית'ן (מיימעסן).

מאָטקע האָט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געטאָן. צוריקגיין צום מייסטער קאָן ער ניט. נאָר ער האָט דערפילט די מורא (מוירע) פאַרן שלאָגן. ער האָט דערשפּירט ווי אַ יונגער הונט, אַז מע וועט אים באַלד זוכן, און מע וועט זיך באַלד יאָגן נאָך אים.

ער האָט דערפילט, אַז ער דאַרף זיך באַהאַלטן. ער האָט זיך אָפּגעטראָגן פון מאַרק, אַריין אין אַ שמאָל געסל. דערנאָך האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט, איז אַריבער אַ פּלויט און איז אַריין אין הויף צו נאָטע קאַטאַרינאַזש און צוגעקראָכן אויף אַלע פיר אין דער בודקע פון דעם הונט בורעק. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און איינגעקאָרטשעט.

דער הונט האָט אים דערפילט, באַשמעקט, באַלעקט די הענט און דאָס פּנים (פּאָנעם). מאָטקע האָט ארויסגענומען די איבער־געבליבענע זעמל, וואָס ער האָט אין די קעשענעס געהאַט, און גע־טיילט זיך מיטן הונט. דער הונט האָט געקייט אַ האַלבן זעמל, ער די אַנדערע העלפט. ער האָט געוואוסט איצט, אַז מע זוכט אים אַרום. דער טאַטע, דער מייסטער ,די מייסטערן דרייען זיך אַרום אין מאַרק מיט שטעקנס, מיט רימענס און זוכן אים.

ה

צו מאָרגנס באַגינען, ווען מאַטקע האָט געהאַלטן אינמיטן בעסטן שלאָף, האָט ער דערפילט, ווי פייערדיקע ריטער שפּרינגען אַרום איבער זיין פּנים (פּאָנעם), איבער זיינע אויגן, אויערן און הענט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען (ווי ווייט ער האָט געקאָנט), אַז דער פאָטער שטייט איבער אים ווי אַ גזלן (גאַזלען) מיט אַ באַטעק אין דער האַנט און שלאָגט אים. דער יונג האָט ניט געוויינט, ניט געשריען, ער האָט נאָר געפּרואווט צו פאַרשטעקן דעם קאָפּ אונטערן טוך. דאָס איז אים אָבער ניט געלונגען: די הענט זיינע זיינען געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק הינטער־אַרום. דער פאָטער האָט אים אין שלאָף פאַרבונדן.

ער האָט דעם פאָטער גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין, און יעדער ברען פון באַטעק מיט דער בלייענער קויל האָט אים די אויגן פאַרבלענדט, — דאָך איז ער געלעגן און געפּרואווט ווי ווייט ער האָט געקאָנט צו באַהאַלטן דאָס געזיכט. די מוטער איז גע־שטאַנען דערביי, געריסן דעם פאָטער ביי דער פאָלע, זי האָט זיך שוין אַליין אַוועקגעשטעלט און פאַרדעקט אים מיט איר קערפּער, האָט זי געקראָגן די קלעפּ; דער פאָטער האָט זי אַוועקגעשמיסן מיטן באַטעק, די מוטער האָט אויסגעשריען פאַר ווייטיק, האָט זיך מאַטקע געפּרואווט נאָכאַמאָל אויפכאַפּן און וואַרפן זיך אויפן טאַטן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט: די הענט און די פיס זיינען אים געווען צו־געבונדן. ער האָט זיך שוין אַוועקגעלייגט ווי אַ געשאָכטן קאַלב און געלאָזט זיך שלאָגן, וויפיל דער פאָטער האָט נאָר כוח (קויאַך) געהאַט.

אַז דער יונג האָט שוין געבלוטיקט פון פּנים (פּאָנעם) און זיך ניט מער רירן געקאָנט, האָט אים דער פאָטער אַרויסגעצויגן ביי די אויערן אין גאַס אַריין און נאָך געשלאָגן שלעפּנדיק אים איבער דער גאַס:

— צום מייסטער גיי, צום מייסטער.

ו

דער מייסטער בעריש כוואַט מיט דער מייסטערן דאָבשע און דער עלטערער געזעל הענעך פּיקניק מיט דריי לערן־אינגלאַך האָבן שוין מאַטקען אָפּגעוואַרט מקבל־פּנים (מעקאַבל־פּאָנעם) צו זיין, ווען דער פאָטער האָט אים אין געווערקשטעל אַריינגעשליידערט און

געגעבן אים אַ בעניץ אַנידער אויף דר׳ערד ווי אַ זעקל קאַרטאָפל.

— ר׳ בעריש, טוט מיט דעם יונג, וואָס איר ווילט. איר גיט אים עסן, האָט איר רעכט אים צו שלאָגן. איר זייט צו אים אַ טאַטע אזוי ווי איך. אייער געלט צוגענומען, אייער ברויט אויפגעגעסן, שלאָגט אים.

— איך וועל אים שוין שלאָגן. איך וועל אים שוין לערנען פון אַ מייסטער צו אַנטלויפן, געלט צוצונעמען, — זאָגט דער אַלטער בעריש, וועלכער איז רויט געוואָרן ווי אַ בורעק פון כעס (קאַעס), דערזעענדיק דעם יונג. ער האָט פאַרביסן די אויבערשטע געשפּאָל־טענע ליפּ און איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקל זוכן עפּעס אויף אַן אַלטער פאַרשטויבטער פּאָליצע.

דערווייל איז מאָטקע געלעגן אַ געבונדענער אינמיטן שטוב און אויסגעהערט דאָס געשפּרעך, וואָס מע פירט איבער אים. די לערן־אינגלאַך מיט בלייכע צעשראָקענע פּנים׳ער (פּענעמער) און גלאַנצ־דיקע צופרידענע אייגעלאַך איבער דעם שפּיל, וואָס דאָ וועט פּאַר־קומען, האָבן געקוקט אויף אים מיט רחמנות (ראַכמאָנעס) און טשיקאַווע. דער קאָטער איז צוגעקראָכן צו אים, באַקוקט אים ווי דאָבשע די מייסטערן, באַלעקט אים מיטן רויטן צינגל און איז אַוועק־געגאַנגען. מאָטקע האָט אים גאָר ניט געקאָנט טאָן, ער איז געווען געבונדן. באַלד האָט ער דערפילט, ווי אַ מעסער שניידט און שפּאַלט זיין הויט. דאָס איז געווען דער חזיר־רימען (כאַזער־רימען), וועלכער האָט זיך איינגעשניטן מיט דער גאַנצער קראַפט אין זיין לייב אַריין. דאָסמאָל האָט מאָטקע ניט געשוויגן. דערזען דעם אַלטן פרעמדן איד, וואָס שטייט מיט דעם רויטן פּנים (פּאָנעם) און שלאָגט אים מיטן רימען, דערזען די מייסטערן, וועלכע באַלעקט זיך מיטן צינגל, און די צעשראָקענע לערן־אינגלאַך, וועלכע קוקן אויף אים מיט גלאַנציקע אייגעלאַך, האָט זיך אין מאָטקען דערוועקט צוריק די קראַפט. ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרף און האָט זיך געגעבן אַ לאָז אַריין אין אַ באַנטש טעלער פון נעכטיקן ניט־געוואַשענעם געפּעס, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל־שטוב, — אַ קלימפּער, די טעלער צעבראָכן. דאָבשע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גוואַלד, אין דעם מייסטער האָט זיך נאָך מער צעברענט דער כעס (קאַעס). ער האָט געגעבן אַ וואונק צו דעם געזעל, צו די לערן־אינגלאַך, מע האָט מאָטקען געגעבן אַ כאַפּ. די לערן־אינגלאַך האָבן זיך אַרויפ־

גאָזעצט אויף די פּיס. דער גזלן האָט געהאַלטן די הענט. דאָבשע האָט צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער פּאָדלאָגע און דער אַלטער האָט די הויזן אַראָפּגעריסן און דער חזיר־רימען איז אַרומגעשפּרונגען, ווי אַ פּייערדיקער שפּיז איבער דעם נאַקעטן לייב. צוערשט האָט זיך באַוויזן אַ בלויער פּאַס, דערנאָך האָט עס געגעבן אַ שפּריץ מיט בלוט...

נאָכדעם האָט דער גזלן מיט די דריי לערן־אינגלאַך אָנגענומען מאָטקען און אַראָפּגעטראָגן אים אין קעלער אַריין, אַנידערגעלייגט אים אויף דער פייכטער ערד און פאַרמאַכט דעם קעלער מיטן ברעט.

ז

אַ לאַנגע צייט איז מאָטקע געלעגן אויף דער פייכטער ערד און האָט ניט געוואוסט צי ער שלאָפט, צי ער איז וואַך. ער האָט געפילט אַ ווייטיק אין אַלע גלידער און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די הענט מיט די פּיס זיינען אים דורכגעבראָכן און ער וועט שוין גאָרנישט קאָנען טאָן. פון דעם שלאָגן און רייסן זיך האָבן זיך אים אויפגע־לייזט די שטריק, מיט וועלכע עס זיינען געווען געבונדן די הענט מיט די פּיס. נאָך אַ לאַנגער ווײַלע האָט ער געפּרואווט מיטן גאַנצן קערפּער אַראָפּצורוקן די שטריק פון זיינע הענט. דאָס איז אים געלונגען. ער איז ווידער אַ לאַנגע ווײַלע געלעגן מיט פרייע הענט און נאָך ניט געפּרואווט רירן מיט זיי. ביסלאַכווייז האָט זיך דער כוח (קויאַך) און די ענערגיע געזאַמלט ביי אים. ער האָט זיך דאַן שטיל אויפגעהויבן, צוגעקראָכן אויף אַלע פיר, צוגערוקט צום פענצ־טערל דעם זאַק מיט קאַרטאָפלעס, אַרויפגעקראָכן אויף די קאַרטאָפ־לעס און געפּרואווט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ. עס איז געגאַנגען.

אַז ער איז אַרויסגעקראָכן אויף דער פרייער לופט, האָט ער זיך אומגעקוקט, אויב קיינער זעט ניט, אויסגעזוכט אַ שאַרפן דרייקאַנ־טיקן שטיין, אַרונטערגעקראָכן אויף אַלע פיר אונטער בעריש כוואַטס פענצטערל און מיט וויפל כוח (קויאַך) ער האָט געהאַט, געגעבן אים אַ לאָז אַריין אין די שויבן.

עס האָט געגעבן אַ קלעמפּער פון גלאָז, פון אינעווייניק האָט זיך געהערט אַ געשריי, נאָר מאָטקע איז שוין ניט געווען. ער איז שוין אַרונטער אונטער אַ פּלויט. פון דאָרטן האָט ער זיך אַדורכגעלאָזט דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר אין אַ הויף אַריין. דערזען אין הויף

אַ קופּע מיט ברעטער, האָט ער זיך געגעבן אַ לאָז אַרונטער אונטער די ברעטער און איז געלעגן.

ער האָט געהערט ווי מען לויפט אין הויף. ער האָט דערקענט דער מייסטערנס שטימע, דעם געזעלנס, די לערן־אינגלאַכס. ער איז געלעגן אין לאָך אונטער די ברעטער. אַמאָל זיינען זיי שוין גאַנץ נאָענט געווען נעבן אים, זיי האָבן אים אָבער ניט געזען. אזוי איז ער אָפּגעלעגן ביז ביינאַכט.

אַז עס איז נאַכט געוואָרן, איז אים קאַלט געוואָרן, און ער איז געווען הונגעריק. ער האָט געקלערט וואוהין צו גיין. דערמאָנט זיך אָן זיין פריינד בורעק, דעם הונט, איז ער אַרויס פּאָרזיכטיק פון אונטער די ברעטער, אַוועק דורך הינטער־גאַסן, אויסמיידנדיק מענטשן, ער איז אַריין אין הויף, צוגעקראָכן אויף אַלע פיר אין הונטס בודקע. דער הונט האָט אים באַלעקט, דערוואַרעמט. ער האָט געזוכט אין דער בודקע און געפונען דעם טעלער מיט אַלע עסנוואַרג, וואָס שטייט פאַרן הונט, האָט ער געפּרואווט עסן. ניט געקאָנט, אויסגעשפּיגן. צום סוף (סאָף) איז ער אזוי מיד און דער־שלאָגן געוואָרן, אַז ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אונטער דעם הונטס בויך. דער הונט האָט אים אָנגעוואַרעמט מיט דעם אָטעם פון זיין פּיסק און מיט די וואַרעמע האָר, און מאָטקע איז זיכערער איינגעשלאָפן.

ש ל ו ם ־ ע ל י כ ם

ד י פּ אָ ן

א

קינדער! איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ פּאָן, ווי אַזוי איך, אַן אָרימאַנס אַ אינגל, האָב באַקומען אויף שמחת־תורה (סימכאַס־טוירע) אַ פּאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פאַרלוירן.

אַז איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין אינגעלע, האָט מען מיך גערופן „טאָפּעלע טוטעריטו“, דאָס הייסט „קאָפּל קוקעריקו“. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל ערשטנס האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיק קעלכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו

קרייען. און צווייטנס האָב איך ניט געקאָנט אויסרעדן קיין „קוף״ און קיין „גימל״, און ווי אויף צו להכעיס האָט מיין טאַטע גערדאַרפט הייסן קלמן (קאַלמען), מיין מאַמע גיטל קלמנס, איך — קאָפּל גיטל קלמנס.

— אינגל! ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאָפּל דיטל טלמנס...

— העכער אַביסל!

— טאָפּל דיטל טלמנס...

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אויף אַ קול:

— טאָפּל, דיטל טלמנס!

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דערפאַר וואָס מע שלאָגט מיך; איטלאַכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים; מע לערנט מיך, איך זאָל רעדן „ווי אַ מענטש״...

ב

האָבן אויף שמת-תורה אַ פאָן, טאַקע וואָס אַ פאָן הייסט, אַ פאָן מיט אַ שטעקעלע, פון אויבן אַן עפּל, אינם עפּל אַ ליכטל — דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט אפילו טראַכטן וועגן דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פאַראַן אויף דער וועלט? למאי (לעמאַי) ס׳זיינען פאַראַן אַזעלכע אינגלאַך אין חדר, וואָס פאַרמאָגן געלט אויף צו קויפן אַ מעסערל, אַ ביימעלע, אַ שטעקעלע! למאי (לעמאַי) ס׳זיינען פאַראַן אינגלאַך אַזעלכע, וואָס עסן ווייסע בולקע אינדערוואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלאַך, איך האָב קיין ווייסע בולקע אינדערוואָכן קיינמאָל ניט געגעסן! איך בין געווען געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ ברויט צו זאַט. איך האָב נישט געוואוסט דעם טעם, וואָס הייסט אָפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָכ-אַמאָל.

היינט ווער שמועסט האָבן ביי זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אַן

אייגענע קאָפּיקע, — דאָס האָט זיך מיר אַפילו ניט גע׳חלום׳ט.

און שטעלט זיך פאָר, אַז איך, קאָפּל קוקעריקו, ווער מיטאַמאָל אַ גביר (גווִיר) און באַקום מיין אייגנס צוויי־און־צוואַנציק קאָפּיקעס.

אפשר מיינט איר אַ נס — אַ פּריץ האָט פאַרלוירן און איך האָב געפונען? האָט איר דאָפּקע נישט געטראָפן. איך האָב זיי, שווער איך אייך, פאַרדינט, פאַרהאָרעוועט מיט מיינע אייגענע... פּיס.

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך מיין טאַטע — דער אונטער־שמש פון שול — געשיקט איך זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות (שאַלאַך־מאָנעס) צווישן די באַלעבאַטים. פריער פלעגט צעטראָגן דעם שלח־מנות (שאַלאַך־מאָנעס) איינע פון מיינע עלטערע שוועס־טער, און איצט, אַז איך בין שוין אַביסל אונטערגעוואַקסן, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שוין אויך זיין אַ שטיקל הילף. האָב איך גענומען דאָס טעלערל מיטן פלעדל, אַרומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים, געקנאַטן מיט די באָרוויסע פּיס די קאַלטע, גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשנס, וואָס מען האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

איז געבליבן ביי מיר, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

ג

גאָט האָט געהאָלפן, דער סוכות איז געקומען, און איך האָב מיר געקויפט אַ פאָן, אַ גרויסע, אַ געלע, אַ „צווייזייטנדיקע“.

באַקומען אַ פאָן, באַדאַרף מען קריגן אַ שטעקל צו דער פאָן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רב זיאַמע׳ דעם סטאָליער, טאַקע דער אייגענער רב זיאַמע, וואָס האָט אַמאָל אונטערגענומען מיך אויסצולערנען רעדן „ווי אַ מענטש“.

— וואָס ווּעסטו עפּעס זאָגן, טאַפּעלע טוטעריטוטו?

— אַ שטעטל צו דער פאָן...

— וואָס הייסט, — זאָגט ער, — אַ שטעטל?

— אַ שטעטל, — זאָג איך, — פון אַ שטיטל האָלץ, מען זאָל טאָנען טראָגן די פאָן.

רב זיאַמע טרייבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאַוועס, ביז איך צעוויין זיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעטן, נעמט אַ שטיקל האַלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין — פּאַרטיק.

אַצינד פּעלט מיר אַן עפּל מיט אַ ליכטל, געוויינטלאַך, פון וואַקס, ניט פון חלב (כיילעוו), וואָרים חלב (כיילעוו), אַז עס וועט אַרויפּ־פאַלן אויפן עפּל, איז פאַרפאַלן דער עפּל. מע וועט אים נאָכדעם ניט קאָנען עסן... אָבער וואַקס מאַכט ניט אויס, וואַקס איז כשר...

נו, און וואַקס איז דאָך ביי מיר מער, ווי ביי אַלע אינגלאַך. אדרבה (אַדעראַבע), אַ אינגל, אַז ער באַדאַרף אַ שטיקל וואַקס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרים מיין טאַטע איז דאָך אונטער־שמש, איז וואָס עס בלייבט נאָך יום־כּפּור פון די ליכט, געהער צו אים — דאָס איז זיין הכנסה (האַכנאָסע). ער שמעלצט דערפון „שמשים" צו די חנוכה־ליכטלאַך, הבדלות (האַוודאָלעס) און סטאַטשיקעס, און וואָס עס פאַלט אַראָפּ פון די הבדלות (האַוודאָלעס) מיט די סטאַטשיקעס — געהער צו מיר — דאָס איז מיין הכנסה. הקיצור (האַקיצער), איך האָב אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף!

ד

אַריינגעזעצט די פאָן אינם שטעקל, אויפגעפּאַסט אויפן שפּיץ אַ רויטן עפּל און אָנגעצונדן פון אויבן דאָס וואַקסענע ליכטל, לאָז איך זיך אויף דער נאַכט אין שול אַריין צו די הקפות (האַקאָפעס) לעבעדיק־פרייליך.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שול אויבן אויף דער מזרח־באַנק מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער. די ליכט ברענען. מיין פאָן איז שענער פון אַלע פאָנען. מיין עפּל איז רויטער פון אַלע עפּל. מיין ליכטל איז גרעסער פון אַלע ליכטלאַך. אין שול איז אַן ענגשאַפט, אַ היץ, סכנות נפשות (סאַקאָנעס נעפאָשעס), ווייבלאַך און מיידלאַך אַ סך זיינען געקומען קושן די תורה. אָט גייט רב מלך דער חזן מיטן צעלאָזטן טלית אויף צופריער, ווי אַ גענעראַל־פעלדמאַרשאַל. נאָך אים — די באַלעבאַטים. רב מלך ציקלט זיך און זינגט אויף זיין בלעכענער שטימע. די ווייבלאַך מיט די מיידלאַך שפּרינגען אין פּנים אַריין, קושן די תורות און שרייען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר!" — גם אתם!

(גאָם אַטעם) גם אתם! (גאָם אַטעם).
נאָר איידער מען קומט צו צום קלייזל, דאָרט וואו איך דאַוון, מוז מען דורכגיין פאַרביי עטלאַכע שולן און בתי־מדרשים (באַטיי־מעדראָשים).

ח

— מזל־טוב! טאָפּעלע טוטעריטו האָט אַ פאַן! שלום עליכם, אַ גוטער איד, אַ האַלבן פּנים אָפּגעבריט...
מיט אַזאַ ברייטן ברוך־הבא (באָרוך־האַבע) האָבן מיך חברה קונדסים (קונדייסים) באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפן שול־הויף מיט מיין פאַן.
איך באַטראַכט אַלע פאַנען און וואַרף אַ קוק אויף מיין פאַן — ווער? וואָס? ווען? ווי קומען זייערע פאַנען צו מיין פאַן?
ערשטנס, די פאַן אַליין. ביי קיינעם שטייט זי ניט אַזוי גלייך אַריינגעזעצט אין שטעקל, אַז מען זאָל אַרויסזען ביידע זייטן. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלייך, קיילאַכדיק, געטאָקט שטעקל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער, גלאַטער עפּל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ שיין געראָטן ליכטל, וואָרים ווער פאַרמאָגט אַזויפיל וואַקס ווי איך... איך מאַך אַ פאַרגלייך צווישן מיין פאַן און צווישן די אַלע איבעריקע פאַנען — און מיין האַרץ ווערט פול מיט גדלות (גאַדלעס). עס מאַלט זיך מיר אויס, אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער. די פיס טראָגן מיך. עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שרייען, קוויטשען, כאַפּן אַ טענצל...
— אַנו, ווייז נאָר! — רופט זיך אָן צו מיר יואליק דעם נגידס (נאַגידס) און בלייבט שטיין פאַרגאַפט.
ער באַקוקט מיין פאַן, איך באַקוק זיין פאַן. „אויך מיר אַ פאַן!“ — טראַכט איך מיר. — „אויך מיר אַ שטעקל! אויסגעבויגן, גלייך ווי אַ קאָטשערע!“ איך זע, אַז ער איז אָן אויפגעקאָכטער, נאָר איך מאַך זיך ניט וויסנדיק און קוק כלומרשט (קלוימערשט) אָן אַ זייט.
— קאָפּל! — מאַכט ער צו מיר — וואו האָסטו גענומען אַזאַ שיין שטעקעלע?
— האַ? — זאָג איך און דריי זיך אויס צו אים מיטן פּנים.

— וואו האָסטו דערטאַפּט, — זאָגט ער נאָכאַמאָל, — אַזאַ טשאַקנדיק שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו אים, — ווילסטו זיך אפשר בייטן אויף דיין טשוואָק?...

יואליק פאַרשטייט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אייגלאָך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע און טרעט אָפּ. איך קוק אים נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע ווי ער רופט אָפּ נחמיהן (נעכעמיען) מיטן קרומען פּיסל אויף אַ זייט און סוד'עט זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט ווייסנדיק. אין אַ מינוט אַרום גייט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פּיסל, האַלט יואליקס פאָן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל, מיינס האָט זיך פאַרלאָשן.

— ס'איז דען דיין פאָן? — און בייג אים אָן מיין פאָן מיטן ליכטל, — איך ווייס דאָך וועמענס פאָן דאָס איז...

און איידער איך קוק זיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זיין אָנגעצונדן ליכטל צו מיין פאָן און מיין פאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פלאַקער, פּ—פּ—פּו, — אוים פאָן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען עס פאַלט אַראָפּ פון הימל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין; ווען אַ ווילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פאַר־צוקן, אָדער ווען עס קומט מיר אַנטקעגן אַ מת (מעס) אום האַלבע נאַכט און וויל מיך וואַרגן — וואָלט מיין שרעק נישט באַדאַרפט זיין אַזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזען מיין נאַקעט שטעקל מיט דער אָפּגעברענטער פאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי מיר פונם האַרצן אַ געשריי:

— אוי וויי, מיין פאָן! מיין פאָן! מיין פאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון מיינע אויגן. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרן פינצטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זיינען אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גיין, איך ווייס אַליין ניט וואוהין. איך גיי און גיים און גיים מיט הייסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַוויין מיין פאָן, ווי מען באַוויינט אַ טויטן, און איך קום צו גיין אַהיים

איינער אַליין, אָן אַ פּאָן, און איך פאַרקלייב מיך אין אַ ווינקעלע, און אין דער פינצטער זיץ איך, דעם קאָפּ צווישן די קני און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל ניט הערן. און איך פרעג ביי גאָט אַ קשיה:

— גוואַלד, גוואַלד, רבונו של עולם (רעבוינוי שעל אוילאָם)! פאַר וואָס קומט מיר דאָס? פאַר וואָס און פאַר וועו?!...

שלום-עליכם

חנוכה-געלט

א

טרעפט, קינדער, וואָסער יום-טוב איז דער בעסטער פון אַלע יום-טובים?

חנוכה.

אַכט טעג כסדר נישט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידל און באַקומען פון אַלע זייטן חנוכה-געלט — נו, באַדאַרף מען אַ בעסערן יום-טוב?

ווינטער. דרויסן איז קאַלט, דער פראָסט ברענט — סכנות (סאַקאָנעס); די פענצטער זיינען פאַרקאָוועט, באַדעקט מיט שניי, צעמאַלט אויפן שענסטן אָרט, און אין שטוב איז וואַרים — מחיה-נפשות (מעכאַיע נעפאָשעס). דאָס זילבערנע חנוכה-לעמפּל שטייט צוגעגרייט נאָך פון בייטאָג. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב, די הענט אַרונטער, און דאַוונט מעריב (מײַירעוו). אָפּגע-דאַוונט, נעמט ער אַרויס פון טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל, דעם שמש (שאַמעש), און זאָגט צו אונז, צו מיר און מיין אינגערן ברודער מאָטל:

— רופט אַריין די מאַמע, לאָז זי גיין הערן בענטשן חנוכה-ליכטלאַך.

איך און מיין ברודער מאָטל לאָזן זיך לויפן ביידע, איינס איבערן אַנדערן.

— מאַמע! גיכער, חנוכה-ליכטלאַך.

די מאַמע וואַרפט אַוועק אַלע אַרבעט אין קיך (מע האָט גע-

קוילעט גענז, מע פרעגלט שמאַלץ, מע האָט געבאַקן לאַטקעס) און לאָזט זיך לויפן אין שטוב אַריין, און נאָך איר — ברײַנע די קעכן, אַ שוואַרצע אידענע מיט וואָנצעס, מיט אַ פֿעטן פּנים און מיט תּמיד פֿעטע אויסגעשמירטע הענט. די מאַמע שטעלט זיך אַוועק אין אַ זײַט און מאַכט אַ פֿרום פּנים, און ברײַנע די קעכן בלײַבט שטיין ביי דער טיר, ווישט די הענט אינם קויטיקן פֿאַרטוך, טוט אַ שמיר מיט דער פֿעטער האַנט איבער דער נאָז פֿון אונטן אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצן צייכן איבערן גאַנצן פּנים. מיר זײַנען שטאַרקער פֿון אײַזן, איך און מײַן ברודער מאָטל, אַז מיר האַלטן זיך אײַן און שיסן נישט אויס קיין געלעכטער.

דער טאַטע גייט צו מיטן אָנגעצונדענעם שמש (שאַמעש) צום חנוכּה־לעמפּל, בייגט זיך אָן און מאַכט די ברכה (בראָכע) מיטן באַקאַנטן ניגון.

די מאַמע ענטפֿערט: „אָמן", און ברײַנע שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט דערבײַ אַזעלכע פּיסקעס, אַז איך און מײַן ברודער מאָטל האָבן מורא אַ קוק טאָן איינס אויף דעם אַנדערן.

דער טאַטע שפּאַצירט אַרום הין און צוריק איבערן זאַל, קוקט אויפֿן חנוכּה־לעמפּל, זאָגט און זאָגט און הערט גאַרנישט אויף צו זאָגן. מיר וואָלטן וועלן, עס זאָל שוין נעמען אַ סוף, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע, צום בײַטעלע. מיר ווינקען זיך איבער, שטופּן אונטער איינס דעם אַנדערן:

— מאָטל, גיי צו, זאָג אים חנוכּה־געלט.

— וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכּה־געלט?

— אַזוי, וואָרים דו ביסט קליגער, באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכּה־געלט.

— טאָמער פֿאַרקערט, דו ביסט עלטער, באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכּה־געלט?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדן פֿון חנוכּה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. שטיל, נישט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונז איבער אַ קליין פֿרעסטל איבערן לײַב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אויף דער סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּאה (פּייע), מאַכן זיך כּלומרשט (קלוימערשט) קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי ניט אונז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— הם... קינדער, קומט נאָר אַהער.
— האַ? וואָס איז?
— נאַט אייך חנוכה-געלט.

באַקומען אונזער חנוכה-געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מיין ברודער מאָטל, פריער פּאַוואָליע, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכדעם — גיכער און גיכער, מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענצל. און ביז מיר קומען אין אונזער חדר׳ל אַריין קאָנען מיר זיך ניט איינהאַלטן, קוליען זיך איבער דריי מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף, שפּרינגען אויף איין פוס און זינגען אונטער:

עגגע, בעגגע,
סטופּע, צענגע,
אַרצע, באַרצע,
גאָלע, שוואַרצע,
איימעלע, ריימעלע,
בייגעלע, פייגעלע —
האַפּ!

און פאַר גרויס שמחה און התפּעלות (היספּיילעס) גיבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין דער פעטער בעני.

— חברה (כעווורע) פלעצל, אייך קומט חנוכה-געלט!

דער פעטער בעני לייגט אַריין די הענט אין זשילעט-קעשענע, נעמט אַרויס צוויי זילבערנע גילדן און גיט אונז חנוכה-געלט.

ב

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פעטער בעני זיינען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער, דער פעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ פאַרזאָרגטער, אַ שווייגער, דער פעטער בעני — אַ פריילאַכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר, צעווירעט אויף קעסטעלאַך, שוואַרצע און ווייסע, הייסט אַריינטראָגן פון קיך פּאַסאָליעס, שוואַרצע און ווייסע — דאָס וועט זיין אַ דאָמינע.

די מאַמע איז אין קיך, פרעגלט שמאַלץ און באַקט לאַטקעס.

איך מיט מיין ברודער מאַטל שפּילן אין דריידל; און דער טאַטע מיטן פעטער בעני זעצן זיך אַוועק שפּילן אין דאָמינע.

— איין זאַך וועל איך ביי דיר בעטן, בעני — אַן חרטה (כאַראַטע) און אַן דריי, דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זיין אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער פעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פעטער בענים אַ ציגל.

וואָס ווייטער-ווייטער לאָזן זיי זיך אַריין אין דעם שפּיל אַלץ טיפער, קייען דערביי די בערד, טרייסלען מיט די פיס אונטערן טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע מיט אַ ניגון פון דער גמרא און קייעט איין עק באָרד. — זאָל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהין? — וועט ער גיין אַהער. באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ גאַנג!

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! — העלפט אים אונטער דער פעטער בעני מיטן זעלבן נוסח (נוסאַך).

— וואָס-זשע באַדאַרף איך מורא צו האָבן? — זינגט דער טאַטע ווייטער. — טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענעם ציגל? — וועל איך ביי אים צונעמען צוויי ציגלאַך. אָי, וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגן דריי ציגלאַך?

— דריי ציגלאַך, דריי ציגלאַך, דריי ציגלאַך, — העלפט אים אונטער דער פעטער בעני.

— אוי, ביסטו אַ טיפּש (טיפּעש), בעני, אַ טיפּש און אַ גרויסער! — זינגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— ביסט אַליין אַ טיפּש, מיין ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פעטער בעני און גייט אַ גאַנג און פאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק.

— פע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פעטער בעני פאַר דער האַנט.

— אַ גוטער משל (מאָשל)! — זאָגט דער פעטער בעני, —

כל־זמן (קאָלזמאַן) איך האַלט אינמיטן אַ גאַנג מעג איך גיין וואוהין איך וויל.
— ניין! — זאָגט דער טאַטע, — אַ גאַנג איז פאַרפאַלן! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני, אָן חרטה (כאַראַטע), בעני, אָן דריי!
— חרטה (כאַראַטע)? — זאָגט דער פעטער בעני, — וויפיל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חרטה?
— איך? — זאָגט דער טאַטע, — ע, בעני, דערפאַר האָב איך דאָך פיינט מיט דיר צו שפּילן אין דאָמינע!
— ווער־זשע נייט דיך, זאָלסט מיט מיר שפּילן?
— שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פּאַסאָלקעלע? — רופט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פון קיך מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים, און נאָך איר — ברײינע מיט אַ גרויסן פאַלומעסיק מיט הייסע לאַטקעס מיט שמאַלץ. פון די לאַטקעס זעצט אַ פּאַרע. אַלע לאָזן זיך צום טיש. איך און מיין ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פריער אַביסל געקריגט, געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שלום (שאָלעם) און זעצן זיך צו די לאַטקעס מיט גרוים כונה (קאַוואָנע).

ג

— אַנו, מאָטל, לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען צו דער אַרבעט, אויסצורעכענען, וויפיל האָבן מיר אונזער אייגנס חנוכה־געלט? נאָר ווייסטו וואָס? דו שווייג. פריער וועל איך איבערציילן מיינס, נאָכדעם וועסטו ציילן דיינס.
און איך צייל: „אַ קערבל מיט דריי צוואַנציקער, מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוועניעס, מיט זעקס פּיטאַקלאַך, — וויפיל מאַכט דאָס אינאיינעם? אפנים, אַזוי גרוים, ווי אַ קערבל מיט דריי צוואַנציקער, מיט פיר גילדן, מיט פינף גריוועניעס, מיט זעקס פּיטאַקלאַך“...
מיין ברודער מאָטל וויל נישט וואַרטן, ביז איך וועל ענדיקן מיין חשבון (כעזשבן), און ער נעמט זיך צו זיינע קאַפּיטאַלן; ער לייגט פון איין האַנט אין דער אַנדערער און ציילט:
— אַ צוואַנציקער און אַ צוואַנציקער, איז צוויי צוואַנציקער,

און נאָך אַ צוואַנציקער איז דריי צוואַנציקער, און צוויי גילדן איז דריי צוואַנציקער מיט צוויי גילדן, און אַ גריוועגע און נאָך אַ גריוועגע און נאָך אַ גריוועגע — איז אינייגעם צוויי צוואַנציקער מיט דריי גילדן, מיין איך דריי גילדן מיט צוויי צוואַנציקער. טפו! וואָס רעד איך? מע באַדאַרף אָנהייבן נאָכאַמאָל פונם אָנהייב.

און ער הייבט אָן נאָכאַמאָל פונם אָנהייב. מיר ציילן און ציילן און קאָנען ניט איבערציילן; מיר רעכענען און רעכענען און קאָנען ניט אויסרעכענען. און אַז עס קומט צום פעטער משה-אהרנס אַלטע פיטאַקעס, שווערע זעקסערס, אָפּגעריבענע דרייערס און אָנגעשוואָלענע גראָשנס, פאַרפּלאָנטערן מיר זיך אַזוי שטאַרק אין חשבון (כעזשבן), אַז מיר ווייסן שוין גאָרניט, וואו מיר זיינען אין דער וועלט. מיר פּרובירן זיך אויסבייטן די דאָזיקע מטבעות (מאַטבייעס) ביי דער מאַמען, ביים טאַטן, ביי ברייגע דער קעכן — עס גייט ניט; קיינער וויל זיי ניט נעמען אין האַנט אַריין!

— וואָס איז דאָס פאַר פיטאַקעס? ווער האָט דאָס אייך אַריינגערוקט אַזאַ געלט?

מיר שעמען זיך אויסזאָגן און מאַכן אַ שוויַג.

ד

ביינאַכט אויפן געלעגער ליג איך און טראַכט: וויפיל קאָן זיך אַ שטייגער ביי מיר צונויפקלייבן, אַז אַלע פעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובים וועלן מיר געבן חנוכה-געלט? ערשטנס, דער פעטער אברהם-בער, דער מאַמעס ברודער, אַפילו זייער אַ קאַרגער, נאָר אַ נגיד (נאָגעד). נאָכדעם דער פעטער איצי און די מומע דבורה, וואָס דער טאַטע און די מאַמע זיינען מיט זיי ברוגז (ברויגעז) שוין פון אַ סך יאָרן. היינט דער פעטער ביינוש און די מומע יענטע? היינט וואו איז אונזער שוועסטער איידל? און איר מאַן שלום-זיידל? און אַלע איבעריקע קרובים?

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפיל, מיינסטו, וועט אונז געבן דער פעטער בער חנוכה-געלט?

— פונוואַנען זאָל איך ווייסן? איך בין דען אַ נביא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמיצער האָט אַזויפיל פעטערס מיט אַזויפיל מומעס, ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויבאַלד דו שלאָפסט, היינט ווי אַזוי רעדסטו צו מיר?

— דו פרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפערן.

אין דריי מינוט:

— מאָטל, דו שלאָפסט?

— טססס — טררר — כיל כיל כיל — טססס...

מאָטל כראָפעט, כאָרכלט, פייפט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיך אויף אויף מיין בעטל, נעם אַרויס מיין קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס.

דאַכט זיך, וואָס? — טראַכט איך מיר, — אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס קאָן מען דערפאַר קויפן? צאַצקעס, מעסערלאַך, שטעקעלאַך, בייטעלאַך, נים און קאָנפעקטן, און ראָזשינקעס, און באָקסערן, און וואָס ניט?

איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן און לייען אָפּ קריאת-שמע (קרישמע), קומט אַריין בריינע פון קיך מיט אַ פולן פאַלומעסיק מיט קערבלאַך... בריינע גייט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופטן, און מאָטל שלינגט קערבלאַך, ווי די האַלישקעס.

„מאָטל!" — שריי איך מיט אַלע כוחות, — „גאָט איז מיט דיר, מאָטל וואָס טוסטו? קערבלאַך???..."

איך כאַפּ זיך אויף און שפּיי אויס דריי מאָל: „טפו-טפו-טפו — אַ חלום!"

און ווער אַנטשלאָפן.

פּורים צו דער סעודה

א

דער זיידע ר׳ מאיר איז דער גרויסער גביר פון שטאָט. ער זיצט ווי אַ מאָנאַרך.

אַ גרויסער זאַל מיט אַ גרויסן זילבערנעם הענג-לייכטער, וואָס הענגט אַראָפּ פון מיטן סטעליע. טאָמביקענע העסעס אויף די ווענט. אַ גרויסע שווערע זילבערנע מנורה (מענוירע) אויפן טיש מיט אַ סך זילבערנע לייכטער, וואָס די באָבע נחמה (נעכאָמע) נעמט זיי אַרויס נאָר צוויי מאָל אין יאָר: פּסח צום סדר און פּורים צו דער סעודה (סודע), און עס ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלאַך.

גאַנץ אויבנאָן, אויף אַ גרויסן שטול מיט גרינעם באַצויגן, זיצט דער זיידע ר׳ מאיר אַליין — אַ קליין אידל מיט אַ שיטער בערדל, מיט אַביסל אַן אויסגעבויגענער נאָז, מיט זילבערנע האָר און מיט שוואַרצע יונגע אויגן. אָנגעטאָן איז ער אין אַ לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע מיט אַ געפלאָכטענעם גאַרטל און מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ. אַנטקעגן אים אויפן טיש זיצט אַ גרויסער, אַ מורא׳דיקער, אַ געפלאָכטענער פּורים-קוילעטש, אַן אָנגעהויבענער שוין, מיט זאַפראַן פאַרגעלט און מיט ראָזשינקעס אַרומגעשטעקט.

פּונקט אינמיטן טיש זיצט די באָבע נחמה, אַ הויכע אידענע, נאָך גאָר אַ שיינע, אויסגעפּוצט אין אַ גאָלד-פאַרביק זיידן קלייד מיט ווייסע עפּל, מיט אַ שטערן-טיכל פון דימענטן און בריליאַנטן. נעבן איר שטייט אַ גאַנץ גרויסער פּאַלומעסיק מיט הייסע, שמעקנדיקע, געצוקערטע און געפּעפּערטע פיש, פאַרפּראַוועט מיט ציבעלעס, מיט ראָזשינקעס און מיט אַלערליי געווירצן. די באָבע טיילט אַרויס די פיש, די שיינע זיידענע פּאַטשיילע פאַרקאַטשעט אונטער די אויערן מיט צוויי שפּיצן, און דאָס פּנים שיינט און שמייכלט.

אַרום און אַרום טיש פון ביידע זייטן זיצן די פעטערס מיט די מומעס. אַלע מיט זייערע קינדער, אינגעלאַך און מיידעלאַך, וואָס הייסן נאָך אַלציינע זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס. פריער דער פעטער צדוק (צאָדעק) און די מומע צביה (ציוויע) מיט דריי אינגעלאַך: משה׳לע, הערשעלע, וועלוועלע, און צוויי מיידע-

לאַך : שרה׳לע און פייגעלע. נאָכדעם דער פעטער נפתלי (נאַפטאָלע) און די מומע דבורה (דוואוירע) מיט פיר אינגעלאַך : משה׳לע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, און דריי מיידעלאַך : שרה׳לע, פייגעלע, רחלע. נאָכדעם דער פעטער אברהם און די מומע סאָסיע מיט פינף אינגעלאַך : משה׳לע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, און פיר מיידלאַך : שרה׳לע, פייגעלע, רחלע, טייבעלע. נאָכדעם דער פעטער בעריש און די מומע אסתר׳ל (עסטערל) מיט זעקס אינגעלאַך : משה׳לע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, פישעלע, און פינף מיידלאַך : שרה׳לע, פייגעלע, רחלע, טייבעלע און חנצע (כאַנצע). נאָכדעם דער פעטער בנימין (ביניאָמין) און די מומע לאה (לייע) מיט זיבן אינגעלאַך : משה׳לע, הערשעלע, וועלוועלע, נאָטעלע, יענקעלע, פישעלע, שמואליק, און זעקס מיידלאַך : שרה׳לע, פייגעלע, רחלע, טייבעלע, חנצע און גנענדל. נאָכדעם דער פעטער קלמן (קאַלמען) און די מומע איטל מיט אַכט אינגעלאַך . . .

צונויפגעקליבן זיך אַלע צו דער סעודה, זעצט דער זיידע אַליין אויס דעם גאַנצן טיש. דער זיידע רב מאיר האָט ליב, ס׳זאָל זיין שיין און ריין און ציכטיק און מיט אַ סדר — עס קומט אויס גוט : אַ פעטער זיצט לעבן אַ פעטער, אַ מומע לעבן אַ מומע, און אונז, קליינוואַרג, צעזעצט מען אויס אַזוי, אַז ס׳זאָל אויסקומען נישט אַ ברודער מיט אַ ברודער און אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער, מחמת (מאַכמעס) אייגענע קאָנען נישט הויזן צווישן זיך ; דעריבער באַדאַרף זיצן אַ פרעמדער משה׳לע מיט אַ פרעמדן הערשעלע ; און אַ פרעמדער הערשעלע מיט אַ פרעמדן וועלוועלע, און אַ וועלוועלע מיט אַ נאָטעלע, אַ נאָטעלע מיט אַ יענקעלע, אַ יענקעלע מיט אַ פישעלע, אַ פישעלע מיט אַ שמואליק. און די מיידלאַך אויך אַזוי : אַ שרה׳לע מיט אַ פייגעלע, אַ פייגעלע מיט אַ רחלע, אַ רחלע מיט אַ טייבעלע, אַ טייבעלע מיט אַ חנצע, אַ חנצע מיט אַ גנענדל, אַ גנענדל מיט אַ שרה׳לע, אַ שרה׳לע מיט אַ פייגעלע און אַזוי ווייטער. נאָר מיר האָט ניט געסטאַיעט קיין פּאָרל, האָט מען מיך אַוועקגעזעצט מיט מיין מלאך-המות (מאַלאַך-האַמאָוועס), דעם רבין, רב איצע. דער רבי, רב איצע, איז ביי מיר נישט נאָר אַ מלמד, אַ לערער אַליין, נאָר אויך אַ מדריך (מאַדריך), אַ וועגווייזער, אַ מין גובערנאַנטקע אויף צו לערנען מיר דרך-ארץ (דערעך-ערעץ), ווי אַזוי צו זיצן ביים טיש און ווי אַזוי צו עסן.

— אַז דו זיצסט ביים טיש, — אַזוי האָט מיך געלערנט מיין גובערנאַנטקע רב איצע, — זאָלסטו זיצן ווי אַ מענטש. דו זאָלסט קוקן גלייך, און די הענט זאָלסטו האַלטן אונטערן טיש און נישט רעדן ביים עסן. און אַז דו עסט לאָקשן מיט יויך זאָלסטו אָננעמען מיטן לעפל פונקט אַזויפיל לאָקשן, וויפיל יויך; אַ זופּ יויך און אַוועקגעלייגט דעם לעפל און אָפּגעווישט די ליפּן; און ווידער אַ זופּ יויך און ווידער אַוועקגעלייגט דעם לעפל און ווידער אָפּגעווישט די ליפּן; ניט כאַפּן איין לעפל נאָכן אַנדערן, ווי אַ גוי...

שושנת י—ע—ק—ב!

אַזוי הייבט אָן דער זיידע צו זינגען מיט זייער אַן אָנגענעמער שטים תיכף נאָכן ערשטן גלעזל וויין און קנאַקט צו דערביי מיטן פינגער, און דער גאַנצער עולם כאַפּט אונטער אויף אַלערליי קולות, אַלעמאָל העכער און העכער...

ב

— געקומען די פּורים-שפּילער! געקומען די פּורים-שפּילער!

דערהערט „פּורים-שפּילער", שפּרינגען מיר, קליינוואַרג, אַלע אין איין רגע אַרויס פונם טיש און מיר שטייען שוין אַלע אַרום דעם קיניג אחשורוש (אַכאַשווייראָש) מיט דער גילדענער קרוין.

אַז ס'איז געקומען דער גוטער, דער ליבער טאָג פּורים, האָב איך פון גאַנץ פרי אָן שוין אַרויסגעקוקט אויף דער חברה (כעוורע), וואָס גייען פון שטוב צו שטוב, און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע אינגלאַך לויפן זיי נאָך. אוי, פלעג איך זיי מקנא (מעקאַנע) זיין, די דאָזיקע שפּילער!

— גוט יום-טוב! — שיסן אוים די חברה אַלע מיטאַמאָל גאַנץ פריילאַך און מע שטעלט זיך אוים אין צוויי ציילן. אויף אַ גילדענער שטול זיצט דער קיניג אַחשורוש (קאָפּל דער שניידער), און עס טרעט אַרוים אויף איין פוס ממוכן (מעמוכען) חיים שמייסער, זינגט אַ לידל. דער שפּיל הייבט זיך אָן.

ג

ביי דער זייט שטייט פּיוול דער יתום מיט אַן אויסגעשמירט פּנים. בשעת חברה פלעגן שפּילן יענע שיינע שפּיל, וואָס ווערט

אָנגערופן „מכירת-יוסף" (מעכיראַס יויסעף), פלעגט פּייוול זיך אָנ-טאָן אין אַ רויט העמדל און זיך פאַרשטעלן פאַר יוסף הצדיק (יויסעף-האַצאַדיק). זיינע ברידער פלעגן אים אַראָפּרייסן דאָס רויטע העמדל, אַריינוואַרפן אים אין לייבנגרוב, און יוסף הצדיק — פּייוול, הייסט דאָס — פלעגט זיך אָװעקשטעלן אויף די קני, צונויפלייגן די הענט און באַשווערן די ווילדע חיות, זיי זאָלן צו אים קיין שליטה (שליטע) נישט האָבן און זינגען דערביי אַ טרויעריק ליד.

און כאָטש „יוסף הצדיק" איז געווען אַ יתום און אַן אָרעם אינגל, פונדעסטוועגן וואָלט איך זיך מיט אים געביטן נאָר צוליב דעם איינעם טאָג פּורים אַליין.

— דו ביסט יוסף הצדיק? — רוף איך מיך אָן צו פּייוולען.

— יוסף הצדיק, — מאַכט צו מיר פּייוול.

— דו וועסט אויך שפּילן? — פרעג איך אים.

— אַז מע וועט מיר הייסן שפּילן, וועל איך שפּילן, — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק און בייגט זיך אָן צו מיר אויפן אויער:

— גיב מיר אַ שטיקל קוילעטש פון אייער פּורים-קוילעטש!

— מ'וועט דערזען, וועט מען זיך בייזערן, — מאַך איך צו אים שטילערהייט.

— שלעפּ אַוועק אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט זען, — זאָגט ער צו מיר, און די אייגעלאַך גלאַנצן. — איך בין טויט-הונגעריק. פון גאַנץ פרי אָן נאָך אין מיין מויל נישט געהאַט... — זאָגט ער צו מיר ווייטער שטילערהייט און ער עסט דעם קוילעטש מיט די אויגן.

דער גאַנצער עולם (אוילאָם) איז פאַרטיפט אין דעם שפּיל, גיי איך צו פּאַוואָלינקע צום טיש, פאַרלייג די האַנט אַרונטער, שלעפּ אַוועק אַ שטיק קוילעטש און רוק דאָס אים אַריין אין האַנט אַריין. יוסף הצדיק לאָזט אַראָפּ קונציק דאָס שטיקל קוילעטש אין קעשענע אַריין און טוט מיך אַ קוועטש ביי דער האַנט:

— ביסט אַ וואויל אינגל, געבן זאָל דיר גאָט אַלדאָס גוטס!

אַ סדר — פון ע. אַרמין

אליהו הנביא

ניט גוט צו זיין אַ בן-יחיד (בען-יאָכיד), אַ ציטעריקער ביי טאַטע-מאַמע, „פון זיבן איינער געבליבן“. דאָ ניט שטיי, דאָ ניט גיי, דאָס ניט עס, דאָס ניט טרינק, דעם קאָפ דעק צו, דעם האַלדז פאַרבינד, די הענט באַהאַלט, די נאָז שנייץ אויס. אַך, ניט גוט, ניט גוט צו זיין אַ בן-יחיד. און נאָך אַ נגידס (נאָגידס) אַ אינגל דערצו.

קוים דערלעבט פסח, דעם ליבן טייערן פסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך אין בגדי מלכות (ביגדיי-מאַלכום), ווי עס פאַסט פאַר אַ נגידס אַ אינגל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, אַז איך טאָר ניט אַרומשפרינגען אינדרויסן — איך וועל זיך פאַרקילן. אַז איך טאָר ניט אַרומלויפן מיט אַלע קבצנ׳ישע (קאַבצאָנישע) קינדער — איך בין אַ נגידס אַ אינגל. אַזעלכע שיינע מלבושים (מאַלבושים) — ניטאָ פאַר וועמען צו באַרימען זיך. אַ פולע קעשענע מיט נים — ניטאָ מיט וועמען צו שפילן.

ניט גוט צו זיין אַ בן-יחיד, אַ ציטעריקער, וואָס פון זיבן איינער געבליבן, און נאָך אַ נגידס אַ אינגל דערצו.

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די בעסטע קאַפאָטע און איז אַוועק אין שול דאַוונען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסטו וואָס? לייג זיך צו, שלאָף זיך אויס, וועסטו קענען זיצן ביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות (קאַשעס).“ משוגע בין איך? פאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפן! „געדענק-זשע, פסח צום סדר טאָר מען ניט שלאָפן. וואָרים טאָמער חלילה (כאָלילע) ווערסטו אַנטשלאָפן ביים סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פלייצעס... פסח ביינאַכט גייט אליהו הנביא און קוקט: ווער עס שלאָפט ביים סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַריין“... כאַ-כאַ. איך וועל אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פאַראַיאָרן? „פאַראַיאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש.“ — פאַר-וואָס-זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיטן זאַק?... „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קלייניקער, היינט ביסטו אַ גרויסער, היינט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות, היינט

דאַרפסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבדים היינו“, היינט דאַרפסטו עסן מיט אונז פיש און יויך און קניידלאַך... שאַ, אָן גייט דער טאַטע פון שול!“

— גוט יום-טוב!

— גוט יום-טוב!

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס (קאָס), איך אויך. און דאַפּקע אַ פולן כוס (קאָס), און דאַפּקע ביזן דנאָ. „זע-נאָר, ביזן דנאָ!“ — זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי: „אַ פולן בעכער מיט ווייַן? וועסט אַנטשלאָפן ווערן“... כאַ-כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אָפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? אַנו, פרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פיר קשיות! ווי אַזוי זאָג איך די הגדה (האַגאָדע)? ווי אַזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן „עבדים היינו“?... און די מאַמע לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן“... עך, מאַמע, מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זיין מיט אַכצן קעפּ, קען מען פון דעם אַליין אַנטשלאָפן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך אַוועקזעצן אייך אַנטקעגן און זינגען אייך אין אויער: „אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן“.

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן...

אַנטשלאָפן געוואָרן, חלומ׳ט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין ביי „שפוך חמתך“. די מאַמע אַליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר מקבל פנים (מעקאַבל פּאָנים) זיין אליהו הנביא׳ן. שוין וועט זיין, טאָמער קומט טאַקע אליהו הנביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום, בחור!“... און ער וועט זיין שולדיק אין דעם, אַז ניט די מאַמע אַליין מיט איר „שלאָף ניט, שלאָף ניט!“... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיקע מחשבות (מאַכשאָוועס), אַהאַ! הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופט אוים אויף אַ קול: „ברוך הבא!“ איך קוק מיך איין צו דער טיר — יאָ, ס׳איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מע הערט. אַ שיינער איד אליהו הנביא, אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרייז-גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שיין און גוט איז ער

אַן אַן עק. און אויגן, אַך אויגן! גוטע, ווייכע, פריינדלאַכע, ליבע, געטרייע אויגן. איינגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַ גרויסן, גרויסן שטעקן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ, שטיל, אָן ווערטער — און גלייך צו מיר.

— נו, אינגעלע, אַריין צו מיר אין זאַק אַריין און קום! — דאַפקע אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פרעג איך אים: וואוהין? מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָכדעם זען"... ווייל איך ניט. זאָגט ער מיר נאָכאַמאָל. בעט איך מיר ביי אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגיד'ס אַ אינגל?" זאָגט ער: „און אַז אַ נגיד'ס אַ אינגל, וואָס ביסטו פאַר אַ מיוחס (מעיוכעס)?" זאָג איך: „איך בין ביי טאַטע-מאַמע אַ בן-יחיד"... זאָגט ער: „ביי מיר ביסטו ניט קיין בן-יחיד." זאָג איך: „אַ ציטעריקער, פון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאָג איך, דער־זען, אַז איך בין ניטאָ, וועלן זיי דאָס ניט אויסהאַלטן, זיי וועלן שטאַרבן, און דערהויפּט די מאַמע"... קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער מיט גוטן און מאַכט צו מיר ווייך און זיס ווי פריער: „גייסטו ניט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר וועד אַנטשלאָפן אויף אייביק"... הייב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָס, אַז איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס ניט אויסהאַלטן... איבערהויפּט די מאַמע"... „ווילסטו ניט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר, געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום"... „סטייטש, ווי קען איך גיין, אַז איך בין אַ בן־יחיד, פון זיבן איינער געבליבן?" מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטן מאָל, אינגעלע, קלייב זיך אויס איינס פון די צוויי: אָדער געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע-מאַמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלייב דאָ און ווער אַנטשלאָפן אויף אייביק, אויף אייביק"...

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, טרעט ער אָפּ פון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אַוועקגיין מיט דעם אַלטן, גאָט ווייס וואויהין, פאַרפאַלן ווערן, — וועלן טאַטע-מאַמע שטאַרבן: אַ בן-יחיד, פון זיבן איינער געבליבן... בלייבן דאָ און אַנטשלאָפן ווערן אויף אייביק. הייסט דאָך דאָס איך אַליין זאָל שטאַרבן... צי איך אוים צו אים ביידע הענט מיט טרערן אין די אויגן. „אליהו הנביא! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט צו באַטראַכטן זיך!" דרייט ער אוים

צו מיר דאָס שיין, אַלט, געל, געקנייטשט פּנים מיט דער גרייז־גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זיינע שיינע, ליבע, געטרייע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך — גיב איך דיר, מיין קינד, אָבער ניט מער ווי איין מינוט"...

דער אַלטיטשקער לענט זיך אָן אויף זיין גרויסן, גרויסן שטעקן און וואַרט.

— —

פרעגט זיך: וואָס האָב איך באַדאַרפט אין דער מינוט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל ניט דאַרפן ניט גיין מיטן אַלטן און ניט אַנט־שלאָפן ווערן אויף אייביק? אַנו, ווער וועט טרעפן?

מ. ספּעקטאָר

דאָס וועלדל

א

משה'לע איז נאָך זייט ער לעבט ניט געווען אין גרינעם וועלדל. זיצנדיק אויף דער פריזבע פון זיינע עלטערנס שטיבל, אָדער גייענדיק שבת אין שול מיט דעם טאַטן, קוקט ער נאָר אין דער זייט, וואו דאָס שוואַרצע וועלדל געפינט זיך אויף אַ באַרג, ניט ווייט פון שטעטל.

אַ צייט האָט ער גאָר ניט געוואוסט, וואָס די גרויסע, שוואַרצע זאַך איז אַזוינס, נאָר איינמאָל, זומער פאַרנאַכט, זיצנדיק מיט זיין עלטער שוועסטערל לעבן דער שטוב, האָט ער זיך אויפגעהערט צו שפּילן, פאַר־טראַכט זיך, קוקנדיק אויף דעם זומערדיקן הימל, און דערנאָך זי געפרעגט: „וואָס זיינען עס די פייערלאַך, וואָס בלישטשען איבער אונז?" „דאָס זיינען שטערן", — האָט אים די שוועסטער געענטפערט. די אייגענע שוועסטער האָט אים אַמאָל אויך אָנגעוויזן אויף דער „לבנה" און אויף דער „זון".

— און אָט יענעם גרויס, שוואַרץ שטיק... העט, העט, ווייט — וואו דער הימל ענדיקט זיך, וואָס איז? — האָט משה'לע אויך אַמאָל געפרעגט זיין שוועסטערל, אָנווייזנדיק מיטן פינגערל אין דער זייט פון וואַלד.

און זי האָט אים דערציילט, אַז דאָס איז אַ שיינער, געדיכטער וואַלד,

מיט אַ סך גרינע ביימער, אַז ער איז אינגאַנצן גרין — שוואַרץ זעט ער נאָר אויס פונוויטנס.

— זומער איז ער גרין, ווי דער מאַמעס גרינער שאַל, און ווינטער איז ער ווייס־גרוי, ווי דעם זיידנס לאַנגע באָרד, — האָט אים די שוועסטער פאַרטייטשט.

פון דענסטמאָל אָן האָט זיך משה׳לע אָפטער און בעסער צוגעקוקט צו דער זייט, וואו דאָס וועלדל געפינט זיך. פאַרנאַכט האָט ער אָפט געזען, ווי דאָרט צווישן די ביימער האָט געברענט אַ פייער פון אַלערליי קאָלירן: רויט, בלוי און אַמאָל גרין. און אויף דעם גרויסן שטיק הימל, וואָס באַדעקט דעם וואַלד, ברענט נאָך אַ גרעסער פייער, נאָר — אַזוי שיין, אַזוי שיין, מיט אַזוינע לאַנגע, ברייטע, פייערדיקע פאַסן... און דער וואונדערלאַכער שיינער וואַלד ווערט קיינמאָל ניט פאַרברענט! אַז עס ווערט נאַכט, ווערט ער שוואַרץ, ווי אַן אָפּגעברענט שטיק האָלץ, און מאָרגן איז ער ווייטער גרין, ווי אַלע טעג.

צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָט אים די שוועסטער דערקלערט, אַז דער וואַלד ברענט גאָר קיינמאָל ניט, אַז עס איז דאָרט גאָר קיין פייער נישטאָ, נאָר די זון זעצט זיך דאָרט. משה׳לע האָט איר אַזאַ זאַך ניט געוואָלט גלויבן, כל־זמן (קאָלזמאַן) ער וועט אַליין ניט זיין ביים וועלדל, און וועט דאָס אַליין מיט זיינע אויגן נישט זען, און זיין יונג האַרץ האָט אָנגעהויבן צאַפּלען און ציען זיך צום וועלדל!

און וויפיל מאָל ער האָט זיך אַלץ נישט געבעטן, מען זאָל אים צום וועלדל פירן, האָט ער באַקומען אַלץ איין ענטפער, אַז אם ירצה השם (מירצעשעם) נאָך פסח, ווען ער וועט אָנהייבן גיין אין חדר אַריין, וועט ער ל״ג בעומר אַהין פאָרן מיט אַלע אינגלאַך...

כאָטש „אין חדר אַריין" האָט אים גאָרנישט געשמעקט, פונדעסטוועגן האָט ער קוים דערלעבט דעם „נאָך־פסח", ווען דער באַהעלפער איז געקומען און אים דאָס ערשטע מאָל געפירט אין חדר אַריין.

אין חדר איז אים געווען דושנע, ענג, הייס; דאָרט איז געווען אַ בייזער רבי, וואָס שלאָגט; אַ רביצן, וואָס שעלט; אַ באַהעלפער, וואָס קנייפּט אין דער שטיל... עס איז ניט אַזוי גוט געווען. עס זיינען געווען טעג, ווען ער האָט שוין מער ניט געוואָלט גיין, נאָר עס האָט שוין ניט געהאָלפן; מען האָט אים שוין מיט גוואַלט געשלעפּט. איין איינציקע טרייסט, איין האָפענונג איז געווען, וואָס באַלד וועט זיין ל״ג בעומר.

די עלטערע חדר־קינדער האָבן אים שוין עטלאַכע מאָל דערציילט, אַז

פאַראַיאָרן זײַנען זיי אַלע צוזאַמען מיט דעם רבי'ן און מיט דעם באַהעל־פער אויף איין וואָגן געפאָרן צום וועלדל „אויף ל"ג בעומר"; יעדן האָט דער באַהעלפער געגעבן אַ פייל־און־בויגן צום שיסן, און אַז דאָרט איז אַזוי שיין און גוט! מען לויפט אַרום פריי, מען קאָלערט זיך אין הויכן גראָז, מען האַלט מלחמה, מען כאַפּט „משה רבינו'ס פערדלאַך"; מען טוט, וואָס מען וויל; דער רבי שרייט ניט, דער באַהעלפער שלאָגט ניט, קיינער שטערט ניט — מען איז פריי!... און מען עסט נאָך אַרבעס מיט אייער און מען טרינקט עפּל־קוואַס.

ב

און משה'לע האָט ניט געהאַפּט אומזיסט: ל"ג בעומר אינדערפרי איז טאַקע דער באַהעלפער געקומען מיט עטלאַכע פייל־און־בויגנס, געגעבן אים איינעם; די מאַמע האָט מיטגעגעבן צוויי אייער, אַ פלאַש קוואַס און אַ פולן טעלער אַרבעס. דער באַהעלפער איז געווען זייער גוט צו אים, און, פירנדיק אים אין חדר אַריין, האָט ער אים עטלאַכע מאָל מיט אַ ווייך קול געזאָגט: „משה'לע, היינט וועלן מיר פאָרן אויף ל"ג בעומר".

אין צוויי שעה אַרום, ווען די קינדער מיט די פלעשער קוואַס און די בינטלאַך עסן אין די הענט, זײַנען אַלע געווען אין חדר, איז מיט אַ רעש, מיט אַ הילכעריי און אַ געקלאַפּעריי צוגעפאָרן בערעלעס וועגעלע מיט זײַן הינקענדיקער ווייסער שקאַפּע, מיט וועלכער ער פירט אַ גאַנץ יאָר ווייץ און מעל. די קינדער האָבן זיך ווי די פליגן צוגעכאַפּט צו דעם וועגעלע, אַלע ווילן זיצן נענטער צו דער קעלניע, ווייל זיצנדיק נאָענט צו דער שקאַפּע, וועט מען קענען האַלטן אַביסל די לייצן אָדער די בייטש. נאָר די קעלניע האָט פאַרכאַפּט דער באַהעלפער אַליין, מיט צוויי־דריי עלטער־געוואַקסענע קינדער, און די שוואַכע זײַנען געבליבן געפּאַקט אין וואָגן, ווי הערינג אין אַ פעסל, אַזוי, אַז אַ סך פיסלאַך זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון וואָגן. עס האָט געקוועטשט און געבראָכן די יונגע ביינדעלאַך פון אַלע זײַטן, נאָר עס איז פאָרט געווען גוט און פריילאַך. צו דער גרויסער ענגשאַפט האָט זיך נאָך דער רבי אַרײַנגעזעצט אינמיטן, און עס איז געוואָרן נאָך פריילאַכער, כאָטש דעם רבי'נס צעפּלאָנטעטע באָרד האָט אַלע קינדער אַרום געשטאָכן אין די אייגעלאַך.

נאָכדעם, אַז בערל האָט איבערגעבונדן די שמאַטעס אויף די פאָ־דערשטע פיס פון דער שקאַפּע, האָט ער איבערגענומען אין זײַן רשות אַלע

פלעשער קוואַס מיטן גאַנצן עסנוואַרג. קיין פלאַץ איז פאַר אים אויף דער פור ניט געבליבן, און ער האָט זיך געזעצט אויפן דרענגל ביי דער אונ־טערשטער אַקס, מיט די פלייצעס צו די פאַרשוינען.

— פאָר! — האָט בערל קאָמאַנדירט און באַלד זיך גענומען עסן פון די פעקלאַך און טרינקען פון די פלעשער.

— וויאָ! — האָט אַ געשריי געטאָן דער באַהעלפער מיט די קינדער אין איין קול. דאָס וועגעלע האָט זיך אָנגעהויבן טרייסלען און משה'לע, דער אינגסטער, דער שוואַכסטער צווישן אַלע, איז געזעסן ווי דערשטיקט לעבן רבי'ן, און ביי יעדן טרייסל פון וועגעלע האָט זיך זיין קעפל געשאָקלט, אַ צייגדל אויף אַ צייגדל האָט געקלאַפּט. אַנדערע איז אויך נישט פיל בעסער געוועזן; עס האָט זיך אַלע רגע געהערט אָן אַנדער „אוי", נאָר מען איז באַלד דערצו געוואוינט געוואָרן, און פריילאַך מיט אַ געפּילדער, ווי פון אַ וואָגן מיט גענז, האָט מען זיך ווייטער געטרייסלט, מיט דעם געדאַנק, אַז מען וועט פאָרט אַמאָל קומען צום טייערן וועלדל, וואו עס איז אַזוי שיין, גרין, פריי, און דער רבי מיט דעם באַהעלפער וועלן ניט זיין בייז און גאָרניט זאָגן — ניט שטערן די פרייהייט.

און כאָטש פון יעדן טרייסל האָט דעם רבי'נס באָרד גלייך געטראָפן אין משה'לעס פנים, אַמאָל אין די אויגן, און געשטאָכן, האָט ער דענסט־מאָל דעם רבי'ן אַזוי ליב באַקומען, אַז ער האָט זיך געטוליעט צו אים וואָס נענטער — אַזוי איז דער רבי גוט געווען צו אים און צו אַלע קינדער.

ג

מען איז שוין דורכגעפאָרן דעם מאַרק, די גאַס, וואו די שול געפינט זיך; אָט איז מען שוין ביים מרחץ (מערכעץ), און אָט איז מען שוין אויף דעם ווייכן ברוק. עס טרייסלט זיך ווינציקער, עס ווערט אַלעמאָל בעסער און נענטער צום וועלדל; מען איז שוין אויף יענער זייט טייך, מען זעט שוין אַרויס דעם בית־עולם (ביים־אוילעם) מיט די מצבות (מאַציי־וועס) און אַביסל ווייטער — דאָס וועלדל. נאָר... פּלוצלונג האָט די זון זיך באַהאַלטן! מיט גרויס שרעק האָבן די יונגע פאַרשוינען ערשט איצטער באַמערקט דעם פאַרוואָלקנטן הימל, און נאָך איידער זיי זיינען אַריבער דעם בית־עולם, האָט אָנגעהויבן בליצן און גיסן אַ שלאַקס־רעגן.

ד

קוים לעבעדיקע, ווי אָפּגעצוואָגטע קעצלאַך, האָבן זיך אַלע אַריינגע־

כאַפּט אין שטיבל פון קברות-איד (קוואָרעס-איד), איבערצואוואַרטן דעם רעגן. מען וואַרט און מען וואַרט און מען קאָן זיך נישט דערוואַרטן: דער שלאָקס-רעגן הערט נישט אויף.

בערעלע האָט שוין זיין שקאַפּע אינגאַנצן געלאָזט אויף הפקר (העפקער), און זיצנדיק אין אַ ווינקל, איז ער אַלץ געווען פאַרנומען מיט די קינדערס פּעקלאַך עסן און טרינקען. דער באַהעלפער האָט זיך אויך צוגערוקט צו אים.

— קינדער! טאָמער ווילט איר עפּעס עסן? — האָט געפרעגט דער רבי.

איייניקע האָבן געענטפערט שטיל און טרויעריק: „ניין", אַנדערע האָבן גאָר געשוויגן; די מיילעכלאַך האָבן זיך ביי זיי ניט געעפנט צום עסן.

אַ פּאָר עלטערע קינדער צוזאַמען מיט דעם רבי'ן האָבן זיך דאַך צוגערוקט צו בערלען מיט דעם באַהעלפער, נאָר משה'לע מיט די איבעריקע קלענערע קינדער האָבן זיך ניט אָפּגעריסן פון פענצטער, קוקנדיק מיט טרויעריקע פּנים'לאַך, ווי דער רעגן גיסט און גיסט און פּאַטשט אין קליינעם פענצטערל פונם קברות-אידנס שטיבל.

ערשט שפּעט פאַרנאַכט האָט דער רעגן אויפגעהערט, אינדרויסן איז געווען נאַס און טונקל, מען האָט צוריק איינגעפּאַקט די קינדער אין בערלעס וועגעלע, און שטיל שוין, אָן געפילדער, האָט די מידע שקאַפּע קוים דערשלעפּט די מידע, האַלב-פאַרשלאָפענע קינדער דורך דער בלאָטע אין שטעטל אריין.

ה

אינדערפרי, ווען משה'לע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן שוין די שטראַלן פון דער זון געשפּילט זיך אויף זיין בעטל, ער האָט זיך פריילאַך און לעבעדיק אַ וואָרף געטאָן צום פענצטער און ווייטער דערזען דאָס וועלדל.

— אָ, איצטער איז דאָרט אַזוי שיין! עס וואָלט אַצינדערט דאָרט געווען אַזוי גוט, אַזוי פריי, — האָט ער מיט פרייד אויסגעשריגן. נאָר באַלד איז אָנגעקומען דער באַהעלפער, בייז ווי אַ גאַנץ יאָר, און ניט פרעגנדיק ביי אים, האָט ער אים מיט גוואַלד אָנגעטאָן.

משה'לען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, אין האַלדז האָט

אים אָנגעהויבן שטיקן, און ער האָט ארויסגעלאָזט א געוויין.

— וואָס האָסטו זיך צעכליפּעט ? — האָט דער באהעלפער א געשריי געטאָן — האָסטו נעכטן נאָך קאַרג געהוליעט ? און שוין ווילסטו ווייטער ניט גיין אין חדר ?

און משה'לע איז שוין ווייטער אין חדר, וואו דער רבי איז שוין ווידער בייז, די רביצן שעלט, דער באהעלפער קנייפּט און צו ל"ג בעומר איז נאָך אזוי ווייט... עס איז אזוי לאַנג צו וואַרטן צו דער גוטער, פרייער מינוט !



צוריק פון וואַלד   ע. אַרמין

מעשיות און לעגענדעס

יהואש

דער צויבערמאַן

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענעם האַרץ...
שטעלט ער זיך אינמיטן מאַרק,
הייבט אָן צו רופן שטאַרק:
„כ'האָב מתנות אַלערליי,
קומט און קלייבט זיך אויס פון זיי...“

ווערט אַ טומל און געלאָף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראָף;
איילט זיך יעדער צו דעם גליק,
בלייבט אַ קינד ניט אין דעם וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ'האָב פון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זיין באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צייט אַ פערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ!“

איין באַגער נאָר און ניט מער —
אויסצוקלייבן זייער שווער,
קלער אַהער און קלער אַהין,
פּאָלג אַ גאַנג מיך און געפין,

וואָס איז בעסער — דאָס צי יענץ;
שרייען אַלע ווי די גענדז.
פון די אַלע מענטשן פיל
ווייס ניט איינער, וואָס ער וויל.

זיינען אַלע אין אַ קלעם.
פרעגט מען יענעם, פרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטן — טרו — טרו — טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פאַרשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדערנעם געשפּאַן...

דוד איינהאָרן

אַ מאַמעס טרערן

א

מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט געלעבט אין דעם לאַנד ליטע אַ גרויסער דוכס. צענדליקער שטעט און דערפער האָבן געהערט צו אים. זיין ערד איז געווען די בעסטע אין לאַנד, זיינע וועלדער די גרעסטע, זיינע טייכן די ברייטסטע.

נאָר דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט קעגן זיין פּאַלאַץ. אַ גאַנצן מעת-לעת האָט געדויערט, איידער מ׳האָט אים אַרומגעריטן. די ווענט פון פּאַלאַץ זיינען געווען באַדעקט מיט זילבער, זיינע זיילן — פון ווייסן מירמלשטיין, און דער דאַך איז געווען באַדעקט מיט לויטער גאָלד. קעניגן און פירשטן פלעגן קומען אָנקוקן דעם פּאַלאַץ און נישט קאָנען זיך אָפּוואונדערן פון זיין שיינקייט.

אין פּאַלאַץ אינעווייניק זיינען געווען טויזנטער חדרים, און אין יעדן חדר איז געווען אַן אוצר (אויצער) פון אַלערליי זילבערנע, גאָלדענע און בריליאַנטענע כלים (קיילים), אַלע געמאַכט פון די בעסטע קינסטלער.

און דאָס, וואָס ס׳איז געלעגן אין די קעלערן פון פּאַלאַץ, איז גאָרניט אויסצודערציילן. אַרום און אַרום פּאַלאַץ איז געוואַקסן אַ גאָרטן, גרויס ווי אַ וואַלד, נאָר נישט פון פּשוט׳ע ביימער, נאָר פון לויטער פרוכט־ביימער. עפּל, באַרן, פלוימען, קאַרשן האָבן זיך דאָרטן געוואַלגערט ווי שישקעס אין וואַלד. אין פרילינג־צייט פלעגט די גאַנצע געגנט אַרום שמעקן פון די בליטן, און קיינער פלעגט ניט קאָנען שלאָפן פון די זינגענדיקע סאָלאָווייען.

דאָס איז געווען אַ מין גן־עדן (גאַן־איידן), וואו נאָר דער דוכס אַליין פלעגט מעגן ארומגיין אויסער אים האָט קיינער ניט געטאָרט אהין אַריינקומען.

דער דוכס אַליין איז געווען אַ גרויסער כּישופמאַכער. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געשלאָפן אין זיינע סאַליעס, נאָר ווי די נאַכט פלעגט צופאַלן, פלעגט ער באַפוילן, מע זאָל אָנזאָטלען זיין שוואַרצן פערד, און איינער אליין פלעגט ער זיך אַוועקלאָזן איבער פעלדער און וועלדער, צו שיסן ווילדע חיות און שרעקן די דורכפאָרער.

איינמאָל אין וואָך פלעגט ער זיך באַהאַלטן אין אַ פאַרבאָרגן חדר׳ל ביי זיך אין פּאַלאַץ און פאַרנעמען זיך מיט כּישוף. וואָס ער האָט דאָרטן געטאָן, האָט קיינער ניט געוואוסט.

די דינער נאָר פלעגן זאָגן, אַז ער קאָן אין אַ זוניקן טאָג מאַכן אַ רעגן, און אין אַ רעגן צעבלאָזן די וואָלקנס און קיינער קאָן ניט ביישטיין זיין כּוח. וואָס ער וויל, טוט ער.

נאָר דאָס איז אַלץ געווען ביז אַ צייט.

ב

נישט ווייט פון דוכס פּאַלאַץ, אויפן ברייטן שליאַך איז גע־שטאַנען אַן איינזאַמע קרעטשמע, און אין דער קרעטשמע האָט גע־וואוינט אַ פרומער איד מיט זיין ווייב און בן־יחיד׳ל (בען־יאַכידל).

די פרוי פלעגט אַ גאַנצן טאָג שטיין אין קרעטשמע און אויפנע־מען די אורחים (אָרכים) און דער איד פלעגט זיצן מיט זיין בן־יחיד׳ל און טאָג און נאַכט לערנען.

קיינער, קיינער האָט קיינמאָל דאָס אינגעלע ניט געזען, נאָר ווער עס פלעגט אַריינקומען אין קרעטשמע, פלעגט הערן פון אַלקערל אַ זיס אינגליש קעלכעלע, וואָס האָט מיט אַ שטילן ניגון געלערנט

גמרא (געמאַרע). נאָר דער רב פֿון שטאָט האָט געוואוסט, אַז ביים קרעטשמער וואַקסט אַ גרויסער עילוי (אילוי), וואָס וועט אַמאָל זיין אַ גאון (גאָען).

לאַנג, לאַנג האָט מען אַזוי געלעבט אין דער קרעטשמע, שטיל און רואיק.

דאָס אינגעלע איז געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג, שיין געווען ווי יוסף הצדיק (האַצאַדיק) און קלוג ווי שלמה המלך. קיין שום זאַך איז פֿון אים ניט געווען פֿאַרהוילן, אפֿילו די שפּראַך פֿון חיות און עופֿות (אויפֿעס) האָט ער געוואוסט.

און יעדן טאָג, ווען קיינער האָט ניט געזען, פֿלעגט ער ארויסגיין שפּאַצירן אין וואַלד, צורופֿן צו זיך די פֿייגעלאַך און אַנדערע באַשע־פֿענישן און שמועסן און שפּילן זיך מיט זיי ווי מיט חברים. דער האָז מיט די לאַנגע אויערן פֿלעגט אים תמיד אָפּגעבן שלום, און דער קלוגיטשקער פּיקסל פֿלעגט אים מיט דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) אָפּ־טרעטן דעם וועג. מער ניט די קראָען האָט דאָס אינגעלע נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. און יעדעס מאָל, ווען ער פֿלעגט דערזען אַ קראָע, פֿלעגט ער זאָגן:

„יעדער, יעדער קראָע
האָט אַ האַלדז אַ גראָע,
מיט אַ גראָבן שנאָבל,
פֿול מיט פּעך און שוועבל“.

אויף דעם פֿלעגט אים די קראָע ענטפֿערן מיט כעס:

„קראָען זיינען קלוגע פֿויגלען,
ווייסן אַלץ, וואָס דאַרף געשען,
וועט דיר ווען אַן אומגליק טרעפֿן,
וועלן מיר דאָס פֿריער זען“.

און דערביי פֿלעגן זיי צוואווינקען מיט די אויגן און צוקלאַפּן מיט די שנאָבלען, אַז דעם אינגעלע פֿלעגט ווערן טרויעריק אויפֿן האַרצן. נאָר יעדעס מאָל פֿלעגט צולויפֿן צו אים אַ קאַנאַריקל, אַ שוועלבעלע אָדער אַ פּשוט'ער וואָראַביטשיקל און אויפֿזינגען אַ לידל, אָדער אַ וועווערקע פֿלעגט אים אַ נוס אַראָפּוואַרפֿן, און דעם אינגעלע פֿלעגט ווידער ווערן פֿריילאַך.

איינמאָל איז דאָס אינגעלע אַרויס שפּאַצירן. געקומען צום

וואלד, האָט ער דערזען דריי קראָען זיצן אויף אַ שטעקיקן צווייג פון אַ סאָסנע.

און ווי זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן לאַכן און שפּאָטן פון אים און פאָרויס געזאָגט, אַז ס'וועט אים אינגיכן טרעפן אַ גרויס אומגליק.

אומזיסט האָט דאָס אינגעלע זיי געבעטן מיט גוטן, געבייזערט זיך אויף זיי, אָנגערופן זיי שוואַרצע שדים (שיידים), גראָבע שנעבל, פליענדיקע חזירים (כאַזיירים). די קראָען האָבן נישט אויפגעהערט צו וויגן זיך אויפן צווייג און צו שרייען.

— קראָען זאָגן שטענדיק ליגן — האָט דאָס אינגעלע געזאָגט און איז אַוועק אַהיים.

און פּונקט די זעלביקע נאַכט האָט דער טאַטע פונם אינגעלע דערהערט ווי פאַר די פענצטער פון דער קרעטשמע טראָגט זיך מיט אַ ווילדן גאַלאָפּ דער דוכס אויף זיין שוואַרצן פערד. און אַ גאַנצע נאַכט זיינען געשטאַנען קראָען און געקלאַפּט מיט זייערע גראָבע שנאָבלען אין דאַך.

אויף מאָרגן האָט דער קרעטשמער געזאָגט צו זיין ווייב: „איך האָב נעכטן געזען דעם דוכס אַרומיאָגן אַרום אונזער שטוב, הלוואַי (האַלעוואַי) זאָל דאָס זיין צו גוטן.

— הלוואַי, — האָט די קרעטשמערקע געענטפערט און זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָרט וואו דער דוכס רייט, קאָן שוין קיין גוטס ניט געשען.

אויף דער צווייטער נאַכט האָט דער דוכס ווידער זיך געיאָגט איבער פעלדער און וועלדער און יאָגנדיק זיך איז ער ווידער גע־קומען צו דער קרעטשמע.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אַ קאַלטע, רעגן האָט געגאָסן ווי פון עמערס, קיין איין פייערל האָט ניט געלויכטן. פון דער קרעטשמע נאָר האָט אַרויסגעשלאָגן דורך די לאָדנס אַ העל ליכט, און עס האָט געקלונגען אַ זיס קעלכל פון אַ אינגעלע, וואָס האָט געלערנט מיט התמדה (האַסמאָדע).

— ווער קאָן דאָס אַזוי שיין זינגען ביים אידן אין קרעטשמע? — האָט דער דוכס אַ טראַכט געטאָן און איז צוגעריטן נאָענט צום פענצטער, אויפגעהויבן זיך איבערן פערד און אַ קוק געטאָן דורכן שפּאַלט פון לאָדן.

— אַך, ס'אַר אַ שיין אינגעלע! — האָט פאַרוואונדערט אויס־געדופן דער דוכס און איז אָפּגעשפּרונגען פון פענצטער. — אַזאַ שיין אינגעלע זע איך דאָס ערשטע מאָל אויף מיין לעבן.

צוריק איז ער שוין געפאָרן פאַמעלאַך און אַלץ געטראַכט וועגן אינגעלע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער דוכס ניט געקאָנט שלאָפן. דאָס אינגעלע איז אים ניט אַוועק פון די אויגן. און באַגינען האָט דער דוכס אַריינגערופן זיין געטרייסטן דינער און אים געפרעגט:

— קענסטו דעם אידן פון דער קרעטשמע?

— יאָ, מיין האַר.

— און זיין אינגעלע?

— אויך.

— דאַן באַפעל איך דיר — האָט דער דוכס געזאָגט — היינט נאָך האַלבער נאַכט מיר צו ברענגען אים אַ גאַנצן און אַ לעבעדיקן. אויב נישט, שפּילסטו מיט דיין לעבן.

— גוט, האָט דער דינער געזאָגט און איז אַוועק.

צוועלף ביינאַכט זיינען באַפאַלן די קרעטשמע אַ גאַנצע מחנה (מאַכנע) הויף־קנעכט. זיי האָבן געבונדן דעם אַלטן אידן און צוגע־נומען דאָס אינגעלע. אומזיסט האָט די מאַמע געוויינט, געבעטן זיך, געפאַלן צו די פיס.

— דער דוכס האָט באַפוילן און מיר מוזן אים פאָלגן — האָבן די קנעכט געזאָגט און גענומען אַוועקגיין.

נאָר דאָ האָט פּלוצלונג די אַלטע מאַמע זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— גיט איבער דעם דוכס, אַז איך וועל דאָס ניט שווייגן. זאָל ער ניט מיינען, אַז אַ מאַמעס טרערן זיינען גאָרנישט.

ג

און אַזוי איז טאַקע געוועזן.

אין אַ צייט אַרום איז דער דוכס אַרוים מיטן אינגל שפּאַצירן אין גאָרטן. דער דוכס האָט שוין געהאַט דאָס אינגעלע פאַר'כישופ'ט (פאַרקישעפט), און דאָס אינגעלע האָט אַלץ פאַרגעסן פון דער היים, אַפילו ווי זיין מאַמע הייסט. מער ניט די שפּראַך פון חיות און עופות

(אויפעם) האָט ער נאָך פאַרשטאַנען.

און ווי זיי גייען אַזוי, האָבן זיי פּלוצלונג דערזען פאַר זיך אַ ברייטן פּלאַץ מיט דאַרע פאַרטריקנטע ביימער אָן בלעטער און אָן פּרוכטן און אויפן שפּיץ פון העכסטן בוים איז געשטאַנען אַ פייגעלע און האָט געזונגען מיט אַן אומעטיקער שטימע:

— אינגעלע, אינגעלע, לאָז נישט דיין מאַמען וויינען אַזויפיל מיט טרערן!

זעסט אָט־די ביימער? אַזוי וועט דער גאָרטן אינגאַנצן אַ טרוקענער ווערן.

— וועמען זאָל איך נישט לאָזן וויינען? — האָט דאָס אינגעלע פאַרוואונדערט געפרעגט — איך האָב דאָך קיין מאַמען נישט.

זיי זיינען ווייטער געגאַנגען און געקומען צו אַ בייט. אויפן בייט איז געשטאַנען אַ גרויסער רויזן־שטרויך. נאָר אָנשטאָט לע־בעדיקע רויזן זיינען געהאַנגען אויף אים שוואַרצע, פאַרברענטע, און אויף איינער פון די פאַרברענטע רויזן איז געשטאַנען אַ בין מיט גאָלדענע פליגלען און האָט אומעטיק געזאָגט:

— „די מאַמע וויינט, די טרערן פאַלן,
פון יעדער טרער שטאַרבט אָפּ אַ רויז,
און ווען די לעצטע רויז וועט שטאַרבן,
וועט נעמען אומפאַלן דאָס הויז".

— פאַרוואָס ריידן זיי אַלץ וועגן אַ מאַמען? — האָט דאָס אינ־געלע געפרעגט.

נאָר קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

דער דוכס האָט אים צוריק אין פאַלאַץ אַריינגעפירט.

פון יענעם טאָג אָן האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלאַך וועלקן אַ בוים נאָך אַ בוים, אַ בלום נאָך אַ בלום, ווייל די אַלטע מאַמע איז ווייט ערגעץ געזעסן און געוויינט. און וואָס מער טרערן עס זיינען געפאַלן פון אירע אויגן, אַלץ וויסטער איז געוואָרן דער גאָרטן: די נעסטן זיינען צעשאָטן געוואָרן, די פייגל זיינען זיך צעפלויגן. אַ פינצ־טערער וואָלקן איז געהאַנגען איבערן פאַלאַץ און קיין כישוף (קישעף) האָט אים נישט געקאָנט פאַנאַנדערטריבן.

אין אַ צייט אַרום איז דער דוכס צוריק אַרוים אין גאָרטן, געוואָר ווערן, וואָס דאַרט טוט זיך. און ער האָט דערזען אַלע ביימער צעבראָכן, אַלע גרעזער פאַרטריקנט. מער נישט אונטערן פענצטער

פון זיין סאַליע איז געשטאַנען אַן אויסגעדאַרטער רויזן־שטרויך און אויפן שפּיץ האָט נאָך געבליט אַ יונגע רויז. פּלוצלונג איז פון ערגעץ אַראָפּגעפאַלן אַ טראָפּן און די רויז איז שוואַרץ געוואָרן. באַלד נאָכדעם איז געפאַלן אַ צווייטער טראָפּן און האָט אָפּגעבראָכן פון דער וואַנט אַ שטיק שטיין.

און ווי דער דוכס האָט דאָס דערזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס וועט גאָרניט העלפן: דער פּאַלאַץ וועט מוזן פון דער מאַמעס טרערן חרוב ווערן.

און איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט האָט דער דוכס צונויפגע־רופן זיינע דינער, געהייסן שפּאַנען די קאַרעטן, אָנלאָדן אויף זיי אַלע זיינע אוצרות און איז אַוועקגעפאָרן מיטן אינגעלע אין אַ ווייטער מדינה (מעדינע).

ד

יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, טעג זיינען פאַרשוואונדן. דער פּאַלאַץ איז איינגעפאַלן חרוב (כאָרעוו) געוואָרן. דער קרעטשמער מיט זיין ווייב האָבן פאַרלאָזן די קרעטשמע און איבערגעקליבן זיך אין שטאָט אַריין. די שטאָט־לייט האָבן זיי פון רחמנות־וועגן (ראַכמאָנעס־וועגן) צוגענומען, געמאַכט אים פאַר אַ שמש (שאַמעס) און זיין ווייב פאַר אַ שמש'טע אין דער שטעטלשער שול.

גאַנצע טעג פלעגט די אַלטיטשקע מאַמע זיך פאַרגיסן מיט טרערן, זיצן און זאָגן תהילים און בעטן ביי גאָט ער זאָל איר אומ־קערן דעם זון אירן.

דאָס אינגעלע איז דערוויל אויפגעוואַקסן אין דער ווייטער מדינה (מעדינע). דער אַלטער דוכס האָט אים אויסגעלערנט אַלע שבע חכמות (שעווע כאָכמעס), איז דורכגעפאָרן מיט אים די גאַנצע וועלט.

און אַזוי זיינען אַוועק אַ סך יאָרן. איינמאָל איז דער אַלטער דוכס קראַנק געוואָרן און דערפילט, אַז זיין צייט איז געקומען צו שטאַרבן. האָט ער אַריינגערופן צו זיך דעם יורש־עצר (יוירעש־עצער), איבערגעגעבן אים אַלע זיינע אוצרות (אויצרעס) און גאָר זיין גוטס און דערציילט אים די גאַנצע געשיכטע, פונוואַנען ער שטאַמט און וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און וועגן זיין מאַמעס

טרערן. באַלד נאָכדעם איז דער אַלטער דוכס געשטאָרבן.

אַ באַטריבטער, מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט דער יונגער דוכס זיך צוריק אומגעקערט אַהיים.

אָנגעטאָן אין פּראָסטע קליידער און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט האָט ער זיך געלאָזט איבער די אידישע שטעטלאַך פון שטוב צו שטוב זוכן זיין מאַמען.

אַ גאַנצע וואָך איז דער דוכס אומגעגאַנגען און וואו נאָר ער פלעגט אַריינקומען, פלעגט ער זיך שטעלן לעבן דער טיר און פרעגן:

— גוטע מענטשן, ליבע מענטשן, אפשר האָט איר געזען, אפשר ווייסט איר וואו עס געפינט זיך מיין מאַמע?

— ניין — האָבן אַלע געענטפערט — מיר האָבן קיינמאָל ניט געזען און ווייסן נישט וואו זי איז.

אויפן זיבעטן טאָג איז ער געקומען אין זיין היימישן שטעטל. אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער שטוב, וואו דער אַלטער קרעטשמער מיט זיין ווייב האָבן געוואוינט. אַז מע האָט אים אַריינגעלאָזן, האָט ער זיך געשטעלט ביי דער טיר און גענומען פרעגן:

— ליבע מענטשן, גוטע מענטשן, אפשר ווייסט איר, וואו עס געפינט זיך מיין מאַמע?

און ווי נאָר די אַלטיטשקע האָט דערהערט זיין קול, האָט זי אים גלייך דערקענט און אויסגעשריען:

— מיין זון! מיין טייערער! ...

זי איז אים געפאַלן אויפן האַלז און צוויי קלאָרע טרערן זיינען אַרויסגעפאַלן פון אירע אויגן.

און דאַן איז פלוצלונג פאַרשוואונדן דער כישוף (קישעף) פון דעם אַלטן דוכס.

און דערמאָנט האָט זיך דער יונגער דוכס אָן זיינע יונגע יאָרן, דערקענט זיין טאַטן מיט זיין מאַמען און אַ גליקלאַכער געפאַלן זיי אויפן האַלז.

דערנאָך איז געווען, אַז דער יונגער דוכס האָט גענומען טאַטע-מאַמע צו זיך און געלעבט מיט זיי אין עושר (אוישער) און אין כבוד (קאָוועד).

נפתלי גראָס



יאָסל קלעזמער ראַטעוועט מיט זיין שפּילן דעם אַרענדאַר

אין הויף ביי דעם האַר איז אַ קאַרניוואַל,
סע פינקלט מיט פאַרבן און ליכט דער זאַל.

און מיט שווערדן און שפּאָרן און שלייפן און קנעפּ,
מיט זיידנס און סאַמעט רוישן די שלעפּ.

מיטאַמאָל ווערט שטיל. סע לאָזט וויסן דער האַר,
אַז ער האָט געשיקט נאָך דעם אַרענדאַר.

און די פרייד וועט ערשט ווערן פאַרפול און גאַנץ,
ווען דער איד וועט טאַנצן דעם בערנטאַנץ.

געקומען די דינער נאָך דעם אידן צו גיין,
איז אין שטיבל געוואָרן אַ ביטער געוויין.

און אַז מ׳האָט געפירט דעם אידן אין הויף,
איז אין שטעטל געוואָרן אַ געוואַלט, אַ געלויף.

דערהערט יאָסל קלעזמער, מע נעמט דעם רענדאַר,
ער זאָל טאַנצן אַ בער אין הויף ביי דעם האַר,

נעמט יאָסל זיין פידל און הייבט זיך אויף
און גייט אויך אַוועק צו דעם האַר אין הויף:

„אָ, האַרעלע מיינער, אָ האַרעלע פּראַכט,
איך האָב אַ סך זיסינקע לידער געמאַכט.

„איך האָב אַ סך זיסינקע לידער געמאַכט,
איך וועל זיי דיר, האַרעלע, שפּילן היינט נאַכט.“

אָהאָ סאַראַ פרייד, סאַראַ פרייד מיטאַמאָל,
געלעכטער, געשריי און געשפּעט אויפן קול:

אַ אידל וועט טאַנצן דעם טאַנץ פון אַ בער,
אַ אידל וועט פידלען אַהין און אַהער.

מע עפנט דעם טויער, מע לאָזט אים אַריין —
סע שימערט מיט שיין און סע רוישט ווי דער ווין.

און יאָסל נעמט שפּילן אַ שפּיל נאָך אַ שפּיל,
סע פינקלט דער ווין און סע פינקלט דער דיל.

אַ שפּיל נאָך אַ שפּיל און אַ ליד נאָך אַ ליד,
סע רייסט אַזש צום טאַנצן אַלעמען מיט.

סע טאַנצט רונדאַרום מיט דער האַרין דער האַר,
סע טאַנצט אין אַ מיצל מיט גלעקלאַך דער נאַר;

סע טאַנצן די האַרן, מע טאַנצט און מע לאַכט,
אַ שעה נאָך אַ שעה און שוין — האַלבע נאַכט.

אין אַ בערנפּעל ליגט דער אַרענדאַר,
ער וואַרט אין אַ ווינקל מיט שרעק און צער.

אַ שעה נאָך אַ שעה — די נאַכט ציט זיך און ציט,
און יאָסל שפּילט אַ ליד נאָך אַ ליד.

פאַרגעסן דעם אידן אין דער פעל פון דעם בער —
די האָרן טאַנצן ווי אַ כוואַליע הין-הער.

מע טאַנצט און מע טאַנצט, ביז מען פאַלט פון די פיס,
און איינער לעם צווייטן שלאָפט איין אַזוי זיס.

אַז יאָסל איז פון הויף מיטן רענדאַר אַרויס,
איז די זון שוין געווען ביי יעדן אין הויז.

י. ל. פּרץ

זיבן גוטע יאָר

א

דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשען אינם שטעטל טורבין.

אין טורבין איז געווען אַמאָל אַ טרעגער, האָט ער געהייסן טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. איינמאָל, דאָנערשטיק, שטייט ער אַזוי אין מאַרק, מיט די פּאָלעס פאַרשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדן, און קוקט אוים, פונוואַנען וועט קומען זיין הילף, ער זאָל פאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געוועלבן אַרום און לײדיק, מען זעט נישט, עס זאָל עמיצער קומען סחורה (סכוירע) קויפן, עס זאָל זיין וואָס אָפּצוטראָגן. הייבט ער נעבאָך אויף די אויגן צום הימל מיט אַ געבעט, ער זאָל חלילה (כאָלילע) קיין פאַרשטערטן שבת נישט האָבן, און זיין ווייב סערל מיט די קינדער זאָלן, חס ושלום (כאַס-וועשאָלעם), נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפּלל (מיספּאַלעל), דערפילט ער, אַז עמיץ גיט

אים אַ צי פֿאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פֿאַר זיך אַ דייטשל, אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פּעדער אויפֿן קאַפּעליושל. און דאָס דייטשל זאָגט צו אים אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף אידיש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר, זיבן יאָר פֿון מזל און גליק און אוצרות (אויצרעס) געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסט — וועט דיר אויפֿשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיקן טאָג, און איידער עס וועט אונטערגיין די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפֿן גאַנץ טורבין מיט דער סביבה (סוויווע), אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אַן אָרימאַן, ווי דו ביסט געווען. און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענטשטע צייט קומען ערשט צום סוף פֿון דיינע יאָרן, און דו וועסט אַוועקגיין פֿון דער וועלט דער גרעסטער גביר (גוויר).

ענטפֿערט אים טוביה:

— מיין ליב דייטשל, לאָז מיך געמאַך, וואָרים איך בין, נישט פֿאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער אָרימאַן, איך האָב אויף שבת נישט, און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דיינע עצות (אייצעס) מיט דיין טרחה (טירכע).

אַז דאָס דייטשל אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און איבערגע־חזר׳ט (איבערגעכאַזערט) אים די ווערטער איינמאָל, צווייִמאָל און דרייִמאָל, איז עס טוביה׳ן שוין אַריין אין קאָפּ, ענטפֿערט ער אים:

— ווייסטו וואָס, ליב דייטשל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר, און דו פֿרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין זיך נוהג (נויהעג), ביי יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פֿאָר, זיך אַן עצה האַלטן מיט מיין ווייב סערל, און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה (טשואווע) נישט געבן.

זאָגט אים דאָס דייטשל, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אַן עצה (אייצע) צו האַלטן מיט דער פֿרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי גיין פֿרעגן, און ער, דאָס דייטשל הייסט עס, וועט דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תשובה (טשואווע).

טוביה קוקט זיך נאָכאַמאָל אום אין אַלע זייטן, קיין פּאַרדינסט זעט ער נישט, טראַכט ער זיך: וואָס קאָן ער דאָ אָנווערן? ער וועט אַהיים גיין פֿרעגן. לאָזט ער אַראָפּ די פּאָלעס און גייט אַרויס

הינטער דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, כמעט שוין אויפן פעלד, אין אַ ליימען שטיבל, איבערשמועסן זיך מיט סערל זיין ווייב.

ב

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים ארויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט גרויס שמחה (סימכע): זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אַן אָנהייב אויף שבת. זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערל, זיין ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פאַרדינסט נישט באַשערט, דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דייטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, באשר בכן (ביישער בעכיין), דאָס דייטשל זאָגט, אַז עס זיינען אים באַשערט זיבן גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלן קומען — אַצינד אָדער פאַר דער פטירה (פּטירע). פרעגט ער ביי איר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערל נישט לאַנג און ענטפערט אים:

— גיי, מיין ליבער מאַן, און זאָג דעם דייטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע (רעגע)!

— פאַרוואָס, סערל? — פרעגט טוביה פאַרוואונדערט — נאָך זיבן יאָר וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרימעלייט, און דעם יורד (יוירעד) איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטן אָרימאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מיין ליבער גוטער פריינד, די וועלט. דער־וויל נעם, וואָס מען גיט דיר, און זאָג: „געלויבט איז גאָט יעדן טאָג!" בפרט (ביפראַט), אַז מען דאַרף חדר־געלט פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט, אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאַמד.

דאָס איז געגנוג געווען, טוביה זאָל צוריקלויפן צום דייטשל מיט אַ קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבן גוטע יאָר גלייך.

זאָגט אים דאָס דייטשל:

— רעכן נאָר איבער, טוביה, היינט ביסטו אַ מענטש מיט כוח און קאָנסט פאַרדינען, אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער. וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זיין אַ יורד (יוירעד), און אַזויפיל כוח צו דער אַרבעט וועסטו אויך נישט האָבן?

ענטפערט טוביה:

— הער, דייטשל, מיין ווייב סערל וויל באַלד. ערשטנס, זאָגט זי: „געלויבט איז גאָט יעדן טאָג!“ און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגן, און צווייטנס, האָט מען אונז די קינדער פון חדר אַהיים געשיקט...

— אויב אַזוי, — זאָגט אים דאָס דייטשל, — גיי אַהיים, און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אַריין, וועסטו זיין אַן עושר (אוישער)!

ווייל ער אים פאַרט איבערפרעגן וועגן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווייל דאָס דייטשל פאַרשוואונדן געוואָרן.

גייט ער, טוביה, אַהיים. געוואוינט, האָבן מיר שוין געזאָגט, האָט טוביה הינטער דער שטאָט, כמעט (קימאַט) אויפן פרייען פעלד. קומט ער צו צו דער שטוב, זעט ער, ווי די קינדער שפּילן זיך הינטער דער שטוב אין זאַמד. גייט ער צו, דערזעט ער, אַז זיי שאַרן אַרום פון אַ גריבל נישט קיין זאַמד, נאָר ריין גאָלד. פאַרשטייט זיך, אַז מער האָט מען נישט געדאַרפט, עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די זיבן יאָר, די זיבן מזל׳דיקע יאָר.

ג

די צייט לויפט אָבער פייל פון בויגן, און זיבן יאָר גייען אַריבער געשווינט. קומט נאָך די זיבן יאָר דאָס דייטשל צו טוביה׳ן, אים אָנצוזאָגן, אַז די זיבן יאָר זיינען אַריבער, און אַז היינט פאַרנאַכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין שטוב און אפילו דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן געקאָנט באַהאַלטן ביי לייטן.

טרעפט ער טוביה׳ן, ווי ער שטייט אינמיטן מאַרק, ווי פאַר זיבן יאָר, מיט דיזעלבע פאַרשאַרצטע פאָלעס אונטער די לענדן, און קוקט אוים אויף אַ פאַרדינסט. זאָגט ער צו אים: „הער, טוביה, די זיבן יאָר זיינען אַריבער!“

ענטפערט אים טוביה: „גיי, זאָג מיין ווייב סערל, ווייל דאָס עשירות (אַשירעס) איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען ביי איר.“

גייען זיי ביידע אַרוים אונטער דער שטאָט און קומען צום זעלבן ליימען הייזל אויפן פעלד און טרעפן סערלען פאַר דער טיר. און זי איז אויך אָרים געקליידט, ווי אַמאָל, נאָר איר פּנים שמייכלט.

זאָגט איר דאָס דייטשל מיט דיזעלבע ווערטער, אַז די זיבן גוטע יאָר זיינען אַוועק.

ענטפערט זי אים, אַז זיי האָבן קיין גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן; אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַלטן דאָס גאָלד פאַר זייער אייגנס, ווייל, וואָס אַ מענטש פאַרדינט מיט זיינע צען פינגער, דאָס איז זיינס; און אַזוי עשירות (אַשירעס), וואָס קומט אָן שוויים און אומגעזוכט, איז נאָר אַ פיקדון (פּיקאָדן), וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער ביי מענטשן אין די הענט פאַר אָרימעלייטס וועגן... זי האָט נאָר פון גאָלד אויף שכר־לימוד (סכאַר־לימעד) גענומען. דאָס איז גאָטס תורה (טוירע), מעג מען פאַר זיין תורה מיט זיין גאָלד צאָלן, מער נישט! און אויב זיין ליבער נאָמען האָט פון היינט אָן אַ בעסערן בעל־פיקדון (באַל־פּיקאָדן) פאַר זיין גאָלד, מהיכא־תיתי (מעכעטייסע), זאָל ער צונעמען און איבערגעבן אַן אַנדערן!

דאָס דייטשל, וואָס איז געווען אליהו־הנביא, האָט דאָס אויסגעהערט און איז נעלם (נעלעם) געוואָרן.

ער האָט עס איבערגעגעבן דעם בית־דין־של־מעלה (בעזדן שעל מיילע), און דער בית־דין־של־מעלה האָט גע׳פסק׳נט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל־פיקדון נישט פאַראַן, און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט כל־זמן (קאָלזמאַן) טוביה און זיין ווייב סערל האָבן געלעבט.

מאַני לייב

דער פרעמדער

קאַלט און פינצטער איז די נאַכט,
טיר און טויער צוגעמאַכט;
פענצטער בלינדע, אָן אַ שיין
שטאַרן אין דער נאַכט אַריין.
קאַלט און פינצטער, קאַלט און שפּעט,
שלאָפט זיך יעדער אין זיין בעט.
שלאָפן, שלאָפט נאָר ניט דער ווינט,
און די בילנדיקע הינט.
און דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט, —

און מיט וואַקלענדיקע טריט,
און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק,
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.

זעט ער ווייט אַ פּאַלאַץ שטיין,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:
סטוק, סטוק, סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפנט מיר!
איך בין עלנד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...
סטוק, סטוק... — פרעמדער, גיי אַוועק,
אונזער קליינעם קינד ניט וועק!
זאַט און וואַרים און ליו-ליו,
שלאָפט זיך אונזער קינד אין רו...
בייגט דער פרעמדער איין דעם קאָפּ,
קערט זיך פון דעם פּאַלאַץ אָפּ.

זעט ער ווייט אַ שטיבל שטיין,
לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם שטיבל אָן:
סטוק, סטוק, סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפנט מיר!
איך בין עלנד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...
און דער פרעמדער וואַרט ניט פיל,
עמיץ שאַרט זיך אין דער שטיל
ביי דער טיר און ביי דעם שלאָס,
קומט אַרויס דער באַלעבאָס:
— פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין,

װעסט מײַן גוטער אורח (אױראַך) זײַן.
און דער פֿרעמדער בײגט זיך אײַן,
קריכט אין שטיבל קוים אַרײַן.
קומט אַרײַן און אָטעמט שװער.
קוקט אַהין און קוקט אַהער,
און ער זאָגט אַרױסעט גלײַך:
— נו, אַ פֿינצטערניש בײַ אײַך!
ענטפֿערט אים דער באַלעבאָס:
— קױפֿן נאַפֿט ניטאָ פֿאַר װאָס.
— װי־װי־װאו, און איז בײַ אײַך דאָ קאַלט,
ממש (מאַמעש) װי אינמיטן װאַלד.
ענטפֿערט אים דער באַלעבאָס:
— קױפֿן האָלץ, ניטאָ פֿאַר װאָס.
— הײסט עס, ס'איז ניט פֿרײלעך דאָ,
און קײן ברױט איז אױך נישטאָ?
ענטפֿערט אים דער באַלעבאָס:
— קױפֿן ברױט, ניטאָ פֿאַר װאָס.
אָך און װײ צו מײַנע זינד,
אַז מײַן הונגעריק קינד
האָט געװײנט פֿאַרשמאַכטערהײט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקל ברױט!"
און אָן כּחות (קױכעס) ליגט עס שטיל,
איצטער אױפֿן האַרטן דיל...

קראַצט דער פֿרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אױפֿן דיל אַראָפּ,
שפּרײט זײַן אַלטע טאָרבע אױס,
און ער זאָגט אַזױ אַרױס:
— אַז ס'איז פֿינצטער דאָ און קאַלט,
ממש (מאַמעש) װי אינמיטן װאַלד,
אַז קײן ברױט איז אױך ניטאָ,
לײג איך מיך זיך אָט־אָ־דאָ...
איז װי נאָר ער זאָגט אַזױ,
טוט דער ערשטער האָן אַ קרײ.

ווי עס קרייט אַזוי דער האָן,
צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן,
און דער אויוון, גוט און פיין,
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך איין,
און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער פלייש און פיש,
און מיט חלות (כאַלעס) און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב (יאָנטעוו) צוגעגרייט.

און דער פרעמדער — אַט געוועזן,
אַט געוועזן און אַט געזען —
פלוצלונג טוט אַ זאָג, און לאַכט:
— באַלעבאָס, אַ גוטע נאַכט!
און ער פליט, ווי ער איז גרויס,
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.
— אָ, אָ, ניסים, אָדער וואָס?
טראַכט ביי זיך דער באַלעבאָס.
נאָר ער זעט: דער אויוון ברענט,
און דער לאָמפּ באַלייכט די ווענט,
און דער טיש אַ פולער שטייט,
מיט מאכלים (מייכאָלים) צוגעגרייט.
טראַכט דער באַלעבאָס ניט פיל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פון דיל,
וואַשן זיי זיך, עסן פרום,
זעצן זיך ביים טיש אַרום,
עסן זיי און לויבן גאָט
פאַר זיין חסד (כעסעד) און גענאָד.

און אינדרויסן פייפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.
לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מען זוכט אַ לאָמפּ אַרום.
זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ נישטאָ.
און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,

און אינדרויסן פייפט דער ווינט,
און עס בילן בייז די הינט.
נאָר דעם פרעמדן אַרט עס ניט,
און מיט וואַקלענדיקע טריט,
מיט דער טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.
שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק —
אין דער נאַכט, אין וויטן וועג.



אין אַ ווינטער נאַכט — מאַרק שאַגאַל

דער געפאַנגענער רב פון ראָטענבורג

איבער דעם געדרייטן, געשלענגלטן וועג, וואָס פירט בערגלאַך־אַרויף און טאָלן־אַראָפּ, לענגאַם מיט דעם טייכל טאַבער, שלייכט זיך אַ איד, איינער אַליין, אַ הויכער און אַ שיינער, מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און אַ גרוים, גרוים געזיכט, אַן אויסגעשטערנטעם.

דאָס פּעקל אָנגעבונדן אויף דער פּלייצע און דעם שטעקן אין דער האַנט, גייט ער איינזאַם איבער דעם איינזאַם־פאַרווילדעוועטן, מיט דערנער און גראָזן פאַרוואקסענעם וועג; איז צופרידן, ווען קיינער באַווייזט זיך נישט אויפן וועג. דענסטמאָל איז ער מיט גאָט אַליין, קלערט ער וועגן אַ האַרבער שאלה (שיילע), וואָס האָט אים אָנגעפרעגט דורך אַ שליח (שאָליאַך) אַ רב (ראָוו) פון וואָרמס, פון מיינץ אָדער פון אַן אַנדער דייטשישער שטאָט; אָדער גאָר פון די ווייטע, ווייטע מקומות (מעקוימעס). פונם לאַנד פּוילן, וואו אידן האָבן געפונען לעצטנס אָפּרו, האָט מען אים אַ שאלה (שיילע) געפרעגט, און מע וואַרט דאָרט אויף אַ תשובה (טשואווע).

באַווייזט זיך אָבער ווער אויפן וועג: אַ רייטער קומט אָן צו רייטן, אָדער אַ לאַנדס־קנעכט, אָדער ווער אַנדער, קערט דער רב אָפּ אָן אַ זייט, באַהאַלט זיך אוים אין אַ נאָענט וועלדל, אָדער אין אַ בוש, אָדער גאָר אין אַ גרוב, ביז דער פרעמדער איז דורכגעריטן. דאַן קריכט דער איד אַרוים פון זיין באַהעלטעניש און גייט ווייטער פריילאַך אויפן וועג, צוזינגענדיק זיך קאַפּיטלאַך תהילים, אָדער לערנענדיק אַ בלאַט גמרא (געמאָרע), אָדער פאַרענטפערנדיק אַ האַרבע שאלה.

קיין ספרים (ספאָרים) באַדאַרף ער נישט. וואָס ער קען, האָט ער אויסגעלערנט פון אויסנווייניק, און ווייס, וואו איטלאַכס אות (אָס) און יעדעס וואָרט אויפן דף (דאַף) געפינט זיך.

* * *

פלוצלונג, ווי עס גייט אזוי דער איד, פאַרקלערט טיף אין אַ האַרבן ענין (איניען), קומט אים אַנטקעגן צו רייטן אַ ריטער, באַקליידט אין שטאָל און אייזן פון קאָפּ ביז די פיס, מיט אַ הויכן לאַנגן שפּיז אין האַנט.

פון הינטן רייטן אים נאָך זיינע קנעכט.

דער איד וויל אַראָפּ פון וועג, אַריין אין וועלדל, נאָר עס איז שוין צו שפּעט. דער רייטער האָט אים שוין באַמערקט פון דער־ווייטנס.

— האַלט, איד!

און באַלד כאַפּן אים אָן צוויי קנעכט ביי ביידע הענט און פירן אים פאַרן ריטער.

— וואו אַהין גייט אַ איד?

— דאָס גיי איך אין דעם הייליקן לאַנד. איך האָב זיך פאַר־בענקט נאָך דער הייליקער שטאָט ירושלים (יערושאָלאַים), איידע־לער ריטער! — ענטפערט אָפּ דער רב אונטערטעניק.

— די אידן פון בייערן־לאַנד זיינען דאָס אייגנטום פון זיין גנאָדן, לודוויג דעם קיניג פון בייערן. ווי אַזוי האָסטו געוואָגט דעם קיניגס לאַנד צו פאַרלאָזן?

און דער רייטער באַפעלט, און די קנעכט בינדן אָן דעם איד ביים עק פון רייטערס פערד, און דער ריטער שלעפּט אים מיט זיך מיט אין דער באַפעסטיקטער שטאָט פון ראָטענבורג, אויף וועלכן וועג ער געפינט זיך, און גיט אים איבער צום בורג־הערצאָג פון ראָטענבורג.

באַלד ווערט דער איד געפירט אין איינעם פון די פיל טורמעס פון דער ראָטענבורגער מויער, וואָס איז אַרום דער שטאָט, ווערט איינגעשלאָסן אין „שטראָפע־טורם" און וואַרט אויף זיין משפּט.

* * *

עס ווערן די אידן פון ראָטענבורג געוואָר דורך דעם טורעם־וועכטער, אַז אין דער שטאָט־מויער געפינט זיך אַ איד. ברענגען זיי כשר (קאָשער) עסן, און גנב'ענען זיך אונטער דעם טורעם אונטער, און דורך אַ געהיימען שליח (שאַליאַך) דערלאַנגען זיי אים דאָס עסן.

דער פרעמדער איד שיקט זיי אַ קוויטל אַרויס, אַז זיי זאָלן זיין ווייב מיט די קינדער אָנזאָגן, אַז דער מהר"ם (מאַהאַראַם) איז אויפן וועג קיין ירושלים פון אַ ריטער געפאַנגען געוואָרן און געפינט זיך אין טורעם.

ווי די אידן פון ראָטענבורג האָבן דערהערט, ווער עס איז דער געפאַנגענער איד אין טורעם, אַזוי האָבן זיי שליחים איבער דער וועלט געשיקט קיין וואָרמס, קיין מיינץ, קיין ספּייער און אַנדערע

קהילות (קעהילעם) פון מדינת אשכנז (מעדינאַס אַשקענאַז). און נאָך ווייטער איז דער געהער דורכגעגאַנגען — ביז די אידן פון איטאַליע און פראַנקרייך.

און צו די אידן פון מדינת פוילן איז אויך דערגאַנגען, אַז דער גרויסער רב, דער גרעסטער גאון (גאָען) פון זיין צייט, דער מהר״ם, איז געפאַנגען אין שטאָט-טורעם פון ראָטענבורג.

און אידן פאַרקויפן פערל און בריליאַנטן און טייערע שטיינער, און באָטן אָן אַ גרויס אויסלייז-געלט דעם קיניג פאַר דעם טייערן געפאַנגענעם.

עס הערט דער קיניג, וועמען ער האָט אין זיין נעץ געפאַנגען, און יעדע סומע איז אים צו ווייניק, יעדער איידלשטיין, יעדעס געהאַמערטע שטיק גאָלד צו קליין, יעדע יואוול צו ביליק פאַר דעם קאָפּ פון טייערן געפאַנגענעם.

— ברענגען זאָלן זיי אים פאַר דעם טייערן קאָפּ פון הייליקן רב יואוועלן אַזויפיל, — אויסצוהעפטן מיט זיי אַ קירכנקלייד; און פערל אַזעלכע זעלטענע, אויסצוזעצן אין בלוט-קרייץ, וואָס געפינט זיך אין „יאַקאָבס קירכע" אין ראָטענבורג; און גאָלד אַזויפיל, אויפצובויען אַ „דאָם" אין זיין הויפּשטאָט.

און פלייסיק זאַמלען די אידן פון איטאַליע, פון לאָטארינגען, פון מדינת אשכנז (מעדינאַס אַשקענאַז) און מדינת פוילן שטיין און יואוול, גאָלד און זילבער.

* * *

אָבער עס הערט דער געפאַנגענער רב פון דעם טייערן פּרייז, וואָס דער קיניג האָט פאַר זיין גוף געשטעלט, און זיין האַרץ ווערט צעשניטן פאַר דעם אידנס אויסגעבלוטיקטן גראָשן.

אידן דאַרפן האָבן שטיין און יואוול פאַר אַ שלעכטער צייט, ווען מע וועט באַדאַרפן דעם וואַנדער-שטעקן אין האַנט נעמען און פון שטאָט ארויסגיין. און וואָס איז ז י י ן זינדיקער גוף ווערט, אַז צוליב אים זאָל מען אַזויפיל געלט אויסגעבן?

און אַ חרם (כיירעם) לאָזט ער אויסרופן פון די שמאָלע קליינע פענצטערלאַך פון דעם שטראָף-טורעם, אין דער ראָטנבורגער מויער:

— קיינער זאָל ניט וואַגן אים אויסצולייזן! דאָ אין מויער וויל ער זיצן זיין לעבן לאַנג. און קיין קיניג זאָל קירכן בויען פון אידישע פאַרמעגנס!

עס דערגייט צו דער אידישער וועלט, ווי ווייט און ברייט זי איז נאָר פאַרשפּרייט, דאָס וואָרט פון הייליקן רבין.

און ער בלייבט איבער דער רב אַליין אין זיין איינזאַמקייט.

איינגעמויערט אין טורעם פון דער שטאָט-מויער פון ראָטענבורג, זיצט ער דאָרט ביים שמאָלן קליינעם פענצטערל און קוקט אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס שטייט קעגניבער דער שטאָט, אויף דעם טיפן טאָל, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט און אויף דעם שטילן קוועלנדן טייכל, וואָס שלענגלט זיך אין דעם טאָל אַרום דער שטאָט — דעם טאַבער.

אין געהיים האָבן די אידן אין טורעם אריינגעשיקט זיין כשר עסן. אין געהיים האָבן זיי אים ספרים אריינגעשיקט, אין וועלכע ער האָט געלערנט ביים ליכט פון די שטערן און לבנה, און פאַרמעט און פעדערן, זיינע ספרים צו שרייבן.

* * *

און די אידן פון דער גאַנצער וועלט, וואו זיי זיינען נאָר פאַרשפּרייט, האָבן צו דעם געפאַנגענעם ראָטענבורגער טורעם געשיקט זייערע הארבע שאלות (שיילעס), אַז ער זאָל זיי פּסק'ענען (פּאַסקענען), ער זאָל משפּט'ן (מישפּעטן).

און פון טורעם ארויס האָט דער גרויסער רבי גע'משפּט די אידן פון דער גאַנצער וועלט. וואו א רב, וואָס ער האָט געהאַט אַ הארבע שאלה צו פרעגן, פון די ווייטסטע פאַרוואָרפענע ווינקעלאַך פון איטאַליע ביז פּוילן, פון לאַטוויע ביז צו די ווייטע שטעט פון אוקראַינע, — האָבן אַלע געשיקט זייערע שאלות צו דעם געפאַנגענעם רב אין טורעם.

ביז ער איז אויסגעגאַנגען אין טורעם.

ער איז געשטאָרבן אין טורעם. זיין קערפּער איז דאָרט געלעגן אויפבאַוואָרט אין זיין געפענגעניש-צעל פערצן יאָר נאָך זיין טויט. ביז עס האָט זיך געפונען אַ פראַנקפורטער איד, וועלכער האָט זיך געוואָלט א גרויסע מצוה (מיצווע) פאַרדינען, און ער האָט פאַר זיין קערפּער געגעבן גרויסע אויסלייז-געלט, און האָט אים געבראַכט צו קבר ישראל (קיווער איסראָעל) אויפן וואָרמסער בית-עולם, וואו זיין מצבה (מאַצייווע) שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג.

י. ל. כהן

דער שטריק-דרייער

(אַ אידישע פאָלקס-מעשה)

אַמאָל איז געווען אַן אָרימער איד, אַ שטריק-דרייער. איז ער געווען אַזוי אָרים, אַז ער האָט אַפילו נישט געהאַט מיט וואָס צו קויפן קלאָטשע פאַר זיינע שטריק צו דרייען. פלעגט ער אַרומגיין אויף די גאַסן און אויפן מאַרק צוזאַמענקלייבן שטיקלאַך אַלטע קלאָטשע און פון דערפון פלעגט ער פלעכטן זיינע שטריק. איינמאָל גייט פאַרביי אַ רייכער פּריץ (פּאָרעץ), זעט ער ווי דער איד שטייט און מוטשעט זיך געבאַך מיט די שטיקלאַך אַלטע קלאָטשע און קען גאָרנישט מאַכן. פרעגט אים דער פּריץ: „וואָס טוסטו דאָ?" זאָגט דער איד: „כ'האָב נישט קיין נייע קלאָטשע צו מאַכן מיינע שטריק." האָט דער פּריץ אַרויסגענומען אַ זעקעלע מיט געלט און האָט געזאָגט: „איך גיב דיר דאָ דריי הונדערט רענדלאַך, זאָלסט דיר צורעכטמאַכן דעם דאַך פון דיין שטוב און זאָלסט דיר קויפן נייע קלאָטשע צו מאַכן דיינע שטריק." האָט דער איד זייער שטאַרק אָנגעדאַנקט דעם פּריץ פאַר דער מתנה, צוגענומען די דריי הונדערט רענדלאַך און אַריין אין שטוב. דערנאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ רענדל, געגעבן דער ווייב אויף וועטשערע און אַליין איז ער אַוועק אויפן מאַרק און האָט זיך געקויפט אַ ניי היטל. דערנאָך, אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן וועטשערע, האָט ער אַריינגעלייגט דאָס זעקל מיט די רענדלאַך אינם נייעם היטל, האָט עס אָנגעטאָן אויפן קאָפּ און זיך געלייגט שלאָפן. נאָר אַזוי ווי די שטוב האָט געהאַט אַ צעבראָכענעם דאַך, איז דורכגעפלויגן אַ פויגל, האָט אַריינגעכאַפּט ס'היטל מיט די רענדלאַך אין מויל אַריין און איז אַוועקגעפלויגן. אַז זיי זיינען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָבן זיי ווייטער גאָרנישט ניט געהאַט און דער איד האָט זיך ווייטער געשטעלט דרייען זיינע שטריק פון אַלטע קלאָטשע.

אין אַ צייט אַרום גייט ווייטער פאַרביי דער פּריץ, זעט ער ווי דער איד שטייט געבאַך און מוטשעט זיך ווידער מיט די אַלטע קלאָטשע, דרייט און דרייט און ס'קומט גאָרנישט אַרויס. זאָגט ער צו אים: „דו דרייסט שוין ווייטער דיינע שטריק פון אַלטע קלאָטשע? וואו האָסטו אַהינגעטאָן דאָס געלט?" דערציילט אים דער איד פונם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן איבער דעם צעבראָכענעם דאַך. האָט דאָס דער פּריץ אַלץ אויס-

געהערט, זיך באַקלערט אַביסל און האָט געזאָגט: „נאַ, כ׳גיב דיר דאָ נאָכאַמאָל דריי הונדערט רענדלאַך, נאָר זע, ס׳זאָל אַזעלכעס מער נישט טרעפן!" — „חלילה (כאַלילע), גאָט באַהיט!" זאָגט דער שטריק־דרייער, „ס׳וועט אַזעלכעס מער נישט טרעפן!" און ער האָט זייער שטאַרק אָנגעדאַנקט דעם פּריץ פאַר דער צווייטער מתנה (מאַטאָנע), צוגענומען די דריי הונדערט רענדלאַך און איז אַריין אין שטוב. דערנאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען אַ רענדל, געגעבן ס׳ווייב אויף וועטשערע און ס׳איבעריקע האָט ער באַהאַלטן אין אַ טאָפּ מיט קלייען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. דאָס ווייב האָט אָבער פון גאָרנישט געוואוסט. מאַכט זיך גראָד, ווען דער שטריק־דרייער איז נישט געווען אינדערהיים, פאָרט צו אַ באַלעגאָלע, שטעלט זיך אָפּ פאַרן שטוב און פרעגט זי: „באַלעבאָסטעניו, אפשר האָט איר נישט אַמאָל עפּעס צו עסן פאַר מיין פערד?" — „כ׳האָב גאָרנישט", זאָגט די אידענע, „בלויז אַ טאָפּ מיט קלייען, וואָס שטייט דאָ אין ווינקל". האָט דער באַלעגאָלע אָפּגעקויפט ביי איר דעם טאָפּ מיט קלייען פאַר אַ שטיקל זייף, און איז אַוועקגעפאָרן. אַז דער מאַן איז אַהיימגעקומען, פרעגט ער: „וואו איז דער טאָפּ מיטן קלייען?" דערציילט זי אים, אַז זי האָט עס אַוועקגעגעבן פאַר אַ שטיקל זייף. אַז דער מאַן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך געוואָלט אַ מעשה אָנטאָן. ער האָט זיך געבייזערט און געשריגן, אָבער ס׳האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, און ער האָט זיך ווייטער געמוזט שטעלן דרייען זיינע שטריק פון אַלטע קלאָטשע.

אין אַ צייט אַרום גייט פאַרביי דער פּריץ מיט זיין עקאָנאָם, זעט ער ווי דער איד דרייט שוין ווייטער זיינע שטריק פון אַלטע קלאָטשע. האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן. האָט ער געטאָן אַ מאַך מיטן האַנט און איז אַוועקגעגאַנגען. דער שטריק־דרייער איז אים נאָכגעלאָפן און האָט אים געוואָלט דערציילן וואָס האָט געטראָפן, אָבער דער פּריץ איז שוין געווען ווייט אַוועק. איז ער נאָכגעלאָפן דעם עקאָנאָם און האָט אים דערציילט ווי אַזוי ער האָט פאַרלוירן די דריי הונדערט רענדלאַך, און אַז ער איז צוריק דערזעלביקער אָרימאַן וואָס פריער. „כ׳קען דיר גאָרנישט העלפן", זאָגט דער עקאָנאָם, „כ׳האָב אין מיין קעשענע אַ שטיקל בליי, נאַ דאָס דיר, ס׳וועט דיר צוניץ קומען!" דער איד האָט צוגענומען דאָס שטיקל בליי און איז אַהיימגעגאַנגען. אינדערהיים האָט ער דאָס נאָכאַמאָל באַקוקט און געזען, אַז ס׳האָט גאָרנישט קיין ווערט, האָט ער עס אַ וואָרף געטאָן אָן דר׳ערד און האָט געזאָגט: „אַז עס גייט, גייט עס פון אַלע זייטן".

זיין ווייב האָט אָבער פון גאָרנישט געוואוסט. זעט זי, אויף דער ערד ליגט עפּעס אַ שטיקל בליי, הייבט זי עס אויף און לייגט עס אַוועק אויפן טיש. מאַכט זיך גראָד, ווען דער שטריק־דרייער איז נישט געווען אינדערהיים, קומט צו אַ פישער, וואָס האָט געוואוינט דערנעבן, און פרעגט זי: „באַלעבאָסטעניו, אפשר האָט איר נישט אַמאָל עפּעס אַ שווערע זאַך צו מאַכן שווער מיין נעץ?" — „כ'האָב גאָרנישט", זאָגט די אידענע, „בלויז אַ שטיקל בליי, וואָס ליגט דאָ אויפן טיש, נעמט עס אייך!" דער פישער האָט צוגענומען דאָס שטיקל בליי און האָט איר צוגעזאָגט דערפאַר צו ברענגען דעם ערשטן פיש, וואָס ער וועט כאַפּן. איז ער אַוועק צום טייך און אַריינגעלייגט דאָס שטיקל בליי אין זיין נעץ, איז עס געוואָרן שווערער, איז עס אַראָפּ טיפער אין וואַסער. ס'האָט לאַנג נישט גענומען, האָט ער באַלד געכאַפּט דעם ערשטן פיש, האָט ער אים אַוועקגעטראָגן צום שטריק־דרייערס ווייב: „דאָ האָט איר אַ שיינעם פיש אויף שבת (שאַבעס)", זאָגט דער פישער, „און עסט געזונטערהייט!" די אידענע האָט אים דערפאַר אָנגעדאַנקט אַ פולן ספּאָדיק און זי האָט זיך באַלד גענומען צו מאַכן דעם פיש. אָבער ווי נאָר זי האָט אים אָפּגעשאָבן און אויפגעשניטן דעם בויך, האָט עפּעס געטאָן אַ בלישטש מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַז זי איז שיר נישט פאַרבלענדט געוואָרן. אינדעם איז אָנגעקומען איר מאַן, דער שטריק־דרייער. זעט ער ס'איז עפּעס אַזוי מאָדנע ליכטיק אין אַלע ווינקעלאַך פון שטוב. פרעגט ער: „וואָס איז דאָס?" זאָגט זי: „כ'ווייס נישט", און ווייזט אים מיטן האַנט אויפן פיש, וואָס דער פישער האָט איר געבראַכט. לויפט ער צו און גיט אַ קוק — זעט ער ווי אינעם בויך פון דעם פיש ליגט עפּעס אַ שטיין, וואָס שיינט און בלישטשעט מיט אַלערליי קאָלירן. האָט ער נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות (שיעס), געכאַפּט און איינגעוויקלט דעם וואונדערלאַכן שטיין אין אַ שמאַטע און אַוועקגעטראָגן צום גאָלדשמיד, פרעגן וויפיל ס'איז ווערט. אָבער ווי נאָר דער גאָלדשמיד האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די שמאַטע און אַרויסגענומען דעם שטיין, איז ער שיר נישט פאַרבלענדט געוואָרן פון זיין ליכטיקייט און פון זיינע וואונדערלאַכע קאָלירן. „אוי וויי, דאָס איז דאָך גאָר אַ טייערער דימענט!" האָט דער גאָלדשמיד אויסגעשריגן, „וואו האָט איר אים גענומען?" — „אָבער וויפיל איז ער ווערט?" האָט דער שטריק־דרייער געפרעגט. „וויפיל ער איז ווערט, ווייס איך נישט", האָט דער גאָלדשמיד געזאָגט, „נאָר מיר דוכט זיך, אַז ווען צוויי מלוכות (מעלוכעס) זאָלן צוזאַמענעמען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער און אַלע אוצרות

(אויצרעס) וואָס זיי פאַרמאָגן, וואָלטן זיי נאָך אַלץ נישט פאַרמאָגט אַזוי פיל, וויפיל דער דימענט איז ווערט". אַז דער שטריק־דרייער האָט דער־הערט פון אַזויפיל אוצרות, איז ער געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער און האָט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן. האָט ער געקלערט און געקלערט און דערנאָך רופט ער זיך אָפּ צום גאָלדשמיד: „איך וויל אים פאַרקויפן". האָט זיך דער גאָלדשמיד צעלאַכט: „כ'ווייס, אַז איר ווילט! אָבער קיינער וועט דעם דימענט ביי אייך נישט קויפן, וואָרים ס'איז נישטאָ אַזאַ מענטש אויף דער וועלט וואָס זאָל פאַרמאָגן אַזויפיל געלט". — „וואָס־זשע טוט מען?" פרעגט דער שטריק־דרייער. „גאָרנישט", זאָגט דער גאָלדשמיד, „נאָר מיין עצה (אויצע) וואָלט געווען, איר זאָלט מיר הייסן דעם דימענט צעהאַקן אויף קליינע שטיקלאַך, וועט איר פאַר דעם קלענסטן שטיקעלע קענען אָפּקויפן מאַיאָנטקעס, און וואָס איר וועט נאָר ווען". און אַזוי איז טאַקע געבליבן: דער גאָלדשמיד האָט צעהאַקט דעם דימענט אויף קליינע שטיקלאַך און דער שטריק־דרייער האָט אַלע־מאָל אַרויסגענומען אַ שטיקעלע דימענט און האָט אָפּגעקויפט דערמיט אַ הויז, אַ פעלד, אַ וואַלד, און אַזוי האָט ער אויפגעקויפט מאַיאָנטקעס און איז געוואָרן זייער רייך. און אַלע פּריצים פון אַרום האָבן זיך מיט אים גערעכנט, ווי מיט זייערסגלייכן.

איינמאָל האָט איינער פון די פּריצים געמאַכט זייער אַ רייכן באַל, האָט ער אויך פאַרבעטן דעם שטריק־דרייער מיט זיין ווייב. האָבן זיי זיך בײדע אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, איינגעשפּאַנט דעם שיינעם פערד אין דער שיינער ברישקע און זיינען אַוועקגעפאָרן צום באַל. פאָרנדיק אַזוי אויפן וועג זיינען זיי פאַרבייגעפאָרן אַ פּוסט פעלד. פאַר־קוקט זיך דער שטריק־דרייער אַהין, זעט ער ווי עס שטייט אַ שוואַרצע קראָ און פּיקט מיטן שנאָבל אין עפּעס אַ באַקאַנטער זאַך. איז אים געוואָרן טשיקאַווע צו זען, וואָס דאָס איז. גייט ער אַראָפּ פון ברישקע און גייט צו צום אָרט, וואו די זאַך איז געלעגן. האָט ער דערקענט, אַז דאָס איז זיין היטל מיט די דריי הונדערט רענדלאַך, וואָס אַ פויגל האָט פון אים אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט. האָט ער דאָס אויפגעהויבן און געפאָרן ווייטער. אָפּפאָרנדיק אַזוי אַ פּאָר מייל האָט ער באַמערקט, אַז ס'איז אים אויס־געגאַנגען דאָס עסן פאַרן פערד. שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ קליין הייזל און פרעגט דאָרט ביי דער אידענע, צי זי האָט נישט עפּעס צו עסן פאַר זיין פערד. „כ'האָב גאָרנישט", זאָגט די אידענע, „בלויז אַ ביסעלע קלייען אין אַ טאָפּ". נעמט ער ביי איר די קלייען און גיט עס דעם פערד צו

עסן, זעט ער ווי עס פאַלן דערפון ארויס אַ סך גאָלדענע רענדלאַך, דער־מאָנט ער זיך, אַז דאָס איז דער אייגענער טאָפּ מיט די רענדלאַך, וואָס ער האָט אַמאָל באַהאַלטן. האָט ער זיי צוזאַמענגעקליבן און געזאָגט: „אַז עס גייט, גייט עס פון אַלע זייטן".

און איז אַוועקגעפאָרן צום באַל.

בערל באָס

אַ מעשה׳לע מיט הערשעלע אָסטראָפּאָלער

ס׳איז אַמאָל ביי אידן געווען אַ קלוגער מאַן, זיין נאָמען איז געווען הערשל. אַזוי ווי ער האָט געשטאַמט פון דעם שטעטל אָסטראָ־פּאָלע, אין אוקראַינע, האָט מען אים אומעטום גערופן: הערשעלע אָסטראָפּאָלער.

הערשעלע איז באַקאַנט מיט זיינע וויצן, קלוגע ווערטלאַך און נאָך מער מיט זיינע שפּאַסיקע שטוקעס, וואָס ער פלעגט אָפטאָן שלעכטע מענטשן.

אַז עס פלעגט ערגעץ זיין אַ רייכער, שלעכטער קרעטשמער, וואָס פלעגט צו זיך קיין אָרימע וואַנדערער ניט וועלן אַריינלאָזן, פלעגט הערשל שוין קומען צו אים און עפּעס אים אָפּטאָן, אַז דער קרעטש־מער פלעגט זיך האָבן צו קראַצן... אַזוי פלעגט הערשעלע אָסטראָ־פּאָלער האָבן אָן אויג אויף רייכע סוחרים, רייכע פּראָצענטניקעס, און אַנדערע וואָס פלעגן ניט וועלן העלפן קיין אָרימעלייט. אַ סך מעשות גייען אַרום וועגן הערשעלען.

אָט לאָמיר אייך דערציילן אַ מעשה, אַן אמת׳ע מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אונזער הערשעלען אין דער שטאָט באַלטאַ, אויך אין אוקראַינע, וואו עס פלעגן אַמאָל פאָרקומען אַנהייב זומער גרויסע יאַרידן.

הערשעלע איז געגאַנגען אונטערוועגנס און איז געקומען קיין באַלטאַ. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און ער פלעגט מוזן אַרומוואַנדערן איבער שטעט און שטעטלאַך צו זוכן אַ שטיקל ברויט.

זיינען צו אים געקומען עטלאכע אָרימע הענדלער פון באלטא און געזאָגט:

— מיר האָבן דאָ גרויסע צרות. דאָ איז אַראָפּגעקומען אַ רייכער, זייער אַ רייכער אידישער סוחר פון טערקיי, און ער וויל פאַרכאַפּן אַלע קונדן. ער האָט געבראַכט אַלערליי סחורות און פון יעדן מין ווארע צו פינף סאָרטן. ער האָט אין מאַרק אַרויסגעשיקט זיינע מענטשן און זיי שלעפּן צו אים אַלע קויפער. ער וויל אונז אַלעמען פון מאַרק פאַרטרייבן און לאָזן אָן ברויט. ער וויל פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט.

אַזוי האָבן די קליינע הענדלער, די ניט רייכע מאַרק-לייט, מיט אַ ביטער האַרץ גערעדט צו הערשעלען. און זיי האָבן צו אים אַזוי געזאָגט:

— מיר האָבן געהערט פון דיין קלוגשאַפט און פון דיינע קלוגע איינפאַלן און שטוקעס. אפשר קענסטו עפּעס אויסטראַכטן אויף דעם שלעכטן, רייכן סוחר פון טערקיי און אונז העלפן מיט דעם?

זאָגט הערשל:

— אידן, עס וועט זיין רעכט. נאָר איר מוזט מיר געבן הונדערט רובל אין קעשענע מיט שיינע קליידער. דאַן וועט איר עפּעס זען...

האָט מען אים אַלץ געגעבן. ריינע הויזן, געפּוצטע, לאַקירטע שיך, אַ שיינע הוט, פענסנע אויפן נאָז און מיט אַ שיינער ליולקע דערצו. הערשעלע האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע שמאַטעס און האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ רייכער מאַן. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער סוחר.

און אַזוי, מיט די שיינע קליידער אויף זיך, און מיט די הונדערט רובל אין קעשענע, איז ער אַוועק צום גרויסן סוחר, וואָס וויל אַלע קלענערע מאַרק-לייט פון יאַריד פאַרטרייבן.

געוואוסט האָט הערשעלע, אַז דער סוחר שטאַמלט, ער היקעט ביים ריידן. איז הערשעלע אַריין אין געוועלב און איז צו צו אַ משרת און זיך געמאַכט אַז ער היקעט אויך:

—ז—ז—זאָ—ג—ט מ—מ—י—ר וו—וו—ע—ר איז ד—ד—ע—ר באַ—אַ—אַ—לע—ב—באָס?

האָט אים דער משרת (קלוירק) אָנגעוויזן אויף דעם באַלעבאָס, אויף דעם סוחר פון טערקיי. אַליין האָט דער משרת אַ שמייכל געטאָן צום צווייטן משרת: — זע נאָר, אונזער קונד היקעט אויך!...

איז הערשל צו צום באַלעבאָס און גענומען היקען און שטאַמלען:

— אי—ך דאַ—אַ—אַר—ף—ף אַ ס—ס—ך וואַ—אַ—רע.

האָט דער באַלעבאָס גענומען נאָך ערגער שטאַמלען:

— אַ—ד—דע—ראַ—בע, ג—ו—ט—ט, אי—ך האָ—אָ—ב אַל—ץ—ץ, וואָ—אָס אי—י—ר וו—וו—י—ילט.

האָט הערשעלע ווייטער שטאַמלענדיק גערעדט און געבעטן זיך ווייזן דריי סאָרטן רייז.

נו, אַז צוויי שטאַמלער האָבן גערעדט, האָט עס געדויערט אַ שעה (שאָ) איידער זיי האָבן זיך צוזאַמענגערעדט.

אַן אַנדער שעה האָט גענומען איידער זיי זיינען צורעכט געקומען וועגן די פּרייזן. הערשעלע האָט זיך אויסגעשטעלט פּאַר אַ גרויסן סוחר פון טיף־רוסלאַנד, וואָס דאַרף איינקויפן אַ מאַסע סחורה. דער באַלעבאָס האָט געהייסן אַלע זיינע באַדינער מיט הערשעלען זיך אָפּצוגעבן און אויף די אַנדערע קונדן און סוחרים וואָס זיינען געווען געקומען אין געוועלב אַריין האָט מען זיך ניט אומגעקוקט.

ביידע האָבן געהאַלטן אין איין שטאַמלען — אַזש די משרתים האָבן זיך קוים געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

ס׳איז אַוועק אַ גאַנצער טאָג. הערשל האָט גענומען די הונדערט רובל און געגעבן האַנטגעלט, און איינגעהאַנדלט האָט ער דערווייל רייז, פייגן און ראָזשינקעס.

דורכן טאָג איז ביים רייכן סוחר צוליב דעם פאַרשטעלטן הער־שעלען געווען אַ הו־האַ. אַ סך אַנדערע סוחרים זיינען געקומען און אַוועק און איינגעקויפט אַ סך זאַכן ביי די אַנדערע קלענערע סוחרים, ביי די אָרימערע, וואָס זיינען געווען אויפן מאַרק.

אויפן צווייטן טאָג איז הערשל ווידער געקומען אַן אויסגעפּוצטער און גענומען זיך דינגען וועגן ש—ש—יך. אַ האַלבן טאָג האָט עס גענומען ביז ער האָט זיך מיט זיין געמאַכטן שטאַמלען זיך צונויפ־גערעדט מיטן באַלעבאָס. נאָך די שיך האָט הערשל געזאָגט, אַז ער וויל קויפן ז—זאָ—קן, דערנאָך הע—עמ—דער, און אַזוי איז ווידער אַוועק אַ גאַנצער טאָג. הערשל האָט אַלץ געהייסן פּאַקן אין פּעק און אין זעק. דער רייכער סוחר האָט ביינאַכט אַ צופרידענער געזאָגט צו זיין בוכהאַלטער:

— אַ—י—י—ד—ך האָ—אָ—ב—ב ג—ג—עע—פּ—פּ—אַקט

ד—דע—ע—ם ריכ—טיק—קן קו—נ—נה. ע—ע—ר ק—קויפ——ט אַפּ אַ—אַלץ.

דער יאַריד האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג. אויפן דריטן טאָג איז אונזער הערשל ווידער געקומען און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנג שטאַמלעניש, אַ היקען און אַ דינגעניש. הערשל האָט געזאָגט, אַז ער וויל האַנדלען נאָר מיטן באַלעבאָס.

דערווייל, ווי מען איז דאָ אַלץ געווען פאַרנומען מיט הערשלען, האָט מען ניט געקענט האַנדלען מיט אַנדערע קויפער, און זיי זיינען אַלע אַוועק צו די קלענערע געוועלבן און צו די גאָר קליינע סוחרים מיט די שטולן און טישלאַך אין מאַרק.

ווען דער דריטער טאָג איז שוין געווען פאַרביי, האָט הערשל אַלע פּעק געהייסן פאַרפּאַקן אויף דריי וועגענער. האָט דער טערקישער סוחר גענומען אומגעדולדיק שטאַמלען און זאָגן:

— או—ו—ן וו—וו—וואַ—ס וו—ע—ט ז—זיי—ן מיט נ—אָ—ך ג—געָ—לט?

הערשל האָט געענטפערט:

— מ—מ—ער ק—קיי—ן—ן גגע—גע—לט האָב אי—י—ך ני—יט. איך וו—וו—על צושי—י—קן.

אָבער דער רייכער מאַן האָט הערשלען ניט געוואָלט אָנטרויען אַזויפיל וואַרע און געבעטן געלט. דאַן האָט הערשל זיך געמאַכט, ווי ער באַליידיקט זיך, און גענומען שרייען:

— וו—אָס, איר טרו—יט מ—מ—יך ניט? אי—ר מ—מיינ—ט, אַ—אַז אי—י—ך ב—בין אַ ג—ג—נב?

האָט מען זיך גענומען קריגן.

איז מען אַוועק צום רב פון שטאָט. דאָרט האָט הערשל נאָך גענומען שרייען, אַז דער רייכער סוחר מאַכט פון אים חוזק, אַז ער קרימט אים נאָך, אַז ער שטאַמלט אים נאָך.

— אי—יך הי—י—קע, ק—קום אי—ך צו אים, נע—עמט ער און שטאַ—אַ—מ—לט אויך, צו מאַכ———כ—ן חו—ז—ז—ק פון מיר, — האָט הערשל געגוואַלדעוועטביים רב.

דער רב פון באַלטאַ האָט ניט געוואוסט ווער ס'איז דער אמת'ער שטאַמלער. האָט ער גע'פּסק'נט, אַז דער גאַנצער מסחר איז אויס, און דער טערקישער סוחר מוז צוריקנעמען די רייז, מיט די פייגן און ראָזשינקעס, און אָפּגעבן הערשלען די הונדערט רובל.

איז הערשל אַוועק און צוריק אויסגעטאָן די פרעמדע שיינע קליידער פון זיך און האָט זיך צוריק אָנגעטאָן זיינע אייגענע אָרימע קליידער. די מאַרק-לייט האָבן אים געגעבן 25 רובל אַ מתנה פאַר זיין קלוגן איינפאַל און הערשל האָט דאָס געלט אָפּגעשיקט צו זיין אָרימער פרוי און קינדער.

און דער רייכער מאַן פון טערקיי האָט געמוזט גאָר זיין וואַרע פאַרקויפן פאַר אַ דריטל געלט, ווייל ס'איז דאָך שוין געווען נאָכן יאַריד. האָבן די לייט פון שטאָט זיך אָנגעקויפט פאַר זייער ביליק מיט אַלדאָסגוטס.

און הערשל איז פון דאָרט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט.

מ. קיפּניס

ווי אַזוי כעלם איז געבליבן אָן בעטגעוואַנט

אין כעלם איז אַמאָל אָפּגעברענט געוואָרן דאָס באָד.

און אַזוי ווי קיין געלט אויף אויפצובויען אַ ניי באָד האָט כעלם נישט געהאַט, האָט די גאַנצע שטאָט זיך געהאַלטן אין איין קראַצן; יעדער איינער האָט אויף זיך צעריסן און צעקראַצט דאָס גאַנצע לייב פון בייסעניש.

וואָס-זשע טוט מען פאַרט אָן אַ שוויץ-באָד? די גאַנצע שטאָט קאָן דאָך, חלילה (כאַלילע), אומקומען פון גרויס בייסעניש און קראַצעניש?

האָט מען געמאַכט אַן אספה (אַסיפע), געטראַכט דריי טעג מיט דריי נעכט און ס'איז געבליבן: אַזוי ווי די שטאָט אַליין איז אָרעם, זאָל מען אַרויסשיקן דריי אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון שטאָט אויף דער גרויסער וועלט, זיי זאָלן צונויפנעמען נדבות (נעדאָוועס) אויף אַ באָד.

געזאָגט און געטאָן.

זיינען אַרויסגעפאָרן אין דער גרויסער וועלט אַריין די דריי אָנגעזעענסטע, קליגסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. אידן זיינען רחמנים-בני- רחמנים (ראַכמאָנים בניי ראַכמאָנים), דערהערט, אַז מען דאַרף אַ נדבה (נעדאָווע) אויף אַ שוויץ-באָד פאַר כעלם, האָבן אַלע געגעבן,

קליין און גרויס. חדשים לאַנג האָבן די דריי כעלעמער אידן אַרומ־געוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל, ביז זיי האָבן אָנגעזאַמלט דאָס גאַנצע געלט, וואָס מען דאַרף האָבן אויף אויפצובויען אַ ניי באָד.

אַז זיי האָבן שוין גענדאַרפט זיך אומקערן צוריק קיין כעלם, איז געוואָרן ביי זיי אַ שאלה (שיילע): וואָס טוט מען מיטן געלט? אַזוי ווי אין דער סביבה (סוויווע) פון כעלם דרייען זיך אַרום גזלנים (גאַזלאָנים) און וואַלד־רויבער, קאָנען די רויבער דאָך זיי באַפאַלן און צונעמען ביי זיי דאָס גאַנצע אָנגעזאַמלטע געלט.

האָבן זיי געמאַכט אַן אספה (אַסיפע), געטראַכט און געטראַכט און ס׳איז ביי זיי געבליבן, אַז אַזוי ווי פירן מיט זיך דאָס געלט איז אַ סכנה (סאַקאָנע) — די וואַלד־רויבער, וואָס אַרום כעלם, זאָלן זיי נישט באַפאַלן, — זאָל מען בעסער פאַרן גאַנצן געלט קויפן סחורה (סכוירע) און די סחורה אַוועקשיקן מיט וועגענער קיין כעלם.

האָבן זיי ווידער מורא געקראָגן: וואָס וועט זיין, אַז די גזלנים און וואַלד־רויבער וועלן באַפאַלן די וועגענער, וועלן צונעמען די סחורה, און כעלם וועט ווידער בלייבן אָן אַ שוויץ־באָד?

האָבן זיי ווידער געמאַכט אַן אספה, געטראַכט דריי טעג מיט דריי נעכט, און ס׳איז געבליבן, אַז פירן דאָס געלט מיט זיך איז אַ גרויסע סכנה (סאַקאָנע) — די גזלנים און רויבער, וואָס דרייען זיך אַרום אין די כעלמער וועלדער, זאָלן זיי נישט באַפאַלן און דאָס געלט צונעמען — בלייבט דעריבער, אַז פאַר דעם אָנגעזאַמלטן געלט זאָל מען קויפן סחורה (סכוירע), און די סחורה אַוועקשיקן מיט וועגענער קיין כעלם. איז דאָך אָבער ווידער אַ מורא, אַז גזלנים זאָלן באַפאַלן די וועגענער מיט סחורה און זיי אויך צונעמען? — איז דעריבער די בעסטע און זיכערסטע עצה (אייצע), מען זאָל קויפן פאַרן גאַנצן געלט פעדערן און די פעדערן אַוועקשיקן מיטן ווינט קיין כעלם, און אַזוי אַרום וועט עס זיין געזיכערט פון גזלנים און רויבער.

און אַזוי האָבן זיי געטאָן:

געקויפט פאַרן גאַנצן אָנגעזאַמלטן געלט פעדערן, אָפּגעוואַרט אַ גוטע שעה, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן צו דער זייט, וואו כעלם שטייט — האָבן זיי אַרויסגעלאָזט די פעדערן מיטן ווינט, און אַליין האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט רואיקע און צופרידענע אַהיים קיין כעלם.

אַז זיי זיינען געקומען קיין כעלם, האָט מען זיי מקבל־פּנים

(מעקאַבל־פּאָנים) געווען מיט גרויס כבוד (קאָוועד) און די שטאָט האָט זיך געפרייט, וואָס ענדלאַך איז שוין דאָ געלט אויף אַ ניי שוויץ־באָד און דער עולם וועט זיך שוין אויפהערן צו קראַצן.

— וואו איז דאָס געלט? — האָט מען זיי געפרעגט.

דערציילן די דריי שלוחים (שילוכים), אַז מורא האָבנדיק גזלנים זאָלן זיי נישט באַפאַלן און צונעמען דאָס געלט, האָבן זיי באַשלאָסן קויפן סחורה און שיקן די סחורה קיין כעלם, וואו מען וועט פאַר־קויפן די סחורה און בויען דאָס באָד. נאָר אַזוי ווי צו שיקן פּשוט'ע סחורה אויף וועגענער איז אויך געווען אין סכנה פאַר גזלנים, האָבן זיי געקויפט פעדערן און אַוועקגעשיקט די פעדערן קיין כעלם מיטן ווינט אַזוי, אַז פון גזלנים און רויבער איז דאָס פולקאָם געזיכערט.

איז געוואָרן אין כעלם אַ גרויסע שמחה (סימכע): אַ קלייניקייט עפּעס פעדערן! אַ זיכערע סחורה, וואָס לאָזט זיך גוט פאַרקויפן און אויף דער סחורה אַליין קאָן מען אויך גוט פאַרדינען.

— וואו־זשע זיינען די פעדערן?

מען וואַרט אַ טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, גאַנץ כעלם האַלט אין איין אַרויסגיין הינטער דער שטאָט באַגעגענען די פעדערן — און מען זעט נישט און מען הערט נישט.

— מן הסתם (מין האַסטאַם) האָבן זיי פאַרשפּעטיקט אין וועג — האָט מען זיך געטרייסט, — אַ מענטש קאָן זיך אויך פאַרשפּעטיקן, היינט ווי־זשע פעדערן.

ס'זיינען אַוועק נאָך עטלאַכע טעג און די פעדערן זיינען אַלץ נישט געקומען צו פליען.

האָט כעלם געמאַכט אַ גרויסע אספה, געטראַכט דריי טעג מיט דריי נעכט און ס'איז געבליבן, אַז כדי צו זיכערן דאָס געלט פון גזלנים, האָבן די שלוחים גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן פאַרן געלט געקויפט פעדערן און די פעדערן אַוועקגעשיקט אויף אַ זיכערן וועג מיטן ווינט. אי, וואָס די פעדערן זיינען נאָך נישטאָ? — איז דאָס גאָר אַ פּשוט'ע זאַך:

— זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט...

אַזוי ווי די פעדערן זיינען נאָך קיינמאָל נישט געווען אין כעלם, ווייסן זיי דעם וועג נישט און בלאָנדזשען נעבאַך אַרום ערגעץ נישט ווייט, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי אַרום אַריינצופליען אין שטאָט אַריין.

וואָס־זשע טוט מען?

האָט מען געמאַכט נאָך אַן אספה, געטראַכט ווידער דריי טעג מיט דריי נעכט און ס'איז געבליבן, אַז אַזוי ווי די געקויפטע פעדערן האָבן פאַרבלאָנדזשעט און קאָנען נישט טרעפן דעם וועג קיין כעלם, זאָל מען צו זיי אַרויסשיקן די פעדערן פון שטאָט אַנטקעגן, וועלן זיי זיך באַגעגענען אויפן וועג און צוזאַמען אַריין קיין כעלם.

און אַזוי האָט מען געטאָן.

האָט גאַנץ כעלם אַרויסגעטראָגן דאָס בעטגעוואַנט הינטער דער שטאָט, אויפגעריסן די קישנס און אַוועקגעשיקט די פעדערן מיטן ווינט, זיי זאָלן באַגעגענען די פאַרבלאָנדזשעטע פעדערן און אַריינ־נעמען זיי אין שטאָט אַריין.

און אַזוי אַרום איז כעלם געבליבן אָן אַ שוויץ־באָד און אָן בעט־געוואַנט...

מ. קיפּניס

ניין כעלעמער האָבן זיך געבאָדן

ניין כעלעמער זיינען זיך געגאַנגען באָדן אין כעלעמער טייך. אַז זיי האָבן זיך גוט אויסגעבאָדן און אַרויס פון טייך, האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער האָט זיך, חלילה (כאָלילע), איינער דערטרונקען — האָט איינער גענומען איבערציילן, צי אַלע זיינען דאָ. געציילט: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי א. א. וו. זיך האָט ער פאַרגעסן צו ציילן. שלעכט, ס'פעלט איינער, ס'איז דאָ אַכט.

אַלע קוקן זיך איבער, יעדער דערקענט זיך, אַז ער איז דאָ, געווען זיינען זיי ניין און איבערגעציילט האָט מען אַכט...

האָט אַ צווייטער גענומען ציילן, האָט ער אויך יעדן געציילט, נאָר זיך אַליין פאַרגעסן, און עס איז ווידער אויסגעקומען אַכט...

האָט אַ דריטער געפּרוּווט ציילן, אַ פערטער, אַ פינפטער, יעדער האָט געציילט און יעדער איינציקער האָט זיך אַליין פאַרגעסן צו ציילן און ס'איז אַלץ געווען אַכט...

זיצן זיי, די כעלעמער, נאַקעטע אויפן זאַמד פונם ברעג טייך און וויינען.

איז דורכגעגאַנגען אַ פרעמדער, פרעגט ער זיי, וואָס זיי וויינען. דערציילן זיי אים די גאַנצע מעשה, אַז זיי זיינען זיך געגאַנגען באָדן,

זיינען זיי געווען ניין און איצט, אַרויסגייענדיק פון טייך, פעלט איינער...

האָט דער פּרעמדער איבערגעציילט און זיך צעלאַכט:

— נאַראָנים, עס פעלט פון אייך קיינער! איר זיינט דאָך דאָ אַלע ניין...

— זייט נישט קיין קלוגער! — האָבן זיי אים מיט די הענט אָוועקגעמאַכט — מיר אַלע האָבן געציילט איז אויסגעקומען אַכט, און ער איינער האָט איבערגעציילט, איז שוין גאָר ניין...

— ווייסט איר וואָס? — האָט דער פרעמדער זיך אָנגערופן — אַז איר ווילט זיך גוט איבערצייגן אויף זיכער, וויפיל איר זיינט דאָ — נאָט אייך אַן עצה (אייצע): זאָל יעדער איינציקער פון אייך אַריינשטעקן זיין נאָז אין זאַמד אַריין, דערנאָך איבערציילן די לעכער, וועט איר וויסן אויף זיכער, וויפיל איר זיינט דאָ...

— גוט! — האָבן אַלע כעלמער אויסגעשריען, און אַזוי געטאָן. האָבן אַריינגעשטעקט די נעזער אין זאַמד אַריין, דערנאָך איבער־געציילט די לעכער, איז געווען ניין...

ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען טאַקע דאָ אַלע ניין און קיינער פון זיי איז, חלילה, נישט דערטרונקען געוואָרן, און פון גרויס גדולה (גדולע) זיינען זיי אַלע אַריינגעלאָפן נאַקעטערהייט אין שטאָט אַריין...

ב ע ר ל ב א ם

דריי מעשה׳לאַך וועגן מאָטקע כאַבאַד

ער איז שוין געווען אַ גרויסער און דערוואַקסענער מאַן, און דאָך האָט מען אים גערופן מאָטקע, ווייל ער איז געווען אַ ווייצלינג און פלעגט ליב האָבן צו מאַכן קונצן, שטוקעס, אַזוי ווי אַ אינגל.

מאָטקע כאַבאַד איז געווען זיין פּולער נאָמען.

אַנדערע האָבן אים גערופן מאָטל.

געוואוינט האָט ער אין ווילנע, וואָס אין ליטע (איצט באַלאַנגט עס צו פּוילן).

ער איז געווען אַ גרויסער אביון (עוויען), ער פלעגט אָפט ניט האָבן קיין ברויט פאַר זיין משפחה (מישפּאָכע), און דאָך פלעגט ער זיך פריילאַך מאַכן.

אזא מענטש איז ער געווען.

מען פלעגט אים רופן אויף חתונות (כאסענעס), ער זאָל פריילאך מאכן די מחותנים (מעכוטאָנים), און פאר דעם פלעגט ער עפעס באקומען, — א פּאָר גילדן און עפּעס צו עסן. מען פלעגט אים אויך רופן אויף שמחות (סימכעס) אין פּריוואטע רייכע הייזער, ער זאָל די געסט משמח (מעסאַמייאך) זיין, ער זאָל זאָגן וויצן און אזוי גלייכווערטלאך. ער איז געווען ענלאך אויף א צווייטן אידישן וויצלינג מיט דעם נאָמען הערשעלע אסטראָפּאָליער, וואָס האָט אמאָל געלעבט אין אוקראַינע.

מאָטקע, אזוי ווי הערשעלע, האָט אָפט געהאט צו טאָן מיט קאַרגע באַלעבאַטים, מיט שלעכטע גבאים (גאַבאָים), מיט בייזע רייכע אַרענדאַרן, און ער האָט זיי פיל מאָל שאַרף אַריינגעזאָגט און אפילו אָפּגעטאָן פיינע שפּיצלאך.

אָט זיינען דריי קורצע מעשה'לאך פון מאָטקע כאַבאַד — דער וויצלינג פון ליטע:

מאָטקע וויל אַראָפּשלעפּן די זון

ניט ווייט פון ווילנע האָט געוואוינט א רייכער אידישער אַרענדאַר, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט זיין שלעכטסקייט. אַן אָרימאַן פלעגט ביי אים ניט קענען באַקומען — ניט קיין שטיקל ברויט און ניט קיין נאַכטלעגער. אויסער זיין שלעכטסקייט איז דער אַרענדאַר נאָך געווען א גרויסער נאַר, אַן אמת'ער שוטה (שויטע), ווי ס'מאַכט זיך אמאָל.

האָט מאָטקע געזאָגט:

— וואַרט נאַר, איר וועט זען, אַז איך וועל ביי אים, ביים קאַרגן, נאַרישן באָק אפילו אַרויסקריגן עטלאַכע רובל.

— ווי אזוי? — האָט מען געפרעגט ביי מאָטקען.

— איר וועט שוין זען.

איז אונזער קלוגער מאָטקע אַוועק צום אַרענדאַר, זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און מיט א גלעזערנעם, בלאָען שפּאַקטיוו גענומען קוקן אויף דער זון.

דערביי האָט זיך מאָטקע געהאַט אָנגעטאָן אין אזוינע מאָדנע קליידער, מיט ווייסע און בלאָע פּאַסן, אזוי ווי די קונצנמאַכער אין צירק.

דער אַרענדאַר האָט זיך פאַרוואונדערט אויף דעם און געפרעגט ביי מאָטקען:

— ווער זייט איר? און וואָס טוט איר דאָ, און וואָס קוקט איר אזויפיל אויף דער זון דורך דעם שפּאַקטיוו?

מאָטקע האָט געענטפערט:

— איך בין אַ וועלט־באַרימטער קונצנמאַכער. איך קען אַראָפּציען די זון פון הימל.

— אַזוי! — האָט דער נארישער אַרענדאַר זיך אַזש פאַרכלינעט — מאַכט דאָס טאַקע, איך בין אַ בעלן (באַלן) דאָס צו זען.

— אַז איר וועט מיר געבן פינף קערבלאַך, און טאַקע באַלד זיי אָפּציילן מיר אין דער האַנט אַריין, וועל איך עס טאָן פאַר אייך.

האָט דער קאַרגער ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון (ניסאָיען) — אים האָט זיך געוואָלט האַלטן אַ ווײַלע די זון אין די הענט. האָט ער מאָטקען באַלד געגעבן די פינף רובל.

מאָטקע האָט זיך אָוועקגעשטעלט אינדרויסן אויף אַ טיש און מיט אַ לאַנגן שטעקן האָט ער גענומען שאַרן, דרייען אינדערהייך, אַהין־און־צוריק.

— נו, — האָט דער אַרענדאַר געזאָגט מיט אומגעדולד, — ווען וועט איר שוין די זון אַרונטערשלעפּן?

— זייט אַזוי גוט, — האָט מאָטקע אים אַ זאָג געטאָן, — איר זייט דאָך העכער פאַר מיר, קומט שטעלט איר זיך אַרויף אויפן טיש און טשעפּעט נאָר אָן די זון אויפן שטעקן אַביסל באַטש, דערנאָך וועל איך זי שוין אַראָפּשלעפּן.

דער אַרענדאַר האָט גענומען קריכן אויפן טיש. דאַן איז מאָטקע אַראָפּ, אַ שפּרונג געטאָן און אַוועק.

דער אַרענדאַר איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין דרייען מיטן שטעקן און איז געווען אַזוי פאַרבלענדט פון דער זון, אַז ער האָט גאָר ניט געזען ווי מאָטקע איז אַוועק.

מאָטקע נעמט אָן אורח (אויראַך) אויף שבת

ס'איז פרייטיק־צו־נאַכטס אין ווילנער שול. אַלע באַלעבאַטים זיינען זיך שוין געווען פאַנאַנדערגעגאַנגען אהיים. געבליבן זיינען דריי: דער אַלטער שמש (שאַמעש), מאָטקע און אַ פרעמדער אורח (אויראַך), וועמען קיינער האָט ניט גענומען אויף שבת.

זאָגט מאָטקע צום אָרימאַן:

— קומט מיט מיר!

דער שמש האָט געלאַכט — דער אָרימער מאַטקע נעמט אַן אורח!

מאַטקע האָט אוואדע געוואוסט, אַז ביי אים אין שטוב הערשט דער דלות (דאַלעס), נאָר געהאָפט האָט ער, אַז די ווייב זיינע האָט דאָך ערגעץ עפּעס באַקומען אויף שבת. וועט מען זיך טיילן מיטן אָרימאַן מיטן לעצטן ביסן.

נעמט דער אָרימאַן און גייט מיט מאַטקען.

אריין אין הויז, דערזעען זיי ווי מאַטקעס ווייב זיצט ביי אַ קליין ליכטל און טרויערט. נישטאָ גאָרנישט ניט צו עסן.

הייבט די פרוי אָן צו שרייען אויף מאַטקען:

— אַ גאַנצן טאָג שלעפּסטו זיך אַרום אין מאַרק מיט דיינע וויצן און חכמות (כאָכמעס) און איצט ברענגסטו מיר נאָך אויף אַלע צרות אַן אורח אין שטוב, משוגע׳נער וואָס דו ביסט!

קראַצט זיך מאַטקע אין קאָפּ, דאָס האַרץ איז פול מיט ביטערניש, דאָך גיט ער פריילאַך אַ זאָג צום אורח:

— הערט, רב איד, זאָל זי זיך שרייען וויפיל זי וויל און מיר וועלן זיך טאָן אונזערס.

— וואָס מיינט איר? — האָט דער אָרימאַן אַ פרעג געטאָן.

געמיינט האָט ער, אַז מאַטקע האָט ערגעץ באַהאַלטען אַביסל עסן.

— גאָרניט, — האָט מאַטקע געענטפערט. — זאָל זי שרייען, מיר׳ן זיך דערווייל אויסציען אויף דער האַרטער באַנק, אונטערלייגן די פּויסטן צוקאָפּנס און שלאָפן...

אָט אַזאַ וויצלינג איז געווען מאַטקע. ער האָט אַפילו געקענט לאַכן פון זיינע אייגענע צרות.

מ אַ ט ק ע א ו ן ד ע ר ג ר ו י ס ע ר ג ב י ר (גוויר)

געווען אין ווילנע אַ גרויסער גביר, אַפּאַטאָוו האָט מען אים גערופן. האָט ער געוואָלט אויספּרואוון די ערלאַכקייט פון הונגעריקע, דעם יושר פון אָרימעלייט.

האָט ער אריינגערופן פון גאַס אַ טרעגער, דער וואָס טראָגט שווערע פּעק, און אַ פרעג געטאָן ביי אים:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו געפינסט אַ טייסטער מיט געלט?

— וואָס? — האָט דער טרעגער געענטפערט — אַזאַ אביון (עוויען)

ווי איך בין, מיר וואָלט עס זייער צוניץ געקומען, איך וואָלט עס צוגענומען און געקויפט שיך פאַר מיינע קינדער.

דער גביר איז מיט דעם ענטפער ניט געווען צופרידן.

האָט ער געשיקט נאָך אַ פורמאַן און האָט אים געשטעלט דיזעלבע פראַגע:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו געפינסט ביי זיך אין פור אַ פרעמדן טייסטער מיט געלט?

דער פורמאַן האָט געענטפערט:

— איך בין טאַקע אַ גרויסער אָרימאַן, דאָך וואָלט איך דעם טייסטער אָפּגעגעבן דעם, וועמען דאָס געהערט.

אינדעם, ווי דער גביר (גוויר) רעדט אַזוי מיטן פורמאַן, קומט אַריין מאָטל.

דער רייכער מאַן האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און געזאָגט:

— הער נאָר, מאָטל, זאָג, וואָס וואָלסטו געטאָן ווען דו געפינסט אַ פעקל מיט געלט אין גאַס?

— וואָר פרעגט איר ביי אָרימעלייט אַזוינע קשיות (קאַשעס), — האָט מאָטקע לאַכנדיק געענטפערט, — לאָמיר פריער אָקאָרשט געפינען אייערס אַ טייסטערל, וועלן מיר שוין דאַן טראַכטן וואָס צו טאָן מיט דעם.

דער גביר האָט זיך פאַרשעמט און ער האָט דערפילט, אַז ער טוט אַן עולה (אוולע). ער האָט מאָטקען אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. געגעבן אים אַ גילדן און געזאָגט:

— ניטאָ וואָס צו ריידן, האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

מאָטקע האָט געכאַפּט דעם גילדן און געלאָפן אַהיים צו זיין ווייב.

צו די לערער

די באַדערפעניש פון דער אידישער שול זיינען פאַר די לעצטע יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן, ברייטער און טיפער געוואָרן. אויסלערנען די קינדער אידיש־לייענען, אידיש־שרייבן, אַ קאַפּעלע ליטעראַטור, אַביסל געשיכטע, ביז איינעם אָדער אַן אַנדער חורבן, איז ניט אַלץ, ניט גענוג, ניט דער עיקר. יאָרן פון דערפאַרונג האָבן געוויזן, אַז לערנען „לימודים" אַליין איז ווייניק ווערט, אויב דורך די לימודים געלינגט ניט צו שאַפן ביי די קינדער אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַרן אידישן לעבן, אַ פאַרשטענדעניש פאַר די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונזער צייט — די גרויסע קאַמפן און ראַנגלע־נישן, וואָס גייען אָן אויף דער וועלט.

צופעליקע שמועסן, רייד, זיינען ניט גענוג, ווירקן ניט. די דערפאַרונג האָט געלערנט, אַז מען קען זיך אויך ווינציק וואָס פאַרלאָזן דערויף, אַז קינדער וועלן שוין אוודאי אַליין, ווען עס איז, געפינען אַ פאַרענטפערונג פאַר די פּראָבלעמען פון לעבן, אַז קינדער וועלן אַליין זיין בכח אוטיליזירן די קענטעניש, די ידיעות, וואָס זיי קריגן אין שול, ציען שלוסן... אַזאַ האָפענונג איז באמת גאָרניט קיין באַרעכטיקטע און גאָרניט קיין זיכערע. לאָזן קינדער אַליין צו דרינגען שלוסן פון פאַקטן, מיט וועלכע זיי ווערן באַקאַנט, געבן די קינדער אַ מעגלאַכקייט צו געפינען אַליין אַ פאַרענטפערונג פאַר די פּראָבלעמען, איז זייער אַ וואוילע זאַך, אַ נויטיקע זאַך, אָבער די אויפגאַבע פון אַ שול איז אויך צו דירעקטירן און אָנפירן, לערנען די קינדער ווי צו זוכן און צו געפינען צוזאַמענהאַנגען, לערנען ווי אויסצונוצן די פאַקטן און דערפאַרונגען, ווי אַזוי די פּאַסירונגען פון נאָענטן, אָדער ווייטן אַמאָל צו פאַרבינדן מיט דעם, וואָס קומט פאָר היינט. פון זיך אַליין קומט דאָס ניט. דאָס איז תמיד אָפּהענגיק פון דעם, ווי אַזוי דאָס לערנען איז געפירט געוואָרן, אין וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנגען די מאַטער־יאַלן זיינען געגעבן געוואָרן.

פאַר לערער, וואָס גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון אין זייער אַרבעט, ווערט וואָס אַמאָל קלערער, אַז ס'איז נויטיק וואָס מער פון דעם, וואָס ווערט מיט די קינדער געטאָן און געלערנט אין שול, צו פאַרבינדן און פאַרקניפּן מיטן לעבן פון היינט, מיטן לעבן, וואָס פריער אָדער שפּעטער וועלן די קינדער מיט אים קומען אין באַרירונג; אַניט איז גרויס

די סכנה, אַז באַגעגנדיק זיך מיט די נייע, אומגעריכטע, און אָפּטמאָל פּרעמדע, קעגנערישע און פיינטלאַכע שטראָמען פון לעבן זאָלן די קינדער בלייבן פאַרווירט, זאָלן אַלע ידיעות און אַלע געניטונגען אָפּגעווישט ווערן, פאַרשווינדן.

מיר דאַרפן וואָס מער אָרגאַניזירן אונזערע לערנטעטיקייטן אַזוי, אַז זיי זאָלן וואָס ענלאַכער און ניט וואָס פרעמדער זיין די לעבנס־טעטיקייטן. דעמאָלט איז מעגלאַך אַ גרעסערע פאַרזיכערונג, אַזוי וועלן ניט פאַרלאָרן גיין ווי נאָר די קינדער וועלן אַריבערשפּאַנען די ריין־קינסטלאַכע לערן־אַטמאָספער פון דער שול.

די גרויסע צעפּיצלטקייט פון לימודים איז איינע פון די סיבות, וואָס פּרעמדט אָפּ דאָס לערנען אַזוי שטאַרק פון דערווירקלאַכקייט. אין דער וויסנשאַפט און בכלל פאַרשונג איז איזאָלירן פאַקטן און דערשיינונגען אַ נויטווענדיקער מעטאָד פון אויסגעפינען סיבות, רעזולטאַטן, געזעצן. אין שול איז די איזאָלירטקייט אַ שטערונג, אין שול איז די צעברעקלטקייט אַ פאַרניכטונג פון די צוזאַמענהאַנגען וואָס זאַכן האָבן אין לעבן.

דער געדאַנק ווערט אַלץ מער אָנגענומען אין די קרייזן פון דער אידיש־וועלטלאַכער שול אין אַמעריקע.

די באַשלוסן און רעקאָמענדאַציעס פון די שולן־צוזאַמענפאָרן גייען די לעצטע עטלאַכע יאָר כסדר אין דער ריכטונג פון פאַרייניקן לימודים און טעטיקייטן. אַזוי, למשל, האָט דער שול־צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־רינג שולן, אין פילאַדעלפיע (אַפּריל 1929), אָנגענומען אַ באַשלוס צו פאַרייניקן די ביאָגראַפיעס פון סאָציאַלע קעמפער מיט געזעלשאַפטלאַכע פראַגן, און ניט לערנען ביאָגראַפיעס כראָנאָלאָגיש.

גלייכצייטיק איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרבינדן ליטעראַטור מיט געזעלשאַפט־קענטעניש, בויען די פּראָגראַם פון ליטעראַטור סאָציאָלאָגיש.

פון זינט יענע באַשלוסן איז שוין אַריבער אַ היפשע פאָר יאָר, אָבער ס'איז געווען כמעט אוממעגלאַך די באַשלוסן צו פאַרווירקלאַכן אין לעבן. ס'האָבן פשוט אויסגעפעלט פּאַסיקע לערנביכער.

דאָס בוך, וואָס מיר האָבן צונויפגעשטעלט און וואָס ליגט איצט פאַר די לערער — „אונזער וואָרט" — איז אַ באַשיידענער פּרואוו צו באַפרי־דיקן אָט די נייע באַדערפעניש פון דער נייער אידישער שול אין אַמעריקע.

אין די צוויי בענד (דערווייל דערשיינט בלויז דער ערשטער באַנד)

ווערט טעמאַטיש אָפּגעשפּיגלט דאָס אידישע לעבן בכלל און דאָס אידישע אַרבעטער־לעבן בפרט. קינסטלעריש ווערטפולע ווערק פון די קינדער קריגן מוסטערן פון דער אידישער ליטעראַטור.

דער מאַטעריאַל ווערט איינגעטיילט טעמאַטיש, לויט קאָמפּלעקסן, דער עיקר סאָציאַלע. יעדער קאָמפּלעקס נעמט אַרום דריי געגנשטאַנדן: ליטע־ראַטור, געזעלשאַפטלאַכע פראַגן און ביאָגראַפיעס פון פרייהייט־קעמפער.

אינם ערשטן בוך זיינען די קאָמפּלעקסן:

I. אַרבעטער־קינדער (קינדער־אַרבעט, רייכע און אָרימע קינדער, נויט און צער).

די איינטיילונג איז באמת ניט קיין דורכויס שטרענגע, וואָרים אין דער אָפּטיילונג גייען אויך אַריין דערציילונגען און לידער, וואָס שפּיגלען אָפּ אַלגעמיינע קינדערשע איבערלעבונגען, קינדערשע לייד און פרייד, חבר׳שאַפט, און העלדישקייט; קינדער און שטוביקע בעלי־חיים. אַרבעטער־קינדער איז נאָר די סאָציאַלאָגישע באַצייכנונג פון קאָמפּלעקס.

II. נויט און קאַמף (עקספּלואַטאַציע, אָרימקייט, דער סוועט־שאַפּ, סטרייקס, אַרבעטסלאָזיקייט, אַרבעטער ימים־טובים (ערשטער מאַי), אַר־בעטער־קאַמפּן און אַרבעטער־קעמפער).

III. מלחמה (איבערלעבונגען אויפן שלאַכטפעלד, די פאַרצווייפלונג פון סאָלדאַט, דער פּראָטעסט קעגן מלחמה, די שרעקלאַכע נאָכווייען פון דער מלחמה).

IV. דאָס אידישע קינד אין דער אַלטער היים (דער חדר, די ישיבה, ימים־טובים, דאָס לערנאינגל און דער מייסטער).

V. מעשיות און לעגענדעס (פאַנטאַסטישע, היסטאָרישע, הומאָריס־טישע, פאָלקס־מעשיות).

אין צווייטן בוך וועלן די קאָמפּלעקסן זיין:

א) דאָס לעבן פון די אידן אין דער אַלטער היים.

ב) דער אידישער אַרבעטער אין דער אַלטער היים.

ג) די באַציאונגען צווישן אידן און קריסטן.

ד) עמיגראַציע.

ה) אַמעריקע די נייע היים.

ו) די ערשטע יוניאָנס, סטרייקס, אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס.

ז) דער קאַמף פאַר אַ גליקלאַכער צוקונפט.

ח) דאָס נייע אידישע לעבן (אין פאַרשיידענע לענדער).

יעדער קאָמפּלעקס ווערט אַרויסגעבראַכט דורך אַ פאַרשיידנאַרטיקן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, סיי אַ ריין־קינסטלערישן, סיי אַ בעלעטריסטיש־

פובליציסטיש. דער געווינס פאַר אַזאַ איינטיילונג וועט זיין קאָנקרעטקייט, בילדלאַכקייט (פאַר די סאָציאַלע לימודים), אַ לעבעדיקערע שייכות מיט דערווירקלאַכקייט (פאַר דעם ליטעראַטור־לימוד).

די כסדרדיקע קאָנצענטרירונג פון מאַטעריאַל וועט ראַטעווען דאָס לערנען פון צעפּיצלטקייט, פון אומזיסטן צייט־פאַרלוסט, וועט די אויפמערק־זאַמקייט פון די קינדער איטלאַכס מאָל ריכטן נאָר אויף איין באַשטימטער פּראָבלעם, אָדער קאָמפּלעקס פראַגן. די רעזולטאַטן וועלן דעריבער מוזן זיין מער ווערטפולע און קערנדיקע. קינדער וועלן בעסער פאַרשטיין די ליטעראַרישע מוסטערן, ווייל דער לערער וועט זיין ביכולת מער זיך אָפּ־צושטעלן אויך אויף דער סביבה, אויפן שטייגער לעבן, אויף די לעבנס־סתירות, וואָס דאָס קינסטלערישע ווערק שפּיגלט אָפּ. אין דער אייגענער צייט וועלן די קינדער ביים פאַנאַנדערקלייבן זיך אין אַ סאָציאַלער פּראָבלעם הערן ניט בלויז רייד פון לערער, נאָר טאַקע גלייכצייטיק באַקענען זיך מיט אַ קינסטלערישער אָפּשפּיגלונג פון לעבן. אויך די לעבנס פון איינציקע מענטשן (די ביאָגראַפיעס) וועלן ניט זיין פּלוצלונג אַרויסגעריסענע דער־שיינונגען, נאָר ענג פאַרקניפּט מיטן קאַמף, מיט דער סביבה, וואָס וועט די קינדער שוין פון פריער זיין נאָענט צוליב דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל.

די ביאָגראַפיעס, אַגב, זיינען גיכער ביאָגראַפישע מעשיות איידער טרוקענע, ענציקלאָפּעדיע־מעסיקע באַריכטן. זיי ווילן ניט אָפּ׳פּטר׳ן מיטן העלד מיטאַמאָל, אַלצדינג גלייך דערציילן אויפן אָרט. די ביאָגראַפישע מעשיות וועלן ביסלאַכוויז באַקענען די קינדער מיט די פאַרשיידענע מאָמענטן פונם העלדס לעבן און מיט אַלערליי וויכטיקע אויפטואונגען זיינע. ס׳איז תמיד פאַראַן דאָס פאַרשטענדניש, אַז דאָס זיינען פראַגמענטן און אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אַ היפּש ביסל מער צו דערוויסן זיך.

די נייע סאָציאָלאָגישע איינטיילונג פון מאַטעריאַל וועט, בקיצור, שאַפן פאַרן לערער נייע מעגלאַכקייטן פון אַרבעט, און וועט די אַרבעט געבן אַ גרעסערע שייכות מיטן היינט. זי וועט אויך באַפרייען די קינדער און דעם לערער פון די טשיקאַווע איינטיילונגען, ווי „די צייטן פון יאָר", ימים־טובים, — פּונקט אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען אַ סכנה די קינדער זאָלן חלילה בלייבן פרעמד די נאַטור־ענדערונגען, אָדער ווי אונזער לעבן וואָלט באַשטיין דורכויס פון הוילע ימים־טובים. אַזעלכע איינטיילונגען — לויט די צייטן פון יאָר — זיינען אפשר געווען באַרעכטיקט אין אַ כרעסטאָ־מאַטיע פאַר דאָרפישע קינדער, וואו דאָס גאַנצע לעבן הענגט אָפּ פון די

נאַטור־ענדערונגען, אָדער, — לויט די ימים־טובים — פאַר דעם אידישן קינד אין דעם קליינעם שטעטל אין דער אַלטער היים, וואו דאָס לעבן האָט זיך כסדר געדרייט אַרום די ימים־טובים. לערער וועלן זיך אויך ניט דאַרפן אָפּגעבן פיל מיטן פאָרמעלן גלידערן ליטעראַרישע שטיק לויט די ליטעראַטור־פאָרמען (באַלאַדע, פאַבל, עפּיק, ליריק, א. ד. גל.) — אַן אָפּקומעניש פאַר יונגוואַרג. ס'וואָלט אָבער געווען אַ שאָדן, ווען לערער זאָלן אַוועקן צום צווייטן עקסטרעם און אינגאַנצן פאַרקוקן דעם אייגנטימלאַבן ווערט פון קינסטלערישער שאַפונג, דעם מאָמענט פון הנאה האָבן און געניסן, ניט בלויז דערגיין, אויסגעפינען; הנאה האָבן איז אַ פאָרם פון גייסטיקער באַרייכערונג, זי איז בשום אופן ניט קיין סתירה צו דעם דראַנג צו פאַרשטיין און אַנאַליזירן. עס טאָר ניט פאַרמינערט ווערן דער דערציערישער ווערט פון ליטעראַטור פאַר זיך גופא. הגם דער ליטעראַרישער מאַטעריאַל איז איינגעטיילט טעמאַטיש, דאַרף דעריבער דער לערער זיך אויך אָפּשטעלן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון שרייבער, דעם אַנאַליז פון די באַזונדערע טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס דער קינסטלער האָט אַרויסגע'כישופ'ט צום לעבן, די ספּעציפישע קונסט־פאָרמען און שפּראַך־אייגנאַרטיקייטן פונם דיכטער און דערציילער.

דער לערער דאַרף זיך באַמיען ווירקן, אַז די קינדער זאָלן ניט בלייבן קיין „שונד־לייענער", אַפילו דעמאָלט ווען זיי גיבן זיך אָפּ מיט קינסטלערישע שאַפונגען; אַז דער סיפור־המעשה זאָל ניט תמיד זיין דער עיקר אָדער דער באַשטימענדיקער פאַקטאָר פון אינטערעס. די מענטשן, די טיפּן און כאַראַקטערן פון ווערק, אַפילו דער סטיל, דאַרף די קינדער אָנהייבן אָנגיין פונקט ווי די האַנדלונג, דער סיפור־המעשה. אויך דאַרף דער אינטערעס צום שרייבער געפלעגט ווערן. מיר האָבן פּרובירט וועקן אַן אינטערעס צום שרייבער, און ניט בלויז צו זיינע שאַפונגען, דורך געבן קורצע קאַפּיטלען זכרונות, וואָס שילדערן די קינדער־יאָרן אָדער די יוגנט. אין דעם ערשטן באַנד זיינען מיר לײדער געווען אימשטאַנד צו געבן זכרונות נאָר פון אַ קליינער צאָל שריפטשטעלער (י. ל. פּרץ, שלום־עליכם, אברהם רייזען, א. א. וו.). אין דעם אַנדערן טייל וועלן מיר האָבן קאַפּיטלען זכרונות פון מער שריפטשטעלער — פון שלום אַש, אַפּאַטאָשו, לייוויק, א. א. וו.

פאַר קינדער איז אַזאַ אופן צו פאַרינטערעסירן מיטן שרייבער בעסער ווי אַ טרוקענע רשימה פון אומבאַקאַנטע ווערק, וואָס ווערן אויסגערעכנט און האָבן פאַר יונגוואַרג גאָר קיין באַדייטונג ניט. זיי שאַפן ניט דעם אינטימען

אינטערעס, ווי בלעטלאך זכרונות פון דער קינדהייט קענען שאפן.

נאטור־באשרייבונגען האבן מיר בכיון אויסגעלאזט, ווייל ס׳רוב זיינען זיי שטיקלאך, פראגמענטן פון גרעסערע ווערק און ארויסגעריסן פונם אלגעמיינעם צוזאמענהאנג ווירקן זיי ניט, האבן ניט קיין אינטערעס פארן יונגוואַרג. אויסער דעם אלעמען זיינען קינדער אזויפיל געשפייזט געווארן מיט נאטור־שילדערונגען און נאטור־באוואונדערונג אין די ערשטע לייען־ביכער, אז מיר האבן באשלאסן צו באנוגענען זיך אין דעם בוך אן א נאטור־אפטיילונג.

די לעצטע צוויי אפטיילונגען פונם בוך — דאס אידישע קינד אין דער אלטער היים און מעשיות און לעגענדעס — נויטיקן זיך אין באזונדער אויפקלערונג.

די צונויפשטעלער האבן זיך געמיט צו מאכן די אפטיילונג וועגן קינד אין דער אלטער היים אזוי פארשיידנארטיק ווי נאר ס׳איז מעגלאך, דוקא דערפאר, ווייל די סביבה איז א ווייטע און מער ווי א קינסטלערישע אפשפיגלונג פון אט דער סביבה וועלן די קינדער ניט באקומען. ביים פארשטעלן דאס לעבן אין דעם קליינעם שטעטל איז, למשל, תמיד גרויס די געפאר ארייצופאלן אין גוזמאות, זען נאר די העלע שטריכן פון פארלאפענעם לעבן, דעם יום־טוב (אויסמאלן אן אידיליע), אדער פארקערט, אונטערשטרייכן נאר די נעגאטיווע דערשיינונגען פון אונטערגייענדיקן שטעטל, דעם ארימען מסחר, די „טארבע״.

ביידע עקסטרעמען זיינען ניט דערציעריש, ווייל זיי זיינען ניט רעאל, פאלש.

מיר האבן זיך געמיט מיט דער הילף פון קינסטלערישן מאטעריאל איבערגעבן אי דיליידן, אי די פריידן פון אידישן קינד — אי דעם יום־טוב, אי די וואך, די נגידישע הויז, דעם בן־יחיד, וואס אלע ציטערן איבער אים, און דאס ארימע לערנאינגל, וואס ווערט פארוואגלט אין דער פרעמד.

מיר האבן אויך ניט אידעאליזירט אדער פארשווארצט דעם חדר. ניט אלע מלמדים זיינען רשעים — פאראן אלערליי, אויך שטילע און מילדע מענטשן, וואס טראגן א ליבע צו קינדער און האבן א פארשטענדעניש פארן געמיט פון קליינוואַרג.

ליידער איז אונז אוממעגלאך געווען צו קריגן א קינסטלעריש־ווערטפולן מאטעריאל, וואס זאל אפשפיגלען דאס נייע אידישע קינד אין דער אלטער היים: דאס קינד וואס ווייס מער ניט פון חדר, דאס קינד וואס לערנט

שווין אין מאָדערנע אידישע שולן. דאָס איז אַ בלויז, וואָס ניט מיר זיינען אין דעם שולדיק.

די גאָר לעצטע אָפּטיילונג פון מעשיות דאַרף דינען פאַר אַן אָפּרוו פון די קאָמפּלעקסן. זיי קענען פון צייט צו צייט אויפגענומען ווערן אויסער דער שטענדיקער, סיסטעמאַטישער אַרבעט. די אָפּטיילונג פאַרמאָגט אַלערליי מעשיות — היסטאָרישע, פאַנטאַסטישע און הומאָריסטישע. פאַרשטייט זיך, אַז דער לערער אַליין דאַרף פאַרמאָגן אַן אוצר פון מעשיות און לעגענדעס און קענען אַליין דערפילן, דערציילן מער, וואָרים גראָד איז דער קינדערשער דורשט נאָך דעם מין ליטעראַטור אומבאַגרענעצט.

אַ נייעס אין בוך זיינען די ספּעציעלע קאַרטונס. זייער אויפגאַבע איז ניט צו אילוסטרירן דעם בעלעטריסטישן מאַטעריאַל, נאָר צו אַרויסברענגען בולט'ער געזעלשאַפטלאַכע פאַרהעלטענישן, אָנרעגן צו אַ שמועס, סטימולירן די קינדער אַליין אפשר צו פּרובירן אַרויסברענגען אַלערליי סיטואַציעס פון פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן דורך דער קאַרטון.

בכלל, מיט קליינע אויסנאַמען, געפינען זיך ניט אין בוך קיין אילו־סטראַציעס. מיר האָבן אנשטאָט אילוסטראַציעס, וואָס קומען אַרויס ס'רוב זייער מיטלמעסיק און באַגרענעצט, געגעבן קונסט־בילדער פון פאַרשיידענע מאָלער. די בילדער זיינען ס'רוב פון אידישע קינסטלער (שאַגאַל, מינ־קאָווסקי, ליכטנשטיין). אונזער כונה איז דערביי געווען צו באַקענען קינדער מיט אידישע מאָלער, שאַפן ביי זיי אַן אינטערעס פאַר אידישער קונסט. פאַרשטייט זיך, ס'איז אַן אָנהייב, און ווי ווייט אונז איז געלונגען צו געפינען דעם ריכטיקן אָפּקלייב, ווייסן מיר ניט.

כאָטש דאָס בוך איז אויסגעברייטערט געוואָרן ביז 416 זייטן, איז פאַר אונז דאָך ניט מעגלאַך געווען צו אָפּשפּיגלען די גאַנצע אידישע ליטעראַטור און אַריינגעמען ווערק פונם גרעסטן צאָל שריפטשטעלער. אנשטאָט צו געבן שטיקלאַך, ברעקלאַך, פראַגמענטן, אַבי וואָס מער עס זאָלן זיין פאַרטראָטן, האָבן מיר זיך בעסער עטוואָס באַגרענעצט, איבערלאָזנדיק אַ טייל שרייבער (מענדעלע, בערגלסאָן, ראַבאָי, א. אַ.) פאַרן צווייטן באַנד. אַ סך מאָל האָט דאָ צו טאָן געהאַט די טעמאַטיק פון שרייבער, וואָס קומט זיך צונויף מיט אונזער טעמאַטיק בלויז פון צווייטן טייל; אַ סך מאָל האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע די רייפקייט פון די קינדער אויפצונעמען די ווערק פון שרייבער — דאָס וואָס ס'איז צוגענגלאַך פאַר עלטערע קינדער האָט אָפּט גאָר קיין ווערט ניט פאַר אינגערע קינדער.

די שווערקייט פון באַזונדערן העברייאישן אויסלייג האָבן מיר פּרובירט

פאַרענטפערן אויף אַזאַ מין אופן: מיר האָבן אין אַ סך דערציילונגען מיט אַ רייכן און שווערלאַכן העברייאישן עלעמענט געגעבן אין קלאַמערן דעם פאָנעטיזירטן אויסלייג. ס׳רוב האָבן מיר דאָס געטאָן אין די לעצטע צוויי אָפּטיילונגען: דאָס אידישע קינד אין דער אַלטער היים און אין דער אָפּטיילונג מעשיות און לעגענדעס. אין ערשטן פאַל, ווייל די סביבה איז אַ פרעמדלאַכע און די קינדער וועלן זיך שוין אָנשטויסן אויף גענוג אַנדערע לערנשוועריקייטן אויסער דעם העברייאישן אויסלייג; אין דער מעשה־אָפּטיילונג האָבן מיר עס געטאָן, ווייל מיר האָבן געוואָלט די קינדער זאָלן זיין אימשטאַנד אַליין די אָפּטיילונג צו לייענען, אַפילו אָן לערערס הילף.

אין בוך געפינען זיך ניט קיין פראַגן און אַרבעטן, וואָס זאָלן קלאָרער אַרויסברענגען דעם קאָמפּלעקס. אַזעלכע פראַגן זיינען נויטיק, מיר וועלן זיי אָבער געבן צוזאַמען מיט שפּראַך־איבונגען אין אַ באַזונדער אַרבעטס־בוך, וואָס וועט דערשיינען בקיצור.

געבן אין דער כרעסטאָמאַטיע די אַרבעטן, וואָלט, ערשטנס, אויף אַן אוממעגלאַכן אופן פאַרגרעסערט דאָס בוך; ווידער, וואָלט די כרעסטאָ־מאַטיע פאַרלאָרן דעם כאַראַקטער פון אַ לייען־בוך.

דער ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענער א. ליטוואַק, וואָס האָט שטענדיק גע־נומען אַן אַקטיוון אינטערעס אין דער אַרבעט פון די אידישע וועלטלאַכע שולן אין אַמעריקע, איז געווען דער ערשטער אונז צו דערמוטיקן אַזאַ טעקסט־בוך צונויפצושטעלן. ער האָט נאָך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דעם פּלאַן פון בוך און מיט דעם גרעסטן טייל פון דעם מאַטעריאַל.

אַ דערמוטיקונג צו טאָן אונזער אַרבעט האָבן מיר אויך געקראָגן פון דעם איצטיקן פאָרזיצער פון אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט, פריינד י. פישמאַן.

ספּעציעל האָט זיך אינטערעסירט מיט אונזער אַרבעט דער לערער־ראַט פון די אַרבעטער־רינג שולן אין ניו־יאָרק, און מיר דריקן דאָ אויס אונזער האַרציקן דאַנק צו אַלע חברים לערער פאַר זייער קאָאָפּעראַציע.

אַ באַזונדער דאַנק קומט פּ. געליבטערן, דעם בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט אונז אַ סך געהאָלפן מיט זיינע אָנווייזונגען; ח׳ נ. גראָס, וואָס האָט אונז דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט זיין מאַנוסקריפּט פון דעבס ביאָגראַפיע; דעם ח׳ ב. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט ספּעציעל

אָנגעשריבן עטלאַכע זאַכן פאַרן בוך, און די חברים לערער: ת. בערנשטיין, ב. געבינער, ד. בערעזער, מ. דוכאָווני, ח. קאַנטאָראָוויטש, י לאַזאַרסאָן, ל. מעלצער, וואָס האָבן אונז אויף פאַרשיידענערליי אופנים געהאָלפן אין אונזער אַרבעט; ה' מענדל עלקין, וואָס האָט אונז אויסגעליען פון זיין רייכער בילדער־זאַמלונג אַ באַדייטנדיקע צאָל קונסט־בילדער פון אידישע מאָלער.

מיר דאַנקען אויך דעם א. ר. בילדונגס־קאָמיטעט, וועלכער האָט ביי אונז באַשטעלט אַ געוויסע צאָל קאָפּיעס פונם בוך און אונז דערלייכטערט די מאַטעריעלע לאַסט אַרויסצוגעבן דאָס בוך און דערלויבט אונז זיך באַנוצן מיט די אויסגאַבן פון אַרבעטער־רינג.

אויך דאַנקען מיר די פאַרוואַלטונג פון „קינדער־זשורנאַל" פאַר דער דערלויבעניש אויסצונוצן געוויסע זאַכן, וואָס זיינען אין דעם זשורנאַל געדרוקט געוואָרן.

דאָס בוך איז איצט אין די הענט פון די לערער, און מיר ווען זיי זייער דאַנקבאַר זיין פאַר יעדער מעגלאַכער אָנווייזונג און באַמערקונג, וואָס זיי וועלן אונז צושיקן. מיר וועלן בלי־ספק אויסנוצן זייער דערפאַרונג ביים אַרויסגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע פון בוך. בריוו קען מען שיקן אויף דעם אַדרעס פון פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, 424 גרענד סטריט, ניו־יאָרק, נ. י.

ניו־יאָרק, 1932.

ז. יעפרויקין

ח. בעז (בעזפּראַזוואַני)